STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00752

# FETER ZSHOME

## Zalman Shneour

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Raymond & Betty Kaplan*
*in memory of*
*Kenneth Max Kaplan*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. שניאור

# פעטער זשאָמע

LIBRARY OF
TEMPLE BETH-EL

Acc. #1379

פאַרלאַג ב. קלעצקין ווילנע — וואַרשע

ספּעציעלע אויפלאַגע פאַרן „פאָרווערטס"
ניו-יאָרק

PRINTED IN POLAND

Z. Szniur — „Feter Żome"

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie", Wilno.

.1

# פעטער זשאָמע

# ווער איז פעטער זשאָמע?

## I

## אין שקאָלע

אונטער די אויגען, אין ענגען משפחה־קרייז, רופט אַלעמאָל פעטער־אורי זיין עלטערען ברודער: „דער פראָסטער חי־וקים“. אַ שטיקעל אמת איז דאָ פאַרהאַן. עד היום איז פעטער־זשאָמע ניט קיין גרויסער מאַדים אויף טראָפּ. ער פאַרשטעהט ניט דעם טייטש פון די ווערטער אין דאַוועגען, און פון לערנען אַ פּרק משניות, ווי פעטער־אורי — איז שוין אָפּגערעדט.

נעהמען נעהמט זיך דאָס דערפון, וואָס בשעת פעטער־זשאָמע איז נאָך געווען אַ אינגעל פון אַ יאָהר עלף און דער עלטערער אין שטוב, איז די מאַמע זיינע, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, געשטאָרבען. און ביז דער טאַטע ר׳ חיים האָט חתונה געהאַט אַ צווייטען מאָל, איז די גרויסע שטוב אין מאַרק געווען אָפּגעלאָזען, אין די חדרימלעך — חושך און אבלדיג. זשאַמע האָט זיך געמוזט ניאַנטשען מיט זיינע קלענערע ברידערלעך — אורי און פּיניעלע און מיט זיינע פּיצלעך שוועסטערלעך. ווען איז דאָס געלעגען אין קאָפּ שטופּען זיך אין לומדות? האָט ר׳ חיים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געלאָזען געהען דעם שענק אין שטוב, און די דערציהונג פון זיינע קינדער אויסער דער שטוב — אַזוי ווי עס געהט. שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָהר,

ווען עס איז אָנגעקומען אַ בריה אַ שטיפמאַמע אין שטוב, דאָס באַלעבאַטישקייט האָט אָפּגעלעבט און די אָפּגעלאָזענע שטיפ־קינדערלעך האָבען זיך אַרומגעוואַשען, איז שוין זשאָמע געווען אַ בר־מצוה־יונג. שפּעט געווען צו דערכאַפּען אין חדר און ישיבה דאָס, וואָס ער האָט דורכגעלאָזען. אָנשטאָט דעם האָט ער געמוזט העלפען דעם טאַטען אין שענק און דער שטיפמאַמען אין דער באַלעבאַטישקייט. ער האָט דערמיט אָפּגערוימט דעם וועג צום לערנען פאַר זיינע אינגערע ברידערלעך, אורין און פיניעלען. דער קרבן פון זייער געהן אין חדר איז ער געוואָרען. אַזוי האָט אורי געקענט לערנען און ווערען אַ „למדן", און זשאָמע איז געבליבען הינטערשטעליג, אַ „פּראָסטער חי־וקים"... נאָר ווער געדענקט שפּעטער אַזעלכע זאַכען!

ניט בעסער איז עס איהם געגאַנגען אין „שקאָלע", וואָס די רעגירונג האָט, אין יענע צייטען, געעפענט אין די אידישע שטעטלעך, כדי „צו פאַרשפּרייטען ליכט"... און געצוואונגען די אידישע עלטערען שיקען אַהין זייערע קינדער.

פון שענק אין שקאָלע אַריין פלעגט זשאָמקע מוזען לויפען אַ פאַרסאָפּעטער. אַ שטיק וועג איז עס געווען פון גרויסען מאַרק, וואו דעם טאַטענס שטוב איז געשטאַנען, ביזקעל דניע־פּער, וואו עס האָבען אַזוי גיפטיג געגרינט די דעכער פון דער שקאָלע. ער פלעגט שטענדיג פאַרשפּעטיגען און קיין גרויסען דרך־ארץ פאַר דעם רוסישען למוד האָט ער אויך ניט געהאַט. וואָרים אין שטוב, ביים שענק־טיש, פלעגט זשאָמקע צוהערען, ווי דער טאַטע ר' חיים מיט זיינע באַקאַנטע אידען רעדען אויס אויף דער מיאוסער שקאָלע וואָס אין אַ קאָרט. דהיינו: מען מאַכט דאָרט פאַר גויים, מען פאַרשטאָפּט די קעפּ, מען וויל אידישע קינדער אָפּשמדן... און זשאָמקע האָט דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר אַ כשרע מטבע. אויסער דעם איז נאָך זשאָמעס לעהרער געווען גראָד אַן אויסגעשטודירטער שקלאָווער אפּיקורס, פון וועלכען שקלאָווער אידען פלעגען פריהער לויפען ווי פון אַ מגפה. אַצינד איז ער גאָר געוואָרען אַ גאַנצער „יאַ־טעבע־דאַם" און אָנגעטאָן אַ היטעל מיט אַ קאָקאַרדע. פלעגט מען איהם

איבערקרימען אונטער די אויגען און מאַכען פון איהם חוכא־טלולא. האָט אויך אַזאַ תלמיד ווי זשאָמקע פאַרלאָרען פאַר איהם יעדער ברעקעל רעספעקט. אין קאָפּ איז איהם שטענדיג געשטאַנען דער הו־האַ פון שענק, דער מאַכאָרקע־רויך פון פויערים, דאָס קוויטשעריי פון די פיצלעך שוועסטערלעך, און דאָ שטעלט נאָך זיך אַוועק אַ הויכער אפיקורס מיט מעשענע קנעפּ און פרעגט עפּעס נאַרישע שאלות, און וויל מ׳זאָל איהם ענטפערען נאַרישע תשובות. אָט למשל: וויפיעל הערנער האָט אַן אָקס? און ווען דאָס וואָסער פריהרט איין, זומער צי ווינטער? און ויאו וואַקסען אוגערקעס?.. ער מוז עס וויסען דער אפיקורס. עס געהט איהם אום לעבען!

און איינמאָל אין אַ בייזער שעה, אין שקאָלע, ווען זשאָמקע איז געווען מיעד און גערייצט, האָט איהם דער „אוטשיטעל" אויפגערופען:

— זאָג נאָר דו אָקאָרשט, וויפיעל פיסלעך האָט אַ זשוק?

זשאָמקע איז אויפגעשטאַנען אַ פאַרשעמטער. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין לעהרער, פאַר זיין „פּוסטען־קאָפּ". פאַר וועמען האָלט ער דאָס איהם, דער אפיקורס?..

מיט אַ קרומען שמייכעלע פון אַ „דערוואַקסענעם" האָט ער דעם לעהרער אָנגעקוקט און צוגעשאָקעלט מיטן שלעכט־געשוירען קעפּעל:

— אָי,—מאַכט ער,—גאָספּאָדין אוטשיטעל! הלואי זאָל איך האָבען אייערע „זאַבאָטעס"... *)

זשאָמקע האָט זיך דערנאָך זעהר געוואונדערט, וואָס ער האָט דערפאַר געקראָגען גוט אויסגעפּאַטשט און געשטעלט אין קונע, אויף די קניע. ער האָט דאָך נאָר עהרלעך אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס די עלטערע רעדען אין דער היים. נאָר גאָה, הויב זיך אָן מיט אַזאַ בייזען יאָלד אין מעשענע קנעפּ!.. אַ באַהאַלטענע שנאה האָט פון דאַן אָן געהערשט צווישען לעהרער און תלמיד. דער אפיקורס האָט איהם געבראָכט די טריט. געשטעלט

*) זאָרגען

שלעכטע באַלעז. דאָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז מען האָט זשאָמקען פֿון שקאָלע אַרויסגעטריבען. דער תּלמיד האָט זיך געפֿרייט און דער טאַטע זיינער, ר׳ חיים דער שענקער, איז אודאי געווען אויפֿן זיבעטען הימעל.

קיין גרויסע קענטעניש האָט, דערפֿאַר, זשאָמע פֿון שקאָלע ניט אַרויסגעטראָגען. פֿון זיינע גרויסע אָנשטרענגונגען אין ענינים פֿון „בילדונג" זיינען איהם איבערגעבליבען בירושה — אַ מוראדיגער „פּאָטשעראָק", בלויזע קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, און אַ שרעקלעכער רוסישער לשון — געמישט מיט פּויערישע און מיט אידישע ווערטער. די לעכער, ביים רעדען פּאָניש, פֿלעגט ער אויספּילען מיט „זנאַטשיט", מיט „טאַק-טאַק", מיט „וואָט-וואָט". און גלאַט מיט דערמאַכען מיט די הענט, און אפֿילו אַ סך, אַ סך שפּעטער, ווען זשאָמע איז שוין געוואָרען אַ באַלע-באָס, אַ סוחר, און געהאַט צו טאָן מיט גויעשקע קונים אין ניזשנע און אין מאָסקווע, האָבען איהם נאָך צונג און פֿען זעהר שווער געפֿאָלגט. ווען עס איז געקומען צו אונטערחת-מענען אַ וועקסעלע, פֿלעגט פּעטער זשאָמע ווערען זעהר באַ-זאָרגט און אומגעהן איבערן שטוב ווי אַ הוהן איידער זי דאַרף לעגען אַן איי. גערייצט ווי ער איז געווען פֿלעגט ער אָפּטמאָל אָנשרייען אויף זיין בן-יחידל — איטשייזשעלען, און אויף זיינע מיידעלעך, וועלכע פּלאָנטערען זיך אַרום איהם:

— אַוועק צו אַלדי גוטע יאָהר! אָט ווי נור ער קומט צו אַן איידעלע שטיקעל אַרבייט זיינען זיי באַלד דאָ...

## 2

## זשאָמע אויף דער סלוזשבע

איז אורי געוואַקסען אַ תּכשיט, אַ גמרא-קאָפּ, און זשאָמע — אַ פּראָסטע זאַך. האָט זיך דערפֿאַר ר׳ חיים, דער טאַטע זיינער, ניט איבעריג געזאָרגט פֿאַר דער „צווייטער לגאָטע", וואָס האָט,

דעם בכור זיינעם, געקומט לויטן זאַקאָן. און אַז עס האָט שוין געהאַלטען האַרט ביים פּריזיוו — איז געוועןצו שפּעט. האָט מען זשאָמען אָפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט.

אַ הויכפּיסיגער, אַ ברייטפּלייציגער — איז ער געוועןפּונקט ווי אָנגעמאָסטען צו זיין אַ רייטער. האָט מען איהם פון דער ליטווישער קאַזאַרמע אַוועקגעשיקט אַזש קיין וואַרשע, צו דינען דאָרטען אין אַ רייטער־עסקאַדראָן. זשאָמע אַליין פלעגט געבען צו פאַרשטעהען די זאַך אַזוי:

— וואָס האָב איך געקענט טאָן?.. פּאָניע־קוואַס האָט אויסגעפונען, אַז אַלע פערד פּאַסען זיך פּונקט אַריין צווישען מיינע פיס...

פון זיינע אידישע חברים אין פּאָלק זיינען אָבער צו שקלאָווער אויערען דערגאַנגען גאָר אַנדערע מעשיות. זיינע אַמאָליגע חברים האָבען, למשל, דערצעהלט, אַז די פערד פון וואַר־שעווער פעסטונג האָבען זיך כלל ניט גוט אַריינגעפּאַסט צווישען זשאָמעס לאַנגע פיס.

זיי האָבען דערצעהלט, אַז פאַר די הינטערשטע ליטקעס פון אַ פערד האָט זשאָמע, אין אָנהויב סלוזשבע, מורא געהאַט ווי פאַר פייער. שוין פאַר אַ וויאָרסט פלעגט ער נעהמען שרייען אויף זיין פערד „סטאָי!" כאָטש יענער איז געשטאַנען אַ צוגע־בונדענער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ. און צוגעהענדיג פלעגט ער איהם אָנריהרען פון דערווייטען, מיט די שפּיצען פינגער, אַזוי ווי מען ריהרט אָן הייסע קויהלען. ביז זיין רייט־לעהרער, דער פעלדפעבעל, איז אַרויס פון געדולד, געמאַכט איהם אַ רו־סישען מי־שברך, אַ קנאַק געטאָן מיט דער נאַהייקע און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— ווערכאָם, סוקין סין!*)

איז זשאָמע בלאַס געוואָרען ווי קרייד. און, פון גרויס שרעק און איילעניש, האָט ער זיך ראַפּטום אַרויפגעכאַפּט אויפן פערדס רוקען; נאָר איין ביסעלע אַנדערש ווי די אַנדערע

---

*) רייט, דו הינטישער זוהן!

סאָלדאַטען... דהיינו: מיטן פּנים צום עק און מיטן רוקען צו דער גריווע.

דערזעהענדיג פאַר די אויגען אַ פּאָכעדיגען, שוואַרצען עק, אָנשטאָט אַ ברוינעם פערדישען קאָפּ מיט אויערען, האָט ער פון צוטומלעניש געגומען טאַפּען דעם פערדס הינטען מיטביידע הענט, געגומען שטאַמלען עפּעס ניט צו „נאַטשאַלסטוואָ", ניט צו זיך אַליין:

— אַ... אַ... דיע גאָלאָוואַ?

ס'הייסט: „וואו איז דער קאָפּ?" ווארים דאָס האָט זשאָמע געוואוסט אויף געוויס, אַז יעדער אַנשטענדיגער פערד מוז האָבען אַ קאָפּ. ער וואָלט געקענט שווערען, אַז אָהן אַ קאָפּ קען זיך אַ סוס בשום אופן ניט באַגעהן... היינט וואו-זשע איז אַהינגעקומען דער קאָפּ?

די נאַהייקע פונם פעלדפעבעל האָט איהם געגעבען צו פאַרשטעהן דעם שכל פון אַ פערדישען קאָפּ און פון אַ פערדישען עק. און ער האָט זיך די גרויסע תורה, מיט גאָטס הילף, אויסגעלערענט. נאָר אַ ווילדע צונעמעניש איז איהם פון דאַמאָלסט אָן פאַרבליבען ביז היינטיגען טאָג: „זשאָמע, וואו איז דער קאָפּ"...

אין קאַזאַרמע גופא האָט ער די ערשטע צייט געהאַט אויסצושטעהן געברענטע צרות פון זיינע רייט-חברים. די זעלנער האָבען שטענדיג איבערגעקרימט און אָפּגעלאַכט ווי קלאָציג ער שפּרינגט אין זאָטעל, ווי אומגעלומפּערט ער קיצעלט דעם פערד מיט די לאַנגע פיס, ווי שרעקעדיג און איינגעבויגען ער האַלט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרן ציימעל. ביז זשאָמע איז איינמאָל אַרויס פון די כלים און האָט זיך געוואָטען אויף אַ פעקעלע טאַבאַק... געוואָטען האָט ער זיך, אַז ער וועט דערווייזען, ווי הפלאדיג ער קען שוין רייטען... האָט מען גענומען עדות און מען איז אַוועק אין שטאַל אָן היטלען. און זשאָמע האָט „דערוויזען"..

אָבער שוין ביים אָנזאָטלען דעם סוס האָבען זיך אויפגעריסען אַלע זעלנערישע מיילער און אַלע פאַרשנירטע בייכער האָבען זיך צעטרייסעלט פון איין דונערדיגען געלעכטער. ווארים

זשאָמע האָט פון גרויס בריהשאַפט פאַרדרעהט די יוצרות. ער האָט אַרויפגעוואָרפען דעם שווערען זאָטעל אויפן פערדס רוקען מיטן לעהן צום קאָפּ און מיט דער לעדערנעם קישען צום עק. און אַזוי האָט ער זיך אַ נעהם געטאָן שנירעווען און שנאַלען. האָט זשאָמע פאַרדראָסיג אַ פרעג געטאָן: וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ „האַ-האַ-האַ״? אָט שוין לאַכט מען דאָס? וואַרט אַקאָרשט ער וועט ערשט ווייזען...

ווייזט מען איהם דאָך אָן אויף דעם פאַרדרעהטען זאָטעל. ווערט זשאָמע אַ האָר ניט נתפּעל און שנאַלעוועט די רימענס ווייטער.

— איהר ווייסט דאָך ניט, — מאַכט ער צו זיינע קאַזאַרמע-חברים, — אין וועלכען זייט איך וויל רייטען? אַז איך וויל, פאָהר איך רעכטס און אַז איך וויל, פאָהר איך לינקס..

מיט לערנען די „אוסטאַוועןʺ *) איז, אויף דער סלוזשבע, אויך ניט צוגעגאַנגען זעהר פויגעלדיג. זיין האַלב-געבאַקענער רוסיש-רעדען, זיין משונהדיגע אויסשפּראַך פון ווייס-רוסלאַנד, האָט איהם פאַרשאַפט אַ סך עגמת-נפש.

איינמאָל בשעת אַזאַ לעקציע, ווען זשאָמע איז געווען זעהר באַטריבט, האָט איהם דער אָפיציר, גראָד אַ גוטמוטיגער מאָסקווער פאָניע, אַ שטעל געגעבען זעהר אַ האַרבע שאלה:

— אַ שטאָ טאַקאָיע אַרמיאַ? **)

האָט זשאָמע אַ ווײלע געקלערט און בראַוו אָפּגעענטפערט:

— אָן אַרמיי, וואַשע בלאַגאָראָדיע, דאָס זיינען מענשען... דאָס זיינען אַ סך מענשען, וואָס האָבען זיך ניט געקענט באַ-פרייען פון פּריזיוו...

זשאָמע וואָלט נאָך אפשר היינט ניט געקענט דערקלערען, צי ער האָט דאָס עהרלעך געמיינט, צי דאָס האָט זיך ביי איהם אַרויסגעכאַפּט, צי האָט ער דאָס אַ זאָג געטאָן בכיון, ווייל ער איז געווען געררייצט, און פאַר כעס געמאַכט אַ ביטערען

---

*) מיליטער-געזעצען

**) וואָס איז אַזוינס אַן ארמיי?

און געפעהרלעכען שפּאַס... ווי עס זאָל ניט זיין, אָט דער דאָזיגער ענטפער איז איהם דוקא גוט אָפּגעלאָפּען. וואָרים דער אָפיציר פון „סלאָוועסנאָסט״ האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט, אַז צום ערשטען מאָל הערט ער אַ זשיד זאָל זאָגען אַזאַ אמת און אָהן אַ ברעקעל מורא.

— מאָלאָדעץ! — האָט דער אָפיציר צוגעגעבען. פון דיר וועט נאָך אויסוואַקסען אַ גוטער סוקין־סין!

אַן אמת איז, אַז זשאָמע האָט כּמעט קיינמאָל ניט, אפילו אין די ערגסטע מאָמענטען פון זיין לעבען, ניט פאַרלאָרען זיין געזונטען און רוהיגען הומאָר. ער איז געווען דער היפּוך פון נערוועאישען ברודער זיינעם, פון פעטער אורין מיט זיין למדנישער גאַליגקייט. די סלוזשבע האָט נאָר זשאָמען פאַרהאַרטעוועט, אָבער ניט פאַרגרעבט. און אַז ער האָט זיך אויסגעדינט, איז ער געשטאַנען אין לעבען גלייך און האַמעטנע, ווי אַ שטיק דעמב. ער האָט זיך קיין זאַך ניט גענומען איבעריג צום האַרצען; וויינציגסטענס — געמאַכט זיך אַזוי.

און שוין אַ סך שפּעטער, ווען זשאָמע האָט פאַרלאָזען אַ בערדעל און געקראָגען די ערשטע גרויע האָר אין די עקשנות־דיגע שלייפען, איז מיכליע, זיין ווייב, שווערער ווי געוועהנלעך, געגאַנגען צו קינד. זי האָט איהם דאַן געבוירען דאָס מוזינקעלע זיינע — הענקען. איז זיך די יולדת פאַרגאַנגען אין די הויכע טענער, און זשאָמע האָט זי באַרוהיגט אויף זיין שטייגער:

— נישקשה, נישקשה, מיין ווייב! צו בלייבען אַן עקרה איז אַ סך ערגער...

איז מיכליע צעקאָכט געוואָרען פון אַזאַ קאַלטען לעבער. האָט זי היסטעריש גענומען קוויטשען צו דער „באָבען״.

— וואו זיינען די שבתדיגע לייכטער, וואו? געוואַלד, כ׳וועל איהם וואַרפען אין קאָפּ אריין, דעם משומד!.. וואָס האָט ער צו מיר געהאַט, דער גזלן! דער יון!..

האָט זיך זשאָמע גאַנץ פריינדלעך צעשמייכלט און, אומגעהענדיג איבערן שטוב, געצופּט זיך דאָס בערדעל:

— שאַ, שריי ניט אַזוי, מיכליע! אַז מען קען ניט — נעהמט מען זיך ניט אונטער...

## 3

## פּעטער זשאָמע האַלט ניט פון פּוילען

אַז זשאָמע האָט זיך אויסגעדינט, איז ער נאָך פאַרבליבען אַ שטיקעל צייט אין וואַרשע. ער האָט זיך אַרומגעזעהן. אַהיים האָט איהם ניט־איבעריג געצויגען. דער טאַטע איז שוין געווען אַלט און קראַנק. די שטוב איז געווען צעטיילט צווישען די צוויי עלטערע אויסגעגעבענע שוועסטער — בלומקע און עטקע. אורי דער געראָטענער, דער למדן איז שוין געזעסען „אויף קעסט". זשאָמע האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן אַצינד מיט די אויסגעדינטע צעמאַזאָלעטע הענט, מיט די לאַנגע פיס, וואָס זיינען איהם אַ ביסעל אויסגעקרימט געוואָרען פון רייטען. וואַרשע האָט ער שוין פאָרט אַ ביסעל געקענט. האָט ער גענומען זוכען געשעפט אויף אַן אָרט. אָבער לאַנג בלייבען איז ער דאָרט ניט געבליבען. ער האָט זיך געקלעפּט צו דער פּויליש־אידישער סביבה ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. איז ער אַנטלאָפען אַהיים, קיין שקלאָוו. און פון דאָרטען אַריבערגעפּעקעלט זיך קיין מאָסקווע. עס איז נאָך דאַן געווען אַ שטיק צייט פאַרן „גירוש" און מאָסקווע איז געווען די שמאַלץ־גרוב פון ליטווישע און ווייס־רוסישע אידען.

פון וואַרשע האָט ער אָבער מיטגעבראַכט אַ פאַרקאָכט האַרץ צו פּוילישע אידען. מען האָט איהם דאָרט אָפּגענאַרט אויף „באַגגע", מען האָט איהם אָפּגענאַרט אויף דער וואָלאָווע־געסעל, איז איהם געבליבען אַן איינדרוק, אַז דאָס איז דאָס גאַנצע פּוילישע אידענטום. אין דעם ציווילען, אָפּגעטראָגענעם גאַרניטער, וועלכען ער האָט מיאוס איינגעהאַנדעלט אויף דער „וואָלאָווע", האָט ער פאַרלאָרען זיין זעלנערישע וואַזשנעקייט.

און לאָבוסעס האָבען חוזק געמאַכט פון זיין געהן און פון זיין שטעהן און פון זיין רעדען. איז איהם פון דאַן אָן פאַרבליבען אַ ווערטעל, ווען ער רעדט וועגען זיך, אָדער ווען ער זאָגט עפעס צו

— איך בין, געלויבט דער אויבערשטער, אַ ליטוואַק-צלם-קאָפּ!

דערמיט מיינט ער אָפּגרעניצען זיך פון אידען אין פּוילען, ברענגען אַ ראיה, אַז אויף איהם קען מען זיך דוקא יאָ פאַרלאָזען.

ווען זשאָמע איז שוין געווען אַ רייכער באַלעבאָס, האָט מען איהם איינמאָל אָנגעטראָגען אַ נייעס, אַז דער שקלאָווער נייער נגיד האָט גענומען אַ שנור פאַר זיין עלטערען זוהן אין פוילען. אין וואַרשע האָט זיך מיט איהר דער תכשיט באַקאַנט. האָט דאָס זשאָמען, ניט אויף קאַטאָוועס, פאַרדראָסען, ער האָט זיך פשוט גענומען צום האַרצען. פּונקט ווי די פּוילישע שנור וואָלט געווען באַשטימט פאַר זיין אייגענעם בן-יחיד, און צעגאָסען זיך איבער וואַרשע מיט פעך און מיט שוועבעל.

— ס'טייטש, ר' זשאָמע, האָט מען צו איהם געטענהט, אַ אידישע שטאָט, אַ „עיר ואם

האָט זשאָמע דערזעהן, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און האָט זיך גענומען פאַרענטפערען:

— איר הערט דאָך, אידען, אַז איך פרעג דאָרטען אַמאָל אַ גאַס ביי אַ דאָרטיגען... אַ פיינער איד, דאַכט זיך, געווען מיט אַ לאַנגער, שענער באָרד. קוקט ער זיך אַפילו ניט אום. פּונקט ווי איך וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

מיין איך, אַז ער איז, חס ושלום, טויבלעך, פרעג איך העכער: „זייט-זשע מוחל, ר' איד, וואו איז די דזיקע גאַס?"

גיט ער אויף מיר אַ וואָרף אַן אויגעל, גיט זיך מיט אַ „ירגזון" אַ ציה די געלע באָרד, און ענטפערט ווייטער ניט. ער לויפט און איך לויף נאָך.

פרעג איך אַ דריטען מאָל: זייט-זשע מוחל... ר' איד, ר' איד!

שטעלט ער זיך אַ רגע אָפּ, גיט אויף מיר אַ קוק אַראָפּ, ווי אויף אַ צוציקעל, וואָס פּלאָנטערט זיך איהם לעבען זיין פאַרדריפּעטער קאַפּאָטע און געהט ווייטער.

געה איך שוין אויך אַריין אין אַ קפידה. כ׳בין דאָך ניט קיין פּיסקליאַטע. אַן אויסגעדינטער זעלנער בין איך און מיט אַ קאָפּ העכער פון איהם. פאַרדריסט עס מיך שטאַרק: וואָס זיינען דאָס עפּעס פאַר אַ תּנועות?

— ר׳ איד, — פרעג איך שוין אַ ביסעל האַרטער, — וואו איז עפּעס דאָ ביי אייך די דזיקע גאַס?

גיט זיך אויף מיר דער איד אַ מאָרדעווע מיט זיין געלער פּאָמעלע-באָרד און עפּענט אויך אַ פּיסק. איך האָב געמיינט ער וועט מיך איינשלינגען לעבעדיגערהייט.

— „געץ" נאָר, מאַכט ער, אַ „קיק" אויף אַ ליטוואַק-חזיר! מאַכט ער. סע געהט אַ גאַס מיט מענשען, „וואוּעס" האָט „ע" זיך צוגעטשעפּעט דוקא צו „מי-יאַ"? עס הייסט: צו מיר...

— דאָס גאָר, ר׳ זשאָמע? — האָבען שקלאָווער אידען הנאה פון זיין מעשה — גראָד אָנגעטראָפען אויף אַ פּרא-אדם...

— וואָס פּרא-אדם! — טענהט ווייטער פעטער-זשאָמע. — איך בין געלויבט דער אויבערשטער אַ ליטוואַק צלם-קאָפּ. עס האָט נאָך ניט געטראָפען מען זאָל מיר דאָרטען אַנדערש אָפּענטפע-רען. איהר הערט דאָך: אַ צווייטען מאָל שנייד איך מיר דאָר-טען דורך מלאָוועס הויף. פאַרהאַן אַזאַ הויף אין וואַרשע. איז ער אַזוי לאַנג ווי אַ גוטע שקלאָווער גאַס. וואָס אמת איז אמת!.. איך האָב דאָרט געזוכט אַ סוחר פון רויע פעלכלעך. נויטיג אום-לעבען געדאַרפט האָבען. געוועזן זומער-צייט. די סחורה ווערט קאַליע... שטעהט זיך אַ קורצער אידעלע אין מיטען הויף, קראַצט זיך אין באָרד און קוקט מיך אָן מיט אַ פּאָר נייגעריגע, ברענענדיגע אויגען, פרעג איך איהם:

— ר׳ איד, אפשר ווייסט איהר וואו וואוינט דאָ ערגעץ באשקאַ? אַ סוחר...

גיט אויף מיר ס׳אידעלע אַ געשריי:

— וואוּ???

פּאַרטייטש איך איהם גאַנץ דייטלעך: באַש-קאַ. אַ איד. אַ סוחר.

גיט אויף מיר דאָס אידעלע ווייטער אַ ברום. אַזוי היי-זעריג און בייז, ווייסט איהר, ווי אַ באַהעלפער אויף אַ דרדקי-אינגעלע:

— כ'היי ניט!

ס'הייסט: ער הערט נישט.

שריי איך שוין ניט מיט מיין קול: באַשקאַ, וואו וואוינט דאָ באַשקאַ?

שרייט אויף מיר ס'אידעלע צוריק:

— העי-???

זאָג איך צו איהם שטילערהייט, כ'בעט זיך ביי איהם:

— איך פרעג: וואו וואוינט דאָ פאַניע באַשקאַ?

גיט דאָס אידעלע אַ זשיפּע פון האַלז און מויל אַרויס, ווי ער וואָלט אויסגעשפּייט:

— פ'שטאַי ניש!!!

ס'הייסט: ער פאַרשטעהט ניט.

טענה איך שוין אין איהם אַריין הברות-ווייז:

— וואו. וואוינט. דאָ. אַ איד. אַ סוחר. באַש-קאַ הייסט ער — ?

ערשט דאָ דערהערט ער יאָ, דאָס אידעלע:

— א-אַן — !— מאַכט ער אונטערן נאָז און ציהט אויס אַ תלישה-גדולה, — פשעבעשינסקע? יאַך ווייס ניש...

נאָר מיט אַמאָל גיט ער אַ ווייז מיטן פינגערעל און גיט אויף מיר שטרענג אַ קאָמאַנדעווע:

— געץ גליאַ — — אַך!

— דאָס הייסט, פּאַרטייטשט זשאָמע, „ער ווייס ניט. געהט גלייך!.." ווי אַזוי פון „באַשקאַ" איז געוואָרען „פשעבעשינסקע" ווייס איך ניט ביז היינטיגען טאָג. כ'בין געלויבט דער אוי-בערשטער אַ ליטוואַק צלם-קאָפּ. זאָל איך אַזוי פון קיין שלעכטס ניט וויסען. אפשר ווייסט איהר?

# פעטער זשאַמעס געשעפטען

## 1

אַ יאָהר צעהן פאַר מאָסקווער גירוש האָט נאָך פעטער זשאַמע אַרומגעטראָגען האַלבע און גאַנצע גויעשקע אָנצוגען אויף זאַראַדיע. זיין קראָם איז געווען זיין פלייצע. הויך און ברייט-ביינערדיג ווי ער איז געווען — זיינען איהם פון די ברייטע זעלנעריש אויסגעדינטע אַקסלען אַראָפּגעהאַנגען פליושענע מכנסים, רויטע רוסישע העמדלעך, קאָלירטע גאַרטלען. און זיינע שמאָלע שוואַרצע אויגען, מיט אַ פרעהלעכען פייערל פון אַ געזונטען האָראָפּאַשניק און דורכגעטריבענעם סוחר, האָבען אַלץ געזעהן, אַלץ געלערענט, אַלץ דורכגעטאַפּט.

זיינע שטענדיגע קונדען זיינען על פּי רוב געווען רוסישע ווילע־יונגען פון זאַמאָסקוואָרעטשיע. די ברייטע פליושענע הויזען פון זשאַמעס אַקסלען פלעגען זיי אָנמעסטען גלייך אויף אָן אָרט, אין מאַרק, פאַר אַלעמען אין די אויגען, טאַנצענדיג אויף איין פוס, כדי ניט איינצושמירען דעם אידענס סחורה. זשאַמע פלעגט דערביי גוט אַכטונג געבען מיט זיינע בראַווע זעלנערשע אויגען. פון זיין אַמאָליגער געוואוינהייט אין קאַזאַרמע אומצוגעהן מיט פערד, פלעגט ער אָפּטמאָל אונטער־שרייען אויף זיינע שטיפערישע קונדען, ווי מען שרייט אָן אויף לאָשאַקעס, בשעת יענע רייסען די לייצעס פון גרויס יונגשאַפט:

— סטאָי! פערדאַטשען... טפּררו, צו אַלדי קאַדיק!

אָדער:

— נאַזאַד! מיט די הינטערשטע פיס...

די רויטע העמדלעך מיט די בלויע גאַרטלען האָבען זיך געלאָזט אָנפּאַסען אַ ביסעל לייכטער אויף די יונגע, געזעצטע קאַצאַפּעס. זשאָמע פלעגט גלייך אַרויסנעמען פון בוזים-קעשענע אַ קיילעכדיגע שפּיגעלע איינגעראָמט אין בלעך, מיט אַ האַלב נאַקעטער מויד פון דער צווייטער זייט. אַפריהער פלעגט ער ווייזען זיין קונה ווי שעהן ער איז אין דעם נייעם גאַרניטער. דערנאָך פלעגט ער איבערקעהרען דאָס שפּיגעלע און איהם ווייזען די „נפקא" מיט די בלאָנדע צעפּלאָשעטע האָר. פלעגט דער גויעשקער קונה האָבען אַ דאָפּעלטען פאַרגעניגען: אי פון זיך אַליין, אי פון דער האַלב-נאַקעטער מויד... יאָ, שעהן איז זי דוקא שעהן די „סטערווע", נאָר זי לאָזט זיך, אין איהר מאַמען אַריין, ניט תופס זיין...

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אויסגעמאָהלטע שעהנע שיקסע לאָזט זיך ניט אָנכאַפּען, פלעגט זי דאָך צו-נעהמען די יונגע קאַצאַפּעס, צוואַרעמען זייער לוסט געפעלען צו ווערען... אַזוי אַרום פלעגט זשאָמע גיכער דורכקומען מיט זיי, נעהמען אַ בעסערען מקח פאַר זיין סחורה. וואָס אמת איז אמת, זיינע קונדען האָט ער געקענט דורך און דורך.

איז „זשאָמע וואו איז דער קאָפ" פּאָפּולער געוואָרען ביי „זאַמאָסקוואָרעטשיער" שקצים. אייגער פלעגט אונטערשיקען דעם צווייטען. זיי האָבען איהם ליב געהאַט פאַר זיין פרעה-לעכקייט, פאַר זיינע אָנשטענדיגע פרייזען, פאַר זיין סאָלידער סחורה. מען האָט אויך געוואוסט, אַז מיט זשאָמען טאָר מען זיך קיין סך ניט דינגען. אַז ער זאָגט אַ פּרייז, איז עס אייזען-שטאַרק, און תמיד ביליגער ווי ביי אַנדערע. אויסקומען שלעכט פלעגט ער נאָר מיט אידישע קונדען. אַ איד האָט דאָך ליב צו ציהען די עצמות. „אַ איד", פלעגט זשאָמע זאָגען, „אַז אַ איד דינגט אַ נאָז-טיכעל, מיינט ער, אַז וואָס מעהר ער וועט

רעדען, אַלץ בילינער וועט עס ווערען. עס קען נאָך אפשר דערגעהן דערצו, אַז איך זאָל איהם צוצאָהלען..."

דערשמעקענדיג מיט זיין סוחרישען חוש אַזאַ נודניק, פלעגט זשאָמע גלייך אַרויפוואַרפען זיין קראָם אויפן פלייצע און שאָקלען מיט זיין אָפּגעבּרענטען, פאַרהאָרעוועטען פּנים פון די פאַרביגע סחורות אַרויס:

– אוי, ר' איד, ר' איד! מען זאָל דאָס איבערזעצען אויף לאַטיין, דאַרף מען דאָך וויינען און קלאָגען אויף אייער מקח...

און אַוועקגעהן געלאַסען, איבערלאָזענדיג דעם פאַרוואונ־דערטען קונה מיט אַן אָפענעם מויל.

אידען פון שקלאָוו, מעקלערלעך מיט דינע שטעקעלעך, אַז זיי פלעגען זשאָמען אָנטרעפען אויפן מאָסקוואַער מאַרק ביי זיינע פאַרקויפעכצען, פלעגען זיי זיך פיהלען באַליידיגט. זיי, הייסט דאָס, פלעגען זיך אָננעהמען די קריוודע פון זיין פאַר־שעהמטען יחוס, פאַר זיין טאַטען, ר' חיים דער למדן... און, כדי נעהמען איהם דעם לעבער, פלעגען זיי איהם אַריינפאַלען ביים אָנמעסטען סאַמעטענע פליודערען אויף קאַצאַפּעס, מיט אַ שמייכעלע און מיט אַ גוט־מאָרגען, ווי יונים פאַלען אַריין אין אַ סוכּה:

— אַ גאָט העלף, זשאָמע! וואָס מאַכט מען עפּעס?..

זשאָמע פלעגט זיי קוים אָנקוקען מיט זיינע שמאָלע אויגען פון אויבען אַראָפּ, און מיט אַ מין צו־להכעיס געבען אַ ציה דעם פאַסעק און אַ הויב די הויזען אויף די שטאַרקע לענדען:

— נישקשה, גאָט וועט העלפען!

איין מעקלערעל, לייבע־האָרבּס דעם פראָצענטניקס אַ פלימעניק, אַ געלער יונגערמאַנטשיק מיט אַ שיטערער בערדעל און מיט געדיכטע חוצפהדיגע ברעמען, האָט אַפילו זשאָמען איינמאָל אַ קיצעל געטאָן מיט דער גאַלקע פון זיין שטעקעלע אין דער ברייטער פלייצע מיט דער הורבע תחתונים:

– אַט צוליב דעם האָסטו דאָס געדאַרפט פאַרלאָזען שקלאָוו?

האָט איהם זשאַמע גלייך אָפּגעפּסקענט:

– בעסער ווי אָנקומען צו דיין פעטער נאָך אַ גמילת-חסד.

און באַלד דעמאָנסטראַטיוו אַ ציה געטאָן דעם פּאַסעק און אַ הויב די הויזען אויף די לענדען

– נישקשה, גאָט וועט העלפען!

און גאָט האָט טאַקע געהאָלפען.

ניט מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז האָט זיך זשאָמע אַרויפּ-געאַרבייט. אָבער אין שקלאָוו איז מען דאָס געוואָר געוואָרען גאָר פלוצלינג. אין איין העלען טאָג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז „זשאָמע וואו איז דער קאָפּ” האָט שוין לאַנג אַראָפּגעוואָרפען די הורבע מיט גויעשקע פליודערען פון פלייצע און איז „אַוועק אין רויכוואַרג”. און באַלד איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז ער אַליין קויפט שוין אויף אויף זאַראַדיע רויע פעלכלעך פון טכוירען, פון פייעלעך, פון סוסליקעס און באָבערס, און באַאַרבייט זיי ביי זיך אַליין אין גאַרבעריי. זינט ווען האָט ער דאָס אַן אייגענעם וואַרשטאַט און ווען האָט ער דאָס פּאָספּייעט ווערען אַ סקאָרניאַק?..

אינגיכען האָט מען געגומען שמועסען, אַז זשאָמעס סחורה האָט געקראָגען אַ שם אויף דעם יאַריד אין ניזשני, און אַז ער פיהרט אין מאָסקווע אַ שעהנע אידישע הויז און האָט אַ בן-יחיד און צוויי טעכטערלעך, איינע שעהנער פאַר דער צווייטער, און אַז מיכליע, זיין ווייב, „גיסט זיך גאָלד אין האַלז...”

דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען בלויז קלאַנגען, רעדע-רייען. אָנגעטאַפּט האָט מען זשאָמעס גבירישקייט ערשט נאָכן מאָסקווער גירוש, ווען סערגיי, ימח שמו זאָל ער ווערען, האָט חרוב געמאַכט די אידישע קהילה אין מאָסקווע, צעטריבען אַלעמען צוריק אין די שטעטלעך אַריין.

אורי, זשאָמעס אינגערער ברודער, האָט דאַן פלוצלינג

באַקומען אַ טעלעגראַמע און אַ פּאַק מיט געלד, ער זאָל איינ־האַנדלען פאַר איהם אַ גוטע הויז, נאָהענט צו דער אָזערע, ווייל רויכוואַרג האָט ליב צו זיין נאָהענט פון אַ וואַסער... און אַ שטיק פּלאַץ זאָל זיין אַרום הויז פאַר אַ שפּייכלער, פאַר אַ קלייט און פאַר אַלע אַנדערע זיבען זאַכען. און פּע־טער אורי האָט געטאָן אַזוי ווי זיין עלטערער ברודער האָט געבעטען און האָט איינגעהאַנדעלט אַזאַ הויז.

אין עטלעכע וואָכען אַרום, נאָך דער מאָסקווער גזירה, איז זשאָמע אָנגעפאָהרען מיט האַק און פּאַק, מיטן בן־יחיד און מיט צוויי פּיצעלעך מיידעלעך, מיט מיכליען זיין ווייב און מיט אַ גויעשקער דינסט. ער האָט אַפילו מיטגעבראַכט זיין בעסטען אַרבייטער פון מאָסקווע, אַ פּאָניע אַ שיכור, אָבער מיט „גאָלדענע הענט". אַזוי האָט זיך זשאָמע אַליין וועגען איהם אָפּגערופען. האָבען אידען באַטראַכט דעם גויס „גאָלדענע הענט" און אויסער ברוינע און בלויע איינגעגעסענע פּאַרב האָבען זיי אויף די דאָזיגע ידים ניט געפונען. די פלעקען, אין אַלערליי שאַטירונגען, זיינען איהם דערגאַנגען ביז די איילענבויגענס. און פון אונטער דעם גויס גוטמוטיגע אָפּגעהאַנגענע וואָנסעס האָט זיך געטראָגען אַ ריח פון איבערגעברענטען בראָנפען. ערשט שפּעטער האָבען זיך די אידען דערוואוסט, אַז דער ערל מיט די פאַרסמאָדערטע הענט איז דער בעסטער מייסטער ביים צוזאַמענשטעלען די אָבלאַמען רויכוואַרג, ביים צופּאַסען און אונטערפאַרבען די נאַטירלעכע האָר־פלעקען אויף די פעלצען. הכלל, ס׳איז איינער אין אַ מדינה! אָהן איהם איז זשאָמעס געשעפט קיין געשעפט ניט. און נעהמען נעהמט ער טאַקע ביי זשאָמען די גראָבע מטבע. נאָר וואָס קומט דערפון אַרויס? אַז אַלץ, וואָס ער פאַרדינט, פאַרטרינקט ער. פּאָניע בלייבט פּאָניע.

דערווייל־וואָס, האָבען אידישע בוידען און גויעשקע ווע־גענער געהאַלטען אין איין פיהרען פון „פאַרעכאָד" פאַרפּאַקטע קאַסטענס, מעבעל, קערב און פאַרנייהטע ראַגאָזשעס. אַז אידען האָבען דערזעהן אַזאַ באַלעבאַטישקייט, אַזוי פיל האָב און

גוטס, איז זיי געוואָרען אַ חידוש: ס'טייטש! אַזאַ גביר ווי
זשאָמע איז — האָט ניט געקענט אַרויסנעהמען אַ „פערווי-
גילדי"*) און בלייבען וואוינען אין מאָסקווע? האָט אָבער אויף
זיי זשאָמע אַ קוק געטאָן פון אויבען אַראָפּ מיט זיינע שמאָלע
אויגען און איינגעטייטשט זיי, ווי אַ רבי טייטשט איין זיינע
תלמידים:

— פינף טויזענט רובעל אַ יאָהר „גילדי" וועל איך צאָה-
לען?... וועמען? פאָני-קוואַס?... אויף אֵיהם וועל איך האָרעווען?
אַז ניט דערלעבען זאָל ער!

און באַלד מיט אַן איינגעוואוינטען רוק אַ ציה-געטאָן
די הויזען און געגעבען אַ שניר-צו דעם פּאַסעק אויף די
לענדען:

— נישקשה, גאָט וועט העלפען!

## 2

איינגיכען האָט טאַקע שקלאָוו דערזעהן, אַז „זשאָמע וואו
ס'דער קאָפּ" איז ניט געקומען עסען קעסט ביי זיך אַליין און
ניט ביי זיינע שקלאָווער קרובים, אַזוי ווי ס'האָבען געטאָן
אַלע אַנדערע מאָסקווער עמיגראַנטען נאָכן גירוש. דעם ליידי-
גען פּלאַץ אַרום זיין ניי-געקויפטען הויז האָט זשאָמע, קודם כל,
אַרומגעצוימט מיט שטאַרקע פּלייטען פון בערווענעס, און איינ-
געבויט אַ טיר מיט אַ טויער, דערנאָך האָט ער אויסגעווייסט
דעם קוימען און איבערגעשינדעלט דעם דאַך. ער האָט געלאָ-
זען מאַכען נייע לאָדענס צו די פענסטער, אויסגעגראָבען אַ
קעלער און אויפגעשטעלט אַ שפּייכלער אין עק הויף. אומעטום
איז זשאָמע געווען אויפן אָרט. סיי ביי איינקויפען געהילץ,
סיי ביים בויען. פון תמיד אָן האָט ער פיינט געהאַט צו

*) נאָכן אַרויסטרייבען אידען פון מאָסקווע זיינען דאָרטען געבליבען וואוינען נאָר יענע אידישע סוחרים, וועלכע האָבען אַרויסגענומען אַ פּאַטענט אויף פערווי גילדי פאַר אומגעפעהר 5000 רובעל

פֿאַרלאָזען זיך אויף פֿרעמדע הענט און אויף פֿרעמדע מבינות. אויף זיין רעקעל האָבען זיך אָנגעקלעפּט פּעכיגע סטרוזשקעס, און זיין בערדעל איז געווען פֿאַרשאָטען מיט האָלץ-מעהל, ווי ביי אַ זעגער. אַרום זשאָמעס הויף האָט געגומען שמעקען מיט פֿרישע קאָרע פֿון בערוועגעס, מיט פֿלאַקס און פּעך—אויסצו־שטאָפּען אַלע שפּאַלטען, כּדי שטוב און שפּייכלער זאָלען האַל־טען וואַרימקייט. אין אַ קורצע צייט שפּעטער האָט שוין פֿון צווישען די דאָזיגע וואַלד־ריחות אַ ציה געטאָן מיט אַ שאַרפֿען און זויערען גערוך פֿון קוואַשעס. זשאָמע, זיינע אידישע באַל־מעלאָכעס און זיין גויעשקער מייסטער האָבען זיך אַ נעהם גע־טאָן צו דער אמתער אַרבייט, צוליב וועלכער דער גאַנצער פֿריהערדיגער האַרמידער פֿון בויען און פֿאַרריכטען איז נאָר געווען אַ הקדמה.

עס האָט זיך דערהערט אַן עקשנותדיגע קלאַפּעריי פֿון געשלאָגענע טשוועקלעך, ביי אָנציהען דאָס נאַסע געזייערטע רויכוואַרג אויף ברעטער, און אַ פֿלייסיגע פּויקעריי פֿון בוי־גיקע שטעקלעך — ביים אויסקלאַפּען די געגאַרבטע פֿעלכלעך. טאַר־טאַר-טאַר האָט עס געבאַראַבאַנעוועט פֿון אין דער פֿריה ביז פֿאַרנאַכט. נערוועאישע שכנים האָבען זיך פֿאַרשטאָפּט די אויערען מיט וואַטע, און האָבען געקאָכט און געזאָדען אויף זשאָמען אַזוי לאַנג, ביז וואַנענט זיי האָבען זיך צוגעוואוינט. דורך די שפּאַלטען פֿון פֿלייט האָט מען געזעהן זשאָמען, ווי ער דרעהט זיך אַרום איבערן גרויסען הויף, אָנגעגורט מיט אַ גרויסען פֿאַרטוך און מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבעל אויף די האָריגע, שטאַרקע אָרעמס. אומעטום קוקט ער און אומעטום באַווייזט ער און העלפֿט. וואו ער געהט צו, דאָרטען צינדט זיך אָן די אַרבייט און פֿלייסיגקייט ווי אַ פֿייער. אַזוי געהט דאָס אַ גאַנג, טאָג איין טאָג אויס, ביז עס דערגעהט צו די גרויסע קעלטען און שנייען און זאַווערוכעס. דאַן שטילט זיך איין די שטורעמ־דיגע אַרבייט אין זשאָמעס הויף, זי פֿאַרקלייבט זיך אין די אינעווענייגסטע חדרים פֿון זשאָמעס הויז. און פֿון דאָרטען צע־שיט זי זיך איבער שקלאָווער אָרימע הייזער אין געשטאַלט

פון צוגעשניטענע שמאָלע קאָלנערס, גרויסע אָבלאַמען און און מאָטיקלעך שטאַרקע פאָדים. קיין פּיצעל געהט ניט פאַר־לאָרען. דער אָפּפאַל פון די טייערע פעלען, ווי באָבערס, קאַ־ראַקולס און סקאָנקס און קאָטיקעס, ווערט צוגעשניטען און צוזאַמענגעשטעלט צו גאַנצע קאָלנערס. פון שמאָלינקע לאָקשע־לעך פעלץ — גאַנצע פוטערס. זיי ווערען איינגעפּרעסט אין האַרטע פּאַפּירען, ווי אין ריזיגע קאָנווערטען. מיט די האָר צום פּאַפּיר און מיט דער געגאַרבטער פעל צו דער עפּע־נונג. און דאָס אַלץ ווערט פלייסיג און פעסט צוזאַמענ־גענעהט.

אָרימע כּלות זיצען איינגעבויגען איבער זשאָמעס סחורות אין די לאַנגע ווינטער־אָוועטען, שטעפּען צוזאַמען, זינגען־אונ־טער זייערע טרויעריגע ליבע־לידער און קלייבען אויף נדן. די באָדלען שלאָגען זיך אָפּ אָן די פינגערהוטען, אַקאָמפּאַנירען די מיידעלשע ניגונים. פון די לעקשעלעך האָריגע פעל וואַקסען אויס וואַרימע שאַלען, און פון די שטיקער רויכוואַרג — גאַנצע אָבלאַמען מיט טכוירענע עקען אָדער מיט ציבעט־קאַצענע ווייסע פלעקען. צעברעקעלטע און צעפּיצעלטע קומען זיי אָן אין די אָרימע הייזקעס, און געהען פון דאָרט אַרויס גאַנצע און שטאַרקע. אַנשטאָט שניטען, פעסטע נעט, האַרטע און בוי־גיקע, אַזוי ווי אָדערען. טראָגען זיי די מיידלעך צוריק אַוועק צו זשאָמען אין הויז. וואַרימע רויכוואַרג־פּעקעלעך אונטער וואַ־רימע פּאַכוועס. מיידעלשע טריט אין שניי ציהען זיך פון די אָרימע געסלעך און לויפען זיך צוזאַמען ביי זשאָמעס טויער. „קליפּ־קלאַפּ, ווער איז דאָ?" — „אַרבייט, ר' זשאָמע! מען האָט אָפּגעבראַכט אַרבייט!.. אפשר האָט איהר נייע אַרבייט?.." אַר־בייט! אַרבייט!.. און אויף דעם גרויסען טיש אין זשאָמעס קאָך־שטוב הויפען זיך די צונויפגענעהטע אָבלאַמען, און עס שווימען אַוועק די אָקאָרשט צוגעשניטענע, קונציג־צוגעפּאַסטע שטיקעלעך רויכוואַרג, מיט שטאַרקע מאָטיקלעך פּאָדים אַלס צוגאָב.

דאַן קומט אָן דער העכסטער פונקט פון זשאָמעס פּאַב־

ריקאַציע. דאָס סאָרטירען און אונטערפּאַרבען די פּאַרטיגע אָבּ־לאַמען רויכוואַרג. אויף דעם איז דאָ דער גוי מיט די „גאָל־דענע הענט", וועלכען זשאָמע האָט אַראָפּגעבראַכט פון מאָס־קווע. אָבער גראָד ווען עס קומט די צייט פון דער הויפּט־מייסטערשאַפט פאַרשיכּורט דער ערל. גראָד דאַן פאַרביינקט ער זיך נאָך די מאָסקווער פאַרגילדעטע ציבעלע־קעפּ פון די קלויס־טערס, נאָך די פרישע שיקסעס פון „זאַמאָסקוואָרעטשיע" מיט די הויכע בוזעמס אונטער די אויסגענעהטע קאַצאַווייקעס. און זשאָמען קומט אָפּטמאָל אויס צו שלעפּען איהם פון שקלאָוער קאַנאַוועס, מיט דער הילף פון זיינע אידישע באַלמעלאָכעס.

אידען, וועלכע פאַרגינען ניט זשאָמען זיין עשירות, זעהען צו אַזאַ סצענע און האָבען אין איהם אַ נקמה. ביי אַזאַ ביט־שעהנער מלאכה, ווי שלעפּען דעם ערל פון בלאָטע, פיהלט זיך זשאָמע אַביסעלע געפאַלען ביי זיך און פאַרענטפערט זיך פאַר דער גאַס:

— כ'מיין... וואָס אַן ערל פאַרגינט זיך וועט זיך דען פאַרגינען אַ אידיש־קינד?... אַט! זעהט איהר דאָך! אין מיטען העלען טאָג — אין בלאָטע... ליעגט!

און זיינע באַלמעלאַכעס זאָגט ער צו אויף אַ טרונק ביער:

— העלפט, חברה, אויפצומינטערען דעם חזיר, אַז ניט פאַרשיכּורט ער מיר דעם גאַנצען ניזשניר־יאַריד...

מיט חרפּה און מיט מאַטערניש ברענגט מען דעם ערל אַהיים און מען מינטערט איהם. מוהמע מיכליע פּאָיעט איהם מיט פאַרפאַרצטע קרייצעכער, וואָס אַ „זנאַכער" האָט איהר געגעבען געגען שיכּרות. ביז דער מאָסקווער ערל מיט די „גאָלדענע הענט" און מיט אַראָפּגעהאָנגענע גוטמוטיגע וואָנ־צעס שטעלט זיך צוריק אויף די פיס און נעהמט זיך צו די האַלב־פאַרטיגע אָבלאַמען רויכוואַרג. ער שטעהט מיט פאַר־קאַטשעטע אַרבעל און מיט אַ פינסטערען פּנים פון שווערע אויס־ניכטערונג און בענקשאַפט. אַרום איהם זיינען אָנגעשטעלט אַלערליי שיסעלעך און בלעכעלעך מיט פיינע פאַרבען. ער טונקט

אין זיי זיינעביידע גראָבע פינגער און פיהרט מיט זיי אויס מיני דריידעלעך און פּאַסיקלעך און שטערענדלעך, איבער דעם צאַרטען זילבערדיגען און ברוין-פוכיגען פוטערוואַרג. די שוואַרצע און ברוינע און גרויע גאַטור-פלעקען גיסען זיך צוזאַמען אין איין שעהנעם געפלעכט, ווי די קעסטעלעך אויף אַ שאַכמאַט-ברעט, ווי די קווייטען אין אַ טייערען געוועב. אַלע ווייל־גיט דער ערל ליעבלעך אַ טרייסעל-אויף די פוטערס און אַ פיהר מיט דער גרויסער ביינערדיגער לאַפּע זיינער איבער די צאַרטע געדיכטע פוטער-האָר. אונטער אָט דער וואונדערלעכער באַוועגונג פון אַ מייסטער, לעבען אָפּ די צוזאַמענגענעהטע אָפּגעשונדענע מאַרדערס, ביזאַמס, פייעלעך, באָבערס. איידעלע גלאַנצען און ווייכע פונקען כוואַליען פון אונטער דער ביינער־דיגער מענשלעכער האַנט מיט די אויסגעבויגטע שעפּערישע פינגער און מיט די פאַרפאַרבטע נעגעל. דערזעהט עס זשאָמע מיט זיין געניטער סוחרישער אויג, און אַ ברייטער שמייכעל צעגיסט זיך איהם איבער זיין רויטלעכען פאַרהאַוועטען פּנים. ער דערזעהט דעם שעהנעם אויסגאַנג פון זיין פיעל־פאַכיגער, פיעל־פּנימדיגער אַרבייט אַ גאַנץ-יאָהר. אַלע אָנשטרענגונגען פון איהם און פון זיינע באַלמעלאָכעס און נעה-מיידלעך גיסען זיך אַצינד צוזאַמען אין איין צוזאַמענקלאַנג, אונטער דעם ערלס „גאָלדענע הענט”... די סחורה איז פאַרטיג.

אין שפּייכלער שטעהען שוין גרייט די גרויסע נייע קאַסטענס מיט די רויהע האָלצערנע דעקען. די האַמערס הענ־גען גרייט. און די נייע טשוועקעס שטשירען די שפּיציגע צייהן. עס גלוסט זיך זיי אַריינגעהן אין פרישען האָלץ אַריין, צוזאַמענבייסען קאַסטען און דעק... נאָר פעטער זשאָמע איילט זיך ניט. פריהמאָרגענס און טעג נאָכאַנאַנד בלעטערט ער דורך זיינע הורבעס מיט פאַרטיגען רויכוואַרג. ביים ליכט פון טאָג זוכט ער פּגימות, רעווידירט די נעט, גלייכט צוזאַמען די צוי־גויפגעשטאָכענע האַלבע אָבלאַמען, צי ס'איז ניט פאָרגעקומען קיין פעהלער, און אַז ער געפינט לאָזט ער גלייך פאַרריכטען. דער גבאי פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, וואו זשאָמע דאַווענט

מיט זיין ברודער, און גלאַט באַלעבאַטישע שכנים קומען צוגעהן טרינקען טהע פאַר מנחה דאַווענען. אַצינד, אַ קורצע צייט פאַרן אָפּפאָהרען, רוהט די אַרבייט און זשאָמע האָט ליב צו פאַרברענגען און באַריהמען זיך מיט זיין מייסטערשאַפט פאַר נייגעריגע שכנים. קוקען אידען און באַוואונדערען זשאָמעס התפעלות, מעהר ווי זיין אַרבייט. מילא, סחורה איז סחורה. אָבער וואָס איז דאָ וואָס צו שיינען אַזוי? ס'איז דען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות?... זיי קענען דאָס גאָר ניט פאַרשטעהן.

אָבער זשאָמע איז פאַרשיכורט פון זיין שאַפונג אין משך פון לאַנגע ווינטער- און זומער-חדשים. ער באַמערקט גאָר ניט די שפּאָטישע קוקלעך, די פאַרשלייערטע למדנישע מינעלעך. מיט זיינע ברייטע און שטאַרקע אָרעמס נעהמט ער פאַנאַנדער אַ גאַנצע הורבע מיט זויער-שמעקענדיגע פוטערוואַרג. ער צעשפּרייט אַן אָבלאַם רויכוואַרג, מאַכט, להבדיל, אַ מין „וזאת התורה" מיט אַ פּראַכטפולען שטיק טכוירען, פול מיט באַמבלענדיגע שוואַרצע און גלאַנציגע עקלעך און מיט גאָלד-געלבע און מיט טונקעל-ברוינע „צוקער-לעקעכלעך", ער טרייסעלט איהם אויף מיט ביידע הענט אַזוי, אַז דער אָבלאַם רויכוואַרג לעבט אויף ווי אַ פעל פון אַ פיעל-עקעדיגער און פיעל רוקענדיגער געהיימניספולער חיה.

— אָט אָ דער אָבלאַם טכוירען,—מאַכט זשאָמע,—איז גאָר ניט קיין פאַרך!

און זיינע שמאָלע אויגען בליאַסקען מיט נצחון.

ער צעוויגט אַ בלוי-זילבערדיגען שטיק סיבירער-פעי מיט שוואַרצע ציקצאַקען און מיט ברוינע פּיינינקע שפּרענקעלעך און שטעלט איהם אויס אַן אַטעסטאַט אויף זיין סקאָרניאַצקען לשון:

— און אָט דער אָבלאַם-פעי פאָהרט אויך ניט אויף קאַראַצקעס!

ער גלעט אַ ברייטען קאָלנער פון טייערע באָבערס, מיט זילבערנע לאַנגע האָר, וואָס בויגען זיך ווי זעלטענע זילבערשטראַהלען, איבער אַן איידעלער און כמורנער טונקעלקייט

פון געדיכטע רויכיג-זיידענע פוטער-האָר, און באַצייכענט איהם אַזוי:

— און אָט דער קאָלנער איז אויך ניט קיין הינקעדיגע שוויגער!

די סקאַנקס געהען ביי זשאַמען "ניט באַרוועס" און אויף זיינע סוסליקעס איז בעסער צו ליגען ווי, חס ושלום, אויף טיפוס... בכבודיגע שכנים הערען צו זשאַמעס באַגייסטערטען גאַרבער-לשון, זליאָקען דעם גוטען טהע און גיבען צו, אַז יאָ, כע-כע, קיין פאַרך איז ער ניט, דער גאָלד-ברוינער אָבלאָם ביזאָם. כע-כע און קיין בייזע שוויגער אויך ניט. וואָס אמת איז אמת.

נאָר, אַרויסגעהענדיג אויף דער גאַס, באַריידען זיי זשאַמען און זיין גראָבלעכע באַגייסטערונג:

— נאַ, אַ סקאָרניאַק בלייבט פאָרט אַ סקאָרניאַק.

ס׳געהערט זיך אָבער ניט אָן. אַ טאָג פאַרן אָפּפאָהרען צום ניזשנער יאַריד, ווען זשאַמע שטעלט משקה אין ליובאַוויטשער בית-מדרש, נאָך שחרית-דאַווענען, ווינשעוועט מען איהם הצלחה און פרנסה מיטן גאַנצען האַרצען. דער גבאי אַליין טרייסעלט איהם די האַנט און זאָגט עדות, אַז ער האָט דאָך שוין געזעהן סחורה אויף זיין לעבען, שקלאָוו איז דאָך באַריהמט מיט איהר רויכוואַרג, נאָר אַזעלכענע ווי ביי ר׳ זשאַמען האָט ער נאָך ניט געזעהן. הכלל, ר׳ זשאַמע, לחיים! מיר זאָלען... מען זאָל טאַקע... אַז מען זאָל... נו, וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען? לחיים!

און נאָך אַ מענש איז אַ שטיקעל צייט צופרידען, ווען זשאַמע פאָהרט אַוועק אויפן יאַריד. דאָס איז די מומע-מיכליע. זאָל דאָס אָנקומען כלל-ישראל וואָס זי ווינשט איהר מאַן. נאָר זי האָט אַ שוואַכען קאָפּ. זי פאַרטראָגט שלעכט דעם ציפּוש פון געגאַרבטען רויכוואַרג. זי ליידט אויף קאָפּוועהטאָג. און אַז זשאַמע מיט זיינע פאַרפאַקטע קאַסטענס פאָהרען אָפּ, עפענט זי ברייט פאַנאַנדער די פענסטער פון שטוב און די טירען פון שפּייכלער. אַזוי לופטערט זי איהר באַלעבעטישקייט פון מיטען זומער

ביז ימים-נוראים צייט. נאָר ס'איז ניט אַזוי לייכט אַרויסצוטרייבען פון אַלע ווינקעלעך, פון די פּלושענע שטוהלען און פון די טאַפּעטען דעם איינגעגעסענעם, זויערלעכען ריח פון גאַרבעריי. נאָך גאַנצע חדשים לופטערען, אַז אַ פרישער מענש קומט אַריין פון דער גאַס, דערשפירט ער גלייך דעם ספּעציפיש־פריקרען, יערענדיגען גערוך פון די לאַנג-אַוועקגעפּאָהרענע רויכוואַרג.

און דאָ קומט שוין זשאָמע צוריק. אַן אָפּגעברענטער, אַ צופרידענער, אָהן קאַסטענס, און מיט אַ האַרטען פּאַק אַסיגנאַציעס אין בוזעם-קעשענע. און באַלד נאָך זיין קומען הויבט אָן אַריינ-דרינגען אין די שטוביגע, ערב יום-טובדיגע געשמאַקע ריחות דער חוצפּהדיגער, געמיינער ריח פון גערב-זויערקייט. דער שפּייכלער עפּענט זיך אויף און די שטוב-פענסטער שליסען זיך.

האָט איין מאָל מוהמע-מיכליע ניט אויסגעהאַלטען און שטאַרק באַקלאָגט ז'ך אויף איהרע קאָפּוועהטאָגען, גענומען גרי-זשען דעם מאַן פאַר די שעהנע ריחות וואָס ער ברענגט מיט זיך אָן. האָט אויף איהר אָבער זשאָמע גוט אָנגעשריען:

— גיב קיין עין-הרע ניט, אידענע, דאָס שמעקט דען מיט רויכוואַרג? דאָס שמעקט דאָך, געלויבט דער אויבערשטער, מיט מזל און ברכה!..

פון דאַמאָלסט אָן באַקלאָגט זיך מעהר ניט מוהמע-מיכליע. עס דאַכט זיך איהר אפילו, אַז איהרע קאָפּוועהטאָגען זיינען אויך אַוועק. זשאָמעס אָנשרייען האָט זיי אינגאַנצען פאַרטריבען.

# פעטער זשאָמע זוכט עולם־הבא

## 1

### צווישען חסידים

ווען פעטער־זשאָמע קומט צוריק פון ניזשנער יאַריד אַן אויסגעהאָרעוועטער, אַן אויסגעטומעלטער אין גויעשקען טומעל, מיט דער גראָבער מטבע אין קעשענע, און באַגעגענט זיך אין ליובאַוויטשער בית־מדרש מיט זיין אינגערען ברודער, דעם למדן — מיט אורין, און באַקומט דעם ברייטען שלום־עליכם פונם חסידישען מורה־הוראה אַליין, און פון גבאי און פון אויבער־שמש און פון אלע גוטע, פרומע אידען, דערזעהט ער באַשיינפערלעך, מיט זיינע שמאָלע סוחרישע אויגען, אַז פאַר ד'ער וועלט האָט ער אַ סך געטאָן און פאַר י ע נ ע ר וועלט — גאָרנישט.

די אַרבייט ברענט נאָך ניט, און צום קומענדיגען יאַריד איז נאָך ווייט. און דאָס פאַרהאַוועט זיין אין דער פרעמד, צווישען ערלים, האָט איהם אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסעל פשוטע אידיש־קייט, אַזוי ווי מען ווערט אויסגעהונגערט נאָך אַ היימישען וואַר־מעס, אויף פרעמדע, שטויביגע וועגען מיט פאַרדעכטיגע עסענס אין גראָבע קרעטשמעס... לאָזט ער זיך איבעררעדען פון זיין אינגערען ברודער, פון אורין. און שוין דעם ערשטען שבת פאַר־

נאַכט, נאָכן קומען פון דער פרעמד, געהט ער מיט איהם אַוועק פּראַווען אַ שלש־סעודות צום חסידישען מורה־הוראה.

מיט ניט־זיכערע טריט פון אַ פראָסטען חי־וקים, וועלכער שטופּט זיך צווישען אַ העכערען סאָרט מענשען, געהט ער אַהין. און אַריינגעטרעטענדיג אין דער גרויסער שטוב פונם מורה־הוראה, בויגט ער זיך אַ ביסעל איין, קאָרטשעט זיך צוזאַמען, כדי ניט צו וואַרפען זיך אַזוי אין די אויגען מיט זיין גלייכען רוקען און מיט די ברייטע פּלייצעס, צווישען די שוואַכינקע, אין מקוה־אויס־געווייקטע, אין אַטלאַס־געוויקעלטע און מיט זייד־געגאַרטעלטע, איידעלע חסידימלעך.

ביים מורה הוראה, אין גרויסען עס־צימער, איז שוין פול־געפּאַקט. אַזעלכע חשובע באַלעבאַטים ווי אורי און זשאָמע טרעט מען אָבער גלייך אָפּ צוויי שטולען. זשאָמע זעצט זיך אַ ביסעלע פאַרשעמט לעבען ברודער און איז צופרידען איינגעפּלאָכטען צו ווערען אינם לאַנגען און שוואַרצען מענשען־קראַנץ אַרום ווייסען טיש אַזוי, אַז מען זעהט זיין האַמעטנעקייט מעהר ניט אַרויס, ניט זיינע אויסגעהאָרעוועטע גרויסע הענט, ניט זיין שטאַרקען האַלז־און־נאַקען.

לעבען יעדען חסיד ליגען געגרייט צוויי פּיצינקע חלותלעך, אַ שטיקעל הערינג, אַ צוויי־דריי געקאָכטע שוואַרצע פלוימען אויף אַ טעלערל. איינער וואַרט אויפן צווייטען ביז ער וועט פאַרטיג ווערען מיט זיין פאַרדבקהטער ברכה, מיט זיין „המוציא" און מיטן פאַרזוכען פון הערינג און פלוימען, פון יוצא־ווענען. מען בייסט צו און מען רעדט האַלב־שטיל מיט באַסאָווע, קוויטשענדיגע און שושקענדיגע טענער פון איינגעהאַלטענעם יראת־הכבוד. דאָס הערט זיך אָן ווי דאָס אָנשטעלען די כלים אין אַ גרויסער קאַ־פעליע, וואָס דאַרף באַלד אָנהויבען שפּילען אַ געזעגענונג־שטייגער צו באַגלייטען די מלכה־שבת.

און אָט ווערט שטיל. גאָר שטיל. דער מורה־הוראה טרייסעלט אָפּ די ברעקלעך פון זיין שעהנער באָרד, גיט אַ ציה דיביידע פּאותען, צי זיי זענען אויף אַן אָרט. יאָ, די פּאותן זיינען אויף אויף אַן אָרט. גיט ער ווייך אַ וויג מיט זיין שמאָלער איידעלער

האַנט. און דער ניגון פון פאַרנאַכטיגע זמירות גיט אַ שאָל אַרויס פון אַלערליי גאַנצע און אָנגעשפּאָלטענע העלזער-אינסטרומענטען. הייזעריגע קולכער פלעכטען זיך מיט ריינע ברוסט-קולות, קווי-טשענדיגע טענער פון אידען מיט אַ „מיחוש", מיט די קלינגענדיגע שטימען פון יונגע חסידימלעך, באַלעבעסלעך:

אי, בני היכלא — אָ!

באַ-באַ-באַם, באַ-באַ-באַם,

דכסי — פין.

אורי זיצט האַרט לעבען זיין ברודער, דעם פּראָסטען חי-וקים, און טייטשט איהם שטיל אַריין אין אויער דעם פירוש פון די משונהדיגע און דערהויבענע תרגום-ווערטער. אורי שעפּטשעט צו, און ביי זשאָמען אין האַרטען קאָפּ צעבליהען זיך די שעהנע טייטשען, זיי צעדופטען זיך ווי די זיידענע קליידער פון דער מלכה־שבת, וועלכע געהט אַוועק:

„אי, די קינדער פון טעמפּעל, וועלכע גלוסטען

צו זעהן דאָס ליכט פון גאָטס פּנים,

זאָלען זיין דאָ אויפן דאָזיגען אָרט,

ביים מלכס טיש, וואָס איז מיט וואָפען באַצירט..."

און דער ניגון קלינגט מוראדיג שעהן. ער קייקעלט זיך אין ווייכע דונערען פון די הויכע וועלטען אַראָפּ און שטייגט ווידער אַרויף. ביים אַרויפשטייגען רייסען זיך איבער די הייזעריגע קולות פון די אַלטיטשקע זינגער, אָט-אָט פאַלען זיי אין אָפּגרונד... אָבער די ברוסט-קולות פון די אינגערע חסידים לאָזען זיי ניט פאַלען, כאַפּען זיי אונטער אין פליה, און טראָגען זיי העכער און נאָך העכער. אָט די רייכקייט פון די טענער, אָט די ברידערלעכע הילף אינם געפלעכט פונם ניגון, צענעמען זשאָמען דאָס האַרץ און דערדריקען איהם, מיט זייער מלכותדיגער ברייטקייט, אין איין און דער זעלבער צייט: „אוי, ברודער זשאָמע! ס'איז עפּעס גאָר ניט קיין רויכוואַרג! עפּעס גאָר ניט געגערבטע פיקס! אַי, אַי, ברודער זשאָמע!"

— אַי, צבו לחדא, — זינגט דער חסידים-קראַנץ, — בהאי ועדא...

און אוריס קול שעפטשעט-צו און פאַרטייטשט:

„אַי, נעמט אייך צוזאַמען

אין אַט דיזער פאַרזאַמלונג!"

זשאַמע פאַלט ביי זיך אַראָפּ אַלץ מעהר און מעהר. וואָס דערהויבענער דער ניגון קלינגט, אַלץ דערשלאָגענער פיהלט ער זיך. דעם ברודערס טייטש-ווערטער שטעכען איהם. ס'איז עפּעס גאָר ניט קיין גויעשקע מייסטערס מיט פאַרפאַרבטע הענט ביז די איילענבויגענס! סאיז עפּעס גאָר ניט קיין פאַרליבעניש-לידעל פון אידישע באַלמעלאָכעס ביי דער אַרבייט! אַ וועלט לערנט, ר' זשאָמע, אַ וועלט בראַטעוועט זיך מיטן רבונו־של־עולם. און דו, זשאָמע? דו?...

- לאָז מיך! — גיט ער אומגעדולדיג אַ ווינק מיטן פּלייצע צו זיין ברודער. ס'הייסט פּראָסט און פשוט: מוחל דאָס טייטשען מיר.

אורי גיט אויף איהם אַ קוק פון דער זייט, מיטביידע קאַסאָקע אויגען זיינע. ער זעהט, אַז אין זשאָמען האָט זיך אויפגעכאַפּט דער באַליידיגטער „עם־הארץ", און ער ווערט גלייך אַנשוויגען. די איבעריגע ציילען פון דעם חסידישען זמר כוואַליען שוין שווערע, ניט דורכזיכטיגע; אַ וואָרט — אַ רעטעניש. אַ וואָרט — מיט אַ שטיין אין טעמפּען שלייף אַריין:

— והא אזמין. עתיק יומין. למנחא עדי. יהון חלפין...

דער ניגון גיט זיך נאָך אַמאָל אַ וואָרף, ווי אַ פלאַם פון אַ שבת־דיגען בליך-לאָמפּ, וואָס געהט אויס, און ווערט פאַרלאָשען. מען קרעכצט אונטער, מען הוסטעלט. און זשאָמען דאַכט זיך, אַז די באַבערדעלטע חסידים אַרום טיש ווילט זיך ווייגען נאָך דעם שבתדיגען גליק, נאָך דער נשמה־יתרה, וואָס געהט אַוועק, נאָך דעם ניגון וואָס איז אָפּגעשטאָרבען, און שעמען זיך... צווישען די שטילע הוסטעלעך און זיפצעלעך שווימט אַרויס דעם מורה-הוראהס וויכער קול, ווי אַ לייכטער רעטונג-שיפעלע מיט אַ ווייסען טישטוך אויפן דנאָ. אַ רעטונג פאַר די חסידים, וואָס טרינקען זיך אין שאָטענס: „האַלט זיך נאָר-אָן אָן מיר! איהר וועט שוין געהאָלפען ווערן!"...

אַזוי, דאַכט זיך, מיגטערט זיי דעם רבינס קול. און חסידים כאַפּען אָן די ברעגעס פון טיש, שטעלען אָן אויערען, שפּאַרען אונטער די גרויסע באַשטריימעלטע און באַהיטעלטע קעפּ מיט אויסגעבויגענע דלאָניעס און האָרכען און ווערען טאַקע גע-האָלפען. שווער באַלאָדען מיט תורה און קבלה, מיט „רמזים" און מיט פרומע אידען שווימט דאָס שיפעלע; און דעם מורה-הוראהס ווייכער, אָבער געוועלטיגדיגער, קול טרייבט עס אָן. דער לעצטער שיין פון טאָג לעשט זיך אויס, און די וואָליגע קעפּ און אַטלעסענע פּלייצעס פון די צוהערער גיסען זיך צוזאַ-מען. שוואַרצע שאָטענס וועבען זיי צונויף, צירעוועט אויס אַלע ליכט-לעכער. נור די שבתדיגע טישטוך, מיט די שיריים פון שלש-סעודות, בלייכט זיך נאָך פון דעם טיפען מענשען-קרייז אַרויס און באַגיסט נעזער און האַלבע אָנגעשטריימעלטע שטע-רענס מיט אַ בלאַסען אָפּשיין. ביסלעכווייז ווערט אָט די מאַטע בלאַסקייט טונקעלער און טונקעלער, ביז זי פאַרשווינדט. און די בערדעלדיגע קעפּ בויגען זיך אין לאַנגען קרייז ווי איבער אַ שוואַרצען לאַנגען ברונים, פול מיט סודות׳ און קוקען אַראָפּ פאַרשטאַרט. נור אין סאַמע עק פונם דאָזיגען ברונים באַוועגט זיך עפּעס. דאָס איז די סייבעלנע הויכע שטריימעל פונם מורה-הוראה. ער קען מעהר רוהיג נישט איינזיצען. די תורה הויבט איהם פון אָרט. זיין שטילער קול האָט זיך צעפלאַקערט און שיט מיט פונקען. עס פליהען נעמען פון שרפים און מלאכים, באַפליגעלטע תרגום-ווערטער. און ווי עס קומט צו גאָטס נאָ-מען, באַטאָנט ער דאָס פאַרשטעלטערהייט, אָבער מיט טיפער כונה און מיט אַ פאַרזופטען, אָפּגעהאַקטען אָטעם, פונקט ווי ער וואָלט איבערגעוואָרפען העליש-גליהענדיגע קוילען פון ליפּ צו ליפּ, מיט זיין מענשלעכען זינדיגען צונג:

— יוד־קיי! וואָוו־קיי! *)

ס׳איז דיר ניט דיין שפּייכלער, זשאָמע סקאָרניאַק! אַ? סאיז דיר ניט רויע פעלכלעך און קוואַשעס. עס דריקט דיר

---

*) יוד־הא־וו־הא — גאָטס נאָמען.

אויפן האַרצען, עס שלאָגט אין די שלייפען. ניטאָ קיין לופט, זשאַמע! דו וועסט דאָס מעהר ניט אויסהאַלטען!

אָבער ווי אַזוי זאָל ער זיך באַפרייען פון אָט דער דאָזיגער משא, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען? ווי צעברעכט מען דעם צוזאַמענגעשמאָלצענעם קרייז פון מענשען אַרום טיש? ווי צעררייסט מען דעם שוואַרצען קראַנץ פון בערד און קאַפּאָטעס, וואָס האָבען זיך איינגעפלאָכטען אין איהם. און ער אין זיי?...

נאָר גאָט אַליין העלפט אַרויס. אַז עס דערגעהט צום העכסטען פונקט פון איינזאַמקייט און דערשלאָגענקייט אין אָט דעם תהום פון תורה און קבלה — ענדיגט דער מורה-הוראה. גאָר פלוצלינג ענדיגט ער. זיין סייבעלנע הויכע שטריימעל הערט זיך אויף צו שאָקלען אין דער פינסטער, און זיין אַנטשוויגען-געוואָרענער קול לאָזט איבער אַ מין טיפע לאָך אין דער מוצאי-שבתדיגער טונקעלקייט. נאָר באַלד פאַרגיסען אָט דעם ליידיגען חלל אַ וואַרימע באַמקעריי פון חסידישע ליפען, אַ טרוקענען שנאָלעריי פון חסידישע געניטע פינגער. פאַרחלומטע אידע האָבען זיך אויפגעכאַפּט פונם שבתדיגען טרוים. די וואַרימע פליגעל פון דער שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן. די פייערדיגע הויכע ווערטער האָבען זיך אויסגעלאָשען. איז זיי, די חסידימלעך, פלוצלינג קאַלט געוואָרען... האָבען זיי זיך צעפּיפּעט און צעקנאַקט מיט די שנעבעלעך, ווי די נאַקעטע עופהלעך, ווען די מוטער פליהט אַוועק: אַי, „באַם-באַם-באַם", און נאָך אַמאָל „באַם-באַם!" אַ וואָכעדיגקייט געהט. אַ גריבלעניש אין מיסט, אַ ווערימדיגע פרנסה-זוכעריי.

מען בענשט. שאָטענס שאָקלען זיך. צעבראָכען דער קראַנץ. בערדיגע קעפּ רייסען זיך איינער פון צווייטען און קענען זיך ניט אָפּרייסען. זיי צערייסען און די פינסטערניש פאַרוועבט.

אורי בענשט אָפּ דער ערשטער, און גיט אַ פרעג ביים ברודער אין דער שטיל:

— נו?

דוכט זיך זשאָמען, אַז ער הערט אינם ברודערס פרעגעך אַ באַהאַלטענעם קוועטש פון אַ למדן, וואָס פרעגט, כּלומרשט, מבינות אויף תּורה ביי אַן עם־הארץ. ענטפערט ער איהם אָפּ אַ ביסעל ברוגזלעך:

– נו־נו.

מען שטעלט זיך דאַוונען מעריב אין דער פינסטער. אַן אַטלעסענער וואַלד שאָקעלט זיך, מיט שמויסענע אויבער־צוויי־גען... ס'איז גאָר ניט, זשאָמע, יענער מעריב, וואָס מען כאַפּט אָפּ, ווי אָפּגעקיהלטע מילכיגע לאָקשען, צווישען איין אָבלאַם טכוירען און צווייטען!... דאָס איז אַ פייערדיגער, אַ האַרציג־ברומענדיגער דאַוונען, ניט פאַר זיך אַליין... ס'איז אַ מעריב פאַר דער גאַנ־צער וועלט. מען איז מיט איהם מזכּה די גאַנצע שטאָט, וועלכע איילט זיך שוין אָנצוצינדען געלע פייערלעך אין מאַרק, ביי די אויפגעריגעלטע קרעמלעך, אַריינצוכאַפּען וואָס פריהער אַ גראָ־שען וואָכעדיגע לייזעכץ...

און איידער דער עולם חסידים האָט געענדיגט, האָט שוין דער שמש אָפּגעדאַוועט, און ער צינדט אָן דעם גרויסען הענג־לאָמפּ איבערן טיש. דער שיין פונם אָנגעצונדענעם נאַפט־קנויט רייסט זיך אַריין, ווי אַ געלער בליץ, אינם געהיימניספולען שוואַרצן שטיק פון די מתפּללים און צעררייסט איהם אויף באַ־זונדערע שאָטענס, אויף באַזונדערע אָנגעגאַרטעלטע חסידים מיט פאַרצאַפּעלטע אויגען, אונטער געדיכטע ברעמען. די איבערגע־בליבענע וואָכעדיגע נשמה איז נאָך פאַרשמאַכט. זי קען איך זיך, ווי אַ קראַנקע, אפילו דאָס ביסעל נאַפט־ליכט ניט אויפ־נעמען... פון דער פאַרבלענדעניש שווימען אַרויס פּאָליצעס מיט ספרים, בערד און שטריימלעך און שטוב־כּלים. און דער מורה־הוראה, וועלכער איז ווי נעלם געוואָרען נאָכן אָפּזאָגען תּורה, איז ווידער דאָ! פון די הויך־פאַרפלויגענע קבלה־פליגלען איז ער ווידער אַראָפּגעפאַלען, צו זיך אין שטוב אַריין. און אָט שטעהט ער דאָ און שמייכעלט, האַלב־וואָכעדיג, האַלב־שבתדיג, אונטער דער הויכער סייבעלנער שטריימעל. ער איז צוריק גע־וואָרען אַ מענש. אַ חסיד צווישען חסידים. נאָר דער שרעק און

אַנטציקונג פונם איבערגעלעבטען פליה אין די הויכע וועלטען, בלייכען זיך נאָך אויף זיין לאַנגען, אַ ביסעל מידען פּנים, און טריפען אַראָפּ אין זיין לאַנגער, גרויליך-ברוינער באָרד.

דער מורה-הוראה מאַכט הבדלה, און חסידים אַרום טוליען זיך צו איהם, און קוקען זיך אין די נעגעל אַריין. עס דאַכט זיך, אַז זיי בעטען זיך ביי איהם שטומערהייט, אַז ער זאָל זיי ניט אַזוי גיך פאַרלאָזען, ער זאָל זיי דערוואַרעמען. און ער, דער פרומסטער און בעסטער, טרייסט זיי מיטן פולען זילבערנעם בעכער, וואַרעמט זיי מיט דער הבדלה-שיין און שטאַרקט זיי מיט בשמים פון הדס. עפּעס גאָר-גאָר אַ געהויבענע הבדלה! דער מורה-הוראה מיט זיין סייבעלנעם שטריימעל איז מיט אַ קאָפּ העכער פאַר זיינע חסידים, און דער פלאַם פון דער גע-פלאָכטענער הבדלה-ליכט איז העכער פאַר זיין שטריימעל. ס'איז אַ גאַנצע טרעפּ פון פרומע קעפּ, פון רבנות און פון פייער... פונדעסטוועגען איז דער פלאַם פון דער הבדלה-ליכט ניט צו-פרידען מיט זיין העכסטער שטופע און צאַפּעלט זיך און רייסט זיך אַלץ העכער, נאָך העכער. דורכברענען די וואָכעדיגקייט וויל ער, אַריינשטייגען אין הימעל אַריין. דעם מורה-הוראהס הדס שטעהט דאָ אַן „אָפּגעשמעקטער” אויפן טיש. דאָס איז אַן אַלט זילבערנע נאַכט-פויגעל, מיט אַראָפּגעלאָזענע פליגלען און מיט לעכעלעך אין קאָפּ, פאַרן בשמים-ריח. זי קוקט אויף זשאָמען אַ ביסעל פאַרוואונדערט מיט איהרע פאַטשערקע-אויגען פון גרינעם גלאָז: „דו — דאָ?.. טאָ קוק ווי מען מאַכט „בורא מיני בשמים” אין אונזערע מקומות!..”

שטעהט זשאָמע פאַרטראַכט און באַצויבערט פון דעם דאָ-זיגען גרינעם קוק; און דער סוף-הבדלה גיסט זיך ווי אַ בוימעל איבער אַלעמענס קעפּ:

„געלויבט איז דער אויבערשטער, וועלכער טיילט אָפּ הייליגקייט פון וואָכעדיגקייט, ליכט פון פינסטערניש, אידען פון גוים”...

אוריס קול וועקט איהם אויף:

— אַ גוט וואָך, זשאָמע!

עס ווערט אַ הוזשעריי פון אַלע חסידים אויף איין מאָל:
„אַ גוט וואָך, אַ גוט יאָהר, אַ גוט יאָהר, אַ גוט וואָך". און דעם מורה-הוראהס ברכה ברומט נאָך וואָרעמער איבער אַלע חסידישע שטימען:

אַ גוטע וואָך, אידען! אַ פולע וואָך! אַ מזלדיגע וואָך! אַ וואָך פון ישועה, אידען, פון נחמה, פון פרנסה.

דער דאָזיגער וואָרעמער קול דערנעהנטערט זיך צו איהם אויך און ווינשעוועט איהם און זיין ברודער:

— אַ גוט וואָך, ר' אורי, אַ גוט וואָך, ר' זשאָמע!

זשאָמע ענטפערט אָפּ אַ ביסעל דערשראָקען און לאָזט אַראָפּ דעם שטאַרקען קאָפּ, ווי אַ בייק בשעת דער באַלעבאָס זיינער גלעט איהם מיט איין האַנט, און האַלט גרייט אַ שטריק מיט אַ יאָך אין דער צווייטער האַנט. ער איז דאַנקבאַר דעם מורה-הוראה פאַר אַזאַ כבוד און האָט מורא פאַר איהם.

געהענדיג צוריק אַהיים, איז זשאָמע כמורנע און שווייגט. איהם דאַכט זיך, אַז די גרינע כישוף-אויגען פון דעם זילבערנעם הדס-פויגעל קוקען אויף איהם פון דער נאַכט אַרויס. ער פיהלט זיך ווי אַ גרויסער שטיף-קינד אין דער חסידישער וועלט, אין דער גרויסער נאַכט. און דאָ געהט נאָך אורי ביי דער זייט און טענהט, אַז די תורה, וואָס דער מורה-הוראה האָט היינט געזאָגט, איז געוועזן עפּעס גאָר-גאָר געהויבען. וואָס הייסט געהויבען? הפלא ופלא!.. אָבער זשאָמע פיהלט, אַז אורי באַריהמט זיך מעהר, ווי ער האָט באמת פאַרשטאַנען. צי וויל ער דאָס ניט באַטראָפען זיינע למדנות אַנטקעגען איהם? ס'הייסט: „רייכער, זשאָמע, ביסטו טאַקע רייכער, אָבער חסידיש — לאָז מיך!.." דאָס הויבט אָן זשאָמען צו פאַרדריסען. ער דערפיהלט זיך נאָך עלענדער און פאַרלאָזענער אין דער וואָכעדיגער, האַרבסטיגער נאַסקייט פון דער גאַס. מאַכט ער צו אורין, מיט אַ באַהאַלטענעם צו-להכעיס געגעז ברודערס למדנות, געגען זיך אַליין:

— און ווער, זאָג מיר, איז דאָס „יודקע" און „וואָפּקע", וואָס דער מורה-הוראה האָט אַלץ איבערגעחזרט?

אורי דערשרעקט זיך פאַר זשאָמעס ווערטער. ער טרעט אָפּ פון איהם ווי פון אַ שיכּורן:

— דו ווייסט, וואָס דו רעדסט, זשאָמע? דאָס איז... דאָס איז...

— וואָס איז?

— דאָס איז דאָך דער שם־המפורש. מ'טאָר עס אַזוי... אַזוי ווי דו ניט אַרויסריידען.

— דער מורה־הוראה האָט דאָס הונדערט מאָל אַרויסגערעדט.

— פאַרשטעלטערהייט, און אָהן לצנות... דו!

— אָה,— מאַכט זשאָמע און ווערט רויט פאַר זיך, אין דער פייכטער טונקעלקייט פון דער נאַכט — ניט געדאַרפט מיך נעהמען אַהין. איך פּאַס דאָרטען ניט.

אורי שווייגט. פאַרטייטשט איהם זשאָמע זיין מיין:

— פאַרוואָס רעדט ער אַלץ אַזוי פאַרשטעלט, דער מורה־הוראה דיינער? תורה דאַרף זיין פאַר אַלעמען, ניט נאָר פאַר עטלעכע לומדים, בנים־יחידים. ווי, ווי... פאַרשטעהסט?

דערפיהלט אורי, אַז זשאָמע, זיין ברודער, איז געררייצט, ער איז אומגליקלעך נעבעך פון זיין אייגענער עם־הארצות. הויבט ער איהם אָן צו דערקלערען. אָבער זשאָמע שלאָגט איבער:

— יאָ, יאָ. נאָר... צו חסידיש געה איך ניט מעהר. ס'איז ניט פאַר מיר. אַ גוטע־וואָך, אורי!

II

## צווישען תהילים=זאָגער

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך זשאָמע געפיהלט אונטער אַ שווערער לאַסט פון שאָטענס, פון חסידיש, פון גאָטס פאַרשטעלטען נאָמען, פון הויכע שטריימלען און הבדלה-ליכט. ניט די ליבלעכע אויגלעך פון זיינע טעכטערלעך האָבען געקענט פאַרטרייבען דעם גרינעם קוק פונם זילבערנעם בשמים-פויגעל, ניט די שקאָצערייען פון איטזשיידזשעלען, זיין בן-יחיד, האָבען איהם געקענט צעשטרויען. עס האָט זיך איהם גענומען דוכטען, אַז דורך זיינע שטענדיגע עסקים מיט גויים און דורך האַרטער האָרעוואַניע, איז ער אַזוי פאַרלעדערט און פאַרגרעבט געוואָרען, אַז קיין ביסעל איידעלערע פרומקייט, קיין טראָפּען פיינערע אידישקייט קען איהם שוין מעהר ניט דורכנעמען. אַז די פרעמדע תורה מיט איהר תרגום-לשון דריקט איהם ווי אַ משא פון גאָלד ביזקעל דער ערד... קוים וואָס ער האָט זיך דערוואַרט אויף דעם צווייטען שבת פאַרנאַכט און גלייך נאָך שלש-סעודות איז ער אַוועק זוכען עולם-הבא אין אַן אַנדער אָרט. ער איז אַוועק זאָגען תהילים מיטן פּראָסטען עולם אין ליובאַוויטשער בית-מדרש. איטזשיידזשעלען, זיין בן-יחיד, האָט ער אויך מיטגענומען מיט זיך, כדי איהם זאָל זיין היימלעכער, און כדי די מצוה און די שמחה פון דער מצוה זאָלען זיין גרעסער. אויספּרובען זיך אַליין האָט ער געוואָלט, זעהן ווי וויט ער איז אַוועק

פון ריינער אידישקייט דורך זיינע גראָבע געשעפטען, דורך זיינע גויעשקע יאַרידען.

אַרום דעם לאַנגען טיש, ביי דער הייסער הרובע, זיצען שוין באַלמעלאָכעס און אָרעמע קרעמער און וואַרעמען זיך. מען גיט אָפּ זשאָמען און זיין בן־יחיד אַ בכבודיגען אָרט און מען וואַרט אויף עולם. זשאָמע דערפיהלט זיך גלייך היימיש. אַן אמתע פריינדלעכקייט נעמט איהם אַרום. ער זעהט, אַז דער פּראָסטער עולם איז שטאַרק צופרידען, וואָס אַזאַ נגיד, ווי זשאָמע, איז געקומען זאָגען תהילים מיט זיי צוזאַמען. מען פרעגט איהם מיט דרך־ארץ און ער דערצעהלט זיי פון פּאָניעס מדינות, פון טיף „ראַשעיע". פּאָסמאַקעוועט דער עולם די חידושים מיט די שפּיצען צינגער: „אַזוי גאָר? טצ... טצ... טצ..." קושע, דער אַלטער אונטער־שמש, צעטיילט דערווייל תהילימלעך. איין תהילימל אויף צוויי תהילים־זאָגער. זשאָמע מיט זיין בן־יחיד באַקומען אויך איין תהילימל. אַלעמען גלייך. ניטאָ קיין יחוס. נאָר פאַרן חזן לעגט מען אַוועק איין גאַנצען תהילימל. נאָר פאַר איהם אַליין. עס זאָל איהם זיין פרייער צו זאָגען מיטן גאַנצען עולם. האָרעפּאַשנע, רויטע, ביינערדיגע און פאַרמאָזאָליעטע הענט מישען איבער אַזוי צאַרט און מיט אַזוי פיעל רחמנות די שוואַכינקע אויסגעריבענע בלעטלעך פון די צוויי־קאָפּיקענע תהילימלעך. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס זיינען לעבעדיגע עופהלעך. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז די גראָבע פינגער ציילען פרעמדע אַנטליהענע פערעל, ניט זיי בלעטערען אָפּגענוצטע מאָכרעסדיגע בלעטלעך. אַזוי מישען די בלאַסע און רויטע קניפּעלדיגע פינגער ביז זיי שטעלען זיך אָפּ ביי „אשרי־תמימי־דרך" — קאַפּיטעל קי"ט.

אַצינד וואַרט מען אויף ר' יחיאל דעם חזן און בעל־קריאה, וועלכער וואוינט ווייט פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. נאָר — שאַ! אָט קומט ער אָן, אַ קורצער און אַ ברייטער, מיט אַ שטאַרק פאַרוויקעלטען האַלז, מיט אַ גרויסען מויל פון אַ לייב און מיט אַ קול פון אַ לייב. „אַ גוט־שבת, אידען!" — ברומט דער לייב גוטמוטיג. ער איז אָנגעזאַפּט מיט אַ היץ פון אַ גיכען און ווייטען גאַנג און מיט אַ פרעהלעכקייט פון טאָן אַ גרויסע מצוה מיט אַ גרויסען עולם.

און אָט די פרעהלעכקייט זעצט, דאַכט זיך, ווי אַ פּאַרע פון זיין שאָפּענעם קאָלנער, וואָס ער קנעפּעלט אָפּ, און זי בליצט פון זיינע בלויע, אַ ביסעל שטאַרע אויגען. מען באַפרייט איהם דעם בעסטען אָרט ביי דער הרובע און מען רוקט איהם אונטער זיין תהילימל, אויפגעמישט, ווי ביי אַלעמען, אויפן מזמור קי״ט.

יחיאל דער חזן דאַרף אָבער דעם תהילימל גאָרניט האָבען. ער האָט שוין אַזוי פיעל הונדערטער שבתים געזאָגט תהילים מיטן עולם, אַז ער געדענקט אויסווענדיג יעדען וואָרט. דער אויס־געחזרטער ספרל ליגט פאַר איהם אָפען אויף „טאָמער". טאָמער פאַרגעסט ער פּאָרט... נאָר ס׳האָט נאָך ניט געטראָפען, אַז יחיאל דער חזן זאָל פאַרגעסען אפילו איין איינציג וואָרט. פאַרוואַרפט ער די אָנגעפּרוירענע דלאָניעס אויף הינטען, צו די הייסע קאַכ־ליעס פון הרובע, און צעוויגט זיך און צעברומט זיך מיט זיין ווייכען לייבען־קול:

— אשרי תמימי־דרך, ההולכים בתורת ד׳!...

ער ברומט אָפּ זיין פּסוק מיט אַ פירפאַכיגען טריל אויפן „דרך", און חברה תהילים־זאָגער כאַפּען אונטער מיט אַ מין הייסען דורשט, פאַרשלינגען זינגענדיג און זופּענדיג דעם געזאָגטען פּסוק און נאָך אַ ווייטערדיגען פּסוק און בלייבען אַ רגע שטעהן. ביי דעם דריטען פּסוק שאַלט ווידער אויף ר׳ יחיאלס וואַרעמער ברוסט־קול און צעקייקעלט זיך פון תהילים־טיש, מיט דעם שטעה־לאָמפּ אין מיטען, וואָס ברענט נאָך פון ערב־שבת אָן... שלאָגט זיך אָפּ דער קול אָן האַלב־טונקעלען בעלעמער און הילכט צוריק פון טונקעלען ארון־קודש, וועלכער ווינקט פון דערווייטענס מיט איין בלוילעכען נר־התמיד פּייערל.

— אף לא פעלו ע־ע־ע־ולה, בדרכיו הלכו.

כאַפּט דער עולם ווידער אונטער דעם אָפּגעזונגענעם דריטען פּסוק און פאַרשלינגט איהם אין זיין אידישלעכען דורשט, איהם און אַ ווייטערדיגען פּסוק, און בלייבט ווידער שטעהן. ברומט אויף יחיאל דעם חזנס קול אין פינפטען פּסוק. און אַזוי ווייטער און ווייטער אין תהילימל אַריין. ר׳ יחיאל דונערט אָפּ מיט זיין ווייכען און האַרציגען קול, און דער עולם צערוישט זיך

ווי אַ דורשטיגער וואַלד אין שטורעם, ווען די פריהלינג-דונערן בלייבען אַ ווילע שטיל. אַזוי פלעכטען זיך די רוישיגע קולות פון עולם מיט ר׳ יחיאלס חזנישע און קורצע געזאַנגען. איין פסוק איבער צווי גערוישען. איין פסוק איבער צווי גערוישען.

די, פון חזן געזונגענע, פסוקים בליאַסקען, ווי גאָלדענע רייפעלעך אַרום צעשויבערטע פורפור-רויטע פרענז, מיט גלייכמאָסיגע, אָפּגעשטאַנענע „צווישענדלעך". יעטווידער פון די תהילים-זאָגער איז דער חזן און יעדערער איז דער כאָר. יעדער ברענגט נאָר אַריין איין טיילכעלע געזאַנג און יעדען געהערט די גאַנצע מצוה. איינער פאַר אַלעמען, אַלע פאַר איינעם. דעם חזנס ברום וואַרעמט זיי נאָר אונטער. „רעכט אַזוי, ליבע אידען!" — אַזוי מונטערט זיי, דאַכט זיך, ר׳ יחיאלס ניי-אויסגעזונגענער פסוק. און דער פשוטער ניגון פון גאַנצען עולם צעפלאַקערט זיך אַלץ העכער און הייסער

פעטער זשאָמע זאָגט-נאָך פרעהלעך די פסוקים. ער גיט דערביי אונטער חשק זיין פאַרפיעסטשעטען בן-יחידל, ער זאָל ניט קוקען אויפן באַלקען, ער זאָל פלייסיגער נאָכזאָגען. „נו-נו!" — טרייבט ער איהם אָן מיטן איילענבויגען, אַזוי ווי מען טרייבט אָן אַ צעשטרויעטען לאָשעקעל, און אַ וואַרעמע פרייד טאַנצט אין איהם. ער האָט געפונען זיין אָרט. ער האָט זיך דערגרונטעוועט ביזקעל זיין קוואַל... די שמאָלע אויגען עפענען זיך איהם ברייטער. אַ ליכט געהט אין איהם אויף מיט יעדען נייעם פסוק. פאַרגעסענע טייטש-ווערטער פון חדר שפּרינגען ווי פייערלעך איבער די שורות:

— עשה עם עבדך... טו מיט דיין קנעכט לויט דעם גנאָד און דיינע געזעצען מעגסטו מיך לערנען...

אַזוי דרעהען זיך, די, צווישען חזן און עולם געוואָרפענע, פסוקים. זיי לייטערען זיך אין די הערצער, זיי קייקלען זיך פון די פלייסיגע צינגער. דער חזן וואַרפט, דאַכט זיך, אַ גאָלדענע פּילקע און זי צעשיט זיך, צווישען עולם, אין אַ סך, אַ סך גאָלדענע קלינגענדיגע קייקעלעך און טאַנצענדיגע שרע-

טעלעך. און זשאָמע, פון ניט-גענייטקייט, לויפט זיי נאָך און קען זיי אַלעמען ניט דערגרייכן...

דער איינציגער, וועלכער קלעפּט זיך ניט, מיט זיין ברודנעם קולכעל, צום גאַנצען תהילים-געזאַנג, איז זימעל דער פּאַקענטרעגער. זיין פאַרשאַכערטער, פאַרזופּטער און גאָרגעלדי-גער קולכעלע זוכט זיין תיקון צווישען די שבתדיגע אידישע קולכער, און קען איהם ניט געפינען. וואָכעדיג און ברודנע, ווי אַ רינשטאָק, קייקעלט זיך זיין געזאַנגעל און קען זיך מיטן קלאָרען מוצאי-שבתדיגען תהילים-זאָגען ניט צוזאַמענגיסען. דער לייבען-ברום פונם חזן באַזונדער, דער ברייטער גערויש פונם עולם באַזונדער. און זימעל דעם פּאַקענטרעגערס תהילים-זאָגען — באַזונדער.

ניט אַנדערש — אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט. וואָרים אַ גאַנצע וואָך שטעהט ער, אָט דער זימעל פּאַקענטרעגער, ביי זיינע ספּרימלעך, ביי דעמזעלבען לאַנגען טיש, וואו עס ווערט אַצינד געזאָגט תהילים. ער שטעהט לעבען זיינע צו-לייגטע ספּרימלעך, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, און דאַוועט און האַנדעלט אין איין אָטהעם. דאָס דאַווענען בלעזעלט זיך ביי איהם אין האַלז, גיך-גיך, ווי אַ ברודיג געקעכצעל, וואָס אָט-אָט לויפט עס אַריבער איבערן טעפּעל: „ברוך שאמר והיה העולם... כיל-כיל-כיל-כיל..." אין העלזעלע פּרעגעלט זיך, די ליפּעלעך מיט די שיטערע וואָנסעלעך פּאַטשען זיך, און די דוויטע אויגען מיט די אויסגעקראָכענע ברעמען לויפען אַרום, זעהען-צו צי אינגלעך-שקצים גנבענען ביי איהם ניט קיין בענ-שערלעך. און אין דער זעלבער צייט ענטפערט ער אָפּ קורץ און האַסטיג זיינע קונים. גיט אַ טאַפּ דעם „של ראש", אַ טאַפּ דעם „של יד", אַ טאַפּ דעם אויסגעפלאָכטענעם „יוד" פון רצועות אויפן פינגער, אַ קוש צום מויל, אַ בראָק עברי, אַ געשריי אויף אַ אינגעל, און אַ זאָג אַ מקח. אַלץ צוזאַמען: ממ...כיל-כיל-כיל בשבחות ובזמירות נגדלך... דריי קאָפּיקעס! כיל-כיל-כיל... שייגאָץ! לעג אַוועק! כיל-כיל-כיל, מ׳נאַם-נאַם-נאַם... אַ בענשערעל? צוויי קאָפּיקעס! יהי כבוד ד׳ לעולם... טשעפּע

ניט! כיל-כיל-כיל... „עזריאל מיטן בער״? דריי קאָפּיקעס. כיל-כיל-כיל... נו-אָה!

אָט אַזוי מישט ער שטענדיג תּפילה מיט מסחר און עולם-הבא מיט עולם-הזה, דער רירעוודיגער פּאַקענטרעגער. דערפאַר איז אויף איהם נגזר געוואָרען, אַז אויך שבת זאָל ער ניט קענען אָפּטיילען די וואָכעדיגקייט פון דער הייליגקייט, די אומרוהיגקייט פון דער שבתדיגער רוה. אָט זיצט ער, דאַכט זיך, מיט אַלעמען גלייך, זאָגט תּהילים מיטן גאַנצען עולם. אָבער די וואָכעדיגע קליפּה קאָכט אין זיין אומרוהיגען ברודיגען קולכעל. און די אויגעלעך לויפען איהם אַרום מיט פאַרדאַכט פון איין אינגעל צום צווייטען און שטעלען זיך אָפּ מיט פינסטערער שנאה אויף זשאָמעס בן-יחידל... עס דאַכט זיך איהם אַלץ, זימלען, אַז מען גנבעט ביי איהם ספרימלעך, אַז באַלעבאַטים טאַפּען צו פיעל זיינע בענשערלעך און קויפען ניט... בראָקט ער תּהילים ווי אַ פאַריאָגטער און אַ פאַרפאָלג-טער, מיט זיין בלעזעלדיגען גאָרגעלדיגען קולכעל. וואַרפט זיך אויף רעכטס און וואַרפט זיך אויף לינקס, אויף פאָרענט און אויף הינטען, און קען ניט איינזיצען און ניט אויסזינגען, ניט הנאה האָבען פון אַ פּסוק ביזקעל סוף. אַלע פּסוקים זיינען פאַרשלונגען לעבעדיגערהייט, געכאַפּט און ניט דערכאַפּט. האַלב דערשטיקטע צאַפּלען זיי זיך נאָך אין זיין דאַרען זשעדנעם האַלז. אָדער ער יאָגט אַריבער יחיאל דעם חזן, אָדער ער דעריאָגט איהם ניט. און עס טרעפט, אַז גאָר אין מיטען דריי-נען, פון זיין געוואוינהייט אומדערוואָכען, שרייט ער אָן, אין אַ מיטען פּסוק, אויף אַ אינגעל, וואָס זיצט ניט ווייט פון איהם און זאָגט תּהילים מיט זיין טאַטען: „יונגאַץ!..״ ער פאַר-כאַפּט זיך אָבער גלייך און גאָרגעלט ווייטער, פונקט ווי ער וואָלט געשווענקט דאָס אומריינע האַלז מיט זאַלץ-וואַסער:

— כיל-כיל-כיל-כיל...

זשאָמע הערט צו מיט איין אויער זימעל דעם פּאַקענטרע-גערס קולכעל, כאַפּט אַ קוק אויף זיין וואָכעדיגער צעטראָגענקייט און איהם דוכט זיך, אַז פונקט אַזוי האָט ער אַליין זיך שלעכט

געקלעפּט, פאַראַכטאָגען שבת, מיטן חסידישען עולם ביים מורה-הוראה אין שטוב... אָט זימעל, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, איז נאָך אַ נידעריגערע מדרגה. ער קען זיך אַפילו צו די פּראָסט-אידישלעכע תהילים-זאָגער ניט צוקלעפּען. געלויבט דער אויבער-שטער! צו אַזאַ מדרגה איז ער, זשאַמע, נאָך ניט דערגאַנגען. ער פאַרשמעלצט זיך גוט מיט חברה-תהילים, ער האָט דעם כּוח אויס-צוטהאָן זיך אינגאַנצען פון דער וואָכעדיגקייט, פאַרוועבען זיין לייב און זעל מיט אַלעמען, מיט אַלעמען. זימעל, נעבעך, זימעל דער פּאַקענטרעגער איז דער איינציגער, וועלכער שטערט אַביסעל די גאַנצקייט, פלאָנטערט דעם צוזאַמענקלאַנג צווישען חזן און עולם און וויל אויך איהם, זשאַמען, אָפּרייסען פון גאַנצען, אָפּ-רייסען און צעטומלען...

שטרענגט זשאַמע אָן אַלע זיינע כּוחות צו האַלטען זיך אין גלייכגעוויכט, צוזאַמען מיטן חזן און עולם. דער כאָר פון די תהילים-זאָגער צעברענט זיך אַלץ מעהרער. און מיט גאָטס הילף און מיט פאַראייניגטע כּוחות, איז מען גובר די וואָכעדיגקייט פון זימעלס קולכעל. זימעל בלייבט הינטערשטעליג. און די וואַרימע האַרציגקייט פון עולם פאַרשלינגט די קאַלט-בלעזעלדיגע ביטער-ניש פון פּרנסה.

און אָט רוקען זיך אונטער די „שיר-המעלותן" מיט זייערע זילבערנע גלעקלעך, און די „הללויהס" מיט די גאָלדענע טאַצען. אויף די טרעפּ פון בית המקדש שטעהען לויים אין בלויע גע-פּאַסקעטע טליתים און קלאַפּען אין כלערליי כּלי-זמר. דער איפוד פון כּהן-גדול קלינגט מיט זיינע גאָלדענע בלעכלעך. דער אורים-ותומים קליננפּערט. אַלע תהילים-זאָגער פון ליובאַוויטשער בית-מדרש, מיט יחיאל דעם חזן, שטעהען דערביי און העלפען זינגען... נאָר איין זימעל-פּאַקענטרעגער שלאָגט זיך קאָפּ אָן טויער און בעט זיך און כניקעט און קען ניט אַריינגעהן...

צום סוף צעלאָזט זיך אַ פרעהלעכע בראַזגעריי פון זיל-בערנע צימבלען, פון האָפנונג און נצחון:

— לויבט איהם מיט פייפעל און האַרפּע! — ברומט יחיאל דער חזן.

— לויבט איהם מיט פייקלעך און טענץ! — ענטפערט דער עולם.

— לויבט איהם מיט צימבלען, וואָס קלאַפּען!

— לויבט איהם מיט צימבלען, וואָס שאַלען!

— הללוי—ה!

אָט אַזוי פאַרענדיגט זיך דאָס תהילים-זאָגען, אין העכסטען עקסטאַז, אין איין צוזאַמענגיסונג פון חזן און קהל, פון אַמאָליגע כלי-זמר אין בית-המקדש און פון קומענדיגע כלי-זמר, אם-ירצה-שם, אַז משיח וועט קומען...

קומט זשאַמע אַהיים, נאָך מעריב, אַ גליקלעכער, אַ צופרי-דענער. ער האָט אָנגעטאַפּט אין בית-המדרש זיין וואָרצעל. צווישען די באַלמעלאָכעס און פראָסטען עולם האָט ער איהם גע-פונען. זאָל זיך זיין ברודער דער למדן געהן געזונטערהייט צו זיינע חסידים. ס'איז אַ גרויסע עולם-הבא, אַ שעהנע עולם-הבא פאַר אויסדערוועהלטע. אָבער זיין עולם-הבא, ניט קיין ערגערע חס-ושלום, זשאַמע דעם סקאָרניאַקס עולם-הבא, שטעקט אָט דאָ, אָט דאָ, צווישען די פּשוטע תהילים-זאָגער! נאָר דאָ.

# ביבעל־קריטיק

דאָס געשמאַקע תהילים־זאָגען מיטן פּראָסטען עולם צוזאַמען פּאַסמאַקעוועט זיך פעטער זשאָמען אַזוי, אַז ער הויבט אָן זוכען דעם זעלבען גענוס אין אַנדערע מצוות, אין אַנדערע עולם־הבאס.

קודם כל פאַרנעהמט ער זיך אויף מעביר זיין די סדרה אַלע פרייטאָג פאַר ליכט־בענשען. די טראָפּ געדענקט ער נאָך פון די אַמאָליגע יאָהרען, ווען דער טאַטע ר׳ חיים האָט נאָך געלעבט, פון די חדר־יאָהרען...

ער האָט אַפילו פאַרזוכט צו זאָגען תרגום אויך, נאָר דער האַרבער אונקלוס־לשון האָט איהם אָפּגעשראָקען ווי טערקיש. ס׳האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז אַ ניקאָלאַיעווער גע־קרימט איבער לשון־קודש... האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „זאָל שוין בעסער אורי דער למדן בראָקען תרגום! און איך, אַ פּראָסטער חי־וקים, וועל מיר בלייבען ביים פּסוק מיט טראָפּ...״

נאָר שוין באַלד נאָכן ערשטען מאָל מעביר זיין די סדרה, איינער אַליין, האָט ער דערפיהלט, אַז ס׳איז גאָרניט דער זעלבער פאַרגעניגען ווי זאָגען תהילים מיטן עולם. דאָרטען, אין בית־מדרש, טראָגט איהם דער קהלישער כוח, די כוואַליע פון חברהשען ניגון. און דאָ, אין שטוב, איז ער אָנגעוויזען אויף אייגענער קענטעניש. ער מוז דרעהען די טראָפּ אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איז עס שווערער און נודנער. ס׳איז ווי־

פראווען חזניש פאר בלויזע פיר ווענט, פאר מיכליען און פאר דער דינסטמיידעל. און גאט זאל ניט שטראפען! אביסעל איז מען מיט דער צייט געווארען טעמפלעך אויף עברי, א קאפעלע ווערט מען געשטרויכעלט אין דער נגינה. מוז מען אמאל אראפ-שלינגען א האלב פארגעסענעם טראפ, ווי א ניט דערבאקטע קארטאפליע.

בלייבט מיכליע שטעהן אין קאן-שטוב מיט דעם האק-מעסער אין האנט, איבער א ערב-שבתדיגע געפילעכץ. אויב זי האט ניט קיין טעות, דראפעט זיך איהר זשאמע אויף די גלייכע ווענט, הא?... און באלד פארהאקט זי מיט א דאפעלטען פלייס דעם מאנס ניט-געלונגענע טראפ אין די געפילטע פיש אריין. זי וועט שוין בעסער ניט הערען. נאר זשאמע דערשפירט פאר-וואס זיין פלוניתטע איז געבליבען שטעהן אין מיטען האקען די פיש און פארוואס זי פארשלייערט אצינד אזוי פלייסיג זיין נגינה. פארדריסט עס איהם.

איז ער זיך מישב און נעהמט צו הילף, ביי א צווייטען מאל מעביר זיי די סדרה, איטשייזשעלען, זיין צוועלף-יאהריגען בן-יחיד. נישקשה, ער מעג העלפען דעם טאטען שלעפען דעם וואגען פון דער פרשה: „וויא, וויא, בחור!...”

אבער איטשייזשעלע איז א צעלאזענער, א צעפיעסטשעטער בחורל. פרייטאג נאכן חדר לויפט ער גאר נאך טייבעלעך; ער איז פארקאכט אין טייבעלעך, ווי דער טאטע זיינער אין דער נייער מצוה, וואס ער האט זיך אויסגעזוכט. ער איז פאר-פלאמט פון זייער ווארקען, פון זייערע גרין-גאלדיגע העלזער, פון זייער חנעוודיגען אויפפליהען, וועלכע הערט זיך אן ווי א קושעריי... און דא שלעפט מען איהם גאר אריין אין א סדרה-טראפ, וואס ער האט שוין היינט איין מאל אפגעזונגען אין חדר מיטן רבין. און ווער? דער טאטע זיינער אליין. שפארט ער זיך איין ווי א לאשעק און בריקעט זיך.

— זאג, מיין זוהן, — בעט זיך ביי איהם זשאמע, — זאג איבער נאך אמאל. ס'וועט דיר גארנישט ניט פארשאדען. זאג-זשע: אלה תולדות נח.

בורטשעט איטשייזשעלע אָפּ דעם „אלה תולדות נחַ״, אָהן טעם און אָהן ריח. און ווי עס קומט צום צווייטען נח, צום נח מיטן „רביעי״, וואָס מען מוז קונציג אויסציקלען, בלייבט איטשייזשעלע ווייטער שטעהן און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי אַ יונגער צאַפּ, וואָס גרייט זיך בוקען מיט די הערנער.

בעט זיך ביי איהם זשאָמע:

— זאָג־זשע, מיין זוהן: נ—יי—איי— איי—ח!

פּאָנפעט אָבער איטשייזשעלע אָפּ קורץ און טרוקען, גלאַט אַזוי פון יוצא וועגען:

— נ... נחַ.

ווערט שוין זשאָמע אין כעס פאַר נחס פאַרשוועכטען כבוד, פאַר דעם געקירצטען „רביעי״ און זעצט זיך אָן אויף זיין בן־יחיד אַביסעל האַרטער:

— הכלל, מיין אתרוגל, זאָלסט מיר זאָגען... אָט גלייך זאָלסטו מיר זאָגען: נ יי—איי—איי—ח!

— זעה, זעה... מאַמע!... — פּיעסצעט זיך איטשייזשע־לע, —... ניי — ח!

פאַרריכט איהם שוין זשאָמע מיט פאַרשטשירעטע צייהן, מיטן ניגון פון דער סדרה און צום גראַם:

— איטשייזשע, איך וועל דיר באַלד שפּאַלטען דעם מיי— איי—איי—אַך! *)

לאָזט דער בן־יחיד אַראָפּ דעם פאַרעקשנטען קאָפּ און צעכניקעט זיך ווי אַ דרדקי אינגעלע:

— זעה, זעה, מאַמע — מאַמע!

לויפט אָן פון קיך די געטרייע מאַמע, מיכליע, מיט איהר האַק־מע־סער, און ראַטעוועט „דאָס קינד״ פון טאַטענס הענט און פון דער סדרה:

— לאָז דאָס קינד שפּילען, אַז סע שפּילט. ער האָט דאָך שוין היינט געזאָגט די סדרה, האָט ער דאָך...

זעהט זשאָמע, אַז ער וועט דאָ שלעכט אָפּשניידען. וואָרים, אַז מיכליע גיט זיך אַ נעהם צו באַשיצען איהר בן־יחיד, איז

---

*) דעם מוח

זי בייסיג ווי אַ ביהן און געפּעהרלעך ווי אַ צערייצטע קאַץ. זי קען איהם נאָך דערצעהלען אַ מעשה, אַז זי ווייסט צוליב וואָס ער מוז האָבען אַ „באַהעלפער״... מאַכט ער בעסער דער־פון אַ קאַטאָוועס און זינגט נאָך מיכליען מיט איהר געראָטענעם בן־יחיד, מיטן זעלבען טראָפּ פון נחן:

— מיכליע, פון דיין תכשיט קען מען בלייבען אָהן קיי—איי—אַך! *)

בלייבט ער אויג אויף אויג מיטן חומש און מוז שוין איינער אַליין מעביר זיין די סדרה. ער זאָגט די טראָפּ פאַר זיך און מיט אַ דערשטיקטער נגינה. ניטאָ, ניטאָ יענער טעם, וואָס ער זוכט אין מצוות. שלעכט צו זיין אַ פּראָסטער חי־וקים און גלוסטען עולם־הבא! נאָר אין מיטען טאָר מען אויך ניט בלייבען שטעהן, ניין.

— אַי־אַי־אַי, ותשחת הארץ לפני האלהים ותמלא...

כדי צו טרייסטען זיך אַביסעל כאַפּט זשאָמע אַ קוק אין עברי־טייטש, צווישען פּסוק און פּסוק, און זעהט מיט פרייד, אַז סע טייטשט זיך, קיין עין־הרע, גאָר נישקשה. עס קלעפּען זיך צו־זאַמען ווערטער, עס שטעלען זיך צוזאַמען שורות, עס וואַקסען אויס בילדער. די באַקאַנטע האַלב־פאַרגעסענע מעשיות ווערען בולט און פול. זיי גיסען זיך, דאַכט זיך, אָן מיט בלוט, לעבען אָפּ. אָט קריכט נח אין קאַסטען מיט זיין הויז־געזינד. שווימט אין מבול... און אָט שיקט ער אַרויס די טויב זיינע זעהן, צי דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלען. און אָט האָט זיך די קאַסטען גע־זעצט אויף אַ „מיעל״, אויף די בערג פון אררט, און נח מיט דער משפחה קריכען צוריק אויף דער בלאָטיגער האַלב־אויסגע־טריקענטער שטיקעל ערד, און נאָך איהם — אויסגעהונגערטע און אויסגעמאָגערטע — לייבען און עקדישען און קעץ, און פלערליי מיני חיות. אַ רחמנות אַ קוק צו טאָן אויף די ציגען און בהמות: איינגעפאַלענע זייטען און דינע פיס... נאָר קודם כל נעהמט דער צדיק נח און קוילעט אַוועק שעהנע עטלעכע פּאָרלעך פון

*) אָהן כוח

די כּשרע בּהמות, קרבּנות צו גאָט. ער לאָזט אַפילו ניט, זיי זאָ־
לען זיך אַביסעל אַ פּאַשע טאָן פאַר אַזאַ אָנגענעהמען טויט.
דער רבונו־של־עולם איז בילכער. פאַר די שעהנע עטלעכע
חדשים מבול האָט ער זיך, כּביכול, אַליין אויסגעהונגערט. רוי־
כערט צו איהם דער ערשטער מזבח אין די בערג פון ארדט.
עס פרעגלען זיך אויפן פייער די מאָגערע שטיקער פליייש.

—און גאָט — פאַרטייטשט זשאָמע — האָט געטאָן שמע־
קען דעם ריח־נחוח. און גאָט האָט געזאָגט צו זיך: איך וועל
מעהר ניט פאַרשילטען די ערד צוליב דעם מענשען...

דערוואַרימט מיטן ברומענדיגען ניגון פון די טראָפּ באַקו־
מען נאָך די ווערטער און בילדער אַ טיפערען זין. עס זינגט
זיך און עס טייטשט זיך. דאָס געמיש פון גוטמוטיגקייט און
פּראָסטקייט, פון זעלנערישע גראָדקייט און סוחרישע שפּיציגקייט
פאַרשאַרפט נאָך זשאָמעס חוש צו אָט די אַלע מעשיות, וואָס
זיינען פון אויבען פאַרדעקט מיט אַ שלייערעל פון קדושה און
פאַרשמירט מיט האָניג און פאַרלעקט ווי חלה מיט איי. ער גיט
אַ קנייטש זיין קודלאַטען האַרטען שטערען און דערהערט גאָר
מאָדנע טענער, נייע קלאַנגען. זיינע שמאָלע, פאַרשענדיגע אויגען
דערזעהן עפּעס גאָר נייע שאַטירונגען אויף די אַלטע פאַרבען,
וואָס דער רבּי האָט איהם אַמאָל אָנגעשמירט אויף זיין זכרון,
מיט פּעטש און מיט רש״י, מיט טייטשווערטער און מיט צע־
פּאָכעטע לעדערנע „לאָקשען”.

און איינמאָל ביים מעביר זיין אַזוי די סדרה, מיט טראָפּ
און מיט טייטש, האָט זיך זשאָמע מעהר ניט געקענט איינהאַל־
טען. אַ פרעהלעך פייערעל האָט זיך צעטאַנצט אין זיין האַרטען
פאַרהאָרעוועטען שאַרבען.

— קום נאָר אַהער, מיכליע, מיין ווייב, — האָט ער אויס־
געררופען, רייבענדיג זיך די הענט, ווי אַ מענש, וואָס האָט
אָקאָרשט געפונען אַ מציאה. — אָה, דו ביסט דאָ? איז הערסטו
דאָך: „ויעקב איש תם יושב אהלים...” יעקב־אבינו איז געווען
אַ מענש אַ תּם. געזעסען אין געצעלטען... אַ תּם! העז אַ תּם!
לאה מיט שוואַכע אויגען — ער נעהמט! רחל — אַ קראַסאַוויצע —

ער נעהמט. זלפה אַ דינסט איז אויך רעכט — ער נעהמט! בלהה — נאָך אַ מויד — ער נעהמט. נישקשה פון אַ פּאָרציע ווייבער! און איז אַ מענש אַ תם.

— זשאָמע! — צעפינטעלט זיך מיכליע מיט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגען.

— כאַפּ ניט! — מאַכט זיך זשאָמע, ווי ער וואָלט גאָר־נישט פאַרשטאַנען וואָס מיכליע מיינט. — וואָס „זשאָמעסטו", וואָס? הער ווייטער!

— עקודים — געפּיסעלטע שעפּסען — ער נעהמט. נקודים — געפינטעלטע — ער נעהמט, וטלואים — געלאַטעטע — ער נעהמט; קיין עין־הרע! ער האַלט איין נעהמען, און איז אַלץ אַ תם ,זיצט אין געצעלטען. אַ נייער תם פון דער הגדה!

— זשאָמע! — צעשרייט זיך שוין מיכליע הויך אויפן קול.

— שריי ניט! — ענטפערט איהר אָפּ זשאָמע גאַנץ רוהיג און פאַרקרימט אַ לצעוודיגע מינע. — וואָס שרייסטו, וואָס? איך בין נאָך ניט פאַרטיג. הער אַביסעלע ווייטער: ויהי לו... שפחות — דינסטען — ער נעהמט; עבדים — קנעכט — ער נעהמט; קעמלען — ער נעהמט; אייזלען — ער נעהמט... לבן, זיין פעטער, ביי וועמען ער נעהמט דאָס אַלץ אַוועק, איז אַ רמאי, אַ גנב, אַ גוי, זאָגט ער; און יענקעלע, דער נעהמער, איז אַ תם, זיצט אין געצעלטען... און טאָמער וועניג, הויבט ער זיך אויף און מאַכט אַ ויברח מיט קינד און קייט אויף די קעמלען. און רחלע, זיין אשת־חיל, לקחענט נאָך דעם טאַטענס אָפּגעטער, די געטשקעס, הייסט עס, וואָס לבן האָט זיך אָנגעגרייט אויף דער עלטער. היינט וואָס טויג מיר, וואָס ר' יעקב זיצט אין געצעלטען, אַז ער קען די מלאכה בעסער פאַר לבן דעם ארמי. נישקשה פון אַ תם! שעהן וואָלט איך אויסגעזעהן מיט מיינע טכוירען, ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ תם פאַר אַ שותף.

מיכליע הערט אויס אַ באַטויבטע זשאָמעס דרשה. פון איהר איז געוואָרען, ווי פון לוטס ווייב, אַ שטיק זאַלץ... לסוף רעדט זי קוים אַרויס מיט טרוקענע ליפען:

— אפשר וועסטו שוין פאַרמאַכען דיין מויל. אָט אַזוי לאַכט

דאָס אָפּ אַ טאַטע פון קינדער פון דער סדרה און פון יעקב־אבינו ?

— וואו לאַך איך אָפּ ? אידענע ! — וואונדערט זיך זשאָמע. ער פאַרשטעהט כלומרשט ניט וואָס זי מיינט. און פלוצלינג צעשמיי־כעלט ער זיך גוטמוטיג און כיטרע : — גאָט איז מיט דיר, מיכליע מיין ווייב ! אדרבא. אָט דאָס זאָג איך דאָך. אַ מזיק אַ איד — פאָטער יעקב. אַ פקח, אַ סוחר פון סוחרים־לאַנד. נאָר פאַרוואָס וויל מען פון איהם דאָ מאַכען אַ תּם, אַ לעקיש. דער תּם פון דער הגדה, וואָס שטעהט אָנגעשפּאַרט אויף אַ פלאָקען, זעהט אויס, זאָג איך דיר, אַנדערש. עפּעס גאָר אַנדערש...

און זשאָמע נעהמט זיך ברומען די טראָפּ פון דער סדרה מיט גאָר אַ נייער פרישקייט. אַביסעל האָט ער טאַקע מורא פאַר די אבות און פאַר זייער כבוד. נאָר די פרייד פון דער אַנטדע־קונג, וואָס ער האָט געמאַכט אין חומש, איז שטאַרקער. זי באַ־לייכט איהם מיט אַ העלען שיין דעם ווייטערדיגען וועג זיינעם, אין דער סדרה פון דער היינטיגער וואָך און פון שפּעטערע וואָכען. נאָר מיט מיכליען האָט ער שוין מורא צו טיילען זיך. צוליב וואָס זאָל ער איהר אָפּעסען דאָס האַרץ, דער אידענע זיינער ? און ניט אַלע מאָל האָט ער די נויטיגע ווערטער. עס קומט ביי איהם אַרויס האַמעטנע, גראָבלעך. ניט אַזוי וויל ער גאָר זאָגען, נאָר עס זאָגט זיך אַרויס. שווייגט ער בעסער, טייטשט פאַר זיך די פסוקים און טראַכט וואָס ער טראַכט.

נאָר פאַר פורים, ווען ער האָט פאַר זיך געברומט די שעהנע טראָפּ פון דער מגילה און געקוקט אויף די טייטש־ווער־טער, האָט ער זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען. ער איז אַריין אין רציחה אויף אַחשורושן און אַרויסגערופען מיכליען פון קאָכשטוב, זי זאָל אויסהערען זיין טענה:

— דו הערסט דאָך, מיכליע ! „עד חצי המלכות ותנתן...” ביז אַ האַלבער מלוכה וועט דיר געגעבען ווערען. וואָס זאָגסטו אויפן פּיאַניצע, אויף דעם אַחשורושקען ? ער וואַרפט זיך גאָר אַרום מיט האַלבע מלוכות. ווי נאָר אַ האָר — ערשט אַהאַ — ער שענקט שוין אַ האַלבע מלוכה ! ווי נאָר אסתּר „די גרינע” שטעקט אַריין דעם נאָז אין הויף אַריין — נאַ דיר אַ האַלבע

מלוכה! וואָס איז! וואָס זאָל ער זשאַלעווען? ער האָט דאָך עפּעס הונדערט מיט זיבען און צוואַנציג מדינות. קנאַפּ וועט איהם בלייבען, דעם שיכּור?... און אפשר... אפשר קען גאָר זיין, אַז ער האָט פאַרשטאַנען אַן עסק. דאַכט זיך אַ פּיאַניצע? און פאַרשטעהט אַן עסק...

— מיט אַחשורושן האָסטו שוין אויך עסקים? — בייזערט זיך מיכליע — פון אַחשורושן איז ביי דיר שוין געוואָרען — אחשורושקע?

— פאַרשטעהסטו מיך, — גיט איהר זשאָמע צו פאַר־שטעהן, — אַחשורושקע, דער שיכּור, האָט דאָך געקיניגט פון „הודו" ביז „כּוש"... איז די האַלבע מלוכה מיט „הודו" האָט ער אַפּנים געלאָזען פאַר זיך און די אַנדער האַלבע מיטן „קוש"— פאַרן צווייטען... טצ, טצ!... איצטער פאַרשטעה איך שוין!

— אפשר וועסטו שוין פאַרמאַכען דעם מויל דיינעם, דעם סקאָרניאַצקען — צעשרייט זיך מיכליע גאָרניט אויף קאַטאָ־וועס, — אַ טאַטע פון קינדער לאַכט אָפּ פון דער מגילה! אורי זאָל דאָס דערהערען!...

דאָ שטעהט שוין זשאָמע אויף. די ווייבערשע יענטעוואַטע טענה פאַרדריסט איהם. און וואָס שרעקט זי איהם עפּעס מיט אורין?

— הער נאָר, — מאַכט ער גאַנץ טרוקען, — הער נאָר, מיכליע, מילא אַז דו שטעלסט זיך איין פאַר יעקבן און פאַר זיינע שעפּסען און פאַר זיין באַלעבאַטישקייט איז ער דאָך עפּעס יעקב־אָבינו! אָבער וואָס שטעלסטו זיך פלוצלינג איין פאַר אַ גוי אַ פּיאַניצע? פאַר אַחשורושן?... וואָס פאַר אַ מחותּן ביסטו מיט איהם? געה שוין, געה! באַק שוין בעסער דיינע המן־טאַשען!

# ער האָט פײַנט הינטישע שטיק

## 1. אַ שנאָרער

דער געזונטער חוש פֿון אַ האָראָפּאַשניק, וואָס ווייס גוט דעם ווערט פֿון התמדה און אַרבייט, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע הענט אַ סך, אַ סך אומריינע פּעלכעלעך דורכגעגערבט ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבייט, אָט דער דאָזיגער חוש האָט ביי פּעטער זשאָמען פֿאַרשאַרפט דאָס אויג און פֿאַרשפּיצט די נאָז בנוגע צו שנאָרער אין זיידענע קאַפּאָטקעלעך, צו ברוגזדיגע שלעפער מיט פרענזעוואַטע גאַרטעלעך. אָנקוקען האָט ער ניט געקענט משולחים מיט אויסגעפּאַשעטע פּנימל׳ך, „אָפּגעברענטע" אידעלעך מיט פּעטינקע אויגעלעך און מיט אַ כתב פֿון רבנים אין די אויסגעכאָליעטע הענט. ווי אַ יעגער=הונט דערשפּירט אַ האָז, אַזוי פלעגט ער אַזעלכענע חברה=לייט דערשפּירען פֿון דער=ווייטענס. גראָד דאָרטען וואו פּעטער אורי, דער חסיד און למדן, פלעגט אַרויסווייזען זיין נגידישקייט און זיין אידישע רחמנות, פלעגט זשאָמע האַרט פֿאַרמאַכען זיין אויסגעהאָרעוועטע האַנט, דערשטיקען זיין געבוירענע גוטמוטיגקייט און מיט אַ מין אַרויס=פאָדערונג פֿאַרציהען דעם מלאכה=פאַרטוך איבער זיין בוזעם=קעשענע:

— געהט געזונטערהייט!

ניטאָ!

— ניט חולה צו אַרבייטען!

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז זשאַמע איז אַ קמצן. פאַר־קעהרט, שטילערהייט גיט ער מיט דער פולער האַנט. אין אַלע שטאָטישע חברות איז ער דער ערשטער געבער. און דאַרף מען אַ נייעם הענגלייכטער אין ליובאַוויטשען בית־מדרש — זשאַמע. דאַרף מען העלפען אַ אידען, אַ יורד, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, ער זאָל צוריק עפּענען זיין קראָם — זשאַמע. ווער שיקט ערב יום־טוב דעם מורה־הוראה די שעהנסטע מתּנה? — זשאַמע. ווער איז מכבד פורים־שפּילער צו דער סעודה מיט גוטען בראַנפען און מיט זילבערנע „גריוונעס" אויף יעדען פאַר־שוין — זשאַמע. נאָר ער האָט זיך זיינע משוגעתן. וואַרפט ער אַן אומחן אויף אַ „נעמער", העלפט אַפילו ניט מומע־מיכליעס אַריינמישען זיך. און זעלטען ווען ער האָט אַ טעות.

איינמאָל איז איהם אַ קבצן אין אַ קאַפּעליושעל נאָכגע־לאָפען ביזקעל שלאָפצימער. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַנטשיק מיט ראָזעוודיגע בעקלעך, מיט חוצפּהדיגע בולטע אויגען און מיט אַ שיטערען קויל־שוואַרצען בערדעל. שיער האָט ער פעטער־זשאַמען ניט אָנגעכאַפּט פאַר אַ פאָלע, נאָכלויפענדיג און וואַרפענדיג אומגעדולדיג מיט אַ קליין הענטעל אין אַ ברייטען אַרבעלע. ווי אַ טכויר אין זאַק, האָט ער זיך צעקוויטשעט:

אַי־אַי!... גיט שוין די פּאָר גריוונעס אַ נדבה און לאָ־מיך געהן!

דאָס האָט געהייסען: די מצוה, באַלעבאָס, האָט איהר דאָך. טאָ נעהמט שוין אָפּ אייער „סחורה" און לאָזט מיך לויפען פאַרטיילען מצוות אַנדערע קונדען אויך. איהר זעהט דאָך! מען איז אַ פאַרנומענער מענש...

זשאַמע האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט פאַרוואונדערט אָט דעם ציכטיגען ליפעראַנט פון עולם־הבא, אַזוי ווי מען קוקט אָן אויף אַ יאַריד אַ זעלטענע חיה; און גאָר אומגעריכט — אַ הויב געטאָן איהם פאַרן קאָלנער, אַזוי לייכט און שטיפעריש־בייז, ווי מען הויבט אויף פאַר דער פעל אַ פאַרזינדיגטען צוציק; צוגע־טראָגען איהם, אַ צאַפּעלדיגען און קוויטשעדיגען, ביזקעל טיר, און אַרויסגעוואָרפען פון שטוב. דער קבצן האָט זיך אויפגעהויבען

זעהר פאַרוואונדערט... ער האָט טיעף אָנגעדרוקט זיין סאַמעטענעם קאַפעליושעל מיטן אויפגעשטעלטען קוגעלדיגען דעק, און געלאָזען זיך לויפען אויף אַלע פיס פון זשאַמעס הויף אַרויס.

זשאַמע אַליין האָט די דאָזיגע סצענע באַגלייט פון פענסטער אַרויס מיט אַ גוטמוטיגען געלעכטערל. מיכליע זיין ווייב האָט זיך אַפילו געגומען זידלען: „ניט געדאַרפט מבייש זיין אַ פיינעם יונגענמאַן... ער וועט דאָך מאַכען „אויף" די גאַנציינקע שטאָט וועט ער דאָך מאַכען!.. און וואָס וועלען זאָגען לייט"?

אָבער זשאַמע האָט זיך געהאַט זיין מיינונג:

—וועלכע „לייט"? ווער זענען דאָס דיינע „לייט"?... איך בין אויך אַ „לייט".

## 2. מחברים

אָט דער דאָזיגער אַרויסוואַרף פון שטוב האָט אַ שטיק צייט געהאַט אַ גוטע ווירקונג. עס האָט אָפּגעהאַלטען אַלע זלידנע קבצנים פון דאָקוטשען פעטער זשאַמען און זיין הויז. וואָרים נדבות-קלייבער האָבען זייער פּאָטשט, זייער דראָטלאָזען טעלעגראַף. גיבען זיי איבער, באַצייטענס, איינער דעם צווייטען, וואו עס לאָזט זיך יאָ און וואו עס לאָזט זיך ניט. האָט שוין זשאַמע געמיינט — אַ סוף! פטור געוואָרען פון די כשרע נעבאַכלעך, מיט די טיעפע קעשענעס, וואָס מען ווייס ניט פון וואַנען זיי קומען-אָן און וואוהין זיי געהען אַוועק. ערשט — ניין!

איינמאָל, פאַרנאַכט, בשעת טיי-טרינקען, קייקלען זיך אַריין צו איהם אין שטוב צוויי זיידענע אידעלעך, מיט טכוירענע האַלב-שטריימעלעך און מיט געגרייזעלטע פאות, וועלכע זענען אָנגעדרעהט אויף די פעטינקע בעקלעך, ווי לאַנגע, ווייכע ספרונדזשינעס. פאות פון גאָר אַ הויכען שניט. אין שקלאָוו — אַ גרויסע זעלטענהייט. לאָזען זיך די צוויי אידעלעך אַריין, ווי עפעס גאָר נאָהענטע מחותנים, און טאַקע גלייך אין זאַל אַריין, און מיטן ברייטען „גוט-נאָווענט" פון פאַרשוינען, וועלכע זיינען

זיכער אין זייערע גרויסע רעכט, סיי אין עולם־הזה, סיי אין עולם־הבא. און די פּנימלעך שמעלצען זיך זיי דערבײַ פֿאַר נחת, דערפֿון, דוכט זיך, וואָס זיי האָבען זוכה געווען צו זעהן זשאַמען מיט ווייב און קינדער ביי אַזאַ שעהנעם פֿאַרניקעלטען סאַמאָוואַר און ביי אַזאַ טיפֿער קריסטאָלענער וואַזע פֿול מיט איינגעמאַכץ און מיט אַזעלכענע פֿיינע געסט ביי דער זייט... וואָרים אויסער זשאָמעס משפחה זיינען נאָך ביים טיש געזעסען: ר׳ ישראל — דער גבאי פֿון ליובאַוויטשער בית־מדרש, און ר׳ יחיאל — דער חזן און בעל־קריאה, וועלכען זשאָמע האָט אַזוי האָלט פֿאַר זיין ליבען־קול און פֿאַר זיין וואַרימען תהילים־זאָגען אַלע שבת פֿאַרנאַכט.

דערזעהן אַזאַ ברייטקייט מיט אַזאַ טריאומף־אָנגעהן פֿון דער שנאָרערשער ווערדע, האָט זיך מומע־מיכליע אַ הויב געטאָן אַביסעלע צעטומעלט, געוואָלט מכבד זיין די שעהנע אידען מיט טיי. נאָר זשאָמע האָט איהר געמאַכט אַ צייכען זי זאָל זיך זעצען, און אַליין זעהר שטיל און אָהן שום התפּעלות אַ פֿרעג־געטאָן:

— איז... וואָס ט׳איהר זאָגען גוטס?

— וואָס זאָלען מיר זאָגען? — וואונדערען זיך די זייַדענע אידעלעך און די בעקלעך שמעלצען זיך ביי זיי. — אַ נדבה! און... אַ רעכטע נדבה!

— פֿאַרוואָס דוקא אַ „רעכטע״? — ווערט זשאָמע נייגעריג,

— פֿאַרוואָס ניט קיין „לינקע״?

— וואָס רעדט איהר? — מאַכט דער עלטערער פֿון די צוויי אידעלעך און שלעפּט אַרויס פֿון בוזעם אַ געדרוקט ספֿרל. — מיר זיינען דאָך עפּעס מחברים, זיינען מיר דאָך...

נעהמט זשאָמע אויף טשיקאַוועס דאָס ספֿרל אין האַנט און בלעטערט. דערזעהט ער, אַז עס איז אַ הגדה מיט אַ פּירוש אין רש״י־כתב.

— די פּסחדיגע הגדה האָט איהר גאָר מחבר־געווען? — וואונדערט זיך פֿעטער זשאָמע.

— ניט די הגדה, — ענטפֿערט דאָס צווייטע אידעלע, — נאָר דעם פּירוש אויף דער הגדה.

— אַט זעהט איהר דאָך! — שלאָגט איבער דער עלטערער פון די צוויי זיידענע אידעלעך. — דער פירוש הייסט „לוית חן". „אַ באַהעפטונג פון לייטזעליגקייט" הייסט דאָס.

— איהר ביידע — איין פירוש? — וואונדערט זיך זשאַמע.

— מיר ביידע איין פירוש! — ענטפערט דער עלטערער.

— בעזרת השם יתברך!.. — כאַפּט אונטער דער אינגערער און פאַרגלאָצט פרום די אויגען.

— מילא, — מאַכט פעטער זשאַמע, — איהר מיינט דאָך ניט די הגדה, איהר מיינט דאָך די קניידלעך. איז זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, אויף וואָס טויג אייער „באַהעפטונג פון לייטזעליגקייט" מיט רש"י־כתב און מיט אַזוי פיל ראשי־תבותן? מיר האָבען דאָך שוין, געלויבט דער אויבערשטער, הגדות מיט אַ וועלכענע צוועלף פירושים, אָהן רש"י־כתב און אָהן ראשי־תבותן, וואָס אַלע פאַרשטעהען...

— זעהט איהר, — מאַכט דער עלטערער פון די צוויי מחברים זעהר אָפענהאַרציג, — פון יענע צוועלף פירושים קענען אונזערע טעכטער ניט חתונה־האָבען...

— און דוקא פון אַט דעם דרייצעהנטען פירוש, — שלאָגט איבער דער אינגערער מחבר, — האָפען מיר צו גאָט, אַז זיי וועלען אם־ירצה־השם י אָ חתונה האָבען.

ר' ישראל דער גבאי און יחיאל דער חזן צעלאַכען זיך פון דעם מחברס חכמה. און פעטער זשאַמע ווערט אַ ביסעלע רויט. ער זעהט, אַז די צוויי זיידענע מחברים האָבען איהם איבערגע־כיטרעוועט. מאַכט ער ניט קיין שום לאַנגע מחזקות, נעהמט צו די פסחדיגע הגדהלע מיטן דרייצעהנטען פירוש און שטעקט אָפּ די אידעלעך אַ פּאָר גילדען.

דערזעהען אָבער די זיידענע מחברים, אַז עס איז אַ שעת הכושר. זיי האָבען, ווייזט עס אויס, אָנגעטראָפען אַ גוטע שעה. דעם באַלעבאָס איז גוט אויפן האַרצען, אָדער אפשר שעהמט ער זיך צו קאַרגען אין די אויגען פון זיינע בכבודיגע געסט? איז דאָך אודאי און אודאי גוט. קוקן זיי זיך איבער און בלייבען שטעהן. כלומרשט פאַרשעהמט... ס'הייסט ז י י שעהמען זיך דאָס

פאַר פעטער-זשאָמעס „קאַרגשאַפט"... לעגען זיי איבער, כלומרשט פאַרלעגען, די צוויי זילבערנע מטבעות פון האַנט צו האַנט, כדי די חשובע געסט ביים טיש זאָלען אויך זעהן ווי דער רייכער באַלעבאָס, וואָס איז אַ ביסעל טעמפּלעך אויף רש"י־כתב און אויף ראשי־תבותן, האָט זיי ניט באַפרידיגט. זיי!.. די פּאַרפאַסער פון „באַהעפטונג פון לייטזעליגקייט!.."

דערשמעקט באַלד זשאָמע, אַז די חכמה פון די זיידענע אידעלעך געהט אַ ביסעל צו ווייט, און אַז מען וויל איהם דאָ פאַרמסרן פאַר ר' ישראל דעם גבאי און פאַר ר' יחיאל דעם חזן, באַהאַלט ער זיין פאַרדראָס און לאָזט זיך אַוועק רעדען מיט די מחברים מיט זייער אייגענעם לשון.

— וואָס איז? — גיט ער אַ פרעג כלומרשט תמעוואַטע. און אַ פרעהלעכער פייערעל צינדט זיך אָן אין זיינע שמאָלע אויגען.

הויבען אָן די צוויי שטריימעל-אידעלעך זעהר שעמעוודיג און מיט גרויס רחמנות צו שטאַמלען:

— ע... ס'הייסט... אַזוי צו זאָגען... אַזאַ גביר אַ איד, זאָגט מען.. זאָל, זאָל... ס'הייסט, פאַר אַ חיבור...

— הכלל, — שלאָגט איבער זשאָמע כלומרשט פאַרשעמט, — זאָגט-זשע, אידען, וואָס איהר מיינט, אָבער... אָהן רש"י-כתב!

— וואָס זאָלען מיר מיינען? — מאַכען די מחברים און קוקען זיך איבער, — מיר האָבען געמיינט... אַ גביר אַ איד... לכל הפחות... אַלף רובל כסף...*)

— וואָס רעדט איהר? — מאַכט זשאָמע מיט זייער טאָן און מיט דערזעלבער שעמעוודיגער מינע. — ווי אַזוי קען איך זיך דאָס אַרומוואַרפען מיט פרעמד געלט?

— וואָס הייסט פרעמד געלט?

— יתומישע געלד. — דערקלערט זיי זשאָמע.

— יתומישע געלד? — וואונדערען זיך די מחברים.

— יתומישע... — מאַכט פעטער-זשאָמע אַ נעבעכדיגען פנים און ווייזט אָן מיטביידע הענט אויף די קעפּלעך פון זיינע קינדער.

---

*) איין זילבערנעם רובל.

אויף איטשייזשעלען זיין בן־יחיד און אויף גנעסיען און הענקען, זיינע טעכטערלעך. — וואָס דען? בלוטיגע יתומישע געלט... נאָך הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר!

מאַכען ר' ישראל דער גבאי און ר' יחיאל דער חזן: „כי־כי־כי..." און די ניידענע מחברים דערזעהען, אַז מען האָט זיי איבערגעקליגעלט, און אַז דאָס געלעכטערעל גילט שוין אַצינד ניט פאַר זיי, נאָר פאַרן באַלעבאָס. אָבער דער האָנאָר פון זייערע טכוירענע שטריימלעך און דער בשותפותדיגער פירוש אויף דער הגדה איז צו גרויס, זיי זאָלען אַרויסגעהן פון שטוב ווי די אָפּ־געשמיסענע. דינגען זיי זיך ווייטער:

— הלמאי, — מאַכט דער עלטערער פון די מחברים, — הלמאי אַנדערע באַלעבאַטים יאָ? אייערע שכנים...

— וועלכע אַנדערע באַלעבאַטים? — פרעגט זיך נאָך פעטער ושאָמע זעהר נייגעריג, — וועלכע שכנים? למשל?

— אָט אַ־דאָ נישט ווייט. — קוקען זיך איבער די מחברים־לעך ווי גאָטס גנבים. — אָט אַ־דאָרט אין מויערעל. ר' לייבע, דאַכט זיך...

— אָ! — רופט אויס זשאָמע, — אפשר גאָר ר' לייבע האָרב?

— יאָ־יאָ! — כאַפּען אונטער די מחברים, — דאַכט זיך, טאַקע ער. דאַכט זיך, אַז... געוויס ע ר.

לײגט צו פעטער־זשאָמע אַ דלאָניע צום אויער:

— שאַ, לאָמיך טאַקע הערען, וויפיעל למשל, האָט דאָס דער האָרב אייך געסילוקט? אַזאַ בעל־צדקה ווי ער! אויף טשיקאַוועס...

— צו פערטעלעך, — בראָקען אָפּביידע מחברים אַ ליגען, — צוויי זילבערנע פערטעלעך. אַ האַלבען קערבעל.

— אַזוי גאָר? ר' לייבע־האָרב — אייך, זאָגט איר? צו ווי־פיעל? צו גאַנצע פערטעלעך! אַ האַלבען קערבעל, זאָגט איהר?

נאָר באַלד פאַרכאַפּט ער זיך און מאַכט אַ נעבעכדיג פנים:

— כ'מיין... ווי פאַלט אייך טאַקע איין? ווי קענט איהר מיך פאַרגלייכען מיטן פראָצענטניק?.. מיט לייבע־האָרבען מיין איך.

יענער איז אַ פיינער איד, אַן איידעלע זאַך, אַ דימענטענע האַרץ... און איך, ברוך השם, איך בין אַ חזיר! איך בין דאָך אַ חזיר אַ איד! וואָס רעדט איהר וואָס? ווי קענט איהר מיך פאַרגלייכען?

## 3. וואַרשעווער קבצנים

אויף אַזאַ אַריינפאַל האָבען זיך די מחברים גאָר ניט גע-ריכט.ביידע האָבען אויף גיך אַ זאָג געטאָן: „נו... אַ גוטע באַכט!” אַ הויב געטאָן די זיידענע זשופּיצעס און געכאַפּט לויפען. אַפילו די מזוזה פאַרגעסען אַ קוש צו טאָן.

אָבער נאָך זייער אַוועקגעהן איז נאָך אין שטוב געשטאַנען אַ קיבעץ און אַ געלעכטער. עס האָט אויסגעזעהן, אַז זשאַמע דער סקאָרניאַק האָט זיך אָקאָרשט געוויגט אויף אַ וואָג-שאָל מיט די צוויי קלוגעטשקע און לומדישע מחברימלעך און האָט זיי ביידען אַריבערגעוואויגען. ר׳ ישראל דער גבאי, וועלכער רייסט אַליין אין ליובאַוויטשער בית-מדרש פון טויטע און פון לעבע-דיגע, האָט געמוזט מודה זיין, אַז די חוצפה און קריכעריי פון די היינטיגע קבצנים איז גאָר ניט אויסצודערהאַלטען. און אַז באַר אין שקלאָוו דערלויבען זיי זיך אַזוי. וויפיעל מען גיט זיי איז ווענין!

אָבער פעטער-זשאַמע, וועלכער האָט אַמאָל געדינט אין פוילען, אַלץ אַ זעלנער, און געהאַט אַ האַרץ אויף די דאָרטיגע אידען האָט ניט מסכים געווען:

— וואָס ווייסט איהר?.. צו פוילישע קבצנים קומט דאָס גאָר ניט. די אונזעריגע מעגען ביי די פוילישע געהן אין חדר-זייערע קונצען, זייער שמד-שטיק!

— אַזוי! — מאַכט ר׳ יחיאל דער חזן אַ פאַרוואונדערטען פנים און קנאַקט מיט דער צונג.

— אָט וועט איהר הערען! שטעהט זיך, למשל, אויף מלאַ-ווען הויף — פאַרהאַן אַזאַ הויף אין וואַרשע, אַזוי גרויס ווי האַלב שקלאָוו... — שטעהט זיך פאַרנאַכט אין מיטען הויף אַ קבצן

מיט אַזעלכענע ווערעמדיגע אויגען. ניט ער לאַכט, ניט ער וויינט. ער לאַכט און וויינט צוזאַמען. עס לויפען מענשען פאַרביי און ער שרייט אין איין קול: „אידען, הע־הע, געבט מיר גיך אַ קאָפּיקע אויף וויטשערע! איך בין אַ משוגענער!..״ מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער מאַכט פון אַלעמען חוזק, און אַז מען וועט איהם באַלד מכבד זיין מיט פעטש. היינט שטעלט זיך פאָר, אַז פוילישע אידען זענען נאָך גרעסערע „בעלי־רחמים״ פאַר אונז. דער „משוגענער״ האָט דוקא געמאַכט ניט קיין שלעכטע געשעפטען.

— אויב אַזוי, זענען זיי דאָך גרעסערע נאַראָנים פאַר אונז, — וואַרפט אַריין ר׳ ישראל דער גבאי.

— אפשר דאָס אויך, — איז מסכים פעטער־זשאָמע. — מיר הייסען דאָך טאַקע ביי זיי „צלם־קאָפּ״... הערט איהר דאָך! אַ צווייטען מאָל האָט מיר דאָרט פּאַסירט נאָך אַ שענערע מעשה. אין אַ אידישער אכסניה. עס איז געשעהן נאָך מיין „סלוזשבע״, ווען איך האָב, מ׳שטיינס געזאָגט, געגנומען האַנדלען. זייגער צוועלף ביינאַכט איז דאָס געווען. איך בין אָקאָרשט איינגעדרעמעלט. וועקט מען מיך אויף פון שלאָף. מען קלאַפּט אין טיר. וואָס הייסט קלאַפּען! מען טראַסקעט. שפּרינג איך דאָך אַראָפּ פון בעט, ניט טויט ניט לעבעדיק. עס ברענט, מסתמא! איך רייס אויף די טיר: וואָס איז? ווער איז? שטעקט זיך צו מיר ניט אַריין אַ... פּאַס קודנע הענטעל? „געבט עפּעס אַ נדבה! כ׳בין אַ חולי־נופלים...״ צעשריי איך זיך דאָך: סטייטש! אַזאַ פאַרכעריי! נאָך האַלבע נאַכט קלייבען נדבות! וועקען מענשען!.. מיינט איהר דאָך, אַז יענער איז נתפעל געוואָרען? אַ האָר אויך ניט.

— שרייט ניש אַזוי! — מאַכט צו מיר דער חולי־נופלים, — איך קלייב דאָך בייטאָג אויך!

## 4. ער האָט שויז אָפּגעדאַוועט

פעטער זשאָמע, אַז ער כאַפּט עמיצען ביי אַ ליגען שאַנע־וועט ער ניט, ניט נאָר אויסגעפּאַשעטע משולחים, נאָר אַפילו בלומקען, די שוועסטער זיינע, די אלמנה. אפילו ניט זיין

אייגענעם בן-יחיד, איטשייזשעלען, וואָס איז שוין באַלד אַ בר-מצוה-בחורעל.

איינמאָל, אין דער פריה איז ער אַרויס אויף אַ ווײַלע אין גאַס און געלאָזען זיין בן-יחיד ביים אָנהויב דאַוונען, אין מיטען „מה-טובו". איטשייזע האָט אָבער געמיינט, אַז דער טאַטע איז אַוועק אין ליובאַוויטשער בית-מדרש און וועט זיך פאַרזאַמען. האָט ער עס געמאַכט בקיצור: אַ שאָקעל געטאָן זיך אין שמונה-עשרה, אַ שפּיי געטאָן אין „עלנו-לשבח", ווי דער מנהג איז, און גלייך אויסגעשריען:

— מאַמע, כ'וויל עסען!

אַז זשאָמע איז אין עטלעכע מינוט אַרום אַריין צוריק אין שטוב, האָט ער שוין זיין בן-יחיד געטראָפען ביי אַ שעהנעם פיינקוכען. און מיכליע פאַדיעט אַרום איהם אַרום און דערלאַנגט איהם נאָך הייסע קאַקאָ צו פאַרטרינקען.

הויבט אויף זשאָמע זיינע שמאָלע אויגען צום בן-יחיד:

— זאָג נאָר, האָסט שוין געדאַוועט?

ענטפערט איטשייזע אַ ביסעל ברוגזלעך: „געדאַוועט" און עסט ווייטער זיין פיינקוכען.

פרעגט שוין זשאָמע אַ ביסעל שטרענגער:

— מען פרעגט דאָך עפּעס ביי דיר: האָסט שוין געדאַוועט?

ענטפערט איטשייזע: „אודאי האָב איך געדאַוועט!"

— וואו האָסטו געדאַוועט?

— אָט דאָ האָב איך געדאַוועט!

— ווען האָסטו געדאַוועט?

— אָט ערשט האָב איך געדאַוועט!

— ווי אַזוי האָסטו דאָס פאָספּייעט אָפּצודאַוונען?

— זאָל איך אַזוי געזונט זיין, — שווערט זיך דער בן-יחיד, — אָט איז נאָך דער שפּיי פון „עלינו"!..

— גוטע סימנים! — מאַכט זשאָמע און שאַרט צוזאַמען אַלע טעלער, וואָס מיכליע האָט אָנגעשטעלט אויפן טיש. ער ווייזט דעם בן-יחיד מיטן קאָפּ אויפן לעדיגען טיש און שווערט זיך אויך

— זאָל איך אַזוי געזונט זיין... אָט-דאָ איז געשטאַנען אָנבייסען!

אָפּגעשוואוירעצן זיך און אַוועקגעטראָגעצן דעם גאַנצען פריהשטיק אין קיך אַריין.

## 5. וויפיל דאַרף אַ אידיש קינד?

פעטער זשאַמע האָט פיינט די קרובישע שטיק ביים טיש. יום-טוב ביים כיבוד, אָדער ווען דער קרוב איז פאַרבעטען צו וועטשערע און הויבט אָן שפּילען דעם איידעלמאַן, וואָס עסען עסט דאָס ווי אַ פויגעל, ווען מען קוקט אויף איהם, און פּאַקט ווי אַ יון, ווען מען פאַרגעסט אָן איהם. הויבט דאָך אָן מיכליע צו דינגען זיך מיטן קרוב: „נעמט עפּעס! וואָס נעמט איהר ניט? אָט פאַרזוכט נאָך אַ שטיקעלע... שעהמט זיך ניט!” נעהמט זיך דאָך דער קרוב דינגען אויף צוריק: „ניין! אַ דאַנק! שוין געגעסען! איך קען ניט מעהר! וויפיל איז דער שיעור?” שטעהט דאָך מיכליע צו: „סטייטש! איהר האָט דאָך גאָרניט געגעסען, האָט איהר דאָך... וואָס טוט זיך דאָס מיט אייך?”... און דער קרוב לאָזט אַראָפּ די אויגען: אדרבא, ער איז שוין זאַט. ער עסט קיינמאָל ניט מעהר... א. אַ. וו.

הויבט דאָס אָן זשאַמען צו גודיען ביז דער נשמה: ווילסטו עסן עס! וויל ער ניט — לאָז איהם צורוה! אָבער ער זאָגט ניט קיין וואָרט. דאָס איידעלע דינגען זיך געדויערט אָבער אָפטמאָל אַזוי לאַנג, ביז זשאַמען שפּאַלטען זיך אויף די שמאָלע אויגען מיט אַ באַזונדער שמייכעלע:

— לאָז צורוה, מיכליע! כ׳מיין... דו זעהסט דאָך! וויפיל דאַרף אַ אידיש קינד? אַ אידיש קינד דאַרף דען אַ סך? אַ אידיש קינד איז דאָך אַן איידעלע זאַך. עסט זיך אָן ווי אַ גוטער גוי און... איז זאַט!

דאָס קיהלט אָפּ אַלעמאָל מיכליעס איבערגעטריבענע צו-שטעהעניש און די איבערגעטריבענע אָפּזאָגעניש פון גאַסט. און מיט דער צייט איז באַקאַנט געוואָרען צווישן אַלע קרובים און גוטע פריינד, אַז ביי זשאַמען אין שטוב טאָר מען זיך צופיעל ניט לאָזען בעטען. וואָרים... מען קען אַוועק אַ הונגעריגער. ביי

זשאָמען אין שטוב איז ווי אין דער מגילה שטעהט: „והשתיה כדת...” ווער עס וויל טרינקט און ווער עס וויל עסט. קיינער שטעהט נישט צו.

## 6. מען פאַרדרעהט איהם אַ קאָפּ

געווען איז אין ליובאַוויטשער בית-מדרש אַן עלטערער דאַוונער, אַן אלמן, אַ צעטראָגענער, וואָס האָט נאָך דער ווייבס טויט געזוכט אַ פּאַסיגען שידוך און ניט געפונען. האָט ער זיך איינגעעקשנט: „אויב אַזוי וויל ער גאָר ניט חתונה-האָבען”. און איז אַזוי פאַרבליבען אַ צערייצטער, אַ נייגעריגער און אַן אומגעדולדיגער צו אַלץ און צו אַלעמען. געהייסען האָט ער שליאָמע און גערופען האָט מען איהם „קרעפּעל” — אַ וואונק אויף דריי שפּיצען. אַזוי ווי אַ קרעפּעל האָט דריי שפּיצען, אַזוי שליאָמקע אויך. איין שפּיץ — די נאָז, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, ווי אַ פּיפּיטש. דער צווייטער שפּיץ — דאָס בערדעל, וועלכע שליאָמקע פּליקט אַלעמאָל פון אומגעדולד מיטן שפּיץ אַרויף, אַזוי אַז זי שטעהט איהם שטענדיג דיבאָם. און אַ דריטער שפּיץ — זיין גאָרגעל. דאָס איז עפּעס גאָר אַ מין באַזונדער באַשעפעניש, וואָס לעבט זיך גאַנץ אָפּגעזונדערט אויף שליאָמעס דאַרען האַלז, און מאַכט שבת פאַר זיך. מען ווייס קיינמאָל ניט, צוליב וואָס עס גיט אַ לויף אַרויף און צוליב וואָס אַ לויף אַראָפּ, צוליב וואָס עס באַוועגט זיך אויף איין אָרט, ווי אַקעפּעל פון אַ פּיסקליאָניק און צוליב וואָס עס ווערט מיט אַמאָל אינגאַנצען פאַרפאַלען, און מען ווייס ניט וואו עס איז אַהינגעקומען.

איז אָט-אָ דער שליאָמקע-קרעפּעל אַ ווערד אַ איד. פון זיינע נערווען האָבען אַלע אויסצושטעהן. שטעהען זיך אַזוי עטלעכע רעדלעך אידען אין בית-המדרש פאַר מנחה-דאַוונען, און יעטוועדער רעדעל שמועסט זיך וואָס איהר געפעלט און וואָס עס קומט אין מויל אַריין. בערדיגע קעפּ בויגען זיך איבער דעם הויפּט-שמועסער. איינגעהויקערטע פּלייצעס טוליען זיך אין קרייז. אָבער אין סאַמע רעכטען ברען פון שמועס שטופּט זיך צַלעמאָל

אריין אַ שפּיציגע נאָז. זי גערט דורך ווי אַ רויטלעכער אָנגע־גליהטער טשוואָק דורך דער וואַנט פון שמועסער. נאָך איהר — אַ שפּיץ פון אַ סיוועך, קיהלער בערדעל, וואָס רייסט זיך אַ ר ו י ף. און ערשט דערנאָך — אַ שפּיץ פון אַ גאָרגעל, וואָס הויבט אָן אַרומלויפען אומרוהיג און בלינד ווי אַ דערשראָקענע חיהלע. ברוך הבא! שליאָמקע קרעפּעל איז דאָ. ער לעגט צו אַן אויסגעקרימטע האַנט צום אויער, און האָרכט צו מיט אַ פאַרקרימטער מינע פון אַ שטאַרק פאַרנומענעם מענשען. האַ? פון וואָס רעדט מען דאָרטען? פון קאַרטאָפליעס, וואָס פוילען פון צופיל רעגען, פון יקרות אויף פלייש?... שפּרינגט אָפּ שליאָמקע־קרעפּעל מיט אַ מאָדנעם כעס: „כ'וויים וואָ־אָס!” און לויפט פאַרשמייעט צו אַן אַנדער רעדעל, שטעכט זי גלייך דורך מיט זיינע „שפּיצען”. האַ, האַ? פון וואָס שמועסט מען דאָ? פון נייע וויבאָרעס אויף אַ קאַזיאָנעם ראַבין? פון ביזשניר יאַריד?... גיט „קרעפּעל” אַ שפּרינג אָפּ: „זאָל גאָט שומר ומציל זיין!” מיט אַ קוועטש אויפן „זאָל”, און לויפט צו אַ דריטען רעדעל. דאָרטען שמועסט מען פון אַ הוספה דעם מורה־הוראה און, להבדיל, פון אַרענדע פאַר בהמישע פאַשע. דאָס אינטע־רעסירט שוין שליאָמקע דעם אַלמן אינגאַנצען ניט. וואו האָט ער בהמות? אויף וואָס טויגען איהם בהמות?... גיט ער זיך אַ כאַפּ מיט די הענט פאַר ביידע זייטען קאָפּ, פאַרדעקט די אויערען און שרייט אויס מיט כעס:

— וואָס פאַרדרעהען זיי מיר מיין קאָפּ!

לויט זיין כעס און געשריי וואָלט מען באמת געקענט מיינען, אַז מען נויט איהם פון קהל שטופּען זיך אין אַלע רעדלעך. מען האָט אַזוי פונם קרעפּעל געהאַט אויסצושטעהן קאַלט און וואַרים. דעם שעהנסטען שמועס אין בית־המדרש פלעגט אַזוי „ער” מאַכען צו גאָרנישט מיט נישט. ביז זשאָמע האָט זיך גענומען אָפּצוגעוואוינען שליאָמען דעם אַלמן פון אַזעלכע מנהגים.

ווען זשאָמע געפינט זיך אַליין אין מיטען רעדעל שמו־

עסער און דערזעהט „קרעפעלס” נאָז, וואָרענט ער איהם ווי פון אַ שרפה:

— ר׳ שליאָמע. אָסטאָראָזשנע!

— האַ? — דערשרעקט זיך „קרעפעל”.

— זאָל גאָט שומר ומציל זיין!

— ווי?.. וואָס? — הויבט זיך שליאָמקע אָן צו טומלען.

— מען פאַרדרעהט דאָ אַ קאָפּ!

און דערזעהט זשאָמע, אַז ער לויפט פאַרשמייעט צו אַ צווייטער רעדעל — כאַפּט ער איהם אָן ביים אַרבעל:

— געהט ניט, געהט ניט! איך בין אייך אַ גוטער פריינד!

— האַ? וואָס איז?

— געהט ניט, זאָגט מען אייך! מען פאַרדרעהט דאָרטען אַ קאָפּ. — — —

ער האָט איהם אָפּגעוואוינט פון זיינע מיָאוסע מנהגים דעם שליאָמקע־קרעפעל.

# דער בן־יחיד פאָהרט אַוועק

.1

פעטער־זשאָמעס בן־יחיד: יצחק־אייזיק, אָדער ווי די מומע מיכליע רופט איהם: איטשייזשע, האָט זיך צעקריגט מיטן טאַטען, אַ קורצע צייט פאַרן פאָהרען אויפן יאַריד אין ניזשנע.

די פעלץ־סחורות זיינען שוין געשטאַנען גרייט און פאַרפאַקט אין גרויסע נייע קאָסטענס. אָבער ער, איטשייזשע, איז אַ מענש מיט אַ כאַראַקטער. ער פאָהרט ניט!..

וואָס־זשע וועט ער טאָן? ער וועט פאָהרען קיין וואַרשע אויף אַ „שטעל". דער טאַטע — אין „ראַשעי". ער — אין פוילען. אַזוי האָט ער איינגעטיילט די וועלט, כדי מעהר ניט אָנצוטרעטען איינער דעם אַנדערען אויף די נאַגניאָטקעס.

וועלכע שטעל? ביי וועמען אַ שטעל? דאָס איז זיין סוד. איטשייזשע איז אַ מענש מיט אַ כאַראַקטער און דערצעהלט קיינעם ניט קיין מעשיות. נאָך פעטער זשאָמע האָט מיט זיין סוחרישען קאָפּ גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען נאָר פוסטע, בן־יחידישע סטראַשונקעס... איז מילא מיט דער סחורה איז מען דאָך פאַרטיג. די קאָסטענס זענען פאַרפאַקט. אויפן יאַריד גופא דאַרף ער דעם בן־יחיד האָבען, ווי אַ פינפטע ראָד אין וואָגען. טו לאָז ער פאָהרען!

— וואוהין וועט דאָס קינד פאָהרען? האָט זיך מומע־מיכליע איינגעשטעלט פאַר איהר בן־יחיד.

— דאָס קינד, דאָס קינד... — קרימט איבער זשאָמע. — נישקשה פון אַ קינד! מען קען הרגענען אַ גוי מיט אַזאַ קינד.

— וואָס טרייבסטו איהם, וואָס יאָגסטו איהם? — האָט מומע מיכליע שיער ניט געוויינט.

— א י ך יאָג איהם? - פרעגט איבער זשאַמע. — איך?...

ער מיינט נאָך אַפּנים אַלץ, דיין „בנאָק", אַז מען צאָהלט אויף ד ע ר וועלט פּיאַטאַקלעך פאַר אויפעסען דעם גאַנצען אָנבייסען... זאָל ער פאָהרען, זאָג איך דיר! וועסטו זעהן. ער וועט זיך אין דער פרעמד אויסמענשלען.

דער „בנאָק", איטשייזשע, אַליין איז שוין אַ בחור אין שידוכים, אַ דאַרער און אַ וואוקסיגער. ער איז אַרויס פון פּריזיוו מיט אַ „בלויען בילעט" און איז אַ גאַנצער „יאַ־טעבע־דאַם". ער איז אַ בן־יחיד און האָט נאָך צוויי איגגערע שוועסטער, גנעסיע און הענקע. די מומע האָט איהם פון קינד־ווייז אָן פאַרפּיעסטשעט. איז ער אויסגעוואַקסען אַ שטיקעל בעל־גאוה און רעגט זיך אויף פון יעדער קליינינקייט. נאָך אַלס חדר־אינגעל פלעגט ער אַריין אין גרימצאָרן דערפאַר, וואָס אַ צווייטער אינגעל האָט איהם געוויזען אַ פינגער, אָדער אַן אָנגעבלאָזענע באַק. ער פלעגט גלייך לויפען מסרען דעם רבין. פלעגט מען דערנאָך, מיט גאָר אַ נייער פרישקייט אַריינשטעקען זיך אַ ביינדעל פון הערינג אין נאָגעל און באַווייזען דעם „מסור" פון דערווייטענס:

— אָט דאָ מוז ער פלאַצען!

פלעגט דער „מסור" טאַקע פלאַצען און... וואַרפען זיך שלאָגען.

פלעגט מען איהם רייצען מיט אַן עקעל פון אַ רעטעך, וואָס מען האָט ערגעץ־וואו געלקחנט ביי דער רביצין, און מען פלעגט ריידען זעהר ערנסט, ווי די דאָקטוירים:

— נו דערפון מוז ער שוין גאָר צעזעצט ווערען...

און ער, דער בן־יחיד, פלעגט, שונאי־ישראל, טאַקע צע־פלאַצט ווערען און צעזעצט ווערען. און אָפטמאָל, נאָך אַזאַ צעלאָפעניש, קומען אַהיים אַ פאַרוויינטער:

— ז י י האָבען זיך מיט מיר געטשע־ע־פעט!..

— וואָס האָבען זיי דיר געטאָן, זונעלע? — פלעגט מומע־

מיכליע צופאַלען צו איהר תּכשיט.

— זיי האָבען מיר געוויזען אַ נאָ־אָ־געל...

— אָט דאָס גאָר?—וואונדערט זיך מומע־מיכליע. און פעטער זשאָמע גיט איהם אַן עצה:

— ווייז זיי צוריק אַ נאָגעל!

פון גרויס ליעבשאַפט האָט איהם די מומע־מיכליע גערופען איטשייזשעלע, און שפעטער מיט יאָהרען, אַז ער איז אויסגעוואַקסען — איטשייזשע. האָט עס איהם געברענט ווי אַ פייער: וואָס פאַר אַ נאָמען איז עס איטשייזשע? איטשייזשע גאָר!.. ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז דאָס שמעקט מיט „שלימזל", מיט „טיפש".

האָבען חברה איינגלעך פון דער גאַס גלייך אָנגעטאַפּט אָט דעם שוואַכען אָרט זיינעם. און ווען ער געהט אַזוי איבער דער גאַס מיט די שמאָלע פלייצעס און מיט דער פאַרריסענער קאָפּ, זינגט מען איהם אונטער:

אַט געהט איטשע־אַ־ייזשע;
דאַר און הויך
און שמעקט מיט רויך.

ס'איז טאַקע דאָ פון וואָס צעקאָכט און צעזאָדען ווערען. ניט איינמאָל האָט ער אַזאַ יאַטעל אָנגעריסען פאַר די אויערען. נאָר ס'האָט ניט געהאָלפען. שקלאָווער איינגלעך פון דער גאַס זיינען דיכטער, און יסורים פאַרשאַרפען אין זיי זייער טאַלאַנט... והא ראיה: דאָס לידעל האָט גלייך באַקומען אַ נייעם שפּיץ:

אויף דער רייזשע *)
געהט דאָך איטשיי־זשע;
הויך און דאַר
און שמעקט מיט האָר **).

וואָס איז דאָס?.. פון וואַנען האָבען זיי זיך דערוואוסט.

---

*) רייזע.

**) סמאַלענעס.

אַז ער פאָהרט אַוועק? קיינער ווייס נאָך ניט. און זיי ווייסען שוין...

צו אַלע מעלות האָט זיך נאָך איטשייזשע ליעב צו פוצען. רק געזוכט עפּעס אויף די פּלייצעס און אויף די איילענבויגענס, ווי אַ יונגער גאַנער צווישען די פעדערען. אַ שפּרענקעלע טאָר אויף איהם ניט פאַלען. היינט געה האַלט אויס אַ טונקעל־בלויען שעוויאָט אָהן איין הערעלע, אין אַ הויז פון רויכוואַרג, ווי פע־טער זשאָמעס הויז! אַ לייכטע שטיקעל אַרבייט... זעהט מען איהם שטענדיג אַרומדרעהען זיך ביים שפּיגעל מיט אַ בערשטעל.

. אַ פּאָר וואָכען פאַר ניזשנער יאַריד איז זשאָמע אַביסעל אומגעדולדיג, נערוועאיש. מען דאַרף פּאַקען, מען דאַרף רעכענען, מען דאַרף סטראַכירען די קאַסטענס. און ד ע ר יאָלד דאָ, דרעהט זיך גאָר אַרום מיט דער בערשטעל און פוצט זיך! האָט איהם זשאָמע איבערגעקרימט:

— פוץ־פוץ פוץ־פוץ!..

און שרייט נאָך אויס איבער דער גאַנצער הויז:

— וואָס מאַכט מען מיט איהם, מיט דעם צוכט? ער נוצט דאָך מיר אָפּ אַלע שפּיגלען און אַלע פלעדערווישען...

איטשייזשע איז רויט געוואָרען ווי פייער. פאַר כעס האָט זיך איהם אַרויסגעריסען:

— טו קעהר זיי איבער די שעהנע שפּיגלען דיינע!

ער האָט אפשר דערביי גאָרנישט געמיינט. נאָר זשאָמען האָט דעם זוהנס ווערטעל דערמאָנט: אבלות, דעם טאַטען ר׳ חיימס טויט, ברענעדיגע ליכט... און איטשייזשע האָט אַריינגעכאַפּט אַ פאַטש.

.2

פון דאַמאָלסט אָן האָבען טאַטע און זוהן מעהר ניט גערעדט. און דאָס וואָס איז פריהער געווען נאָר אַ סטראַשונעק איז גע־וואָרען אַ פאַקט. זשאָמע פאָהרט קיין ניזשנע, איטשייזש ע— קיין וואַרשע. איינגעטיילט זיך די וועלט.

פון בוידעם האָט דער בן-יחיד אַראָפּגעשלעפּט אַן אַלטען טוכענעם טשעמאָדאַן און גענומען איהם פּוצען. אַלע טאָג אַ פּוץ־אַלע טאָג אויסגעזוכט אַן אָרט וואו אַריינצושלאָגען אַ נייעם מעשענעם טשוועקעלע. אַלע טאָג אַ נעה געטאָן דעם אונטערשלאָק, אַ ריב געטאָן דעם שלעסעל מיט קרייד. און אַלץ מיט חשבון. מיט מעטאָדע. שווייגט, דאַכט זיך, פאַרביסענערהייט, און פונדעסטוועגען איז אינם דאָזיגען שווייגען דאָ אַ באַהאַלטענער פּרסום, אַ שטומער „צו-להכעיס"... מומע-מיכליע געהט אַרום און זיפצט. פאַר ביינקשאַפט שטעהט זי צו צום בן-יחיד, מיט עסען, מיט טרינקען. און ער, דער בן-יחיד, בריקעט זיך און ענטפערט איהר אָפּ האַסטיג און גערייצט: זי זעהט דאָך, אַז ער איז פאַרנומען! ער „פּאָפּראַוועט" דאָך דעם „צעמעדאַן" פּאָפּראַוועט ער...

נאָר די שוועסטערלעך קוקען אָן דעם עלטערען ברודער מיט גרויס באַוואונדערונג, ווי מען קוקט אָן אַ העלד. אַ קלייניגקייט. ער פאָהרט דאָך אָהן דעם טאַטען, „איינער אַליין" קיין וואַרשע... וואַרשע! — ניזשני קלינגט זיי שוין פאַרעלטערט, אָפּגעשטאַנען... אָט, וואַרשע איז עפּעס אַנדערש. עס הערט זיך אָן פריש און פרעהלעך, עס רוישט מיט זיידענע קליידלעך, עס שמעקט מיט טייערע זייפען, פונקט ווי די פּוילישע שנור פון דעם שקלאָווער נייעם נגיד...

אין די דאָזיגע גרויסע טעג פון לאַטען דעם טשעמאָדאַן, זיינען די שוועסטערלעך אַרומגעגאַנגען אַרום איטשייזשען שטילערהייט, פאַרבענקט, פאַרליבט, ווי שול-מיידלעך אין דעם לעהרער. זיי האָבען דערפיהלט אַלע זיינע קאַפּריזען. די דערלאַנגט איהם נאָדעל-פאָדים, די לויפט צום שאָרניק, נאָך מעשענע טשוועקלעך. ווערט איטשייזשע בייז: ער דאַרף גאַר האָבען אַ שמאַטקעלע מיט קרייד... אָט, אָט! נאַ דיר אַ שמאַטקעלע מיט קרייד!

דער איינציגער, וואָס האָט זיך געמאַכט ניט-הערענדיג און ניט-זעהענדיג, איז געווען פעטער-זשאַמע. און אַז מומע-מיכליע האָט איהם עפּעס דערשראָקען צוגעשושקעט, האָט ער איהר דעמאָנסטראַטיוו, און דוקא הויך אויפן קול, אָפּגעענטפערט:

— אַזוי זאָגסטו? ער האָט שוין „פּאָפּראַוועט" דעם טשע־מאָדאַן האָט ער? טו זאָל ער טאַקע פאָהרען!

נאָר אַ טאָג פאַרן אָפּפאָהרען קיין ניזשנע, האָט זיך זשאָמע צערעדט, בשעת עסען וועטשערע. גערעדט האָט ער אין דער דריטער פּערזאָן: — ער, זשאָמע, איז שוין אַמאָל געווען אין וואַרשע, אין די יונגע יאָהרען, נאָך דער סלוזשבע. ניט אַלע זיינען בן־יחידים. ניט אַלע האָבען אַזעלכע גליקען אַרויסצוגעהן פון פּריזיוו מיט „בלויע בילעטען"... יאָ, איז... אַ ליטוואַק האָט מען דאָרט פיינט ווי חזיר. און קיין פּאַמפּעשקעס אינדערוואָכען עסט דאָרט קיינער ניט...

איטשיישע האָט געקייט מיט ביטול, געמאַכט מיט די ליפּען, מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט: געפונען וועמען אָנצושרעקען!

איז שוין זשאָמע געוואָרען ברוגזלעך:

— מע זאָל ניט מיינען, אַז ער מיינט „וועמען ניט איז" אָפּצוהאַלטען... מען וועט אם ירצה השם אין ניזשני אויסקומען אָהן איהם. נאָר ער גיט איהם אַן עצה, גיט ער „איהם". קיין פוילישען אידען זאָל ע־ ניט דאַקוטשען מיט זיין ליטווישען לשון און ניט האַנדלען קיין מציאות אויף „וואָלאָווע". פאַרהאַן דאָרט אַ געסעלע אַזאַ... „ער" קרימט זיך? מילא, זאָל ער זיך קרימען, און זאָל ער טאַקע... פאָהרען!

.3

אויף מאָרגען איז זשאָמע אַוועקגעפאָהרען צום אָרשער באַהן מיט זיינע קאַסטענס סחורה. און איטשיישע איז נאָך עט־לעכע טעג געבליבען אין דער היים, און האָט זיך געבייזערט פון אין דער פריה ביז ביינאַכט

שולדיג איז אין דעם אַביסעלע געווען די מומע־מיכליע. אַ „קינד" פאָהרט צום ערשטען מאָל אין דער פרעמד, וועט מען איהם עפּעס לאָזען פאָהרען „גלאַט אַזוי"? וואָס הייסט?... האָט זי פאַרבעטען די באָבעצי, מומע־לאהקען, זשאָמעס מומע, זי זאָל

אהר העלפען באַקען קיכעלעך און טערטעלעך, און בורא־מיני־מזונותלעך, דעם בן־יחיד אויפן וועג. איז אָנגעקומען די מומע־לאהקע מיט אַ ניט־דערמאַכטער זאָק אין האַנט, מיט אַ קוש דער מזוזה, מיט איהר ווייַנפּערל אויף דער גאָמבעלע און מיט די דריי האָר אויפן נאָז. און באַלד האָט זיך דערהערט איהר שליימיג קולכעל, אָהן צייהן, און דאָס סקראָבען פון איהרע פלינקע שיכעלעך אין אַלע חדרים. די מומע־מיכליע האָט פאַרבונדען די טיכעל פון קאָפּ אויפן נאַקען און אַריינגעשלעפּט אין קיך די בלעכען, וואָס ערב־שבועות באַקט מען אויף זיי די מילכיגע פלעצלעך... בוימעל און געלכלעך פון אייער האָבן זיך געגאָסען ווי וואַסער, מעהל־צוקער האָט זיך געשאָטען ווי שניי אין חדש שבט... דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען אַ קנעטעניש, אַ פלעכטעניש און אַ באַקעניש, און די לופט אין שטוב איז געדיכט געוואָרען ווי ביים לעקעכ־מאַכער. עס האָט געגומען שמעקען מיט האָניג און מיט פּוטער, מיט צענעשקע און געווירצעלעך און נעגעלעך און געברוינטע ראָזינקעס. אָבער פאַרנאַכט, ווען ביידע ווייבער האָבן צוזאַמענגע־לייגט די אָנגעבאַקענע גוטע־זאַכען אין איין הורבע און באַוויזען איטשייזשען, וואָס ער האָט צו נעמען מיט זיך „אויפן וועג", האָט ער זיך ניט אויף קאַטאָוועס דערשראָקען:

– וואָס? אָט דאָס אַלץ זאָל ער נעמען מיט זיך? וואָס איז ער? אַן אַגענט פון שקלאָווער צוקער־געבעקס? איינמאָל פאַר אַלע מאָל – ער נעמט ג אָ ר נ י ש ט. ניטאָ פון וואָס צו רעדען.

האָבען מומע־מיכליע און מומע־לאהקע אַ נעם געטאָן זיך איינרעדען איהם, ער זאָל זיי ניט פאַרשעהמען. און... סטייטש? אַ מעת־לעת פאָהרען: אַפריהער מיט דער פוהר, דערנאָך מיטן באַהן, ס'וועט איהם דאָך הלשען דאָס האַרץ! היינט דערנאָך אין דער פרעמד...

אָבער איטשייזשע האָט זיך איינגעשפּאַרט: ער דאַרף ניט האָבען אַזוי פיעל בורא־מיני־מזונותלעך. אדרבא, זאָל מען אויפ־מאַכען זיין „צעמעדאַן" און זאָל מען זעהן, צי ס'איז דאָ אָרט...

האָבען מומע־מיכליע און מומע־לאהקע אויפגעמאַכט זיי

טשעמאָדאַן, געטאַפּט די וועש, געטאַפּט דעם צוזאַמענגעלייגטען שבתדיגען אָנצוג, געזיפצט, געקוואָקצעט ווי די סעדיכעס, דער־נאָך אַוועק אין קיך, ווייטער געזיפצט און ווייטער געשושקעט זיך, און מסכּים געווען, אַז קיין אָרט אין טשעמאָדאַן איז מעהר ניטאָ... אלא, וואָס דען? מע וועט מאַכען אַ נייעם פּעקעל. „דאָס ביסעל" צוקער-געבעקס וועט מען איינפּאַקען אין פּאַפּיר און איינ־נעהמען אין דער באַיקענער קאָלדרע, וואָס איטשייזשע נעמט מיט זיך אין דער פרעמד.

איז דער בן-יחיד גרין געוואָרען פאַר כּעס: „שוין גאָר פאַרנעהטע קאָלדרעס וועט ער נעמען? שעהן וועט עס אויס־זעהען! ווי אַ וואַטאָוועוער כרעמזעל מיט געפּילעכץ, ווי אַן עוג-מלך-הבשן-טריבער: אָנגעשטאָפּט מיט צוקער-לעקעך!"

האָבען מומע-מיכליע און באָבע-לאַהקע געזיפצט, געווישט די אויגען, געקוואָקצעט, געשושקעט זיך און געמאַכט אַ פּשרה:

אַ העלפט טערטעלעך און בורא-מיני-מזונותלעך וועט מען אַוועקשיקען דעם טאַטען אין ניזשני, און די אַנדערע העלפט... נו, אַ העלפט, מעהר ניט ווי אַ י י ן העלפט, וועט מען... וועט מען איינגעהען איטשייזשען אין זיין באַיקענער קאָלדרע מיט דער קישעלע און מיט אַ פּאָר לייַלעכער צוזאַמען. וועט גאָרנישט זיין קענטיג. ווער וועט עס וויסען, אַז עס זיינען דאָ טערטעלעך?

נאָך אַ צוויי שעה דינגען זיך, האָט איטשייזשע מסכּים גע־ווען אויף דעם. האָבען מומע-מיכליע און באָבע-לאַהקע געכאַפּט און צעשפּרייט די רויטע באַיקענע קאָלדרע. אַלץ מורא געהאַט: טאָמער האָט ער חרטה... איינגעפּאַקט די גאַנצע קראָם און איי־לענדיג זיך און ברענענדיג זיך אַרומגענעהט פון דריי עקען מיט ווייסע פאָדים. האָט דאָס באַקומען אַ פּנים, ווי אַ גרויסער געפּיל־טער קראָפּ פון אַן ענדיק, וואָס מען פאַרנעהט, כּדי דאָס געפּי־לעכץ זאָל ניט אַרויסקריכען. האָט איטשייזשע דערזעהן דעם פּע־קעל, פאַרנעהט מיט ווייסע פאָדים, איז איהם ניט-גוט געוואָרען: וואָס איז דאָס פאַר אַ „דראַטווע"? וואָס פאַר אַ ווילדע גענייעכץ? און ווי אַזוי זאָל מען אַזאַ שעהנעם פּעקעל טראָגען? פאַרן שפּיץ אויער, צי פאַרן מיטען?.. „ניטאָ וואָס צו רעדען! — האָט ער

זיך צעשריען, — מען זאָל איהם לאָזען צורוה! ער נעמט ניט דעם פעקעל!..״

האָבען מומע-מיכליע און באָבע לאהקע געזיפצט, געווישט זיך די אויגען, געשושקעט זיך, ביז מען האָט ווייטער געפונען אַן עצה. מומע-מיכליע איז געלאָפען אין מאַרק און איינגעהאַנדעלט אַ פּאַר לעדערנע פּאַסען מיט אַ הענטעל צום טראָגען. און די אַלטעטשקע, די עלטער-מומע לאהקע, האָט, נעבעך, אַרומגעפּאַדיעט אַרום פּעקעל מיט אַ פרישען רויטען בוריק און געריבען איהם די זייטען אַזוי לאַנג, ביז דער קאָליר פון די פּאָדים און פון דער בייקענער קאָלדרע האָט זיך אויסגעגלייכט.

אַז איטשע-אייזשע האָט דערזעהען דעם פּעקעל אָהן אַ שום סימן פון ווייסע פּאָדים, אַרומגעכאַפּט מיט צוויי נייע רימענע פּאַסען און מיט אַ געלאַקירטער הענטעל, איז איהם גלייך לייכטער געוואָרן אויפן האַרצען. זיין באַליידיגטער עסטעטישער געפיהל האָט זיך באַרוהיגט. און די פינסטערע פאַרזאָרגטע פּנימער פון דער מאַמען און עלטער-מומען האָבען זיך אויסגעלויטערט. זייערע אויגען האָבען אויפגעלויכטען אונטערן קאָפּ-טיכעל און הייבעל. געלויבט דער אויבערשטער, און זאָל זיין מיט מזל! דער בן-יחיד נעמט שוין דעם פּעקעל.

## 4.

איז געקומען די גרויסע שעה פון געזעגענען זיך. באַלד דאַרף אָנקומען די בויד. ס׳איז נאַכט. די שוועסטערלעך שטעהען און עסען דעם ברודער מיט באַגייסטערטע און צעשראָקענע אויגען די מומע-מיכליע, ווי איהר שטייגער איז, שטעהט צו, ער זאָל עפּעס נעמען אין מויל. און די עלטער-מומע לאהקע בעט, מען זאָל זיך זעצען. איידער מען געזעגענט זיך, זאָגט זי, דאַרף מען זיך צוזעצען. ס׳איז אַ סגולה, זאָגט זי, צו האָבען אַ גוטע רייזע..

זעצט מען זיך אַרום דעם הענגלאָמפּ. דער בן-יחיד פאַרבייסט אַ ליפּ און זעצט זיך צווישען זיין „צעמעדאַן״ און פאַרנעהטער קאָלדרע.

זאָל זיך שוין די אַלטע, מיטן האָריגען נאָז, אָפּזועגענען און זאָל שוין נעמען אַ סוף. אָבער די שטענדיגע פלינקע און פרעהלעכע, אַכציג - יאָהריגע מומע-לאהקע איז אָפּגעשוואַכט. זי איז מיד און מאַט פון אַרומפּאַדיען צוויי מעת-לעת, פון באַקען און נעהען, פון דינגען זיך מיטן אור-פלימעניקעל, פון אָפּעסען זיך דאָס האַרץ, פון צוזעהען דעם צער פון מומע-מיכליען. זי איז ווי פאַרשיכורט, די אַלטיטשקע, און ביים געזעגענען זיך פאַרלירט זי אַביסעל דעם קאָפּ. די דורכזיכטיגע, אָדערדיגע פינגערלעך איהרע ציטערען, דער קול איהרער ציטערט:

— הכלל, איטשייזשעלע, מיין קינד, פאָהר געזונטערהייט! כ'האָב דיר דאָ איינגעפּאַקט צוקערלעקעכלעך, און אַ קישעלע האָסטו דאָ אויך. אַז דיר וועט ציהען דאָס האַרץ אין דער פרעמד, וועסטו דאָס קישעלע ע... מיין איך א ו י ף דעם קישעלע וועסטו עסען... ניין, פאַרקעהרט. כ'מיין די צוקערלעקעכלעך וועסטו לעגען צו-קאָפּ... כ'האָב געוואָלט זאָגען דאָס קישעלע... אוי, דער קאָפּ דרעהט זיך מיר! וועסטו, מיין קינד, דאָס קישעלע... מיין איך די בורא-מיני-מזונותלעך עסען און דאָס קי-קי... קישעלע הייסט דאָס...

— גוט, גוט, — האָט איטשייזשע געוואָלט מאַכען בקיצור, — די טערטלעך וועל איך עסען און אויף דער קישעלע...

האָט זיך אָבער די מוהמע-לאהקע אויפגערעגט:

— וואָס פאַרגינסטו ניט, אַז אַן אַלטע מומע וויל דיך בענשען. ווער ווייסט, צי וועט מען דערלעבען זעהן זיך נאָך אַמאָל. דערפאַר זאָג איך, מיין ליב קינד, אַז אויף די צוקער-לעקעכלעך מעגסטו געזונטערהייט של... מיין איך עסען, ניין, ס'הייסט אויף דער קישעלע... אוי, מיין קאָפּ! וועסטו מאַכען געזונטערהייט בורא־מיני... כ'מיין די קיכעלעך...

זי וואָלט פון פלאָנטער געוויס ניט אַזוי גיך אַרויסגעקראָ-כען, וואָלט ניט געענדיגט דאָס באַלעבעטשען, ווען ניט די בויד. סענדער דער באַלעגאָלע איז, צום גליק, אָנגעפאָהרען מיט אַ הויק און מיט אַ פייף און מיט אַ קנאַק און מיט אַ קלאַפּ פון בייטש-שטעקעל אין פאַרמאַכטען לאָדען, און מיט אַ פרעהלעכען באַלע-גאָלעשען ברום:

— וואו איז מיין „שודאָק״ ?*)

און איידער איטשייזשע האָט נאָך צייט אָפּטשעפּען זיך פון דער מומע-לאהקען, געזעגענען זיך מיט דער פאַרוויינטער מאַמען און מיט די באַגייסטערטע שוועסטער, האָט מען שוין זיין טשע-מאָדאַן און זיין געפּילטע קאָלדרע אַרויסגעטראָגען. סענדער דער באַלעגאָלע האָט זיי אַרויסגעטראָגען פאַר די אויערען ווי צוויי צאַפּעלדיגע הענט און פאַרשטופּט זיי ערגעץ וואו, אין בויד אַריין, אין דער פינסטער.

דער בן-יחיד איז אַרויסגעלאָפען נאָך זיינע פּעקלעך מיט אַ קלאַפּענדיגער האַרץ און מיט פאַרשטשירעטע צייהן. זאָל שוין אַמאָל נעמען אַ סוף!... סענדער האָט איהם אָנגעוויזען מיטן בייטש-שטעקעל, ער זאָל מוחל זיין און קריכען אין דער פינכטע-רער בויד אַריין. האָט איטשייזשע גענומען קריכען מיט זייןביי-נערדיגען לאַנגען גוף. קודם-כל האָט ער זיך צעבוקעט מיט דער האַלב-קיילעכיגער ראָם פון בויד, דערנאָך האָט ער געקראָגען אַ שטויס פון אַ קניע אונטער דער לעפעלע. און מאַקע באַלד נאָכ-דעם האָט ער אָנגעטאַפּט אַ פּאַטשיילע פון אַ אידענע, אַ קאַלאָש... און אַ קולכעל האָט אַ קוויטש געטאָן „אַי״... דער בן-יחיד האָט אָפּגעקוועטשט אַ פרעמדען פינגער, באַלד אַ כאַפּ געטאָן זיך אָן אַ זייט און זיך אַוועקגעזעצט, אויף עפּעס אַ ווייכע זאַך...

ווי נאָר ער האָט זיך געגעבען אַ זעץ אַנידער, האָט עס אונ-טער איהם געגעבען אַ סקריפּ און אַ פּאַהר-אַראָפּ... ער וואָלט געמעגט שווערען, אַז ס׳איז זיין געפּילטע באַיקענע קאָלדרע! ער גיט אַ טאַפּ — אַי, אַן אומגליק, אַי, אַ צרה! דאָס האָט ער מיט זיין ביינערדיגען גוף טאַקע צעקוועטשט אַלע בורא-מיני-מזונות-לעך... די האָר האָבען זיך איהם אויפגעשטעלט. ער האָט געוואָלט מאַכען קולות, אָנהויבען שטופּען זיך און פאַרלאַנגען מען זאָל איהם געבען אָרט, מען זאָל איהם העלפען ראַטעווען זיינע צו-קערלעקעכלעך... אָבער די גאוה זיינע האָט ניט דערלאָזען. ער האָט ניט פאַרגעסען, אַז די מאַמע זיינע און די מומע-לאהקע

*) פּאָהרער.

שטעהען דאָ לעבען בויד, און וואָס פּאַר אַ קאַמף זיי האָבען מיט איהם געפיהרט צוויי מעת-לעת נאָכאַנאַנד איבערן פּעקעל. האָט ער בעסער געמאַכט אַ שווייג.

— זאָל עס געהן אין דער ערד אַריין! — האָט ער פעסט באַשלאָסען און געבליבען זיצען אויף זיין פּעקעל, ווי אויף אַ פּאָלטער-באַנק.

סענדער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש. די מאַמע, די באָבעצע, די ביידע שוועסטער האָבען זיך צעזונגען אין איין וויינענדיגען כאָר: „פאָהר געזונד, פאָהר געזונטערהייט!...״ און איטשייזשע האָט זיך גענומען העצקען און פיהלען, אַז די באַיקענע געפילטע קאָלדרע ווערט אַלץ נידעריגער און נידעריגער; אַז איהר אָנגעבאַקענע, אייערדיגע און צוקערדיגע געפילעכץ צעמאָלט זיך און צעברעקעלט זיך, אונטער איהם, אויף פּיץ-פּיץ ברעקעלעך, און אַז די דאַרע קניע זיינע ציהען זיך אויס און געהען אַוועק אין דער פינסטערניש פון בויד... יאָ. דער מומע-לאהקעס ברכה אויפן וועג איז שוין מקוים געוואָרען! עפּעס ווי אַ נבואה האָבען זיך דורך איטשייזשעס האַרטען קאָפּ געצויגען דער מומע-לאהקעס עובר-בטלע ווערטער:

— איז אויף די טערטעלעך, מיין ליב-קינד... אויף די בורא-מיני-מזונותלעך וועסטו, וועסטו שלאָפן... מיין איך, פאַרקעהרט, דאָס קישעלע, הייסט דאָס, וועסטו עס... מיין איך.

# ער איז געוואָרען אַ לייט...

### 1.

אַז איטשייזשע, זשאָמעס בן-יחיד, איז צום ערשטען מאָל אַוועקגעפאָהרען אין דער פרעמד, איז אין שטוב געוואָרען שטיל און גרוימיג. מומע-מיכליע האָט געזיפצט און אויסגעקוקט די אויגען נאָך אַ בריף. אוןביידע שוועסטער, גנעסיע און הענקע, זיינען כלומרשט געזעסען איינגעבויגען איבערן אויסנעהען אַ סאַמעטענע באָרדאָ-טישטעכעל, אויף צודעקען די מצה... זיי האָבען זיך ביידע צו דעם צוגעכאַפט, גראָד אַצינד אין די גרויסע זומער-היצען. און דאָס האַרץ האָט גענאָגט...

דעם בן-יחידס ערשטע בריף פון וואַרשע זיינען געוועזען פול מיט באַריהמערייען. הכלל, אַ דירה האָט ער אַ מלכותדיגע. אַ „שטעל" האָט ער שוין אויך, אין אַ געשעפט פון רויכוואַרג. אמת, דערוויל נעמט ער בלויז צעהן רובעל אַ חודש און עס פעהלען איהם אויס נאָר אַ וועלכענע פופצעהן-צוואַנציג... נאָר דאָס איז גאָרנישט. דער עיקר איז — וואַרשע! אין די גאַסען פאַרקויפט מען דאָ טייטלען, וואָס אין שקלאָוו פאַרזוכט מען עס נאָר חמשה-עשר, און קאַווענעס — וואָס אין שקלאָוו מאַכט מען אויף דעם שהחיינו, דעם צווייטען טאָג ראש-השנה. שפּעטער, אַז ער וועט אָנהויבען מעהר צו פאַרדינען, וועט ער מיט אַ „פאָהרער" צושיקען געפרעסטע טייטלען. דערווייל בעט ער צושיקען איהם צוואַנציג רובעל, וואָס פעהלען איהם גראָד אויס. מעהר דאַרף

ער ניט... און אַ האַלבע טוץ זאָקען בעט ער מ׳זאָל איהם אויך צושיקען. ווייל די היגע, וואַרשעווער זאָקען, זיינען געמאַכט געוואָרען נאָר אויף איין מאָל אָנצוטהאָן און אַרויסצוואַרפען...

די מומע-מיכליע האָט זיך געשמאָלצען פאַר נחת פון איהר בן-יחידס גליקען. זי האָט איהם גלייך אַוועקגעשיקט צוואַנציג רובעל און אַ האַלבע טוץ פאָדימנע זאָקען, און האָט איהם אָנגעפרעגט צי ער האָט נאָך געגוג „בורא-מיני־מזונותלעך" פון די, וועלכע ער האָט מיטגענומען מיט זיך. אויב ניט, וועט זי איהם צושיקען נאָך אַ פעקעל...

איז אָבער אָנגעקומען פון איטשייזשען אַ בייזער ענטפער, אָהן אַ דאַנק פאַר די פאָדימנע זאָקען און פאַר דאָס ביסעל געלט: הלמאי דרעהט מען איהם אַ קאָפּ מיט צוקערלעקעכלעך? ווענינ, אפשר, האָט ער זיך אָנגעליטען אין וועג פון דער באַיקענער קאָלדרע מיט „געפילעכץ"... אָדער אפשר פעהלען דאָ קאָנדיטערייען מיט כל טוב, וואָס שקלאָוו האָט דאָס אין די אויגען ניט געזעהן? למשל, טערטלעך מיט געשלאָגענע סמעטענע, פאָנטשיקעס געפילט מיט אייגגעמאַכץ, שטרודעלס — מיט אַ ראָנד געווירצטע פּוטער, אַ ראָנד קרעם און אַ ראָנד שאָקאָלאַד... איז אפשר וועט מען איהם אַמאָל לאָזען צורוה מיט שקלאָווער בורא-מיני־מזונותלעך? ער מוז אַצינד דערצעהלען דעם אמת מוז ער. אַז די פאַרנעהטע צוקערלעקעכלעך, אין דער קאָלדרע, האָט ער אַפילו ביז וואַרשע ניט דערפיהרט. שוין ביי סענדער דעם באַלעגאָלע אין בויד איז פון זיי געוואָרען אַש און רויך. אין וואַגאָן פאַר בריסק האָט ער אין דעם מיאוסן פעקעל אויפגעטרענט איין פאַרנעהטען זייט און אַרויסגעשאָטען די גאַנצע אשפה דורכן פענסטער. ס׳האָט זיך געשאָטען אַ מין געלע מעהל מיט פאַרפעלעך, ווי צעשטויסענע אייער-מצה... ער האָט פריהער ניט געוואָלט שרייבען. נאָר אַז מען נודיעט איהם — מוז ער זאָגען דעם אמת...

מומע-מיכליען האָט אַרויסגעזעצט אַ שוויס אונטערן קאָפּטיכעל. אַ שניידענדיגער געפיהל פון בושה האָט זי אַדורכגענומען. אויסער דעם וואָס ס׳האָט איהר געריסען דאָס האַרץ אויף דאָס אַרויסגעוואָרפענע צוקערגעבעקס, אויף איהר אייגענער מיה און

האָרעוואַניע, האָט זי זיך נאָך געפּיהלט שולדיג געגען איהר בן-יחיד, געגען זיין גרויסשטעטישען האָנער. האָט זי, הייסט דאָס, אַ שקלאָווער אידענע, געוואָלט גאָר קאָנקורירען מיט ווארשעווער קאָנדיטערייען? ניין, ס'איז טאַקע מעהר ניט ווי אַ קליינשטעטעל-דיגע איינגעשפּאַרטקייט...

און גנעסיע און הענקע האָבען, מיט זייער מיידעלשער באַ-גייסטערונג, גלייך אַרויסגעלייענט פון ברודערס בריעף וועגען די ווארשעווער גוטע זאַכען. און נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָבען אַלע זייערע חברטעס פון שקלאָוו געוואוסט, אַז אויסער קאַווענעס און געפּרעסטע טייטלען עסט מען נאָך אין ווארשע שטרודעלס מיט מיני קרעמען, און פּאָנטשיקעס מיט איינגעמאַכץ. און ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז איטשייזשע לעבט אין ווארשע אַ גוטען טאָג און גיסט זיך גאָלד אין האַלז. און אַז ניט היינט מאָרגען וועט... פון איהם אָנקומען אַ פּאַסילקע מיט געפּרעסטע טייטלען.

נאָר חדשים זיינען אַריבער און געפּרעסטע טייטלען זיינען פון בן-יחיד נישט אָנגעקומען. פאַרקעהרט, איטשייזשע האָט נאָך אַ פּאָר מאָל פאַרלאַנגט עטלעכע רובעל, נאָך אַ האַלבע טוץ זאָקען און אַ פּערטעל-טוץ העמדער... וועגען די פּוילישע גוטע זאַכען האָט ער אינגאַנצען אויפגעהערט צו שרייבען. ער האָט נאָר געשריבען, אַז אין מיטען ווארשע איז דאָ אַזאַ מין גאָרטען מיט אַ סאַזעלקע, כמעט אַזוי גרויס ווי שקלאָווער אָזערע. איז אָט אין דעם דאָזיגען גאָרטען לאָזט מען קיין פּוי-לישע אידען מיט קאַשקעטעלעך און מיט קאַפּאָטעס ניט אַריין. ליטוואַקעס מיט קאַפּעליושען — דוקא יאָ. איהם, איטשייזשען, פאַרשטעהט זיך, אַז יאָ... היינט איז אין גאָרטען דאָ אַ טעאַטער וואו מען שפּיעלט „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ" און ביינאַכט הערט מען ווי מען פּאַטשט דאָרטען „בראַוואָ".

און מומע-מיכליע לייענט די חידושים, שיקט העמדער און געלט און שמעלצט זיך פּאַר נחת.

אָבער אַז פעטער זשאָמע איז געקומען פון ניזשנע, אָהן קאַסטענס און מיט אַ פּאַק אַסיגנאַציעס אין בוזעם - קעשענע, האָט ער קודם כל אָנגעטהאָן די שפּאַקולען און איבערגעלייענט

כסדר אַלע בריעף פון דעם בן-יחיד. דערנאָך האָט ער די שפּאַקולען אויסגעטהאָן, פּאַמעלעך אַוועקגעלעגט זיי אויף די איבערגעלייענטע בריעף, אַ ריב-געטאָן זיך ביידע הענט און גערעדט עפּעס גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— אַ בעל-גאוה איז גוט צו שלאָגען.

— טאַטע!.. — האָבען זיך געוואונדערט גנעסיע און הענקע.

— וואָס טשעפּעסט דו זיך שוין צו איהם ווייטער?—האָט מומע-מיכליע אויך אונטערגעהאָלפען.

— וואָס אַרט אייך, קינדער, — ווענדעט זיך זשאָמע צו די מיידלעך, — ער עסט שוין דאָרטען גאָר נישט קיין פּאַמ-פּעשקעס...

— פון וואַנען נעמסטו דאָס, פון וואַנען? — שטעלט זיך מומע-מיכליע איין פאַר איהר בן-יחיד.

— איך נעם עס פון דאַנען, — ענטפערט זשאָמע גאַנץ קאַלטבלוטיג, — אַז אויב מען עסט אין וואַרשע קאַוועגעס מיט טייטלען איז נאָך קיין ראיה ניט, אַז איך דאַרף אויף דעם שיקען געלט, דעם פאַרדינער דיינעם. גענוג וועט זיין צו שיקען געלט...

נאָכדעם זיינען דעם בן-יחידס בריף געוואָרען זעלטענער, קירצער. וועגען וואַרשעווער חידושים האָט ער אינגאַנצען אויפ-געהערט צו שרייבען. ער פלעגט נאָר בעטען געלד. אָפריהער האָט ער זיך געבייזערט; דערנאָך, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער טאַטע איז שוין דאָ אין דער היים און דערלאָזט ניט, איז ער געוואָרען צוריקגעהאַלטענער. ער האָט שוין כמעט ווי געבעטען. זשאָמע איז געווען הארט ווי שטיין. נאָר מומע-מיכליע פלעגט יאָ, שטילערהייט, אַוועקשיקען עטלעכע אָפּגע-שפּאָרטע גילדען. ס'האָט אָבער אַפּנים ניט געקלעקט. ווייל די בריעף זיינען געוואָרען נאָך קירצער און נאָך טרוקענער. און זשאָמע פלעגט נאָך יעדען בריעף אַריינוואַרפען אַ נייעם ווערטעל:

— נאַ, ס'איז שוין דאָרטען קאַלטע צימעס!

— נאַ, ער האָט שוין פאַרלאָרען די תחתונים.

— אויס מיט די טייטלען! ער עסט שוין סקאָרינקעס.

און כּך הוה. מיט אַמאָל איז אינגאַנצען שטיל געוואָרען. אויס בריעף. ניט דער בן-יחיד שרייבט, ניט ער ענטפערט. מומע-מיכליע געהט אַרום אָהן אַ קאָפּ און זיפצט. ביינאַכט אין פינסטערען שלאָף-צימער שטעהט זי צו זשאַמען צו, ער זאָל נאָכגעבען און שיקען איטשייזשען געלט. ענטפערט איר זשאַמע אָפּ ווייך אָבער קורץ:

— מיכליע מיין ווייב, מאַך ניט קאַליע!... ווענסט זעהן, מירן באַלד האָבען אַ גאַסט.

געהט אַריבער אַ חודש, צוויי חדשים. ניטאָ קיין בריף: זשאַמע אַליין האָט זיך שוין געוועהן דערשראָקען. ווער ווייסט וואָס דער בעל-גאוה האָט דאָרטען אָפּגעטאָן! ער שווייגט אונטער; קען אָבער מיכליעס צער ניט פאַרטראָגען. ער האָט שוין אַפילו אין האַרצען באַשלאָסען איבערצובעטען זיך מיטן בן-יחידי ערשט אין איין העלען טאָג, אַ חודש פאַר פסח, פאַלט אַראָפּ אַ קורצער אָבער אומגעריכטער בריף פון בן-יחיד. „מען זאָל איהם שיקען אויף הוצאות. ער וויל קומען צוריק. און אַ גרוס דעם טאַטען...“

זינט איטשייזשע איז אַוועקגעפאָהרען האָט ער דעם טאַטען קיין גרוס ניט געשריבען... נאָר זשאָמע האָט דעם בריף גאַנץ אַנדערש אָפּגעשאַצט, גאַנץ אַנדערש ווי די מומע-מיכליע... אָהן אַ שום קענטיגער צופרידענהייט און אָהן אַ „אַהאַ“. נאָר עטלעכע מאָל און פאַמעלעך דורכגעריבען זיך ביידע הענט און געפּסקענט:

— נאַ. מיר דאַכט, אַז אונזער בן-יחיד הויבט אָן ווערען אַ לייט.

2.

צוריק איז איטשייזשע אַראָפּגעקומען אַן אויסגעדאַרטער, אַן אויסגעמאָגערטער, מיט בלויע קרוהעס אונטער די אויגען,

מיט אַ גרויסען אָפּגעקראָכענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. דערפאַר האָט זיין פּנים אויסגעזעהן נאָך קלענער. „ווי אַ פייג אונטער אַ דעכעלע" — אַזוי האָט עס באַצייכענט פעטער זשאָמע. אָבער מעהר ווי מומע־מיכליע האָט דעם קאָמפּלימענט קיינער ניט געהערט. נאָר דעם בן־יחידס אויגען האָבען דוקא געקוקט עפּעס זיכערער, רוהיגער, קליגער. אין יעדער באַוועגונג זיינער האָט זיך געפיהלט אַ מאַנסבילשע רייפקייט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, אויף עפּעס באַשלאָסען און האָט זיך פון קיין זאַך ניט געלאָזען אויפרעגען. מיט דער מאַמען האָט ער גערעדט זעהר נאָכגעביג און צוריקגעהאַלטען, מיט די שוועסטער—צאַרט, און מיטן טאַטען — מיט דרך־ארץ.

פון זיינע צוויי פּעקלעך, וואָס דער בן־יחיד האָט מיט זיך מיטגענומען, מיט ניין חדשים צוריק, האָט ער צוריקגע־בראַכט נאָר איינעם: דעם „צעמעדאַן". נאָר איצטער האָט דאָס שוין ביי איהם געהייסען שאַרף: ט ש ע מ אָ ד אַ ן. זיין לשון האָט זיך אויסגעליטוועשט. — די באַיקענע קאָלדרע מיט דער קישעלע זענען ערגעץ וואו פאַרשוואונדען געוואָרען. האָט מומע מיכליע געמיינט, אַז זיי ליגען איינגעפּרעסט אין טשעמאָדאַן, שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז אין טשעמאָדאַן גע־פינען זיך נאָר עטלעכע גאַנצע און צעריסענע העמדער, דער תפילין־זעקעלע, און אַ פּאָר ברייטע פליודערען מיט אַ גרויסער גלאַנצענדיגער לאַטע פון הינטען. מומע־מיכליע האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען, אָפּגערופען איהר בן־יחיד אָן אַ זייט און איהם געגנומען אויספרעגען, אין דער שטיל, זשאָמע און די שוועסטער זאָלען ניט הערען:

— זעה, מיין זוהן, וואו זיינען עפּעס דיין קישען און קאָלדרע? און וואָס זענען דאָס פאַר אַ פלודערען אַזעטקענע?...

האָט איטשייזשע אַביסעל טרויעריג אַ שמייכעל געטאָן:

— נו, די קישען און קאָלדרע זיינען געבליבען אויף אַ דירה... פאַר אַ חוב... און די הויזען מיט דער לאַטע, — דאָ איז איטשייזשע אַביסעל רויט געוואָרען, — דאָס איז... דאָס וועל איך דיר אַן אַנדערש מאָל דערצעהלען...

און געוואָלט אַוועקגעהן. אָבער דערזעהענדיג דער מאַמעס פאַרטרויערטע צורה האָט ער צוגעגעבען:

— ווען ניט אָט די לאַטע... וואָלט איך אפשר נאָך אַהיים ניט געקומען...

און פעטער זשאָמע האָט אַ גאַנצען טאָג נאָכגעקוקט זיין בן־יחיד מיט אַ באַהאַלטענער פרייד. פון זיינע שמאָלע, סוחרישע אויגען, מיט די האַלב־לאַכעדיגע קנייטשלעך, איז קיין באַוועגונג ניט געגאַנגען פאַרלוירען. און ביינאַכט, ווי נאָר ער איז געבליבען מיטן ווייב אויג אויף אויג, האָט ער איהר, כמעט ציטערדיג, אַריינגערוימט:

— דו הערסט, מיכליע? ער איז געוואָרען אַ „לייט"...

איטשייזשע האָט זיך באמת עפּעס גאָר אומגעביטען. שוין אַ פּאָר טעג נאָך זיין קומען, האָט ער אָנגעטאָן זיין פאַריתומטען פאַרטוך און גענומען זיך צו דער אַרבייט, מיט חשק און מיטן ברען פון אַ מענשען, וועלכער איז קראַנק פון אומגעהן לעדיג. ער האָט גענומען אויסקלאַפּען אין הויף די געגערבטע רויכוואַרג מיט אַ ריטמישער האַסטיגקייט פון אַ מענשען, וואָס וויל זיך ניט צוהערען צו זיינע אייגענע געדאַנקען, וואָס וויל זיך אַליין פאַרקלאַפּען אַ קאָפּ.

ער האָט געאַרבייט פלייסיג און פינקטלעך און ניט געבלאָזען זיך אויף די פרעמדע בעל־מלאכהס אין טאַטענס הויף. ביים שפּיגעל איז ער מעהר ניט געשטאַנען און ניט געפּראַנטעוועט ווי פריהער. די אינגלעך אויף דער גאַס האָבען איהם דערקענט און געפּרואווט פאַרטשעפּען מיט דער אַלטער לידעלע:

אָט געהט איטשיי־א־ייזשע!

טאַקע אויך;

דאַר און הויך,

און שמעקט מיט רויך...

האָט זיך אָבער איטשייזשע אַליין אַזוי צעלאַכט, אַז די אינגלעך זיינען עפּעס געבליבען שטעהן ווי אָפּגעשמיסען און מעהר האָבען זיי איהם דאָס לידעלע ניט געזונגען.

פון וואַרשע האָט ער כמעט ווי ניט גערעדט. אַז מען

האָט איהם געפּרעגט, האָט ער געענטפערט מיט אַ האַלבען מויל, אָדער מיט אַ ווערטעל; איינע פון די ווערטלעך, וואָס ער האָט איבערגענומען פון טאַטען, נאָר מיט אַ נייעם נוסח. עפּעס אַ קוואַלעכעל פון וויץ האָט ביי איהם גענומען שלאָגען, זינט ער איז צוריקגעקומען פון וואַרשע. אַ ביטער קוואַלעכעל. נאָר ס'האָט איהם ניט געהאָלפען. „וואַרשע" האָט איהם צוגעגעבען אַ מיסטישען חן אין די אויגען פון שקלאָווער מיידלעך. און מען האָט פון איהם דערצעהלט גליקען, ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. מ'האָט איהם ווידער גענומען ריידען שידוכים. ער האָט זיך דאָס דערוואוסט פון דער מאַמען און זיך „ניט גע-לאָזען"... גרונים דער שדכן מיטן פּאַרעסאָל אונטערן אָרעם, מיט דער גאַלקע צום רוקען און מיטן שפּיץ פאָראויס, פלעגט אויף איטשייזשען טשיקעווען וואו ער קען מיט איהם ריידען אויג אויף אויג. און איינמאָל האָט ער איהם אָבער געפּאַקט:

— איך ווייס, — מאַכט ער, — אַז איהר זענט אַן אויפגע-קלערטער, אַ הייכטיגער, איז האָב איך פאַר אייך אַ בלאָנ-דינקע, אַ —

— כ'האָב פיינט בלאָנדינקעס! — שלאָגט איהם איבער איטשייזשע און וויל זיך אויסדרעהען.

— כאַפּט נישט! — כאַפּט איהם גרונים פאַר דער פּאָלע,— ס'רעדט זיך נאָר אַזוי. זי איז שוין גאָר ניט אַזאַ גרויסע בלאָנ-דינקע ווי איהר מיינט. זי פּאַלט אַריין אין שאַטין און שלאָגט אָן אין „ברינעט"...

— כ'ווייס! — מאַכט איטשייזשע מיט ביטול, — זי שרייבט אַפילו אַמעריקאַנער אַדרעסען און קען רעדען מיט אַ סטראַזשניק...

— מיטן פּריסטאַוו, מיטן גובערנאַטאָר אַליין! — כאַפּט אונטער גרונים מיט היץ, — זי האָט געענדיגט פיער קלאַסען „גומלאַזיע" און שפּיעלט אויף אַ „פּיאַן".

אָט די „פּיאַן" איז זשאָמעס חתן-בחור יאָ אַריין אין קאָפּ. ער איז אַ ווייטלע געבליבען שטעהן, אַ קאַפּעלע רויט געוואָרען און אַרויסגערעדט סתם אין דער וועלט אַריין:

— מ׳עט זעהן. מ׳עט זיך מיישב זיין.

די „פיאַן” האָט מנצח געווען. איטשע־אייזשעס שטאָלץ איז געוואָרען געבראָכען. און חתן־כלה האָט „זיך געזעהן”.

די בלאָנדינקע, „וואָס שלאָגט אָן אין ברינעט”, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס אַ באַלעבאַטישע טאָכטער פון אָרשע, מיט אַ הויכער ברוסט, מיט אַ שמאָלער איינגעצויגענער טאַליע און מיט אַ קופּע טונקעל־רויטע האָר אויפן קאָפּ. אַ גאַנצער הויט פון אַלטען קופּער... אונטער דער דאָזיגער מאַסע האָר האָבען געלויכטען אַ פּאָר לוסטיגע גרינע אויגען. אַ שעהנע מויד.

דער בן־יחיד האָט זיך אין איהר פאַרפרעגעלט פון דעם ערשטען קוק אָן. האָט זיך אַפילו מעהר ניט אינטערעסירט, צי זי שפּיעלט טאַקע „פּיאַן” צי ניט. און אין גיכען איז געווען אַ קנין. אָבער אַז גרונים דער שדכן האָט זיך גענומען באַריהמען פאַר די מחותנים מיט זיין בריהשאַפט, האָט איהם פעטער זשאַמע פרעהלעך איבערגעשלאָגען:

— נאַ, נאַ, ס׳איז דען אַ שידוך איז דאָס? ס׳איז דאָך קיין עין הרע ניט — „בולבע”! *)

צו די תנאים איז געווען גאָר לעבעדיג. מען האָט געבראָכען טעלער. וואָס הייסט טעלער! קיין אַלט טעצעל איז ניט געבליבען גאַנץ אין זשאַמעס הויז. און מען האָט זיך געלאָזען וואויל־געהן.

נאָכן פיינעם כיבוד זענען געבליבען נאָר אייגענע מענשען. און מען האָט „באַגאָסען די תנאים” מיט אַלטען ווישניאַק, וואָס מומע־פייגע און פעטער אורי האָבען געבראַכט צו שלעפען לכבוד אַזאַ שמחה, אין אַ פינף־קוואָרטיגער פלאַש. כדי פרייער און באַקוועמער צו זיין האָבען זיך מאַנסבילען און ווייבער פונאַנדערגעטיילט. די מאַנסבילען מיטן חתן אין איין צימער, די ווייבער מיט דער כלה אין אַן אַנדער צימער.

דער אַלטער ווישניאַק האָט אַפילו דעם שוויגענדיגען חתן אויך צעבונדען די צונג. מען האָט איהם געפרעגט אויף וואַרשע,

*) ליעבע.

וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ קנאַפּען יאָהר, און דאָס מאָל האָט ער דוקא יאָ דערצעהלט, אָבער אָהן די גוזמות אין זיינע אַמאָליגע בריף, און אויסמיידענדיג זיך אַליין אינגאַנצען. אָבער זשאָמע איז געוועזן בגילופין און האָט איהם נישט אָפּגעלאָזט. ער איז צו איהם צוגעשטאַנען, צום בן־יחיד זיינעם, ער זאָל טאַקע דערצעהלען אַלצדינג... ניטאָ וואָס צו שעמען זיך. דאָ זיינען „אייגענע מענשען". אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז זשאָמע האָט גענומען אונטערווינקען מיט אַן אויגעל און אַרויפגעפאָהרען גלייך אויף די פּאָר תחתונים, וואָס איטשייזשע האָט מיטגע־בראַכט פון וואַרשע:

— ער שווייגט אונטער, אַ?.. אָבער א י ך ווייס סיי־ווי־סיי... אַ פוד ליכט בין איך מנדב אויפן ליובאַוויטשער בית־מדרש, אויב אונזער חתן האָט ניט איינגעהאַנדעלט די מציאה אויף „וואָלאָווע געסעל". און זאָל ער מיר מתיר נדר זיין...

דאַן האָט שוין דער חתן מעהר קיין אויסוועג ניט גע־האַט, און נאָך אַ גוטער גלעזעל ווישניאַק דערצעהלט — דאָס גרויסע געהיימניס פון די פאַרלאַטעטע הויזען.

3.

— פאַרהאַן, — האָט דער חתן אָנגעהויבען, — אין וואַרשע אַ וואָלאָווע גאַס. מען פאַרקויפט דאָרטען „פאַרטיגע נייע בגדים", אַזוי איז אויסגעמאָלט אויף די שילדען. אין דער אמתן זיינען עס איבערגעניצעוועטע שמאַטעס, צוזאַמענגעקויפט ביי אַלטוואַרג־הענדלער, וועלכע שרייען אַ גאַנצען טאָג: „האַנדעל!", „האַנ־דעל"! איבער אַלע הויפען.

דעם אמת ווייסען נאָר וואַרשעווער תושבים. ליטוואַקעס און „פּרייערס" ווייסען עס ניט. און אַז איך בין געקומען קיין וואַרשע און געקראָגען חשק צו ווערען אַ פראַנט, מיט מיינע עטלעכע רובעל, האָבען מיר גוטע לייט געוואָרענט —

— דאָס האָב איך דיך געוואָרענט!—רופט אויס זשאַמע, — פאַרן פאָהרען... געדענקסט?

— יאָ, יאָ,—ענטפערט דער חתן,—דו אויך: „גאָר ניט אויף דער וואָלאָווער גאַס".

„— פאַרוואָס?"—פאַרדאָס. ווערסט כאַפּען דעם „פּסק". פון וועמען פּסק?.. פרעג נישט קיין סך קשיות! דיינע פּאָר גילדען וועסטו פטרן, שמאַטעס וועסטו קריגען און געזידעלט וועסטו באַקומען. און אפשר טאַקע געבראָכען די ביינער אויך..."

האָב איך מיך געהיט ווי פאַר פייער

מיין „שטעל" איז אָבער געווען נישט ווייט פון דער „וואָלאָווע", פלעגט מיר, ניט ווילענדיג, אויסקומען דורכצושניידען די דאָזיגע געסעל, וואו אַלע ליטוואַקעס כאַפּען דעם פּסק.

יעדער געוועלבעל האָט זיך דאָרטען זיינע שותּפים. שייך זאָגען שותּפים! פון גרויס שותּפותקייט קריגט מען זיך דאָרטען גאַנצענע טעג און מען רייסט זיך פאַר די נעז. אַפּנים ס'איז בויטיג צום געשעפט, אַפּנים דאָס הייסט: „טיכטיג זיין"... און אַז מען קיהלט זיך אויף אַזאַ אופן אָפּ די הערצער שיט מען זיך אַרויס אויפן טראָטואַר, פאַר די געוועלבלעך, און מען שלעפּט דורכגעהער פאַר די אַרבעל:

— יונגערמאַן, אפשר אַ פיין גאַרניטערל?

פלעג איך ענטפערן: „אַ דאַנק".

— אפשר אַ פיין קאַפּעליושעל, לעצטע מאָדע...

— פאַרניצט אַליין געזונטערהייט.

— פאַני וועלמאַזשנע... אַ מאַרינאַרקעלע... אַ פּאָר הויזען? ענגלישער שניט.

— צוליב וואָס זאָלט איהר זיך מטריח זיין?

האָב איך אַזוי קורץ געענטפערט — האָבען מיר די „וואויליע" יונגען פון וואָלאָווע ניט געטשעפּעט. פאַרקעהרט, איך פלעג באַך אָפט מאָל הערען הינטער זיך אַ קאָמפּלימענט:

— הען, אַ ליטוואַק צלם-קאָפּ!

— ניש'קאַ' פרייער

— לאָזן געמאַך!

ס'איז אָבער איינמאָל געקומען צו אַ קריזיס... אין אַ גע־וויסען טייל פון מיין אנצוג. כ'האָב עס באַהאַלטען ווי נאָר מעג־לעך. כ'האָב עס אַליין געצירעוועט. וואָלאָוועד „וואוילע יונגען" האָבען עס אָבער גלייך באַמערקט און טאָג־טעגלעך געוויצט זיך מיט מיר:

— יונגער מאַן... אַ פּאָר הויזלעך!

האָב איך איינמאָל ניט אויסגעהאַלטען און אַ שטאַמעל געטאָן:

— אויב גוטע סחורה... איז אפשר...

איידער איך האָב נאָך פאָספּייעט אַרויסצורײדען די דאָזיגע ווערטער, האָב איך דערפיהלט, אַז איך בין שוין ניט מעהר באַ־לעבאָס איבער זיך אַליין. צוויי פּאָר געזונטע ידים האָבען מיך אַ נעם געטאָן פון רעכטס און פון לינקס, אַ דריטע פּאָר הענט האָט אונטערגעשטופּט פון הינטען, ווי מען שטופּט אונטער אַן איינגעשפּאַרטען לאָשעקעל. אַזוי בין איך אַריינגעפלויגען אויף אָדלער־פליגלען אין אַ פינסטערען געוועלבעל אַריין, און געבליבען שטעהן, פּינטלענדיג מיט די אויגען, אויף אַ נאַפט־לעמפּעל, אין מיטען העלען טאָג... לעבען לעמפּעל איז געשטאַנען אַ געזעצט אידעלע מיט אַ פּאָר שלאַנגישע אויגעלעך:

— אַפּו' האָיזלעך וויל דע' אינגעמאַן! — האָבען אַלע דריי וואוילע יונגען, הויך אויפן קול אָפּגעגעבען ראַפּאָרט, ווי די סאָל־דאַטען זייער אָפּיציר.

- אַפּו' האָיזלעך? — האָט איבערגעפרעגט דאָס אידעלע און אַ בליאַסק געטאָן מיט די גרינע אויגלעך, — יאַך על'ן באַל' גע' אַפּו' האָיזלעך... ש אָ' איימועל אַפּו' האָיזלעך!..

קיין גוטס האָבען דאָס קולכעל און אויגלעך ניט אָנגע־זאָגט. נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. צוויי יאַטען האָבען מיך באַלד אַ הויב געטאָן און אַריינגעשטופּט מירביידע פיס, אין אַ פּאָר מכנסים; אויבען ברייט און אונטען שמאָל. מיין רעכטע האַנט האָט זיך אַ ציה געטאָן אַ טאַפּ צו טאָן פון הינטען; האָבען אָבער אַ פּאָר אייזערנע, פרעמדע ידים געשטעלט זיך

איהר אין וועג און אַראָפּגעשטופּט צו דער רעכטער קניע. האָט זיך מיין לינקע האַנט אַ ציה געטאָן טאַפּען, האָט מען זי אַראָפּ-געזעצט צו דער לינקער קניע. האָב איך אויסגעדרעהט דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן וואָס עס טהוט זיך דאָרטען, הינטען, פאַר אַ מ׳גי נסים... האָט אויף מיר דאָס קורצע אידעלע אַ געשריי געטאָן, ווי אַ פּראָפעסאָר אויף אַ אומרוהיגען פּאַציענט:

— פּאַניע... סטויטשע רוואונאָ!*)

האָב איך זיך געקליגט און אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן דורך די פיס, האָט מיר שוין ס׳אידעלע געגעבען אַ גאַנץ נשקשהדיגען שטורכאַץ אין רוקען און אויסגעצויגען אַ מין מאוימדיגע תּלישה-גדולה:

— סטוי-טשע רואוו — נאָ — אָ!

ס׳הייסט: שטעה גלייך, אין דיין טאַטענס טאַטען! וואָרים מען וועט דיך דאָ דורסן.

האָב איך זיך גענומען קאָכען, האָבען זיי... האָב איך... הכלל וואָס זאָל איך אייך דאָ מאריך זיין — אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך שוין געפלויגען האַלז-און-נאַקען פון פינסטערען געוועלבעל, מיט אַ שטויס און מיט אַ פייף, אַנגעטאָן ווי אַ מאָ-נאַרכע אין אַ פּאָר קצבישע פלודערען, מיט אַ גרויסער פאַרשמאָל-צעוועטער לאַטע איבערן גאַנצען געזעס, און מיינע עטלעכע רובעל זיינען געבליבען ביים קורצען אידעלע אין די הענט... אָקאָרשט, דאַכט זיך, אַ ליבער „אינגער-מאַן", אַ „פּאַניע", אַ „מאָי-פּאַניע", און מיט אַמאָל גאָר אַ ליטוואַק-חזיר, אַ צלם-קאָפּ, אויסגעצויגען אין פאַרלאַטעטע הויזען אויף דער וואָלאָווקע, ביים רינשטאָק. צום ערשטען מאָל איז מיר דאַן, ליגענדיג אַזוי, דורכ-געלאָפען אַ געדאַנק, אַז איך בין דאָ אין דער פרעמד, אַז מ ע ן ד אַ ר ף פ אָ ה ר ע ן צ ו ר י ק אַ ה י י ם...

דורכגעהער, מיט אידישע הערצער, האָבען מיר געהאָלפען אויפשטעהן, אָנגענומען זיך מיין קריוודע. האָבען אָבער די וואוילע יונגען, די שלעפּער, נאָך חוזק געמאַכט:

---

*) פּאַניע: שטעהט גלייך!

– זאָל ע׳ ניש׳ זאַן קאַ׳ פרייער!

– זאָל ע׳ גאַין אַף די מאַ׳שאַלקאָ׳סקע!

– מיט דע׳ בובע זאַנער באַם שירץ!

און ס׳אידעלע מיט די שלאַנגישע אויגלעך האָט זיך נאָך געשטעלט אין טירעל פון געוועלב, דאָס בייכעלע אַרויסגעשטעקט, די פיסעלעך צערוקט, די רויטע הענטעלעך צעשפרייט אויפן פוזעלע, און אויסגעזונגען:

– ררר׳אָט דאָך „אינז" באַלאַי–דיגט דע׳ ליטוואַק!

ס׳הייסט איך! – אַזוי האָט דער חתן פאַרענדיגט, – איך הייסט דאָס האָב נעבעך באַליידיגט איהם און זיינע שלעפער! איך!

* *
*

עס האָט אויסגעבראָכען אַ גרויס געלעכטער. אַפילו פעטער-אורי, וואָס ביי זשאָמען אין שטוב האַלט ער זיך שטענדיג צוריק, ווי אַ תלמיד-חכם, האָט אַזש געקוויטשעט, און טרעהרען זענען איהם געשטאַנען אין די קאַסאָקע אויגען: „געוואַלד, איך האַלט דאָס ניט אויס!.."

די ערשטע איז אַריינגעלאָפען די כלה:

– וואָס איז דאָ פאַר אַ געלעכטער? לאָזט אונז אויך לאַכען...

דער חתן איז רויט געוואָרען. און קוקענדיג אויף איהם זיינען די „אייגענע מענשען" אויך געוואָרען צוריקגעהאַלטענער, אַנטשוויגען געוואָרען.

נאָר איין מחותן, טאַקע פעטער זשאָמע אַליין, האָט זיך ניט פאַרלאָרען. אַנווייזענדיג אויפן פאַררויטעלטען חתן רופט ער זיך אָפּ אַזוי:

– נאַ, דאָס וועט ער דיר שוין אַליין דערצעהלען! אָבער... נאָך דער חתונה.

#ביים רייכעי פעטער

### .1

אַז די מיידלעך זענען אויך אונטערגעוואַקסען און די געשעפטען זיינען געוואָרען גרעסער, האָט פעטער זשאָמע דערפיהלט אַ מידקייט. די יאָהרען האָבען גענומען לויפען אין די פופציגער אַריין און אין דער טונקעל-ברוינער בערדעל האָבען זיך גענומען דורכשלאָגען ציילען פון סיווע האָר. די אַמאָליגע זעלנערישע פלייצעס זיינען געוואָרען מאָגערער און ניט אַזוי סטאַטנע ווי פריהער. און דאָ דאַרף מען נאָך קלערען פון אַ שידוך אויך. וואָרום פון זיין גנעסיען און פון הענקען, זיינען אויסגעוואַקסען מוידען, צוויי קראַסאַוויצעס; אַזוי הויך און אַזוי סטאַטנע, ווי דער טאַטע אין די יונגע יאָהרען, מיט ווייסע אויסגעכאָליעטע לאַנגלעכע פנימלעך. גנעסיע, אַ בלאָנדע— דער מומע מיכליעס פאָרטרעט צו דער חתונה; און הענקע, אַ טונקעלע, אַ הויכע ווי דער טאַטע. פונדעסטוועגען האָט איין שוועסטער געהאַט דעם אָנבליק פון דער צווייטער. אַזוי ווי עס גיט זיך איין אין אַ פאַמיליע, וואו צוויי קאָנטראַסטען גיסען זיך צוזאַמען אין איין טיפ. זשאָמע האָט שוין אפילו גענומען טראַכטען מכּוח אַ שידוך פאַר דער עלטערער טאָכטער, פאַר גנעסיען. און מיכליע האָט זיך גענומען שעפטשען מיט איהם פאַרטאָג, אינם טונקעלען שלאָפצימער

אַן אויפטוער און האָרעפּאַשניק, זינט ער געדענקט זיך, האָט זיך פעטער-זשאָמע אַליין געוואונדערט, וואָס ער קלערט

אַלץ מעהר און מעהר פון אָפּרוהען זיך, שפּעטער... אויף די עלטערע יאָהרען. אמת צו די „עלטערע יאָהרען" איז נאָך, אָהן עין-הרע, געווען ווייט. דער רוקען איז נאָך געווען גלייך, דער אַפּעטיט — גוט, דער שלאָף — טיף. אָבער דאָס פאַרבאָרגענע געדאַנקעל, וואָס האָט איהם גענומען טאָרען שטילערהייט, אַז אָט, מיט גאָטס הילף, וועט מען טאָן שידוכים מיט די מיידלעך און מ'וועט בלייבען „דיעד דאַ באַבאַ"*) און האָבען נחת, — דאָס אַליין איז שוין געווען אַן אָנזאָג אויף „עלטער ווערען". און זשאָמע האָט דאָס געפיהלט.

ער האָט זיך פּלוצים גענומען אַרומזעהן, אַז קיין גרויסע שטיק אויף די עלטערע יאָהרען האָט ער ניט. וואָרים איטשייזשע זיין בן-יחיד האָט נאָך זיין חתונה געמאַכט שבת פאַר זיך, גענומען אויסאַרבייטען רויכוואַרג ביי זיך אַליין. אַזוי האָבען זיך איינגע-שפּאַרט די מחותּנים פון דער כּלהס צד. ניט געוואָלט אַריינלייגען דעם נדן אין זשאָמעס געשעפטען... באשר, ער ר' זשאָמע האָט נאָך צוויי ניט אויסגעגעבענע טעכטער. האָבען די אָרשער מחותּנים געהאַט פאַרדאַכטען זייער טאָכטערס נדן זאָל ניט אַוועק אויף „פרעמדע מוידען"... האָט זשאָמע האַלב-ברוגזדיג אַ מאַך געטאָן מיט דער אויסגעהאָרעוועטער האַנט און מסכים געווען. אַ ברירה האָט ער געהאַט! צו פיעל איז שוין זיין בן-יחיד געווען פאַרפרעגעלט אין דער אָרשער קראַסאַוויצע, מיט די בראָנזענע האָר און מיט די גרינע אויגען, אַז ער, זשאָמע, זאָל זיך שטעלען אַקעגען...

האָט ער זיך ממילא גענומען צוהערען צו מיכליען זיין ווייב, אַז מען דאַרף זעהען נעמען אַ געראָטענעם איידים פאַר גנעסיען, מען זאָל איהם קענען אַריינגעמען אין געשעפט און ביסלעכווייז איבערגעבען די עסקים אויף זיינע הענט. און שפּעטער אם־ירצה־השם — אויף הענקעס מאַן אויך.

האָט זיך אַזאַ קלאָרער געדאַנק גענומען לייגען אויפן זינען.

---

*) אַלטער און אַלטישקע

ביז וואַנען וועט ער, זשאַמע, באמת האַלטען טויזענט זאַכען „אויפן קאָפּ" און האַרצווען אין איין און דערזעלבער צייט?

איינגאַנצען אומגערעכט איז ער ניט געווען. אין יענע צייטען האָט מען אין שקלאָוו קיין גרויסע בוכהאַלטעריעס ניט געפיהרט, אַזאַ ראַיעלער סוחר ווי זשאַמע, וואָס אַ וואָרט זיינער איז בעסער פון אַ וועקסעל — אודאי און אַודאי ניט.

לכתחילה האָט פעטער זשאַמע אַלע זיינע חשבונות אינגאַנצען געהאַלטען אין זכרון. ערשט שפּעטער האָט ער זיי גענומען פאַר־שרייבען אויף שטיקלעך פּאַפּיר און אין פּיטשעגאָנטשיקע ביכעלעך, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין טייסטער און אין די קעשענעס פון זשילעט. נאָר אַזוי ווי ער אַליין איז נישט געווען קיין גרויסער מאדים אויף שרייבען און אויף געשריבענע חשבונות, פלעגט ער, ברוך השם, גאַנץ אָפט אַליין נישט קענען דורכלייענען זיינע אייגענע „קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס"..

זיינע טעכטער האָט ער אַזאַ איידעלע מלאכה ניט געוואָלט פאַרטרויען. ער האָט זעהר קנאַפּ געהאַלטען פון ווייבערשע חשבונות. און איטשייזשען — אָט דעם צוטראָגענעם, אָט דעם „מאַמעס-פּאַרטוּכניק" פון פאַר דער חתונה, אָט דעם קאַפּריזנעם בן-יחיד — אַודאי און אַודאי ניט. האָבען זיך די חשבונות־ביכעלעך און צעטעלעך פאַרפּלאָנטערט, וואָס ווייטער אַלץ מעהר: „געסילוקט, מקבל געווען. אַרויסגעגעבען סחורה, באַקומען סחורה. באַצאָהלט, ניט דערצאָהלט. סטראַכירט, געשיקט..." עס האָט זיך אָפּטמאָל אַזוי פאַרדרעהט, אַז עס איז געקומען צו אומזיסטע קריגערייען. און ניט אַלעמאָל איז זשאַמע געבליבען דער גערעכטער.

דערווייל וואָס איז נאָך גנעסיע, בסך-הכל, אַלט קנאַפּע אַכצען יאָהר. און געהן וואַרטען ביז מ׳וועט מיט איהר טאָן אַ מזלדיגען שידוך איז אויך ניט קיין תכלית. איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ פאַמיליען-ראַט, מיט מומע-מיכליען און מיט פעטער אורין. און ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען, צו נעמען אין געשעפט אַ געהילף, אַ בעל-חשבון, וואָס קען אַ ביסעל די היינטיגע „בוכ־האַלטעריע", און צאָהלען איהם ביז פיער רובעל אַ וואָך. נאָר

אַזוי ווי די היינטיגע יונגעלייט זיינען געכאַפּט אויף דער מעשה, און מען קען ניט וויסן וועמען מען נעמט אין שטוב אַריין און וועמען מען פאַרטרויט אָן אַ געשעפט, איז געבליבן מען זאָל אויסשרייבן פון פאַהאָסט פעטער פיניס בחורל. מ׳זאָגט, אַז ער איז זעהר אַ געראַטענער און האָט געלערנט בוכהאַלטעריע „דורך בריף". אויסערדעם וועט מען אַ פלימעניק מאַכן פאַר אַ מענשען, און דאָס געהאַלט פון זעכצען רובעל אַ חודש וועט בלייבן אין דער אייגענער משפחה. וועט מען אפשר פטור ווערען פון פיניס אָנפאָהרענישען, וועלכע ער פאָהרט אָן צוויי מאָל אַ יאָהר: אַמאָל צו זשאָמען און אַמאָל צו אורין, כדי צו נעמען אַן הלואה: דאָס אַ פינף-און-צוואַנציגער, דאָס אַ פופציגער,—„אַן אויפגאָב אויף פרישע סחורה" פאַר זיין בשמים-קרעמעל. ער גיט דאָך, ברוך השם, סיי-ווי-סיי קיינמאָל ניט אָפּ... אַצינד, אַז דער זוהן זיינער, שיקעלע, פון פאַהאָסט, וועט ווערען אַזאַ פאַרדינער, אָהן עין-הרע, וועט ער שוין אַליין קענען שטיצען דעם טאַטען זיינעם. וועט זיין אי שעהן, אי פיין. די ציעג גאַנץ און דער וואָלף זאַט.

די עצה איז געגעבען געוואָרען פון פעטער אורין אַליין. וואָרים איהם איז שוין נמאס ומאוס געוואָרען אויסצוהערען מומע-פייגעם קלאָג-לידער, אַז דער ברודער זיינער, פעטער-פיני פון פאַהאָסט, נעמט צו „וואו אַ קאָפּיקע אין שטוב". אַלע ערב-פורים און ערב-סוכות דאָס זעלבע. ער, פעטער-אורי, האַלט אונטער אויך „בלומקע די אלמנה" זיין שוועסטער, מיט וועלכער זשאָמע איז צעקריגט. טו זאָל ער אויף זיך אויך האָבען אַ יאָך, דער פּראָסטער חי-וקים! אַן אָרימען פלימעניק. ס׳איז אַ מצוה-זאַך.

די עצה איז געגעבען געוואָרען, און מומע-מיכליע די גוט-האַרציגע האָט זי געשטיצט. און מיט אַ חודש שפּעטער איז אָנגעפאָהרען מיט דער בויד פון ק"ק פאַהאָסט, אַן אַכט שעה מיטן אַקס ווייט פון שקלאָוו, שיקעלע דער אָרימער פלימעניק, פעטער פּיניס עלטערער זוהנדעל. אַ בלאָנדער, אַן איידעלער, אַ שעמעוודיגער; מיט קורצזיכטיגע אויגען, ווי דער טאַטע זיינער. אויגען, וועלכע זיינען פאַרשאָטענט מיט גאָלדענע וויעס און פאַרשאָטען

מיט זומער-שפרינקלעך. אַ שטילקייט און אַן עהרלעכקייט איז מיט איהם אַריין אין שטוב. ווי אַ באַשיידענע געלקייט פון גראָז-בלימעלעך האָבען געלויכטען זיינע שעמעוודיגע וויעס, צווישען די הויפענס געגערבטע רויכוואַרג מיטן שווערען ריח פון קוואַשעס. שיקעלע האָט געניסט פון דעם גערב-זויערס, און די באַלמעלאָכעס האָבען געלאַכט. אָבער שפעטער, אַז זיי האָבען זיך צוגעוועהנט צו איהם, האָבען זיי געקראָגען דרך-ארץ פאַר זיין איידעלקייט. וואו שיקעלע מיט זיינע שעמעוו-דיגע אויגען פלעגט דורכגעהן, פלעגען אַלע גראָבע ווערטער פאַרשטומט ווערען. אַפילו דער גוי, דער שיכּור, דער הויפּט-מייסטער פון אונטערפאַרבען די פאַרטיגע אָבלאַמען, פלעגט זיך אָפּהאַקען אין מיטען רוסישען „מי שברך" און פלעגט עס פאַרדרעהען עפּעס גאָר אידישלעך:

— אידרי טוואַיו פאַלקו!

וואָס איז דער טייטש פון „אידרי טוואַיו פאַלקו"? דאָס ווייסט דער ערל אַליין ניט. דאָס ווייסט קיינער ניט. דאָס איז פעטער זשאָמעס ערפינדונג. ער האָט זיך אָנגעהערט, אין טיעף „ראַשעיע" און אַמאָל אין קאַזאַרמע, אַזוי פיעל רוסישע „מי שברכס", אַז איהם אַליין שפּאַרט אַמאָל אָן דער חשק צו פאַרמעסטען זיך מיטן האַרבען לשון, אַ סטראַשע טאָן... האָט ער אויסגעקלערט אָט די דריי האַרטע ווערטער, וואָס קלינגען כלומרשט גראָב-גויאיש און זיינען דאָך אידישלעך-פּוסט, אָהן אינהאַלט... אָבער שיקעלען געפעלט אַפילו די דאָזיגע פשרה אויך ניט. אַז ער דערהערט דעם קלאַנג פון אַזעלכע ווערטער, ווערט ער רויט און מאַכט זיך אַוועק. קוקט איהם זשאָמע נאָך און שאָקעלט מיטן קאָפּ:

— נישקשה פון אַ כניאָק, מיין פלימעניקעל...

אָבער אין האַרצען איז ער פון איהם צופרידען. וואָרים שיקעלע דער שעמעוודיגער האָט דערוויילע-וואָס צוזאַמעגענומען אַלע בלעטעלעך, וואָס האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אין אַלע זשילעטען פון פעטער-זשאָמען; אַלע פּיצינאָנטשינקע ביכעלעך מיט „קאָטשערעס און לאָפּעטעס". וואָס פעטער-זשאָמע האָט

אַליין ניט געקענט איבערלייענען; אַלע קוויטעלעך, פון די באַלמעלאָכעס און רויכוואַרג-נייטאָרינס, פון „געגעבען, אָפּגע-בראַכט", „אָפּגעאַרבייט, אָפּגעצאָהלט". ער האָט אויסגעזוכט די פאַרשריבענע מאַנזשעטען, וואָס פעטער-זשאָמע פלעגט אין גרויס-איילעניש באַשרייבען מוצאי-שבת, נאָך הבדלה, מיט אַ בליי-פען, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אויפצוזוכען זיינע ביכעלעך אין די וואָכעדיגע קליידער. ער האָט איבערגעשריבען אויף ריין אַלע רעדעלעך און ציפער, וועלכע זיינען געווען באַמערקט אין מומע-מיכליעס קרבן-מנחה, פאַרן שער-בלאַט; און אַלץ וואָס ס'איז געווען פאַרצייכענט מיט קרייד און מיט קויהל — אויף דער טיר פון גרויסען שפייכלער און אויף די הילצערנע ברעטער-קאַסטענס, מיט פאַרפּאַקטע און אויסגעפּאַקטע סחורות. קורץ און גוט — קיין פאַרשריבען פינטעלע איז ניט געבליבען אין פעטער-זשאָמעס הויז און הויף, וואָס שיקעלע זאָל ניט האָבען דורכגעבישטערט און ניט פונאַנדערגעפרעגט. און דאָס אַלץ האָט ער אַריינגעטראָגען אין אַ „זשורנאַל", אין אַ קאַסע-בוך, און דערנאָך — אין אַ הויפּט-בוך מיט נומערירטע זייטען. ביי דער מומע-מיכליען האָט ער אויסגעבעטען אַן אַלטען שפּיזעל, פון די שפּיזלען מיט וועלכע זי שטריקט זאָקען, און האָט איהם פעסט אַריינגעשלאָגען אין אַ שטיקעל אָפּגעפּאַרבטער, פּיער-קאַנטיגער ברעטעלע. אויף דעם דאָזיגען שפּיזעל, וואָס שטעהט ווי אַן עירוב אָהן אַ דראָט, האָט שיקעלע גענומען אָנשטעכען אַלע באַקומענע קוויטלעך און אַלע דופּליקאַטען פון אַרויסגעגעבענע קוויטעלעך און רעכנונגען, מיט אונטערשריפטען פון נעמער און געבער. אַלע טאָג — איינס איבערן צווייטען. אַזוי האָט אַפילו מומע-מיכליע געקענט געפינען אַ רעכענונג וואָס מען באַדאַרף צו האָבען, אָהן שום געשרייען און אָהן שום זוכענישען. האָט פעטער זשאָמע דערזעהן, אַז ס'איז איהם געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען. נאָר מודה געווען אין דעם האָט ער ניט. שעהן וואָלט דאָס אויסגעזעהן, ווען ער, דער איינגעפונדעוועטער פופציג-יעהריגער סוחר זאָל זיך מודה זיין פאַר זיין קורצזיכטיגען פּלימעניק — אַן אָרים-בחור פון ניינצעהן

יאָהר –, אַז ביז אַצינד האָט ער קלאָהר ניט געוואוסט וואָס ס'טוט זיך ביי איהם אין שטוב און אין וואַרשטאַט, און אַז זינט ער, שיקעלע, איז געקומען פון פּאַהאָסט, ווייסט ער יאָ, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט דאָס געהאַט און וואָס פאַר אַ דרך-ארץ וואָלט דער אָרימער פלימעניק געהאַט פאַר איהם?... אַדרבא, ער האָט זיך גאָר פאַרשטעלט פאַר אַ האַרבען באַלעבאָס, וואָס ווייסט חשבון און היט אַ קאָפּיקע. ער האָט אַפילו געגומען אַ ביסעל אונטערקאָמאַנדעווען איבער זיין שעמעוודיגען פלימעניק: דאָס פאַרשרייב מיר! דאָס שרייב מיר איבער! יעצט רעכען מיר צוזאַמען! און דערנאָך – אַריינקוקען מיט זיינע שמאָלע אויגען אין דאָס געשריבענע און אַ וואָרף-טאָן דעם פלימעניק אַן אָפּגעריבענעם לויב-וואָרט, ווי אַ קאַרגער רבי וואַרפט אַן אָפּגעריבענעם גראָשען אַ דרדקי-אינגעלע ביים ערשטען מאָל לערנען אלף-בית:

– יאָ׳ המ... נשקשה... נאָר דער כתב... דער עיקר איז דאָך אַ פּאָטשערעק!

שיקעלע פון פּאַהאָסט פלעגט פאַרשרייבען אַלץ זעהר ריין. נאָר איבעריג שעהן איז זיין האַנדשריפט ניט געווען. אַ ביסעל געבראָכען, אַ ביסעל קינדיש, אַזוי ווי זיין קורצזיכטיגער קוק פון אונטער זיינע מיט קלאַיען-פאַרשאָטענע אויגען. אַליין אַ קאַליקע אויף שרייבען, איז פעטער-זשאָמעס אידעאַל געווען אַ גוטער „פּאָטשעראָק", אַ צאַצקעדיגער כתב.

אַליין, דאַכט זיך, אַ איד אַ בר-דעת, אַ דורכגעטריבענער סוחר, אַ געניטער באַלמעלאָכע, אַ שאַרפע אויג — אונזער פעטער-זשאָמע! נאָר ניטאָ אַ מענש אָהן אַ שוואַכקייט. זשאָמעס שוואַכקייט איז געלעגען אין אַ גוטען פּאָטשעראָק. אַליין כל-ימיו געשריבען מיט קאָטשערעס, „געהרגעט" אויף שעהן אונטערשרייבען זיך — האָט ער געהאָפט, אַז די קינדער וועלען זיך אַרויפאַרבייטען אויף אַ גוטען כתב. נאָר זיין גאָלדענע האָפנונג איז ניט מקוים געוואָרען. גנעסיע און הענקע האָבען געשריבען ווייבעריש-שלעכט, מיט דינע לאַנג-האַלזיגע אותיות. און דער בן-יחיד זיינער — אַ סך ערגער פאַר די שוועסטער זיינע. יעדער אות —

גראָבפּיסיג, ווי אָנגעטאָן אין טשאָבאָטעס, און מיט צופיעל קליי־נע, איינגעדאַרטע קעפּלעך. יעדער שורה פּלעגט זיך אָנהויבען מיט גרויסע אותיות און פּלעגט זיך פאַרענדיגען מיט פּיצינקע, קרום־פיסעלדיגע, וואָס לויפען פון שורה אַראָפּ אין „דער ערד אַריין"... קוקען האָט זשאָמע ניט געקענט אויף איטשייזשעס כּתבעלע. „דאָס איז אַ חתונה פון חזירים מיט סאָראָקעס, — פלעגט ער זאָגען. — ניט קיין פּאָטשעראָק!" אַזוי איז אַ שעהנער כּתב ביי פּעטער־זשאָמען געבליבען אַ חלום, אַ דערהויבענע זאַך, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרווירקלעכען. אין אַ שעהנעם כּתב האָט פּעטער זשאָמע געזעהן דעם יסוד פון איידעלקייט, פון חכמה, פון יחוס... ער איז ווי אַ הייס־פאַרליבטער געווען פּשוט אייפערזיכטיג אויף אַ גוטען כּתב. און איז אין האַרצען געווען אַביסעל צופרידען וואָס שיקעלע, דער געראָטענער פלימעניק זיינער, דער עהרלעכער בעל־חשבון, האָט ווענינסטענס מיטן פּאָטשעראָק ניט שטאַרק איבער־געשטיגען זיין קאַפּריזנעם בן־יחיד:

— יאָ... נישקשה... נאָר דער עיקר איז דאָך דער כּתב!

און פּעטער זשאָמע האָט דערזעהן, אַז די חשבונות שטימען גוט און אַלץ איז פאַרצייכענט און פאַרשריבען, און אַלץ וואָס איז געווען פאַרגעסען איז דערמאָנט, און פון פאַרלאָרענע חובות איז געוואָרען מזומנע געלט — האָט זיך איהם פאַרגלויסט אַ גלוסטעניש. אין איין העלען פריהמאָרגען האָט ער זיך געפּעדערט און געגעבען צו פאַרשטעהן דעם פלימעניק, אַז ער, זשאָמע, וואָלט שטאַרק געוואָלט וויסען וויפיעל עס באַטרעפט זיין גאַנצער פאַר־מעגען... ס'איז אַפילו זעהר אַ שווערע זאַך, רובעל און רובעל קען מען דאָס געוויס ניט אויסרעכענען. נאָר בערך... אַזוי אומגע־פעהר אויסרעכענען...

רופט זיך אָפּ שיקעלע:

— פאַרוואָס „בערך"? פאַרוואָס טאַקע ניט רובעל אין רו־בעל, און ניט גראָשען אין גראָשען? אַדרבא.

האָט זיך שיקעלע אָנגעזעצט אויף אַלע צעטעלעך און קווי־טעלעך און אויף אַלע דריי ביכער, אין וועלכע ער שרייבט אַריין. ער איז נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געלאָפען מיטן פּעטער

זשאַמע אין שפּייכלער אָפּצושאַצן די רויהע, די האַלב־באַאַרבייטע און גאַנץ־באַאַרבייטע רויכוואַרג־פּעלען. ער האָט נאָך אַמאָל פאַר־שריבן אַלע חובות וואָס זשאַמע האָט, און אַלע געלטער וואָס מען קומט איהם. האָט אַלץ אויסגערעכנט. און אין אַ וואָך אַרום געבראַכט אַ פּאַרטיגען חשבון, סך־הכל אויף איין בויגעלע פּאָטשט־פּאַפּיר, מיט אַ פיינעם קרומען פּאַסיק איבער דער לענג פון פּאַפּירעל און מיט אַ דיקען סך־הכל־פּאַסיק אין סאַמע אונטען.

פון דעם דאָזיגען שטיקעל פּאַפּיר האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פעטער־זשאַמע איז, אָהן עין־הרע אַ איד אַ גביר, פון אַ וועל־כענע... זעכציג טויזענט קאַרבאָוואַנצעס ריינעם פאַרמעגען, אויסער שטוב־מעבעל, צירונג און שאָר־ירקות.

אַז פעטער זשאַמע האָט דערזעהן אַזאַ ציפער, איז ער אַ ביסעל בלייך געוואָרען און האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער קוקט ניט אַריין אין פענסטער. ער האָט געמאַכט „המ...״ און איבערגעפרעגט שיקעלען שטילערהייט:

— דאָס איז, הייסט דאָס... „אומר ועושה״?

— „אומר ועושה!״ — האָט געענטפערט שיקעלע.

פעטער זשאַמע האָט נאָר משער געווען זיין פאַרמעגען, אָבער, אַז עס האַלט ביי אַ „זעקס״ מיט פיער נולען האָט ער זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט. דער אַמאָליגער בטחון איז אויף איהם אָנגעקומען. דער אַמאָליגער בטחון פאַר גירוש־מאָסקווע, בשעת ער האָט נאָך אַרומגעטראָגען פליושענע מאַיטקעס און רויטע גאַרטלען אויפן פלייצע... די אַמאָליגע געוואוינהייט האָט זיך איהם אָפּגעשלוקערצט. ער האָט מיט קראַפט אַ הויב געטאָן די הויזען, פאַרצויגען דעם פאַסעק אויף די לענדען און פרעהליך אַ ברום געטאָן:

— נישקשה, גאָט וועט העלפען!

ער האָט גענומען אַרומשפּאַצירען איבערן שטוב און מור־מלען עפּעס פאַר זיך. ער האָט אינגאַנצען פאַרגעסען אָן שיקעלען, זיין אָרימען פלימעניק, וועלכער איז דערביי געשטאַנען און אָנ־געקוקט די סצענע מיט גליקלעכע קורצזיכטיגע אויגען; גליקלעך דערפון, וואָס ער האָט דעם פעטער פאַרשאַפט אַזאַ נחת־רוח. נאָר

פלוצלינג איז אויף איהם זשאָמע אָנגעגאַנגען מיט די לאַנגע שטאַרקע פיס און אָנגעכמורעט די ברעמען:

— נאַר... רעדען דערפון דאַרף מען ניט. פאַרשטעהסט?

שיקעלע האָט אַ שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ. אַ סימן, אַז ער פאַרשטעהט זעהר גוט און ער אונטערוואַרפט זיך דעם פעטערס ווילען.

זשאָמען איז די שטומע און איידעלע הסכמה זעהר געפע־לען געוואָרען. ער האָט דעם פלימעניק אַ פּאַטש געטאָן איבערן פּלייצע און האָט צו איהם פרעהלעך אַ זאָג געטאָן:

— נו, שיקע, פון היינט אָן באַקומסט דו אַ פינף־און־צוואַנציגער אַ חודש!

פון דאַן אָן האָט שיקעלע דער שעמעוודיגער גענומען באַ־מערקען, אַז זיינע שעהנע קוזינעס קוקען אויף איהם, און אַז מימע־מיכליע שמייכעלט צו איהם עפּעס גאָר אַנדערש. כמעט ווי די אָרימע מאַמע זיינע אין פּאַהאָסט.

פריהער, זינט ער איז אָנגעקומען צום רייכען פעטער אויף אַ „שטעל”, האָבען די קוזינעס גאָר ניט געקוקט אין זיין זייט. גנעסיע די עלטערע איז געווען העפלעך און קאַלט, און הענקע די אינגערע פלעגט מאַכען מינעלעך, בשעת זי פלעגט זיך מיט איהם באַגעגענען אין הויף און אין שטוב. פונקט אַזעלכע מינע־לעך פלעגט זי מאַכען בשעת אַן אָרים־בחור פון דער ישיבה קומט עסען זיין „טאָג”. אַצינד... ניט אַנדערש, אַז פעטער־זשאָמע האָט איהם געלויבט אין טאָג אַריין, דעם אָרימען פלימעניק, באַריהמט זיך מיט זיין גערעכטיגקייט און מיט זיין קונציגען חשבון, וואָס ער האָט איהם געמאַכט. הייסט דאָס, אַז זיין האַרטע אַרבייט, אַ גאַנצינקע וואָך, איז פאַרלאָרען ניט געגאַנגען.

העקע, די שוואַרצינקע, האָט אויפגעהערט צו מאַכען מי־נעלעך. אַביסעל צעשראָקען און אַביסעל נייגעריג האָט זי גענו־מען וואַרפען אויף איהם איהרע פלאַמענדיגע ברוינע אויגען. נאָר זי, הענקע, האָט איהם ניט געריהרט. געריהרט האָט איהם גנע־סיע. די עלטערע, מיט די אַש־פאַרביגע זיידענע האָר און מיט די לאַנגע וויעס. האָט דערזעהן גנעסיע, אַז שיקעלע, איהר שוועסטער־

קינד, שעמט זיך פאַר איהר, האָט זי זיך אויך גענומען שעמען. פון אַ ווינקעל האָט זי עפעס אַלעמאָל אַרויסגעקוקט אויף איהם און אַ ליכטיגער גנאָד האָט זיך געגאָסען פון איהרע גרויסע, גרויע אויגען. איהר הויכע ברוסט האָט זיך געהויבען. צום ערשטען מאָל האָט שיקעלע גענומען באַמערקען וואָס פאַר אַ קלאָרזויבערע העמד זי טראָגט אויף איהר מיידעלשער ברוסט. וואָס פאַר אַ פיינע שפיצען פון באַטיסט עס הוידען זיך אויף איהר האַרץ. אין דער היים, ביים אָרימען טאַטען, האָט ער אַזעלכע שניי־ווייסע וועש קיינמאָל ניט געזעהן, ניט אויף דער מאַמען, ניט אויף די שוועסטער זיינע... אָט דער דאָזיגער שטיקעלע באַטיסט אויף גנעסיעס ברוסט, אונטער דער זיידענער פאַרביגער בלוזע, איז געוועזען אַן אָנזאָג פון אַ סך נאָך בעסערע און שענערע זאַכען, פון אַ העכערען סאָרט לעבען. מיט זיין גאַנצער שעמעוודיגער בענקשאַפט האָט זיך שיקעלע אָנגעכאַפט אָן דעם זויבערען שטיקעלע באַטיסט, און האָט גענומען קלעטערען, ווי פון אַ נאַסען און קלעפיגען קעלער אַרויס, פון דער אָרימקייט און פינסטערניש פון זיין יוגענד. די אויגען האָבען זיך איהם פאַרשאַרפט, און די נאָז און די אויערען זיינען געוואָרען דורשטיג. ער האָט דערזעהן, אַז גנעסיע, זיין קוזינע, איז אַ קראַסאַוויצע, אַז זי שווימט ווי אַ פאַווע, אַז עס שמעקט פון איהר מיט סאָסנאָווען זייף, וואָס דער פעטער ברענגט פון ניזשני, און אַז איהר קול קלינגט פאַרקלערט און זיס. גאָר ניט יענער קול פון דער מאַמען און פון דער שוועסטער, וועלכע רייסען זיך אין דער קליינער פאַהאָסטער בשמים־קרעמעל, איבער אַ קאָפיקע לייזעכץ...

איינמאָל, אין דער פריה, איז זי איהם פאַרבייגעגאַנגען אין אַ לויזער בלוזע אָהן אַ גאַרטעל, און אין רויטע סאַמעטענע שטעק־שיך מיט בלויע „פאָנפאָנעס". האָט איהם דאָס האַרץ געקלאַפט אַ שעה נאָכאַנאַנד און אין קאַסע־בוך און אין „זשורנאַל" זיינען, צווישען די שורות פון ציפערען, געשוואומען רויטע שטעק־שיכעלעך מיט בלויע פאָנפאָנעס. האָט ער גענומען זוכען אַ געלעגענהייט צו שמועסען מיט איהר און גיט געקענט געפינען.

אויך גנעסיען האָט זיך פאַרגלוסט פרעגען עפעס ביי

שיקעלען, ביי דעם גערעטענעם שעמודיגען, ניט הויכען בחורל; בעטען איהם, ער זאָל איהר דערצעהלען פון פּאַהאָסט, פון זיינע שוועסטער און טאַטען. זי איז מיטאַמאָל נייגעריג געוואָרען אויף איהר אָרימען פעטער פיניע פון פּאַהאָסט, שיקעלעס טאַטע. וואָס קומט אלע פאַר-סכות בעטען אַן הלואה, און זאַאיקעט און ווישט זיך די אויגען מיט עפּעס אַ ניט-אַרומגעזוימטער שמאַטקעלע. פאַרוואָס האָט זי מיטאַמאָל אַזוי רחמנות-געקראָגען אויף איהר אָרימען, שלימזלדיגען פעטער?

ביסלעכווייז איז ביי זיך שיקעלע געוואָרען זיכערער. ער באַקומט דאָך פאָרט אַ פינף-און-צוואַנציגער אַ חודש, און קיין פרעמדער אין שטוב איז ער אויך ניט. אַדרבא, דער פעטער פּאַטשט איהם איבערן פלייצע, און פאַררופט איהם אַלע שבת צום וואַרמעס. און די מומע מיכליע פרעגט איהם אין מיטען דער אַרבייט, צי וויל ער ניט אַ גלאָז טיי מיט מילך. ביינאַכט, ווען ער קומט אין זיין צימערל ביי ר' יחיאל דעם חזן, וואו ער וואוינט און עסט קעסט פאַר צעהן רובל אַ חודש, לעגט ער זיך אַוועק און באַקלערט וואָס און ווי אַזוי ער זאָל רעדען שבת צום טיש ביים רייכען פעטער. כדי גנעסיע זאָל הערען, אַז ער איז ניט גלאַט אזוי זיך אַ בוכהאַלטערל, וואָס האָט זיך אויסגעלערענט בוכהאַלטעריע דורך בריף. ער קען למשל, אַריינפיהרען אין שמועס אַזאַ שעהנעם געדאַנק, וואָס ער האָט ערגעץ-וואו געזעהן אין אַ רוסישער כרעסטאָמאַטיע, אַז... „וויסען איז ליכט און אומוויסען איז פינסטערניש". אַז „ניט אַלץ וואָס בליאַסקעט איז גאָלד"... ניין, דאָס פּאַסט ניט. פעטער זשאָמע קען מיינען, אַז מען מיינט איהם... אָבער אָט וועגען בילדונג, אַז ס'איז „בעסער שפּעט איידער קיינמאָל ניט", דאָס קען מען יאָ... און נאָך אַזעלכע טיפע געדאַנקען. ער מוז מיט איהר ערגעץ-וואו פאַרפיהרען אַ שמועס, אַז זי זאָל פאָהרען אין אַ גרויסער שטאָט אויף קורסען, אַזוי ווי עס טה.וען אַ סך באַלעבאַטישע טעכטער. און דערנאָך, אַז זי וועט קומען צוריק מיט אַ דיפּלאָם פון אַ צאָהן-דאָקטאָר... וואָס דערנאָך?... אַך דערנאָך?... ער, שיקעלע, וועט דאָך אויך דערווייל-וואָס ניט זיצען מיט פאַרלעגטע הענט!

און אַ פּנים, אַז שיקעלען פֿון פֿאַהאַסט איז ערגעץ־וואו געלונגען צו פֿאַרוואַרפֿען אַזאַ וואָרט אין גנעסיעס שעהנע, אויס־געכאַליעטע אויערלעך, צו פֿאַרזייען אַזאַ געדאַנקעל אין איהר האַרץ, אונטער דער שניי־ווייסער באַטיסטענער העמד, וואָס וויגט זיך אזוי פֿאַרבענקט אויף איהר פּולער ברוסט. וואו איז דאָס געשעהן? ווען איז דאָס געשעהן? שבת צום וואַרמעס, צי אינם האַלב־טונקעלען צימער, וואו עס ליגען אין גלאַנציגע הורבעס די אויסגעאַרבייטע אָבלאַמען פֿעי און באָבערנע קאָלנערס? דאָס ווייסט קיינער ניט. מען ווייסט נאָר ביי זשאָמען אין שטוב, אַז גנעסיע האָט מיטאַמאָל געגומען טענהן, אַז זי מוז פֿאָהרען לערנען זיך „אויף די צייהן", אין ווארשע, אין ריגע... זי מוז, ווייל... „וויסען איז ליכט און אומוויסען איז פֿינסטערניש".

מומע־מיכליען איז פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען פֿון אַזאַ ליכטיגען געדאַנק. מעהר פֿעהלט איהר שוין גאָר ניט! אַ זיבעצעהן־יאָהריג מיידעל — איינע אליין אין דער פֿרעמד... האָט זי גענומען נאָכפֿאָרשען, ווער עס האָט איהר אַריינגעגעבען אַזאַ משוגענעם רעיון.

אַ מאַמעס אויג איז ניט קיין קליינינקייט! האָט זי אין אַ פּאָר טעג אַרום אונטערגעשיקעוועט ווי שיקעלע, דער שעמעוודיגער פֿלימעניק פֿון פֿאַהאָסט, ניט איבער גנעסיען אַ צעטעלע, פֿון אונטערן חשבון־בוך אַרויס. איבערגעגעבען און שרייבט ווייטער—דער שלאַק מיט די קורצזיכטיגע אויגען. מומע־מיכליע האָט געמאַכט אַ שווייג. ניט געוואָלט זשאָמע זאָל זיך דערוויסען און אויפהויבען אַ טומעל. נאָר ביינאַכט האָט זי נאָכגעטאַפּט אין גנעסיעס קליידעל, אין דער הינטער־קעשינקע, און דערטאַפּט דאָס צעטעלע. מומע־מיכליע האָט אָנגעטאָן איהרע שפּאַקולען מיט די זילבערנע האַליאַבליעס און אַריינגעקוקט. דאָס צעטעלע איז געווען געשריבען אין רוסיש. פֿון געשריבענע רוסיש האָט מומע־מיכליע קיין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען. האָט זי ווידער געמאַכט אַ שווייג און אַוועקגעלעגט דאָס צעטעלע צוריק אויף אַן אָרט.

מומע־מיכליע האָט נאָכגעקוקט און געשוויגען. פֿון איהר שמייכעל, בשעת זי באַגעגענט זיך מיט שיקעלעס קורצזיכטיגע

אויגען, איז געוואָרען אַ שמייכעלע. נאָר אַפּנים, אַז דער פּער־האַוועטער פּעטער זשאַמע אַליין האָט זיך ערגעץ־וואו אָן עפּעס וואָס אָנגעשטויסען. וואָרים זיין קול, בשעת ער רעדט מיט שיקעלען, איז געוואָרען ברומיגער. און שבת צו־וואַרמעס פאַרבעט ער איהם ניט מעהר. און איינמאָל, שבת נאָך הבדלה, ווען פּע־טער זשאַמע און זיין פּלימעניק זיינען געזעסען און געשריבען אַ בריעף צו אַ סוחר, אַז דער סוחר זאָל אָפּוואַרטען מיט דעם רויהען רויכוואַרג, ווייל ביז אין אַ חודש אַרום קען פּעטער־זשאַמע די פּראַכטען ניט אויסלייזען, האָט שיקעלע דערזעהן, אַז דעם פּעטערס שטערען איז עפּעס זעהר פאַרקנייטשט און אַז זיינע שמאָלע אויגען בלאָנדזשען אַרום פון איהם צו גנעסיען און פון גנעסיען צו איהם. איז שיקעלען געוואָרען אַביסעל קאַלע־מוטנע. פון שרעק און פון גרויס איבערגעבענקייט צום שטרענגען פּעטער זיינעם, האָט דער פּלימעניק אַוועקגעלעגט די פּען און פלייסיג גענומען קראַצען זיך די לינקע דלאָניע:

— אוי, — מאַכט ער, — פּעטער! איהר וועט זעהן... אין גי־כען וועט איהר אַריינבאַקומען אַ סך געלד. עס בייסט מיר די האַנט!

אָנשטאָט דאַנקבאַר אַ שמייכעל צו טאָן, אַזוי ווי שיקע־לע האָט דערוואַרט, האָט איהם דער פּעטער זאַכלעך־קאַלט און געצעהלט אָפּגעענטפערט:

— אַז ביי מ י ר בייסט די האַנט, וועל איך האָבען געלט, און אַז ביי ד י ר בייסט די האַנט — וועסטו האָבען קרעץ! שרייב!...

האָט גנעסיע די קוזינקע דערהערט אַזאַ לשון, האָט זי זיך אויפגעהויבען און אויסגעשטעלט אויפן טאַטען אַ פּאָר גרויע און לויטערע אויגען:

— ט אַ ט ע!!

„טאַטע” האָט זי, דאַכט זיך, געזאָגט, מעהר גאָר ניט. נאָר שיקעלען האָט דאָס וואָרט אַ קלונג געטאָן ווי אַ שטיק וואונדערלעכער ניגון פון אַ קאַפּעליע, וואָס רייסט זיך אַריין דורך אַ פלוצלינג־אויפגעעפענטען פענסטער אין אַ דושנער שטוב. און פּעטער זשאַמען... פּעטער זשאַמען האָט אָט דער דאָזיגער „טאַטע” אַ שטאָך געטאָן אין האַרצען.

ביינאַכט, אין פינסטערען שלאָפצימער, האָט ער זיך, נאָך אַ לאַנגען שווייגען, געווענדעט שטילערהייט צו מיכליען:

— דו הערסט, מיין ווייב? איך הויב אָן מורא צו האָ־בען, אַז ביי גנעסקען און ביי אָט דעם כניאָק זאָל ניט ווערען קיין „בולבע" *). ווי מיינסטו?

מומע מיכליע האָט עפּעס אַ מעקע געטאָן און צו דער זאַך ניט געענטפערט.

---

*) ליבע

# דער עיקר איז אַ „פּאַטשעראָק"

.1

ווען צו זשאַמעס אויערען איז סוף-כּל-סוף דערגאַנגען, אַז גנעסיע זיין כּלה-מויד בונטעוועט זיך עפּעס, אַז איהר גלוסט זיך אַוועקצופאָהרען פון דער היים לערנען זיך, האָט ער זיך אויף אויג געווענדעט צו זיין ווייב בזו הלשון:

— הערסט דאָך, מיכליע, וואָס איכל דיר זאָגען: אַזוי ווי זי וויל גאָר פאָהרען לערנען זיך „אויף די צייהן", בלייבט אונז נאָר איין עצה, בלייבט אונז: „פאַררעדען איהר די צייהן"...

— שוין ווייטער אַ חכמה? — ווערט ברוגז מומע מיכליע.

— חס ושלום! וועלכע חכמות? — אַזוי פאַרענטפערט זיך פעטער זשאַמע, — איך מיין גרונים דעם שדכן, מיין איך.

און גרונים דעם לאַנד-שדכן דאַרף מען עפּעס לאַנג בע-טען? ער איז דאָך דער בעסטער עין-הרע-אָפּשפּרעכער און צייהן-פאַררעדער פון אַלע קאַפּריזנע מוידען אין שקלאָוו. ער האָט שוין שווערערע מלחמות אויסגעפיהרט ווי פאַרשלייערען אַזאַ שטילע מויד ווי גנעסיע איז. איז ער אָנגעקומען, אין פעטער זשאַמעס שטוב, ווי אַ גרויסער יענעראַל, וואָס קוקט אויס דאָס שלאַכטפעלד. ער איז אָנגעקומען מיט זיין פּאָמעלע-באָרד, פון וועלכער עס קוקען נאָר אַרויס אַ פּאָר לעפּצען איינצוּרעדען, אַ פּאָר בולטע אויגען — אויסצוקוקען שידוכים, און אַ שפּיציגע

נאָז — אויף שמעקען טאַבעקע און אויסצושמעקען קעסט און נדן. ער איז אָנגעקומען מיט זיין באַריהמטען פּאַראַסאָל, וועלכען ער טראָגט, סיי זומער, סיי ווינטער, אונטער דער פּאַכווע, מיט דער גאָלקע צום רוקען און מיטן אייזערנעם שפּיץ פאָראויס. אָט אַזוי, מיטן אייזערנעם שפּיץ אין דער קרום, געהט ער דאָס אָן אויף אַלע זיינע קונדען, אָפּגעבענדיג אַ ברייטען „שלום־עליכם", אָדער אַ זינגענדיגען „גוט מאָרגען". און אַז ער נעמט שוין יענעם אַרויס אַ פּריש־צאַפּעלדיג אויג, גיט ער נאָך אַ פרעג בנעימותדיג, אַביסעלע פאַרוואונדערט:

— כ'האָב אייך, דאַכט זיך... חס ושלום... ניט אָנגע־ריהרט ?

קען מען דאָך אַ מענשען ניט באַליידיגען. ענטפערט מען איהם:

— נישקשה, גאָרנישט.

דאָס מאָל איז פעטער־זשאָמע ניצול געוואָרען פון גרונימס פּאַראַסאָל, ווייל ס'איז נאָר געווען אַ דיפּלאָמאַטישער וויזיט, אַ וויזיט פון טאַפּען אין וואָגען. די כלה־מויד האָט גאָר ניט גע־דאַרפט וויסען דערפון. האָט זיך גרונים, ביים אַריינטרעטען אין זשאָמעס שטוב, אַנטוואָפּענט; און האָט זיין שווערע אַרטילעריע, דעם באַריהמטען פּאַראַסאָל, אַראָפּגעשטעלט פאַוואָליע אין ווינקעל. צו זיין גרויסען פאַרדרוס האָט ער אָבער אַריינגעטראָפען גלייך אין דער אַלטמאָדישער, מעשענער שפּיי־קעסטעל אויף דריי פיסלעך. האָט דאָס שפּיי־קעסטעל ניט אויסגעהאַלטען אַזאַ געוויכט, איבער־געקעהרט זיך און דערלאַנגט אַ מיאוסען טראַסק... איז פון דעם בנעימותדיגען אַריינגעהן גאָרניט געוואָרען. וואָרים אויפן פאַל און קלאַפּ האָבען גענומען לויפען ווייבער. אַלע ווייבער פון שטוב. מומע מיכליע, דאָס דינסטמיידעל, הענקע די מוזינקעלע, און אַפילו גנעסיע די כלה־מויד... דערזעהן דעם שדכן — האָט ביי מומע מיכליען גלייך גענומען פלאַמען איין בעקעל אונטערן קאָפּ־טיכעל. דערשראָקען האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויף גנעסיען, וואָס זאָגט זי צו ר' גרונימס וויזיט ?... און צום פאַרשעמטען שדכן האָט זי פאַרלעגען אַ זאָג געטאָן: „גאָרנישט, גאָרנישט..."

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. וואָרים גנעסיע האָט זיך היינטוועלטיש אַ קרים געטאָן, און ווי אַן אָנגעברוגזטע פּאַ־ווע אַוועקגעשוואומען צו זיך אין קאַמער אַריין. הענקע, די שטיפערקע, האָט זיך צעלאַכט איבערן אַנידערגעפאַלענעם שירעם, איבער דער מאַמעס פאַררויטעלטע בעקעל און איבער ר׳ גרונימס צעטומעלטקייט, און לאַכענדיג אַוועקגעלאָפן צו גנעסיען, כדי צו שושקען זיך מיט איהר איבער דאָס לעצטע געשעהעניש.

דאָס מאָל איז גרונים שוין מעהר ניט געקומען צו זיין חשיבות און ברייטלעכקייט. פּעטער־זשאָמע איז געווען גערייצט, מומע מיכליע האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפונען. אין צי־מער ביי די מיידלעך האָט מען דעמאָנסטראַטיוו געלאַכט. און שיקעלע, דער אָרימער פלימעניק, דער חשבונות־פיהרער אין זשאָ־מעס געשעפט, איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעקומען אין זאַל, כלומרשט פרעגען עפּעס ביים פּעטער. און דערביי געוואָרפען אַן אומרוהי־גען און קורצזיכטיגען קוק אויף ר׳ גרונימן. ביז פּעטער זשאָ־מען איז שיקעלעס איבערגעטריבענע פלייסיגקייט געוואָרען קשה, האָט ער צו איהם שטרענג אַ הוסט געטאָן:

— הם... שפּעטער.

שווער געווען צו האָווירען פּעטער זשאָמען. ער האָט זיך געגליטשט ווי אַ שלאַיען פון די הענט. וואָס פאַר אַ גאָלדענעם שידוך ר׳ גרונים האָט איהם ניט פאָרגעלעגט, האָט יענער גלייך פאַרלאַנגט מען זאָל עס איהם דערווייזען... יאָ, מען זאָל איהם, למשל, באַווייזען די האַנטשריפט פון חתן, דעם „פּאַטשעראָק״ מיינט ער. וועט מען זעהן...

און פּעטער זשאָמע האָט שטרענג אונטערזוכט די בריף פון די חתנים דורך זיינע שפּאַקולען און האָט זיך געקרימט ווי גאָר אַ גרויסער קאַליגראַף:

— הכלל, גאָרנישט... ס׳איז ניט דאָס וואָס מען מיינט. אָט דאָס איז אַפילו יאָ, ווערט דאָס אָנגערופען... נישקשה, ס׳איז אָבער ניט דאָס... איהר פאַרשטעהט צי ניט? ס׳איז ניט דאָס. נו, אָט דער דאָ איז שוין גאָר אַ קאַליקע...

ס׳האָט זיך ניט געקלעפּט. אָבער דער וויזיט האָט זיך פאַרט

געלוינט. ר׳ גרונים איז דאָך עפּעס אַ לאַנד־שדכן! האָט ער פון דעם ניט־געלונגענעם באַזוך עפּעס יאָ אַרויסגעטראָגען. אויב ער האָט ניט קיין טעות, האָט ער אָנגעטאַפּט ביי דעם גביר די שוואַכע סטרונע. עפּעס האָט זיך ר׳ זשאָמע שוין צופיל נאָכגע־פרעגט נאָכן פּאַטשעראָק. וואָרים, באמת, ס׳פעהלט איהם דען געלט? געלט פעהלט איהם דאָך ניט. נאָר אַביסעל יחוס און אַ גוטער פּאַטשעראָק.

אין אַ וואָך אַרום לאָזט זיך אַריין ר׳ גרונים, גאָר אומ־געריכט, שוין נאָך מעריב־דאַוונען און מיטן שירעם — פעסט און אַנטשלאָסען אונטערן אָרים. דאָס מאָל האָט ער שוין מורא געהאַט צום לאָזען איהם אין ווינקעל... ער האָט אַ זאָג געטאָן דעם „גוטען־אָוועט" האַפּערדיג און קורץ, ווי אַ מענש וואָס איז זיכער פאָראויס אין זיין נצחון. און ניט ריידענדיג קיינע לאַנגע ריידערייען, ציהט ער אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ בריף מיט אַ מאַרקע און שפּרייט איהם אויס, ווי אַ זיידענע טיכעל, אונטער זשאָמעס אויגען.

טוט פעטער־זשאָמע אָן די שפּאַקולען און גיט מיט זיי פאַרוואונדערט אַ בליאַסק אויף גרונימען און אַ קוק אויפן בריף, און בלייבט זיצען אַ פאַרגליווערטער. ער דערזעהט פאַר זיך אַ גאַנצע פעלד מיט אָנגעפּערעלטע אותיותלעך, קייללעכיג, ווי גלעזער־נע פּאַטשערקעס, און לאַנגלעך ווי פויגעלשע אייעלעך. און אַלע אַזוי וויי־בעריש־געקינצעלט, מיט זיסע עקעלעך און מיט גראָבינקע פּאַמפּעשקע־בעקלעך אויף דער רעכטער זייט. אַ מלוכה ניט קיין פּאַטשעראָק!

היינט וואָס איז ווערט דער אַריינפאָהר אין בריף, דער „לכבוד" אַליין! ער איז אויסגעדרעהט זעקס־גאָרענדיג. ספרונ־דזשינע אין ספרונדזשינע. און פון דעם לעצטען אות אינם „לכבוד", פונם דלד, צעלויפען זיך מיני־גרייזעלעך צום „הרבני מו"ה גרונים" ווי אַ גאַנצע טשערעדע פון אַסטראַכאַנער קאַראַקול־פעלכלעך, וואָס זשאָמע דער גערבער קען אַזוי גוט. היינט די אונטערשריפט! אַ מין צולויף און פאַרלויף און אַרויסלויף פון רייפען און בלי־צען, מיט אַ ציק־צאַק און מיט אַ גראָבען קוועטש ביים סאַמע ענד. און מיט אַ קיילעכיגען פינטעל נאָכן קוועטש. גענוג!... אַ

און קען אויך מיד ווערען. מעהר וויל דער מייסטער ניט ווייזען זיינע וואונדער!

זשאַמען האָט גענומען שווינדלען אין די אויגען פון אַזוי ציעל פּראַכט. דאָס איז גאָר ניט געווען קיין „פּאַטשעראַק“, אַ טרוים איז דאָס געווען! זשאַמעס טרוים פון זינט ער איז געוואָרען באַוואוסטזיניג און האָט דערזעהן די חרפה פון זיינע אייגענע „קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס“. דאָס איז געווען דער שעהנער אידעאַל, וואָס ער אַליין האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט, וואָס ער האָט שפּעטער געזוכט ביי זיינע קינדער און ניט געפונען. ביי שיקעלען דעם בוכהאַלטער — און ווייטער ניט געפונען. און אָט ליגט ער פאַר איהם, דער אידעאַל, אין זיין גאַנצער נאַקעטער שעהנקייט, ווי אַ געפּאַנגענע פּרינצעסין. צוקאָפּענס — דער „לכבוד“, און צופוסען — אַזאַ אונטערשריפט! ער ליגט צעוואָרפען איבערן גאַנצען בריף און הנדעלט זיך. יעדער אות אַ באַזונדער הנדעלע, יעדער רונדער דרעה — אַ נייע מינעלע פון אַ קראַסאַוויצע. איז דאָס באמת אַ מענשליך קינד בכּוח צו שרייבען מיט אַזאַ פּאַטשעראַק, צי ס'איז, רחמנא ליצלן, עפּעס אַ כּישוף?

גרונים דעם שדכנס קול האָט איהם אויפגעוועקט:

— נו? !

„נו“ זאָגט ער דער לעקיש! וואָס „נו“, ווען „נו“? ביי אַזאַ כּתב איז עפּעס שייך צו זאָגען — „נו“?... אַ פּאַרקאָכטער איז זשאַמע געוואָרען, אַ פאַרשרפּעטער. דאָס בלוט האָט איהם געקלאַפּט אין די שלייפען, ווי ביי אַ הייס-פּאַרליבטען. ער האָט אויסגעטאָן די שפּאַקולען, אַ וויש געטאָן זיך דעם שטערען, און פּאַרגעסענדיג זיין גאַנצע באַלעבאַטישע וואַזשנעקייט, אָנגעהויבען טומלען זיך:

— הכּלל... ווער איז דאָס, ווּעמעס איז דאָס? פון וואַנעט איז דאָס?

און גרונים זיצט זיך רוהיג און טריפט פון זיינע דיקע לעפצען פערעלעך — ניט קיין ווערטער. פונקט אַזוי געפּערעלט ווי די אותיות אינם בריעף, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אויפן טיש:

— ווּעמעס איז דאָס? ווּעמעס זאָל עס זיין? אַ אידישען

בחורס איז דאָס. אַ נגידס אַ קינד, אַ גערעכטענער זאַך. אַ קיעוועד...
אָבער זשאָמע איז פאַרקאָכט. זשאָמע האָט קיין צייט ניט:
— יאָ... אָבער...ווי קומט ווערט דאָס אָנגערופען... אַזאַ בריף צו אייך?

דערזעהט גרונים, אַז „סע פיקט", שטרעקט ער אויס דריי פינגער, וועלכע זיינען איהם פריי פון שמעק־טאַבאַק, כלומרשט כדי אַוועקצונעמען דעם בריף פון טיש. נאָר זשאָמע גיט דעם בריף אַ כאַפּ ווי אַ זשעדנע פיש, ווען מען הויבט אָן צו ציהען דאָס ווערימעל פון וואַסער:

— הכלל, ר' גרונים? ציהט שוין ניט די עצמות...

.2

צו „פאַררעדען גנעסיען די צייהן" איז אָבער פעטער זשאָמען ניט אזוי גרינג אָנגעקומען, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. דעם בריף מיט דעם וואונדערלעכען פּאָטשעראָק, וואָס ער האָט ביי זיך אַרומגעטראָגען אין בוזעם־קעשענע ווי אַן אוצר, האָט גנעסיע אפילו ניט געוואָלט אָנקוקען. און מיט גרונים דעם שדכן ניט געוואָלט רעדען; אפילו ניט צוגעלאָזען צו זיך דעם אייזערנעם שפּיץ פון זיין פאַראַסאָל. דערפאַר האָבען די רוסישע צעטעלעך, צווישען איהר און שיקעלען איהר שוועסטער־קינד, גענומען פליהען אַלץ אָפטער, פאַרבייגעהענדיג, פון האַנט צו האַנט. פון די דאָזיגע צעטעלעך האָט נאָר געוואוסט מומע־מיכליע. ווארים זשאָמע זאָל זיך געווען דערוויסען ווער און וואָס ס'דערלאָזט איהם ניט אַריינקריגען אין שטוב אַזאַ איידעמל מיט אַזאַ פּאָטשעראָק, וואָלט ער זיין פלימעניק, דעם כניאָק, אַן איבעריגע מינוט אין שטוב ניט געהאַלטען. מומע־מיכליע האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען, און האָט ניט געוואָלט אָנמאַכען קיין טומעל פאַר דער צייט. מיט איהר ווייבערישען חוש האָט זי געפיהלט און געגלויבט, אַז גנעסיעס מיידעלשע נייגעריגקייט וועט זי סוף־כל־סוף צווינגען נאָכצוגעבען. וועט זי זיך לאָזען איבעררעדען. און זי האָט ריכטיג געטראָפען. הערענדיג טאָג־טעגלעך אַזוי פיעל

חידושים פון דעם קיעווער נגידס בחור, האָט גנעסיע זיך געני־
מען צוהערען. פריהער איז איהר אַריינגעקראָכען אין איין אוי־
ערל דער נאָמען פון דער גרויסער שטאָט: „קיעוו"... אַ קליי־
ניגקייט — קיעוו! וואו דער דניעפּער צעגיסט זיך איבער „שטיי־
נערנע שוועלען", וועלכע זיינען באַשריבען ביי די גרויסע רוסי־
שע שרייבער. די שטאָט, וואו מען עסט ווייסע קוילעטשען
געמישט מיט קוקורוזע אַ גאַנצע וואָך; וואו מען שטודירט, וואו
מען קען שטודירען... דערנאָך איז דורך אַ צווייטען אויער
אַריין אַן אומבאַקאַנטער נאָמען „פּיק". אַ קורצער אָבער אַן
איינגעגעסענער. אַ פאַמיליע, וואָס אַז מען הערט זי איין מאָל
לאָזט זי זיך ניט פאַרגעסען. און אַ מאָדנע זאַך! איהר דוכט
זיך, אַז שיקעלעס זומער־שפּרינקלעך זיינען עפּעס געוואָרען גרע־
סער און געלער, זיין וואוקס קלענער און זיינע אויגען קורצזיכ־
טיגער. שוין עטליכע טעג, אַז איהר דוכט זיך אַזוי אויס...

לסוף האָט מען זיך ביי איהר איינגעבעטען: וואָס קען
דאָס שאַדען? קיינער בינדט „זי" דאָך ניט. מעהר ניט ווי „זע־
הען זיך". דער חתן וועט אַראָפּפאָהרען זעהען זיך, און מעהר
גאָרניט...

די צעטעלעך צווישען גנעסיען און שיקעלען זיינען געוואָ־
רען זעלטענער. זיי האָבען דאָ מעהר גאָרניט געקענט מאַכען
געגען אַ טאַטע און אַ מאַמע, געגען אַזאַ בכבודיגען שדכן ווי
גרונים איז, געגען אַזאַ „פּאָטשעראָק"... און אפשר איז טאַקע
גנעסיע אַליין שוואַך געוואָרען פון הערען גאַנצענע טעג: „קיעוו.
פּיק. קיעוו". ווי עס זאָל ניט זיין, — מיטן ערשטען גוטען
שניי און מיט די ערשטע שליטענס איז טאַקע אַראָפּגעקומען דער
געראָטענער בחור מיטן פּאָטשעראָק, כדי צו זעהען זיך מיט
גנעסיען ביי זשאָמען אין שטוב.

אין יענעם טאָג האָט עפּעס שיקעלען שטאַרק וועה געטאָן
דער קאָפּ, איז ער נאָך וואַרמעס ניט געקומען אין קאַנטאָר.
פעטער זשאָמע האָט איהם אַליין געגעבען אַן עצה צושפּאַרען
זיך אַ קאַפּעלע, ביי זיך אין דער היים. מומע־מיכליע האָט גע־
צוואָגען דעם קאָפּ, הענקע האָט געלאַכט ניט־נאַטירלעך, און ביי

גנעסיצן האָבען חנעווודיג געפלאַמט די באַקען. זי איז עפּעס אויסגעוואַקסען אין יענעם אָוועגד פאַרן „זעהען-זיך", געוואָרען סטאַטנער אין איהר זיידענעם, זילבערדיגען קלייד מיט איהרע אויפגעבאָרשטענע אַשיגע, ווייכע האָר. אַ גאַנצע „באַרישנע" איז פון איהר געוואָרען.

דער חתן מיטן פּאַטשעראַק האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלץ זעהר אַ ריהרעוודיג בחורל, מיט קוים-שפּראָצענדיגע שוואַרצע ווענסעלעך, מיט אַ פלאַכען שטערען און מיט האַרטע גלאַנציגע האָר. דער שטערען און דאָס גאַנצע געזיכט זיינען זיך ביי איהם צוזאַמענגעלאָפען ביים נאָז און גאָמבע, ווי ביי אַ גרויסער שטשורע. ביים אָנהויבען לאַכען אָדער רעדען פלעגען ביי איהם די וואָנ-סעלעך און ליפען קוים-קוים אַ צאַפּעל טאָן, אויך ווי ביי אַ גרויסער מויז, איידער זי בייסט אָן אין קעז. ער איז אָבער גע-זוען בויגיק און שלאַנק, מיט דער קליינער קעפּעלע פאַרוואָרפען אויף הינטען. און דאָס האָט אַביסעל פאַרגלעט די מייזישע שאַרפ-קייט פון זיין געזיכט.

מיט איהם איז אַראָפּגעקומען אַ באַרעדעוודיגער טאַטע מיט אַ קיילעכיגען פליכעל, ווי ביי אַ קסיאָנדז, און מיט אַ פּעקעל גוזמאות און ווערטלעך, וואָס שמעקען אַביסעלע נאָך ביר-זשע-מעקלער און אַ האָרעלע — נאָך אָן אַגענט פון זינגערס נעה-מאַשינעס. און אַ מאַמע איז אַראָפּגעקומען, אַן אָנגעבלאָזענע גבירטע אין אַ קאָפּעלע אָפּגענוצטע זיידענע קליידער מיט אַסך פאַלדען. ווייזט אויס — געוועזענע נגידים, מיט אַרונטערגעפּאָה-רענע געשעפטען, וואָס קענען די געוועזענע גבירישקייט ניט פאַרגעסען. האָבען זיי זיך מיט זייער בחורל אַראָפּגעלאָזט אין אַ קליין שטעטעל אַריין, כדי צו פאַרריכטען „די מערכה", איבער-צולאָזען כאָטש איין פאַרפּיעסטשעטען זוהנדעל אין אַ שמאַלץ-גרוב. מעג דאָס שוין אויך זיין ביי אַ קליינשטעטעלדיגען גער-בער, ווי פעטער זשאָמע איז, אַבי אַ שמאַלץ-גרוב.

דאָס געראָטען זוהנדעל מיטן גוטען „פּאַטשעראַק" האָט אַפנים געהייסען — מלד. וואָרים דער טאַטע זיינער פלעגט

איהם, רעדענדיג און שיטענדיג מיט ווערטלעך, אָנרופּען: „מלך פּיק" אָדער „מיין מלך פּיק".

דער דאָזיגער נאָמען פון קאָרטען, וועלכע זיינען, ווייזט אויס, דעם קיעווער מחותן געווען גוט באַקאַנט, האָט, דאַכט זיך, דעם חתן־בחור זעהר גוט געפּאַסט. שוין דערפאַר וואָס ער הייסט מלך און זיין פאַמיליע — פּיק; שוין דערפאַר וואָס ער אַליין איז געווען „שוואַרץ־חנעוודיג", מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען ווי אַ „פּיק". דאָס צונעמעניש האָט אַרויסגערופען ביי זשאַמעס פאַמיליע אַ געצוואונגען געלעכטערל פון צושטימונג. אָבער די מחותנתטע, די ברוגזדיגע גבירטע, די מלכּה פּיק, איז פון אַזאַ פּאַראַדישטען קאָרטען־נאָמען כּלל ניט געווען צופרידען. וואָרים יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט דעם נאָמען דערהערען פון איהר באַרעדעוודיגען מאַן, פלעגט זי זיך גביריש־מיעד און מיט איין וואָרט אָנבייזערען אויף איהם:

— אָטיעץ! *)

דאָס וואָרט מיט זיין ספּעציעלען ניגון האָט זי אַפּנים איבערגענומען פון רוסישע ברייטלייביגע קופּטשיכעס, ווען זיי ווענדען זיך צו זייערע מענער. אָבער דאָ, ביי זשאָמען אין שטוב, האָט דאָס געדאַרפט מאַכען דעם איינדרוק פון הויכער אינטעליגענטישקייט און פון גרויסשטעטישער פאָרנעמקייט. און עס האָט געמאַכט... וואָרים מומע־מיכליע האָט זיך אַנטקעגע. דער קיעווער מחותנתטע, געפיהלט זעהר אַראָפּגעפאַלען ביי זיך; און זשאָמע, וועלכער איז געווען פאַרליבט אין חתנס פּאָטשעראָק, פלעגט זיך, נאָך יעדען „אָטיעץ", זעהר פילדייטיג איבערקוקען מיט הענקען זיין מוזינקעלע און מיט זיין אויסגעפּוצטער כּלה־מויד. אָבער דוקא גנעסיע פלעגט אַלעמאָל אָפּקעהרען די שעהנע אויגען איהרע.

איהר, גנעסיען, האָט די גאַנצע פאַמיליע פּיק אויסגעזעהן אַזוי מאָדנע פרעמד און דאָך אַזוי טשיקאַווע. דעם מחותנס באַריהמעריי און דעם חתנס איבערשלאָגען איהם אַלע ווילע, דאָס

---

*) פאָטער!

פאַרלויפען איהם דעם וועג מיט אינגעלשער ריהרעוודיגקייט, מיט ציהען זיך די ווענסעלעך און מיט וואַרפען אויגען אויף רעכטס און אויף לינקס; די אָגגעבלאָזענקייט פון דער מחותּנת־טע און דער רויש פון איהרע אָפגעטראָגענע זיידענע פאַלדען— דאָס אַלץ האָט אַריינגעטראָגען אַן אומרוהיגקייט אין דער היל־צערנער שטוב, אַ באַהאַלטענע געפּאַהר פאַר איהר און פאַר איהרע מיידעלשע טרוימען, פאַר שיקעלעס שעמעוודיגע רייד און שטילינקע צעטעלעך, וואו עס איז געווען געשריבען פון בילדונג און פון ליבע. דערפאַר אָבער די פּרעהלעכע דרייסטקייט פון דעם חתן, זיין ווענדען זיך צו זיינע עלטערען מיט אַ ברודער־לעכען „פּאַפּאַשאַ" און מיט אַ זאַפטיגען „מאַמאַשאַ" און צו איהר, גנעסיען — מיט „באַרישניאַ געניאַ", דאָס אַריינוואַרפען יעדעס מאָל: „ביי אונז אין קיעוו", ביי אונז אין פּושקינס גאָרטען" — דאָס אַלץ האָט געקלונגען גאָר ניי און דערהויבען. דאָס האָט צו־געצויגען...

איהרע בעקלעך האָבען זיך נאָך מעהר צעפלאַמט מיט אַ שעהנער מאַטעווער רויטקייט, אומגעריכט פאַר זיך אַליין איז זי אַריינגעצויגען געוואָרען אין שמועס. און ווי אַ רויטער פונק, וואָס לעשט זיך אין אַ שוואַרצען קויהל, האָט נאָר אַרומגעבלאָנ־דזשעט איין קליינינקער געדאַנקעל אין איהר מיידעלשען קאָפּ: אפשר איז שיקעלע, איהר שוועסטערקינד, גאָרניט דאָס וואָס זי מיינט. אפשר איז ער טאַקע אַ „כּניאָק", ווי דער טאַטע רופט איהם אונטער די אויגען. שיקעלע זאָגט, אַז זי מוז פאָה־רען זיך בילדען, ווייל בילדונג איז ליכט... וואוהין וועט זי פאָה־רען איינע אַליין? צו ווענען וועט זי פאָהרען? אָט, ווען אין קיעוו וואָלט געוואוינט אַ נאָהענטע פאַמיליע, אַ פאַמיליע פיק... דאַמאָלסט —

.3

דערפאַר איז זשאָמע אַליין געווען אינגאַנצען פאַרשיכּורט פון דאָס „זעהען זיך". אַפילו דער קיילעכדיגער פליך פונם קיע־

זוער מחותן האָט אויף איהם געמאַכט אַן איינדרוק. וואָרים גרונים דער שדכן האָט זיך געקליגט און, בשעתן „זעהען זיך", אַריינגערוקט זשאָמען אַ גאַנצען העפטעל מיטן חתנס פּאַטשעראַק, אין אידיש און אין רוסיש. זשאָמע האָט זי געבלעטערט צוזאַמען מיט ר' גרונימן און זי האָט איהם אויסגעזעהן ווי אַ גאַנצע אויסשטעלונג אויף ניזשנער יאַריד. איין חידוש איז געלאָפּען געוועט מיט דעם צווייטען, איין וואונדער האָט פאַרבלענדט דעם צווייטען. ער האָט אַלע ויילע געוואָרפען פאַרליבטע אויגען אויפן חתן. וואו, זיינען דאָס אַהינגעקומען פעטער־זשאָמעס אָפּע־בע אויגען, זיין סוחרישע נאָז, זיינע שאַרפע אויערען? ער האָט גאָרנישט ניט געהערט און גאָרנישט מעהר געזעהן. יאָ, ער, פון זיין צד, איז שוין פאַרליבט אין מלכקע־פיק. און מיט גנעסיען... מיט גנעסיען וועט מען זעהן.

און גרונים האָט שוין געוואוסט וועגען וואָס און ווי אַזוי מען באַדאַרף צו רעדען מיט פעטער זשאָמען. איבערבלעטערענ־דיג מיט איהם דאָס העפטעל, האָט ער איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פונם געראָטענעם חתן: „וואָס ווייסט איהר, ר' זשאָמע, וואָס ווייסט איהר?"

עס האָט זיך, למשל, אַרויסגעוויזען, אַז שוין קליינערהייט, פלעגט מלכקע פיק אַוועקשלעפען וואו אַ ריין שטיקעל פּאַפּיר און פאַרשרייבען דאָס פון אַלע זייטען. און טאָמער האָט מען ביי איהם אָפּגענומען דאָס געלקחנטע פּאַפּיר, איז גלייך — אַוועק־געלעגט זיך אויף דער פּאָדלאָגע און געקלאַפּט מיט די פיסלעך, אַזוי לאַנג ביז מען האָט איהם נאָכגעגעבען. אָט אַזאַ געראָטענע זאַך איז דאָס שוין געווען קליינערהייט!

— אַזוי!! — מאַכט זשאָמע מיט באַגייסטערונג און קוקט אַריין אין העפּטעלע.

— דערנאָך, — דערצעהלט וויטער ר' גרונים, — האָט ער זיך גענומען צוקוקען, ווי דער טאַטע שרייבט, ווי די מאַמע שרייבט, ווי די עלטערע ברידער שרייבען, און האָט קונציג נאָכגעמאַכט אַלעמענס כתב און אַלעמענס אונטערשריפטען. מען האָט זיך פשוט ניט געקענט אָפּוואונדערען. דער טאַטע זיינער, ר' מאיר פיק, האָט,

למשל, געדאַרפט האָבען אַדרעסען קיין אויסלאַנד, האָט דאָס איהם זיין מלכקע גענומען נאָכשרייבען. און מיינט איהר ער האָט געקענט דעם אויסלענדישען לשון? אַ האָר אויך ניט! ער פלעגט נאָר נ אָ כ מ אַ כ ע ן, פונקט ווי עס שטעהט געשריבען. און הערט אַ מעשה! אַלע בריף זיינען אָנגעקומען...

— אַזוי!! — וואונדערט זיך זשאַמע און בלעטערט דאָס העפטעלע.

— ניט קיין קינד — אַ מזל־און־ברכה אין שטוב!... און אָט איז דאָס דערנאָך אויסגעוואַקסען מיטן אייגענעם פּאָטשעראָק. אין שקאָלע, וואו ער איז געגאַנגען, האָט ער געהאַט בלויז „פינפען", אַלעמאָל... פאַרן שרייבען. דאָס איז דען אַ כתב? אַזאַ כתב ווערט דאָך אָנגערופען „קאַלידראַפיע", — האָט ר' גרונים פאַרענדיגט זיין ראַפּאָרט.

— מיט אַזאַ פּאָטשעראָק ווערט מען ניט פאַרפאַלען! — האָט צוגעשטימט פעטער זשאַמע.

יאָ, ע ר איז שוין אין דעם חתן הייס־פאַרליבט. און מיט גנעסיען... מיט גנעסיען וועט מען זעהן.

נאָר ווי אַזוי וועט מען דאָס „זעהן?" אַז באַלד נאָכן „זעהען זיך" האָט גנעסיע געקראָגען קאָפּ־וועהטאָג און מען האָט מיט איהר ניט געקענט רעדען. דערנאָך האָט זי זיך גאָר צעוויינט און ניט געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט. און אויף מאָרגען, אַז מען האָט ביי איהר געוואָלט דערגעהן וואָס זי קלערט מכּוחן שידוך, האָט זי גאָר געגעבען אַ וואָרף מיט דער פּלייצע: „אַך!... מען זאָל זי לאָזען צורוה!"

און אַז מען איז צו איהר צוגעשטאַנען: „סטייטש! די מחותּנים ווילען דאָך אַוועקפאָהרען צוריק, ווי געפעלט איהר דער חתן?" האָט זי געשוויגען. נאָר הענקע די שטיפערקע האָט געענטפערט פאַר איהר:

— ווי אַ „מלך" פון אידישע קאָרטען!

און גנעסיע האָט דאָס גלייך באַשטעטיגט מיט אַ ניט־נאַטירלעכען געלעכטער.

איז געוואָרען אין שטוב אַ טומעל, אַז הימעל עפען דיך!

מעהר טומעל פאַר אַלעמען האָט אָנגעמאַכט פעטער זשאָמע אַליין. אַן איינגעבויגענער און שטילער, מעהר ווי אַלעמאָל, איז געזעסען נאָר איין שיקעלע, דער אָרימער פלימעניק. בלאַס און ניט־אויסגעשלאָפען איז ער געזעסען איבער די השבונות. און ווער זאָל דאָס גאָר געווען וויסען, אַז זיינס אַ צעטעלע האָט דאָס אָנגעמאַכט די גאַנצע עקשנות פון דער כלה־מויד? זיינס אַ צעטעלע, גאַנץ פריה, ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב...

זיינען די מחותנים אַוועקגעפאָהרען צוריק קיין קיעוו „מ׳ט אַ נאָז”. דאָס הייסט ניט מיט אַ גאַנצען נאָז, נאָר מיט אַ „האַלבען”. ווייל זשאָמע פון זיין זייט האָט חס־ושלום דעם שידוך ניט אָפגעלאָזען. אַדרבא, ער האָט מבטיח געווען, אַז מען וועט אין גיכען זעהן, אָבער גאָר אין גיכען. מען מוז זיך נאָכפרעגען... און בכלל...

אין שטוב איז געוואָרען וואָכעדיג און אַ שטילער ברוגז איז אַוועק צווישען טאַטען און גבעסיען, און צווישען שדכן און העבקען. ר׳ גרונים האָט חושד געווען העבקען, אַז זי טוט איהם אָפּ שפיצלעך. וואָרים נאָך יעדען אַריינקומען צו זשאָמען אין שטוב טרעפען איהם מאָדנע זאַכען. דאָס כאַפּט ער זיך, אַז זיין פאַרעסאָל האָט געקראָגען אַ גוואַלט־ריס. מען ווייסט ניט פון וואָס, און מען קען ניט פאַרשטעהן — ווי אַזוי... און דאָס פעהלט איהם גאָר איין טיפער קאַלאָש, וואָס, נאָך אַ האַלבע שעה זוכען, געפינט מען איהם פאַרוואָרפען אין קעלער, אָדער אין דער פאַרשנייטער סוכה. און אַז מען געפינט איהם שוין איז ער פול מיט בלאָטע און עס איז שווער איהם אָנצוטאָן. און איינמאָל איז איהם גאָר פאַרפאַלען געוואָרען דאָס העפטעלע מיט דעם „גוטען פאָטשעראָק”, וואָס ער האָט אַרומגעטראָגען אין בוזעם־קעשענע פון זיין פוטער.

— אפשר האָט איהר פאַרגעסען אינדערהיים? — האָט זיך פעטער זשאָמע דערשראָקען.

ניין. גרונים דער שדכן געדענקט זעהר גוט. ער האָט דאָס העפטעלע מיטגענומען, כדי צו ווייזען ר׳ זשאָמען נאָכאַמאָל. ער האָט זיין שאָפענע פוטער אויפגעהאָנגען אין קאָכשטוב, פונקט

אַנטקעגען דער אָפענער טיר, וואו דער בוכהאַלטער, וואו דער פלימעניק הייסט דאָס, אַרבייט. אַ שטיק פון העפטעל האָט אַרויסגעשטעקט. ער געדענקט עס זעהר גוט...

מען האָט געזוכט און גענישטערט. שיקעלע האָט געהאָלפען זוכען מעהר ווי אַלע. לסוף האָט מומע־מיכליע געפונען, אין דער פלאַקערענדיגער חרובע, אַ גאַנצען פעכער פון פאַרברענטע פאַפירלעך. ר׳ גרונים און פעטער זשאָמע וואָלטען געקענט שווערען, אַז עס איז דאָס פאַרברענטע העפטעל. הענקע האָט געלאַכט און שיקעלע האָט זיך געשוואָרען, אַז דאָס איז אַ נאָטיץ־העפטעל פון אַלטע איבערגעשריבענע חשבונות. היינט געה דערגעה אַ טאָלק וואָס דאָ טוט זיך!...

מיט שיקעלען אַליין איז עפּעס פאָרגעקומען אַן ענדערונג. אַרבייטען טוט ער נאָך פלייסיגער ווי פריהער. אָבער מען זעהט באַשיינפערלעך, אַז ער געהט אויס ווי אַ ליכט. און זיינע זומערשפרענקלעך ווערען אַלץ געלער און גרעסער. עפּעס פונקט ווי ער וואָלט זיך געמאָרעט צום פריזיוו. האָט זיך פעטער זשאָמע נאָכגעפרעגט ביי יחיאל דעם חזן: „וואָס טוט זיך דאָס מיטן קעסטניק?". „ער עסט ניט!" — איז געווען יחיאל דעם חזנס ענטפער. און דוקא דאָס איז פעטער זשאָמען ניט געפעלען געוואָרען. ער האָט דעם פלימעניק זיינעם גענומען נאָכקוקען. גלאַט אַזוי הערט אַ מענש ניט אויף צו עסען. היינט שווייגען שווייגט ער אונטער, שוין אַביסעל צו פיעל. „שטילע וואַסער גראָבט טיף", — האָט ער זיך געטראַכט. איז עס אפשר פאָרט „בולבע" צווישען כניאָק און גנעסיען?

און איינמאָל פאַרנאַכט, בשעת עס איז געפאַלען אַ באַסער שניי, טראָגט זשאָמע אַריין צוויי פריש־געגערבטע באָבערס אין דער פאַרלאָזענער סוכה אַריין, וואו עס טריקענט זיך, אין אַ שלעכטען וועטער, דאָס טייערע רויכוואַרג. דערווישט ער דאָרטען ניט קיין אַנדערען... יאָ, ניט קיין אַנדערען ווי דעם פלימעניק זיינעם. און טרעפט מיט וועמען?.., מיט גנעסיען!

פעטער זשאָמע האָט זיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט, אַז אַזאַ כניאָק, וואָס טשעפּעט ניט קיין פליג אויפן וואַנט, וואָס

פאַרשטעהט זיך אויף ווייבערישע זאַכען, ווי אַ קאַץ אין אתרוג-איינגעמאַכץ, זאָל גאָר האַלטען אַרומגענומען גנעסיען, זיין טאָכ-טער, און ווי? געטוליעט זיך צו איהר, ווי אַ דערפרוירענער צוציק, מיטן פנים צום ברוסט, אָט דאָרטען וואו די באַטיסט-העמד שטעקט אַרויס אַזוי פריש פון בלוזע-קראַגען. וואָרים מעהר ווי ביזקעל האַלז דערגעהט ער דאָך ניט, שיקעלע, ביי זיין סטאַ-טנער, שטילער מויד, ביי זיין שטוב-פאַווע מיט די דערשראָקענע אויגען.

— דו? — האָט נאָר זשאָמע, הייזעריג, געקענט אַרויס-ברומען.

די איבעררעַשונג פוןביידע שוועסטער-קינדער איז אָבער געוועזען אַזוי גרויס, אַז זיי זיינען נאָך אַ ווײַלע געבליבען שטעהן ווי זיי זיינען געשטאַנען, אַרומגענומען און צוגעטוליעט. אין דער זעלבער קריטישער ווײַלע איז זשאָמען אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין קאָפּ, און אַ צאָרן האָט איהם אַרומגעכאַפּט: אָט וואו עס שטעקט גנעסיעס עקשנות, גרוֹנימס פאַרוואָרפענער קאַלאָש, דאָס פאַרברענ-טע העפטעלע מיטן גוטען פּאָטשעראָק, שיקעלעס מאָגערקייט!...

— אַרויס פון סוכה! — האָט ער שטיל און האַרט אַ זאָג געטאָן צו זיין טאָכטער, און מיט אַ זייט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר שיקעלען. און ווי נור גנעסיע איז אַרויסגעלאָפען, האָט זיך פעטער-זשאָמע צעפּאָכעט מיט ביידע פריש-געגערבטע באָבערס אין ביידע הענט, און פאַדאַוואַי דעקען זיין קורצזיכטיגען פּלימעניקל איבערן פנים, איבערן קאָפּ, איבער די פּלייצעס, וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזען. עס האָט אויסגעזעהן, אַז ער קלאַפּט אויס צוויי פייכטע שטיק רויכוואַרג אָן אַ לעבעדיגען סלופּ, וואָס בויגט זיך אין אַלע זייטען. דערביי האָט ער נאָך הייזעריג און פאַר-ביסען געריטשעט:

— צום טאַטען פאָהר! צו דיין טאַטען פאָהר! צום טאַטען!

און מיט אַ טאָג שפּעטער האָבען זיך שוין געוואַלגערט די חשבונות-ביכער ביי זשאָמען אין הויז און קיינער האָט אין זיי ניט אַריינגעקוקט. און איבערמאָרגען צו מנחה, האָט זיך זשאָמע

דערוואוסט פון יחיאל דעם חזן, אַז דער קעסטניק זיינער, שיקע־לע, פאַקט זיין פעקעל. ער האָט שוין אַפילו באַשטעלט אַ באַלע־גאָלע צו פאָהרען צוריק קיין פאַהאָסט, זעקס שעה מיטן שלי־טען. ער פאַקט און וויינט שיקעלע, און עס איז אַ רחמנות צו קוקען.

ניט רעדענדיג קיין וואָרט האָט זשאָמע אַריינגעשטעקט צוויי פינף־און־צוואַנציגער יחיאל דעם חזן אין האַנט און אַ זאָג גע־טאָן: „גיט איהם אָפּ!"

און נאָך אין יענעם אָוונט, נאָך מעריב, האָט ער געלאָ־זען שרייבען אַ בריף, דורך גרונים דעם שדכן, קיין קיעוו: פאַמיליע פיק זאָל זיך מטריח זיין און אַראָפּקומען. מ'צט מיט גאָטס הילף שרייבען תנאים.

# מאָטע מאַרשעלאָק מיטן פּיאָל

.1

ביי זשאָמען אין שטוב גרייט מען זיך, שוין באַלד אַ וואָך צייט, צו חתונה. גנעסיע, די עלטערע טאָכטער, פאַרשלייערט זיך מיט מלכקע פּיק, מיט דעם געראָטענעם בחור׳ל פון קיעוו — אַן איידעם מיט אַלע מעלות און מיטן אמתן „פּאָטשעראָק”. זשאָמע האָט גנעסיען לאַנג ניט געלאָזן טרויערן נאָך דעם פּאַהאָסטער „כניאָק”, נאָך שיקעלען הייסט דאָס. ער האָט אין איהר אַריינגעטענהט און גרונים דער לאַנד-שדכן האָט איהם געהאָלפען. ער האָט איהר דערצעהלט מאָדנע גליקען פון קיעוו. הכלל, ס׳וועט זיין אַזוי וואויל צו איהר! אָנהויב זומער וועט זי, למשל, אַראָפּפאָהרען מיט איהר באַשערטען, און טאַקע מיטן פּאַרעכאָד איבערן גאַנצען דניעפּער, ביז קיעוו. ס׳איז אַ נחת, ניט קיין רייזע! צווישען בערג און טאָלען, פעלדער און וועלדער. גויות ברענגען צו פאַרקויפען פרישע יאַגדעס אין קאָרענע קערבעלעך. היינט די באַקוועמלעכקייטען אויפן פּאַרעכאָד! ס׳איז ניט פון די קאַליקע פּאַרעכאָדען, וואָס געהען צווישען שקלאָוו און מאָהליוו. מלוכות זענען דאָס, ניט קיין פּאַרעכאָדען. אין קיעוו וועט איהר באַשערטער אַריין אין זיין טאַטענס געשעפט. געהילץ איז געהילץ, פלאַקס איז פלאַקס, צוקער איז צוקער. און וואָס ניט? איהר שפּיעלט זיך מיט קיעוו! נו, איהר מאַן וועט דאָך זיין גאַנצע טעג פאַרנומען, וועט זי זיך דערווייל וואָס קענען לערנען „אויף די צייהן”, דערנאָך וועט זי אויפמאַכען אַ קאַבינעט. טאַטע-מאַמע וועט אַמאָל אַראָפּ-

פּאָהרען — ווערט זי זיי היילען די צייהן אומזיסט... נישקשה, זאָל זי נאָר, גנעסיע, קיין זאָרג ניט האָבען. זי וועט צו טאַטע-מאַמע ניט צולעגען, כע-כע... הכלל...

די לעצטע פּשרה, מיט „לערנען זיך אויף די צייהן" און מיטן קאַבינעט, האָט צוגעקלערט ר' גרונים. פּאָרט אַ לאַנד-שדכן. האָט ער זשאַמען דעם תּקיף געגעבען צו פאַרשטעהן מיט חכמה, אַז ווען דער יצר-הרע צעשפּילט זיך ביי אַ מענשען, מעג עס אַפילו זיין אַ יצר-הרע פון „לערנען זיך אויף צייהן", ווי ביי זיין גנעסיען, מוז מען איהם אויך וואַרפען אַ ביינדעל... זאָל ער ניט בילען.

נו, אַ מענש איז דאָך ניט פון אייזען. האָט זיך גנעסיע גענומען צוהערען. הענקע די שטיפערקע, איהר אינגערע שוועס-טער, האָט אויפגעהערט אָפּצולאַכען, און גאַנצע נעכט געשושקעט זיך מיט איהר שוועסטער אין בעט, און פאַרשלאָפען דעם פריה-מאָרגענדיגען טיי. און באַלד נאָכן דאַוונען פלעגט זשאַמע ווי-דער אַמאָל אָוועקשטעלען אַ האַרבע שאלה:

— הכלל, טאָכטערקע, וואָס וועט זיין?

וואָס וועט זיין? גנעסיע האָט שוין מעהר ניט געענטפערט „ניין", אָבער אויך ניט „יאָ". נאָר עפּעס אַ צווישען-וואָרט, ווי למשל: „לאָזט מיך", „אָך!", „כ'ווייס ניט", וכדומה. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז גרונימען דעם שדכן און זשאַמען איז קלאָר גע-וואָרען, אַז די טייג איז אויפגעגאַנגען, מען קען שוין באַקען אַ תּנאים און טאָקע באַלד נאָכדעם — אַ חתונה.

אַז די קיעווער מחותּנים זיינען ווידער אַמאָל אַראָפּגעפּאָה-רען, האָט זיך גנעסיע אַליין געוואונדערט, ווי גיך זי האָט פאַרגעסען אָט דעם בלאָסינקען, אָרימען שוועסטער-קינד פון פּאַ-האָסט, כאָטש ביינקען נאָך איהם האָט זיך איהר יאָ געביינקט. נאָר... אפשר איז דאָס אינגאַנצען ניט געווען קיין „בולבע", ווי דער טאַטע רופט אָן זייער פאַרליבעניש, נאָר אַ מין רחמנות צו שיקעלען, צו זיין שעמעוודיגקייט, צו זיין שוואַכקייט, צו זיין קליינשטעטעלדיגע איידעלקייט?... דער גרויסשטאָטישער הו-האַ, וואָס די מחותּנים האָבען מיט זיך אָנגעטראָגען פון קיעוו,

די שאַכטלען שאָקאָלאַדען און געצוקערטע אויבסט, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט עפּעס העכערע געגוסען, די אויסגעגעהטע זיידענע בלוזעס און בראַסלעטען, די אינטעליגענטישע מינעס פון דער מחותנתטע און די מעקלערישע מעשׂיות פון מחותן — האָבען גנעסיען אינגאַנצען צעטומעלט. פריהער האָט עס זי צעשטרויט, דערנאָך, ביסלעכוויז, איינגעוויגט, פאַרשיכּורט. און די תּנאים זיינען אַריבער גאַנץ גלאַטיג...

נאָר כּדי ניט איבערצולאָזען גנעסיען צופיעל צייט צום טראַכטען און איבערטראַכטען און חס־ושלום — צום איבערשרייבען זיך מיט שיקעלען, האָט זיך זשאַמע צוגעאיילט מיט דער חתונה. ער האָט געקאָכט און געברענט האָט ער. עס האָבען ניט געהאָלפען מיכליעס קולות, ניט די עצות פון גוטע־לייט, ניט די טענות פון די שניידער, אַז זיי קענען זיך ניט צערייסען מיט די חתונה־קליידער פאַר דער כּלה און פאַר די מחותּנים. אַ רובעל אַרויף, אַ רובעל אַראָפּ, און געאַרבייט זאָל ווערען! ער, זשאַמע, האָט בעסער געקענט זיין גנעסיען, זיין שטילע פאַווע מיט די גרויסע פאַרוואונדערטע אויגען... ער האָט אַלץ מורא געהאַט צו פאַרלירען פון אונטער די הענט אַזאַ געראָטענעם איידימעל מיט אַזאַ „פּאָטשעראָק״, ווי מלכּקע פּיק.

נאָך די תּנאים האָט זיך אפילו גנעסיען גענומען אויסדוכטען, אַז מלכּקע פּיק איז טאַקע אַ געראָטענער בחור. וואָרים אויסער זיין גוטען „פּאָטשעראָק״ האָט ער איהר גענומען ווייזען, אַז ער קען שרייבען לידער אויך. לידער אויף רוסיש, וואָס אַלע שורהלעך גראַמען זיך אין זיי אויף „אָי״ אָדער מיט „איו״, און לידער אויף אידיש. איז זי ביי זיך געוואָרען אַ ביסעל שטאָלץ, וואָס אַזאַ חתן מיט אַזוי פיל מעלות האָט צו איהר צוטרוי און פרעגט ביי איהר מבינות. באַלד אָבער האָט זי דערזעהן, אַז מיט דער זעלבער היץ און מיט דער זעלבער באַריהמעריי באַווייזט ער די זעלבע לידער דעם טאַטען איהרען, זשאַמען. וואָס פאַרשטעהט דער טאַטע אין אַזעלכע זאַכען?... און זשאַמע האָט זיך געטאָן דאָס זייניגע און אָפּגעשאַצט די לידער אויף זיין שטייגער. ער האָט אָנגעטאָן די גראָבלעכע שפּאַקולען

מיט די זילבערנע האָלאָבליעס, האָט אַריינגעקוקט אין מלכּקעס שרייבעכץ און אָפּגעלייענט אַלע גראַמען כּסדר: ווענט — הענט, גאַסען — פּאַסען, ערד — פערד. דערנאָך האָט ער אויסגעטאָן די שפּאַקולען און, קוקענדיג אויף מלכּקען מיט גרויס ליבשאַפט, אָפּגעפּסקענט:

— יאָ! זעהר שעהן! פיין!... נאָר צוליב וואָס טויגען דיר די גראַמען? „מאָטע קאַלטע־לאָך" דער מאַרשעלאָק קען אויך מאַכען גראַמען. אָט צו דער חופּה, אם ירצה שם, וועסטו איהם הערען. דער עיקר איז דאָ דיין כּתב, דער פּאָטשעראָק.

און נאָך עפּעס וואונדערט איהר, גנעסיען, וואָס ווי נאָר עס קומען געסט, האָט מלדקע שטענדיג ליעב אַריינצושטופּען זיך אין שמועס און אַרויסווייזען זיין קענטעניש. אמת טאַקע, ער איז זעהר אַ געראָטענער, און אויסער זיינע לידער און אויסער זיין גוטען פּאָטשעראָק האָט ער נאָך געלערענט כימיע דורך בריעף... למשל, ווי צו מאַכען וואַקסע, זייף, גלויבער־זאַלץ און סינקע. ער האָט איהר אפילו געוויזען אַ פּאַפּיר אַזאַ, אַ מין אַטעסטאַט, אַז ער מעג דאָס אַלץ מאַכען... אָבער צוליב וואָס טויג דאָס איהם אַלעמען צו דערצעהלען? אָט, אַנומעלטען, האָט זיך אין שטוב צעבראָכען אַ שפּיגעל. מומע מיכליע איז געגאַנגען דערלאַנגען כּיבוד און אַראָפּגעוואָרפען אַ געשליפען שפּיגעל פון קאָמאָד. האָט זיך מומע מיכליע דערשראָקען. אַ שלעכטער סימן צעברעכען אַ שפּיגעל, און נאָך פאַר אַ חתונה... האָט זי מלכּ־קע פּיק גלייך גענומען באַרוהיגען: וואָס אַרט אייך, מאַמאַשאַ! איך וועל אייך מאַכען צעהן אַנדערע אַזעלכע שפּיגלען!

און באַלד גענומען אויסדערצעהלען אַלע סודות פון דער שפּיגעל־פאַבריקאַציע, כּדי געסט זאָלען הערען:

— מען נעמט קוועקזילבער און מען צעלאָזט עס אין שייד־וואַסער. און מען נעמט גלאָז...

האָט איהם אָבער זשאָמע איבערגעשלאָגען... אַך, יאָ! די זיסטע מינוטען פון באַריהמעריי פאַרדאַרבט איהם אָט דער קליינשטעטעלדיגער מחותן:

— וואָס טויג דיר שפּיגלעז? נעם באַוויז בעסער דיין כּתב!

און מלכקע פיק פאַרגעסט באַלד זיין פאַרשוועכטע קענטע־ניש אין כימיע און אין שפּיגלען, נעמט אַ טינט און פעדער און דרעהט אויס פּאָר אַלעמען אין די אויגען אַ „לכבוד“. אָדער אַ „יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ“ מיט דעם אמתן גרויס־אַרטיגען „יע“, אַז שקלאָווער געסט בלייבען זיצען מיט אָפענע מיילער און מיט אַ האַלב־צעקייטען כּיבוד אויף דער צונג: „אָט וואָס אַ איד, אַ סקאָרניאַק, ווי זשאָמע פאַרגינט זיך! אויס־זוכען זיך דוקא אַזאַ אַנטיקעל, אַזאַ געראָטענע זאַך פאַר אַן איידים!“...

דערזעהענדיג אַלעמענס התפּעלות, קיהלט זיך ביי גנעסיען דאָס האַרץ: אפשר דאַרף אַזוי זיין? אפשר דאַרפען זיך חתנים אַזוי אויפפיהרען? און עס דאַכט זיך איהר, אַז זי ווערט נעהנ־טער צו אָט דעם קיעווער בחורל מיט די שוואַרצינקע ווענסעלעך און מיטן ברוינלעכען, פאַרשפּיצטען פּנים. ער רעדט אפילו, אָפּטמאָל, מיט קמצן אָנשטאָט פּתחן, כאָטש זיין טאַטע־מאַמע שטאַמען פון די היגע ליטווישע מקומות; ער איז אפילו אַ ביסעל צו־ריהרעווודיג און די אויגען גלאַנצען ביי איהם צו שטאַרק... נאָר אַ געראָ־טענער איז ער פאָרט. איז זי טאַקע זיינע אַ כּלה?

## .2

די גיכע התונה האָט גנעסיען באַשטעטיגט — אַז יאָ. ז י י נ ע. שוין לאַנג האָט שקלאָוו ניט געזעהן אַזאַ חתונה, וואָס זאָל זיין אַזוי ברייטלעך און „היינטוועלטיש“. און לויט אַלע מנהגים פון אַלטען דור. מומע מיכליע האָט ניט אַנדערש גע־וואָלט. זי האָט דוקא געוואָלט פּראַוועןן אַ חתונה פאַר דער טאָכ־טער, פּונקט ווי מען האָט איהר, מיכליען, אַמאָל געפּראַוועט. די צעבראָכענע שפּיגעל איז איהר ניט אַרויס פון זינען. זי האָט געגלויבט אין אַזעלכע סימנים, און געזעהן פאַרגלעטען דעם ביט־גוטען צייכען מיט וואָס מעהר פרומקייט און אידישלעכקייט. אין אַ גוטער שעה! אין אַ מזלדיגער שעה!

צום „באַדעקענס“ איז דערפאַר די כּלה געזעסען אויף אַן

איבערגעקערטער דייזשקע, אויסגעבעט מיט אַ שעהנער פּליושע־
נער טישטעכעל, מיט אַ מגן־דוד. אַלץ צוליב מזל.

און די קלעזמער האָבען אויסגעשפּילט אַ „דאָבּרי־דזשין", אַז ס'האָט צענומען אַלע חברטעס פון דער כּלה, און זיי האָבען זיך צעכליפּעט.

דערנאָך האָט „מאָטע קאַלטע־לאָך", דער מאַרשעלאָק, אי־בערגענומען זיין הויכען אַמט, און האָט זיך צעלאָזען אין גראַמען, אומגעהעהנדיג פונקט אַקעגען דער כּלה, וואָס זיצט אויף דער דייזשקע, ווי אַ סאָלדאַט, אויף דער וואַך, לעבען זיין קעניגין— אויף דער מלוכה־שטול. ער האָט געגראַמט און אונטערגעפּייפעלט זיך אַליין מיט זיין אייגענעם אַלטען פאַרצייטיגען פּיאַל.

הויבט אָן מאָטע־מאַרשעלאָק טיף אַלעגאָריש, מיטן „האַ" און מיט אַ גרויסען פראַגע־צייכען:

„האַ? וואָס זעהען מיר דאָ
אין אַזאַ מזלדיגער שעה?"

און די קלעזמער־קאַפּעליע פרעגט איבער:

— טריאַ־ריאַם?

ענטפערט מאָטע־מאַרשעלאָק זיך אַליין און דער פאַרוואונ־דערטער קאַפּעליע:

„זיצט אַ כּלה פון זיבעצען־צוואַנציג יאָהר!..."

כאַפּען אונטער די קלעזמער זעהר וואַרים:

— טריאַ—ריאַ—ריאַם!

פונקט ווי אַ גאַנצע ראָטע פון פרעהלעכע זעלנער וואָלטען אַ ליאַרם געטאָן: „אמת ווי גאָלד! ראַד סטאַראַטסיאַ".

נאָר „מאָטע קאַלטע־לאָך" פּייפעלט זיך אונטער טרויעריג און פאַרקלערט אויף זיין אַלטיטשקען, אָנגעשפּאָלטענעם פּיאַל.

— פליו—פליו—ליו—ליו...

אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך, מאָטע דער מאַרשעלאָק, אַז ס'איז חתונה, מען טאָר ניט טרויעריג זיין, אַדרבא... פאַרענדיגט ער זיין גראַם מיט אַ פיער־רישדיגער, קנאַקעדיגער פייערלעכקייט:

„מיט איהר בר־ר־ר־רויטיגאַם — אַ מזלדיגע פּאָר־ר!"

פונקט ווי אַ ראַקעטע וואָלט געפּלאַצט: ר־ר־ר־ר!...
ענטפערט די קאַפּעליע:

— טריאַ—ריאָ—ריאָם!

און דער אַלטער פּיאַל פּייפּעלט אונטער:

— פליו־ליו־ליו־פליו...

פון וואַנען, אַ שטייגער, און ווי אַזוי האָט זיך דאָס ביי „מאָטע קאַלטע־לאָך" אַריינגעשמוגעלט אין די חתונה־גראַמען אַזאַ הויך־דייטשישער „ברויטיגאַם" אָנשטאָט „חתן"? דאָס איז זיין סוד. מסתמא האָט ער דאָס בקבלה פון זיינע אָבות־אבותינו — אַלע מאַרשעלאָקעס און קלעזמער... נאָר וואָס אמת איז אמת! אַלעמאָל מאַכט זיין דייטשישער „בר—ר—רויטיגאַם" דעם טיפּ־סטען איינדרוק, סיי אויף דער פאַרוויינטער כּלה, סיי אויף די ווייכהאַרציגע מהותנתטעס. ווי אַ זעג איבער פּעטשאַ פאָהרען אַריבער מאָטעס דייטשישע רישן איבער זייערע צאַרטע הערצער. אפילו ביי אַזאַ „אויפגעקלערטער" ווי גנעסיע, וואָס קלייבט זיך „לערנען אויף צייהן", איז אַדורך אַ זיסער פראָסט דורכן רוקען, דערהערענדיג אַזאַ ליבען און גרילצענדיגען „ברויטיגאַם". און זי האָט זיך צעוויינט אין גאָר נייע טענער.

נאָר „מאָטע קאַלטע־לאָך" וועט זי דען לאָזען קומען צו זיך?

„...וויין כּלה־לעבען, וויין!

היינט און ניט מאָרגען.

כּדי דו זאָלסט קיינמאָל שוין

ניט וויינען און ניט זאָרגען."

און די קאַפּעליע כאַפּט אונטער און באַשטעטיגט, מיט אַ טראַסק אין צימבעל אַריין, מיט אַ ריפּע איבער דער באַנדורע, מיט אַ ברום אין דער מעשענער טרובע און מיט אַ קוויטש פון פידעל אַרויס:

— טריאַ—ריאָ—ריאָ—ריאָם!

ס'הייסט: וואָס דען? „מאָטע קאַלטע־לאָך" וועט דיך עפּעס אויסנאַרען?

אָבער דוקא דער פּיאַל פון מאָטע־מאַרשעלאָק גופא צעכני־קעט זיך:

— פליו־פליו־ליו־ליו...

דוקא זיין פּיאַל איז ניט אַזוי זיכער, ווי די גאַנצע קאַ

פעליע פון די אידישע אויסגעדינטע זעלנער... דאָס איז אַ פּיאָל מיט אַ אידישער האַרץ. מען דאַרף, זאָגט ער, האָבען בטחון... גאָט וועט מסתמא העלפען. נאָר דערווילע: פליו־ליו־ליו...

און כלה און חברטאָרינס צערינען אין טרערען. צעריסען צווישען דער זעלנערישער פייערלעכקייט פון דער קאַפּעליע און צווישען דער אידישליכער טרויעריגקייט פון פּיאָל, פּרעהען זיי זיך און האָבען פחד. אי זיי איז קאַלט, אי זיי איז וואַרים. באַהאַלטען זיי זייערע פאַרקרימטע פּנימלעך אין די ווייסע טיכעלעך: בו־בו־בו...

ס'איז שוין געווען איינמאַל אַ חתונה! די קלעזמער האָט זשאָמע צוגעזאָגט אַ צעהנרובעלדיגע, אויסער „טעלער־געלד". האָבען זיי געאַרבייט אויף אַלע כּלים. ווייט איבער דער גאַס אַרויס האָבען זיך געקייקעלט די פרעהלעכע און ביים האַרצען ציהענדיגע חתונה־קלאַנגען, און פון „מאָטע קאַלטע־לאָך" האָט זיך געשאָטען מיט גראַמען, ווי פון אַ לעכערדיגען זאַק. ער האָט געמוזט אַזוי טאָן. וואָרים זיין אַלטער פּיאָל האָט שוין לאַנג פאַרסטרייקט. אַזאַ מיאוסע טבע האָט זיין פאַרצייטיגער פּיאָל מיטן ביינערנעם מויל־שפּיץ פון העלפאַנט־צאָהן. ביז דער „גאָלדענער־יויך" האַלט ער נאָך, ווי ניט איז, אויס. דערנאָך קלייבט זיך אין איהם אָן פייכטקייט, און אָנשטאָט צו פייפען הויבט ער גאָר אָן צו שפּייען־זיך. שרויפט מאָטע קאַלטע־לאָך אָפּ דעם ביינערנעם שפּיץ, קוקט דורך מיט איין אויג אויפן לאָמפּ, בלאָזט איהם אויס אַהער, בלאָזט אויס אַהין, אָבער דער פּיאָל שפּייט זיך און פייפען פייפט ער ניט. און אַז ס'געהט שוין גאָר גוט צעכריפּעט ער זיך הייזעריג ווי, להבדיל, אַ צוגעקיהלטע האַלז פון אַן אַלטען חזן, אָבער פייפען טהוט ער ניט. פאַלט מאָטע מאַרשעלאָק אַריין אין גרימצאָרן און שילט איהם, דעם אַלטען פּיאָל זיינעם, ווי מען שילט אַ לעבעדיגע זאַך: „אַה, פאַרברענט מעג עס ווערען אַזאַן אַלטע פּימסען־האַלץ, אַזאַ קאַלטע לאָך!"... און טאַקע דערפאַר טראָגט מאָטע מאַרשעלאָק דעם שעהנעם צונעמעניש: „מאָטע קאַלטע־לאָך".

דערזעהט מאָטע מאַרשעלאָק, אַז די קללות זיינע העלפען

ניט און דער פּיאָל זיינער, זיין ברויטגעבער, ליגט ווי אַ געקוי־לעטער האָן און פּייפלען קען ער ניט, נעמט ער איהם גראָב אָן פאַרן ביינערנעם שפּיץ, און באַנוצט זיך מיט איהם, ווי אַ קאַפּעלמייסטער מיט זיין שטעקעלע, ער קאָמאַנדעוועט מיט זיין פּיאָל איבער די קלעזמער, איבער די סאַרווער, איבער די מחותּ־נים און איבער די טענץ פון די מיידלעך. ער קלאַפּט מיט איהם צו צום טאַקט פון זיינע אייגענע גראַמען.

.3

מעשה־שטן, אין רעכטען מיטען וועטשערע, ווען דער עולם און דער מאַרשעלאָק אַליין האָבען זיך שוין געוואוּן אַביסעל אָנגעשניאָשקעט, איז, נעבעך, מאָטע קאַלטע־לאָך אַ קאַפּעלע גע־שטרויכעלט געוואָרען מיט זיינע גראַמען. גראָד דאַן איז דער אויבער־סאַרווער, הענעך דער געלער, אַרויסגעלאָפען פון קיך מיט אַ גרויסען פּאָלומעסיק אויפן פּלייצע, פול מיט געפילטען אינדיק. האָט מאָטע מאַרשעלאָק אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „שאַ, מחותּנים!" און מיט אַ מאַיעסטעטישער באַוועגונג אַ פּאָך געגע־בען מיט זיין הייזעריגען פּיאָל, פּונקט ווי משה רבנו, עליו השלום, ביים שפּאַלטען דעם ים־סוף. איז הענעך דער סאַרווער גלייך געבליבען שטעהן מיטן גרויסען פּאָלומעסיק אין מיטען שטוּב. נאָר אַ פּאָר פאַרפרעסענע מחותּנים, פון די פּראָסטע לייט, האָבען נאָך אַליך געקלאַפּט מיט די גאָפּלען. אָבער אויך זיי האָט מאָטע מאַרשעלאָק אָפּגעשטעלט אין מיטען דער אַרבייט, און שטרענג מודיע געווען:

— שאַ, שאַ, מחותּנים! אָט וועל איך זאָגען אַ גראַם!

זיינען אפילו די טרפהנע העלזער שטיל געבליבען. מעסער זיינען געבליבען שטעקען אין מיטען שניידען; גאָפּלען זיינען פאַרגליווערט געוואָרען אין מיטען לויף צו די מיילער. צייהנער מאָלען ניט און העלזער שלינגען ניט. אַ קלייניגקייט! מאָטע קאַלטע־לאָך וועט דאָך זאָגען אַ גראַם...

גלייכט זיך מאָטע־מאַרשעלאָק אויס, זינגט מיט גרויס

פּרסום, און פּאָכעט צו מיט זיין פּיאָל:

„אַט געהסט הענעך דער גצלער!
און טראָגט אַ טעלער מיט... מיט אינדיק!...״

ווערט דאָך אַ געלעכטער: ר׳ מאָטע, און וואו איז דער גראַם?

— וואו איז דער גראַם? — קראַצט זיך דער דיכטער מיטן פּיאָל אין פּאה, — זאָל איך אַזוי וויסען פון אַ בייזער וועטשערע! אַט אָקאָרשט האָב איך איהם דאָך געהאַט, דעם ממזר, אַ רוח אין זיין טאַטען אַריין!

נאָר גלייך נאָך דעם שרייט ער אויס, ווי אַ מענש וואָס האָט געפונען אַ מציאה:

— שאַ, שאַ! מחותנים, איך האַלט איהם:

„...און טראָגט אינדיק אין אַ טעלער!״

דער גרויסער עפעקט איז שוין אָבער געווען פאַרלאָרען אין טומעל פון קעלישאָקעס, אין קלונג פון גאָפּלען, אין פאַרסמאַקעווען דעם געפילטען אינדיק, אין געלעכטער:

— ר׳ מאָטע, ס׳איז קאַלטע פאַרפעל!

— ר׳ מאָטע, געדאַרפט פריהער זאָגען!

— ר׳ מאָטע, באַהאַלט דעם גראַם אויף חרוסעת!

— זייערט איהם איין אין בוריקעס־ראָסעל!

אָבער מאָטע קאַלטע־לאָך איז ניט פון די מענשען, וואָס בלייבען שטעקען מיט איין קאַלאָש אין בלאָטע. ער טשוכעט זיך גלייך אויס פון אַזאַ אַריינפאַל און רופט אויס מיט גאָר אַ נייער פרישקייט:

— לכבוד הגביר והגבירה, די מחותנים פון קיעוו הבירה, ולכבוד החתן המשכיל ר׳ מלך, וועלען מיר זינגען עס זאָל זיין גאָר פרעהלעך. אַ וואָהלינער פרעהלעכס פאַר די מחותנים, וואָס שטאַמען פון וואָלינער רבנים... מען זאָל זיין פון שטיין, וועט מען אויך צעגעהן. און מען זאָל זיין פון גלאָז, וועט מען געבען אַ נאָס. קלעזמער, שטעלט אָן די כלים!

און מאָטע־מאַרשעלאָק פאַרגלאָצט די אויגען און ציגעלט זיך:

„אי, אחד מי יודע? איינס ווייס איך:
אחד איז הקדוש־ברוך־הוא־וואו־וואו,
וואָס פאָרט צוזאַמען אָרים און רייך
און קרום און לאָ־וואָ־וואָס מאַכט ער גלייך.
ברוך המקום ב־וואָ־וואָ־רוך הוא!"

און דאָ גיט ער זיך אַ וואָרף צו דער קאַפעליע:

„נו, נו, טאַראַ־ריאַם!
צימבעל באַם, פייקעל באַם,
לאַם־פאַם, און פידעל־פאַם!"

אַצינד, קלעזמער, צוזאַמען מיט מיר:

„האָפ־טשאָק, מאַרשעלאָק,
מיט איין באָרוועס, מיט איין זאָק,
מיטן גרויסען יאַמסענשטאָק,
מיטן לאַנגען לייבסערדאָק!"

— און איצטער, — שרייט מאָטע־מאַרשעלאָק, — לאָזט מיך אַליין! לאָזט מיך אַליין:

„אי, שנים מי יודע? צווי ווייס איך:
צווי זיינען חתן און כלה,
זיצען ווי טייבעלעך, זעהט נאָר אַלע!
וואָס די חתונקע קאָסט, איז דער אויבערשטער ממלא!
איינס איז הקדוש־ברוך־הוא־וואו־וואו.
קלעזמער, קלעזמער טאַ־ריאַ־ריאַם
צימבעל־באַם און פידעל באַם א. א. וו.

שיט ער מיט גראַמען אַזוי לאַנג, ביז ער צעטריי־סעלט ביי דעם עולם די מילצען. אידען האָבען דאָך ניט קיין שטיינערנע הערצער, איז ער גראַמט און זיי עסען. ער זינגט

און זיי טרינקען... נאָר די קיעווער מחותנתטע, די „מלכּה פּיק״. ווי דער מאַן רופט זי, וואָס צוליב איהר כּבוד וועגען איז דאָס מאָטע־מאַרשעלאָק אַרויס מיט אַ וואָלינער פּרעהלעכס, — דוקא זי קרימט זיך זעהר אינטעליגענטיש און שאַרט און שאָרכט מיט איהרע זיידענע פאַלדען. ניט קיין שפּאָגעל־נייע זיידענע פאַלדען, עס געפעלען איהר ניט שקלאָווער חתונה־צערעמאָניעס, עס געפעלט איהר ניט דער מאַרשעלאָק מיט זיין הייזעריגען פּיאָל. דאַרף מען ניט!... דער חתן האָט דאָך די כּלה מקדש געווען און ס׳איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. אָט דער קיעווער מחותן מיטן קיילעכדיגען פּליכעל פון אַ קסיאָנדז פאַרשטעהט עס זעהר גוט און מאַכט זיך אַ צימעס פון אַלץ און פון אַלעמען. ער עסט און גיסט אַריין גאָר ניט ווי איינער וואָס שטאַמט פון רבנים, ווי מאָטע קאַלטע־לאָך האָט אָקאָרשט עדות געזאָגט. ער שיט מיט מעשיות פון אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר. דער חתן אַליין שיינט אין זיין שוואַר־צען געוועגטענעם סורדוט, וואָס ליגט אויף איהם ווי אויסגעגאָסען. נאָר איידער ער פאַרזוכט עפּעס שאָקעלט ער מיט די ווענסעלעך, ווי אַ גרויסע מויז בשעת זי בייסט איין אין קעז. איז דאָס גנעסיען ניט געפעלען. זי איז בלאַס. שיקעלע, איהר שוועסטער־קינד, מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען, מיט זיין טרויעריגער פאַרליבטקייט, רוקט זיך אַרויס פון ערגעץ־וואו ווייט, ווייט... פון פעטער פּיניעס טונקעלער קראָם אין פאַהאָסט, און זוכט זי, דאַכט זיך... זיינע בריוועלעך און צעטעלעך האָט זי דאָך שוין לאַנג פאַרברענט, אָבער אָט די שוואַרצע זיידענע פאַלדען פון דער אָנגעבלאָזענער מחותנתטע, שאָרכען אַזוי ווי די פאַרברענטע בריוועלעך... ניין, עפּעס גלאַט אַזוי וועט דאָס ניט אָפּגעהן. ער וועט נאָך אַרויס פון די פאַהאָסטער בלאָטעס, שיקעלע... ער וועט זי ווידער אָנהויבען צו באַאומרוהיגען מיט זיינע צעטעלעך... ער וועט זי אומעטום זוכען מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען. נאָר זי פאָהרט דאָך אַוועק. באַלד וועט זי אַוועקפאָהרען אין קיעוו. אַך, וואָס גיכער אַוועקפאָהרען אין קיעוו. ווייט, ווייט פון דאַנען. דאַמאָלסט... וועט שוין אַלץ זיין גוט.

# שוין איינמאָל אַ „מי שברך"

.1

מיטן אַוועקפאָהרען נאָך דער חתונה קיין קיעוו, אַזוי ווי די מחותנים האָבען פריהער אָפּגעמאַכט, איז אָבער ניט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיג ווי גנעסיע האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַפילו ניט אַזוי ווי פעטער־זשאָמע אַליין האָט גערעכענט. וואָרים גרונים דער לאַנד־שדכן און זשאָמע דער הויפּט־מחותן האָבען אַ שפּאָר ביסעל קליינינגקייטען פאַרלייקענט, סיי פאַר דער כלה, סיי פאַר מומע־מיכליען, סיי פאַר זיך אַליין; אַבי וואָס גיכער פאַרשלייערען די מויד, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אַזוי פיעל פוסטע מעשיות אין קאָפּ. ר' גרונים, פאַרשטעהט זיך, האָט דאָס געטאָן צוליב פּרנסה, און זשאָמע — צוליב „פאַרליבטקייט"... וואָרים אַ סך מעהר ווי גנעסיע אין מלכקעס שענקייט איז ער, זשאָמע, געווען פאַרליבט אין דעם חתנם „פאָטשעראָק".

אָבער שוין באַלד נאָך דער חתונה האָט די געראָטענקייט פון דעם קיעווער איידימל אָנגעהויבען פאַרטונקעלט צו ווערען. די ערשטע שוואַרצע קאַץ איז דורכגעלאָפען צווישען שוועהר און איידים נאָכן שבתדיגען מפטיר.

ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז שבת נאָך חתונה רופט מען אויף יעדען יונגענמאַנטשיק צו מפטיר, און מ'מאַכט איהם דעם פיינצם „מי שברך", כדי ער זאָל אָנהויבען פיהלען דעם טעם פון אַ „סטאַלען" באַלעבעסעל און נעמען אויף זיך דעם אידישען יאָך. איז אָט...

אָט דוקא דאָ האָט מלכקע פּיק געמאַכט דעם ערשטען מי־אוסען פעהלער. די ווייטערדיגע פעהלערען זיינען שוין געגאַנגען ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם ניט־געלונגענעם מי־שברך. מען דאַרף דאָך נאָר פאַלש פאַרקנעפּלען איין קנאָפּ פון דער קאַפּאָטע, גע־העןן שוין אַלע איבעריגע קנעפּלעך ממילא אין דער קרום. אַפילו דער זכות פון מלכקעס גוטען פּאָטשעראָק איז איהם שוין מעהר ניט בייגעשטאַנען. פשוט, גענומען און געפּטרט זיך אַ גאָלדענע קאַריערע מיט די אייגענע הענט.

די מעשה איז אַזוי געווען:

פאַרברייגענדיג אַ פּאָר וואָכען פאַר דער חתונה אין שקלאָוו, האָט זיך מלכקע פּיק אַ ביסעל צוגעקוקט צו אַלע מנהגים, אַריינ־געטראַכט זיך אין אַלע שקלאָווער צערעמאָניעס, כדי צו וויסען, ווי אויפצופיהרען זיך צווישען לייטען. דערהערט ער איינמאָל אַ שבת, אין ליובאַוויטשען בית מדרש, ווי מען רופט אויף אַ אידען — אַ גאַסט צו מפטיר, און ווי ישראל דער גבאי מאַכט איהם „מי שברך". און אַז דער גבאי דערגעהט צו „בעבור שנדר"*) פאַר־קוועטשט ער איין אויג און לעגט צו אַ דלאָניע צום אויער, כדי גוט צו הערכען וויפיעל, אויף טשיקאַוועס, דער אורח וועט דאָ מנדר זיין.

— בעבור שנ־נ־נדר?... — בענשט איהם ישראל דער גבאי מיט אַ ברייטער שבתדיגער פּאַנפּע, שטעלט דערביי אַ גרויסען פראַגע־צייכען און בלייבט אַ ווייל־צקע שטעהן.

ענטפערט איהם דער איד, דער בעל־מפטיר, אויף ריינעם לשון קודש:

— אַלף פוד קאַראַסין!

ס'הייסט: איין פוד נאַפט.

און ישראל־דער־גבאי פלעגט אַריין דעם „אַלף פוד קאַ־ראַסין" אין מי שברך אַריין. און עס געהט אַ גאַנג.

איז דאָס מלכקע פּיק געפעלען געווען. ווי קורץ און גוט עס געהט צו!... האָט ער זיך דאָס אַריינגענומען אין קעפּעלע.

*) „דערפאַר וואָס ער האָט מנדר געווען".

אָט, אַז ס׳וועט האַלטען ביי איהם, וועט ער שוין וויסען וואָס ער האָט צו טאָן.

שבת־חנוכּה, נאָך דער חתונה, פאַרן גיין אין ליובאַוויטשען בית־מדרש צום דאַווענען, האָט איהם זשאָמע, אַלס אַ פּראַקטישער מענש, געוואָלט פאַרהערען אין די פּאַראַגראַפען פון שקלאָווער לייטישקייט. מאַכט ער צו איהם אַזוי:

— אַז מען וועט דיך אויפרופען, וועסטו, מלכקע, מיין זוהן, הייסט דאָס מנדר זיין... ווי דער מנהג איז...

— כ׳וויים, כ׳וויים, כ׳וויים! — האָט זיך מלכקע פיק אָפּגעשאָקעלט מיט ביידע הענט פון זיין צערעמאָניע־מייסטער. — כ׳וויים, כ׳וויים!

אַלס אַ זעהר געראָטענער איידימעל האָט זיך מלכקע קיינמאָל קיין וואָרט ניט געלאָזען זאָגען און קיין עצה ניט געלאָזט געבען. ער וויסט, ער וויסט! אַלץ וויסט ער... שוין צו דער חופּה האָט מיט איהם זשאָמע געהאַט צו זינגען און צו זאָגען:

— וועסט נעמען דעם שלייער וועסטו, און...

— כ׳וויים, כ׳וויים, כ׳וויים!

— דעם קידושין־פינגערל דאַרף מען אָנטאָן אויף...

— כ׳וויים, כ׳וויים, כ׳וויים!

— נאָך די „שבע־ברכות" וועסטו אַ זופּ טאָן...

— כ׳וויים, כ׳וויים, כ׳וויים!

ער וויסט, ער וויסט, דער געראָטענער איידימעל! רק ער וויסט. אָבער ווי עס קומט צו עפּעס — פאַלט ער אַריין ווי אַ זשוק אין סמעטענע, און די מחותּנים מוזען איהם שלעפּען פון קלעפּעכץ. אָפטמאָל — ווען ס׳איז שוין צו שפּעט.

זשאָמע האָט שוין געקענט די דאָזיגע שוואַכקייט פון זיין געראָטענעם איידימעל. ער האָט זיי אויסשטודירט פאַר דער חופּה און בשעת דער חתונה. נאָר אין אַזאַ דעליקאַטע זאַך, ווי וואָס „מנדר זיין" אויף דעם ליובאַוויטשער בית מדרש און וויפיעל מנדר צו זיין, האָט זשאָמע ניט געהאַלטען פאַר נויטיג צופיעל אַריינמישען זיך, צוזושטעהן. מילא, אַז ער וויסט — וויסט ער. דאָס איידימעל זאָל איהם געוועזען פרעגען, וועניגסטענס — ווען

ס׳איידימעל לאָזט זיך רעדען, וואָלט ער איהם אַן עצה געגעבען מנדר צו זיין אַ „פינפערל״. סאיז גאַנץ גענוג!... נאָר... אפשר וויל זיין געראָטענער איידימעל אויספיינען זיך און געבען אַ „צעהנערעל״, אָדער גאָר ח״י רובעל, אַזוי ווי די נגידים זיינען זיך נוהג אין ניזשני אויפן יאַריד, און מסתמא אין קיעוו אויך אַזוי, טו זאָל ער געבען געזונטערהייט! מהיכי-תיתי. און זאָל טאַקע שקלאָוו וויסען, וואָס אַ קיעווער איידים קען זיך פאַרגינען...

הקיצור, שבת נאָך דער חתונה, וואָס איז גראָד אויסגעפאַלען אין מיטען חנוכה, האָט מען מלכקע פיק אויפגערופען אין ליובאַוויטשער בית־מדרש און מיט גרויס פאַראַד, צו מפטיר. ר׳ יחיאל, דער חזן און בעל־קריאה, האָט זיך פאָסטאַרעט, אַז דער אויפרוף זאָל קלינגען גאָר געהויבען. לכל הפחות, ווי ביים אויפרופען אַ גביר צו דער ערשטער הקפה. דער טעם פון דער גוטער חופה־וועטשערע, ביי זשאָמען אין שטוב, איז איהם, ר׳ יחיאלן, נאָך אויך געלעגען אויפן צונג. האָט ער פון דאַנקבאַרקייט אויפגעעפענט זיין לייבען־מויל און מיט אַ לייבען־קול אויסגעברומט איהם אַ „יעמוד״, אַז אַלע דאַוונער האָבען אויפגעהויבען די בערד פון די חומשים, די אינגלעך האָבען זיך דערשראָקען; די בעל־מלאכות האָבען אויפגעהערט צו טרייבען קאַטאָוועס, ווי זייער שטייגער איז ביי קריאת־התורה, און צוגעלאָפען צום באַלעמער. און די ווייבער האָבען אַריינגערוקט די בייגעריגע פיסקלעך צווישען די הילצערנע גראַטעס פון דער ווייבער־שול.

דערהערענדיג זיין אייגענעם נאָמען, ווי ער קייקעלט זיך אַראָפ מיט אַזאַ פאָמפע פון באַלעמער אַראָפ, איז דער יונגער באַלעבעסעל אַביסעל רויט געוואָרען, און פון אויפרעגונג — צו שטאַרק אַ ציה געטאָן די עקען פון זיין נייעם זיידענעם טלית איבער די פלייצעס. אַזוי, אַז די הינטערשטע ציצית זיינען אַרויפגעפלויגען צום האַלז. און דער שפּענצער פון זיין נייעם חופה־סורדוקעל האָט זיך באַוויזען פאַר אַלע דאַוונער מיט זיין גאַנצער פראַכט פון... פינף רובעל אַן אַרשין סחורה. איז מלכקע פיק געבליבען שטעהן אַ טויטער, נאָר איידער ער האָט גענו־

מען אַ ברעקעל מפטיר אין מויל אַריין. אָבער זשאָמעס שעפּ־טשען האָט איהם מהיה מתים געווען. „געה־נאַר, געה!" האָט איהם דעם שוועהרס קול אויפגעוועקט. און מלכקע פּיק האָט גע־כאַפּט לויפען צום באַלעמער, גאַר ניט ווי אַ זוהן פון אַ קיעווער נגיד, נאָר ווי אַן אָרעמער פלימעניק נאָך ירושה.

מילא, אַזאַ איילעניש קען זיך טרעפען מיט יעדען יונגענ־מאַן נאָך דער חתונה. ווען ער דערהערט פלוצלינג, אַז מען רופט איהם אויף ניט מיטן אינגעלשען טיטעל „החתן", נאָר „רבי", ווי „רבי מלך ברבי מאיר" און אַזוי ווייטער. זיינען די ברכות־התורה ווי ניט איז אַראָפּ; דאַכט זיך, גאַנץ גלאַטיג. נאָר באַלד נאָכן אָפּלייענען די לעצטע פּרשה און נאָכן אָפּבראָקען די צווייטע ברכה,האָט ישראל דער גבאי איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער זשאָמעס איידימעל מיט דעם פאַרקאָטשעטען זיידענעם טליתל... ער האָט זיך מיושבדיג אַ גלעט געטאָן די לאַנגע ווייסע באָרד זיינע, און זעהר פייערלעך אָנגעהויבען:

— אַי, מי שברך אבותנו אברהם יצחק ויעקב הוא יברך את ר' מלך בר' מאיר, בעבור שעלה א. אַ. וו.

— נאַ. — קלערט ביי זיך מלכקע פּיק, — דאָס אַרויפלויפען, ווי אַ פאַרסמטער, אויף דעם באַלעמער איז אַרויסגעקומען ניט זעהר מאַיעסטעטיש. דאָס פאַרקאָטשען דעם טליתל ביזקעל האַלז איז אויך אַרויסגעקומען אַ ביסעל דאָסיג... אָט הענגט ער איהם נאָך אַצינד, איבערביידע פלייצעס, ווי אַ פּאָר גאַטקעס אויפן פּלויט; און דער רוקען מיטן סורדוט איז איהם אינגאַנצען אָפּ־געדעקט. דער טליתל ברענען זאָל ער! איז פון נייעם זייד, קלעפּט ער זיך צום שוואַרצען געוואַנד, ווי ווייסע שפּינוועבס, ווי באָד־בלעטער צום לייב. און ס'איז בשום אופן ניט מעגלעך אַראָפּצולאָזען איהם פון די פּלייצעס אויף הינטען. דערפאַר אָבער... נאַ! אָט גלייך קומט אָן דער „בעבור שנדר"... וועט ער זיך רעהאַביליטירען. אַצינד ווייסט ער שוין גראָד וואָס ער האָט צו טאָן... אָט וועט מען זעהען!

און ר' ישראל דער גבאי דערגעהט זעהר פייערלעך און זעהר געלאַסען ביזקעל „ובעבור שנדר". און פונקט, ווי ביי

יענעם אידען, וואָס מלכקע האָט געזעהן מיט אַ שבת צוריק, פאַרקוועטשט ר׳ ישראל דער גבאי אַ ביסעל ממזריש דאָס רעכ־טע אויג זיינע, און קוקט דעם יונגען באַלעבעסל אָן מיט אַ פאַרגרעסערטער לינקע אויג אונטער אַ געדיכטער ברעם. ער טראָגט צו אַ דלאָניע צום אויער און פאַרבויגט זי ווי אַ גרויסע קאָך־לעפעל, און שטעלט אַוועק ר׳ מלכקע בר׳ מאיר זעהר אַ כיטרע קשיא מיט זעהר אַ ברייטער און פאַרדרייטער פּאָנפע:

— בעבור ש־נ־נ—דאַ־אַר ??

ווי איינער זאָגט: לאָמיך טאַקע הערען, וואָס אַ קיעווער נגידס אַ זוהן און ר׳ זשאָמעס אַן איידעם פאַרגינט זיך צו באַצאָהלען, פאַר אַ מפטיר, אין ליובאַוויטשער בית מדרש, אַ שבת־חנוכה און נאָך דער חופּה — ? אַ — אַ — ?

און מלכקע פּיק האָט זיך גראָד אַ האָר ניט דערשראָקען פון ישראל דעם גבאַיס קלאָץ־קשיא, און ניט פאַר זיין פאַרקוועטשטען און ניט פאַר זיין פאַרגלאָצטען אויג, און האָט גלייך דערוויזען, אַז ער ווייסט יאָ וואָס ער האָט דאָ צו טאָן, אַז מ׳קען זיך אויף איהם יאָ פאַרלאָזען. אָט וועלען אַלע זעהען, אַז מ׳קען זיין אַ געראָטענע זאַך, אַ וואונדער־קינד, האָבען אַ זעלטענעם פּאָטשעראָק, און פונדעסטוועגען — זיין אַ מענש מיט מענשען גלייך. האָט ער בראַוו און זיכער אָפּגעענטפערט ר׳ ישראל דעם גבאי, אויף צו־להכעיס אַלע פאַרשפּיצטע אויערען פון ניט־פאַרגינער אין גרויסען ליובאַוויטשער בית־מדרש:

— אַלף פּוד קאַראָסין !...

ס׳הייסט: אַז ער איז מנדר איין פּוד קאַראַסין... נו! וואָס וועט איהר זאָגען אַצינד ?

.2

אַז ר׳ ישראל דער גבאי האָט דערהערט דעם „אַלף פּוד קאַראָסין״, וואָס האָט אין יענע צייטען געהאַט דעם הויכען ווערט פון אַ רובעל מיט צעהן קאָפּיקעס, כסף עובר לסוחר, האָט זיך איהם דער פייערלעכער „מי שברך״ געשטעלט אין האַלז.

ער האָט אויפגעעפנט דאָס רעכטע פאַרקוועטשטע אויג און אָנ־געקוקט דעם געראַטעוועטן אײדימעל מיט ביידע בלוי־גרינע אַל־טיטשקע אויגען. מיט אַ דורכדרינגענדען גיפּט האָט ער איהם אָנגעקוקט, אַזוי ווי אַן אַלטע, ניט באַוועגליכע שלאַנג קוקט אָן אַ יונגען העזעל. דאָס האָט געדויערט אַ גאַנץ קליינע ווײלע. אַ מוראדיגע ווײלע פון שטילינקען געדודער און פון אַ פאַר־שטיקטען געלעכטערל ביי די ניט־פאַרגינער. אַ מוראדיגע ווײ־לעצקע — פאַרן געראַטעוועטן אײדימעל און פאַר זשאַמען, זיין שוועהר, אין מזרח־וואַנט... נאָר באַלד האָט זיך ר׳ ישראל דער־מאָנט, אַז דעם „מי־שברך" מוז מען פאַרענדיגען, האָט ער גע־נומען בראָקען די ווייטערדיגע פסוקים, אויסדריקענדיג דערביי זיין ביטול מיט אַלע אברים: אָט שפּרייט ער אויס די פינגער און אָט פאַרמאַכט ער זיי. אָט גיט ער אַ הויב די פּלייצעס און אָט לאָזט ער זיי אַראָפּ. אָט ציהט ער אַרויף אַ ברעם און אָט גלייכט ער זי אויס. יעדע אַזאַ באַוועגונג באַגלייט ער מיט אַ פּאָר ווערטער עברי און מיט אַ סמאָצק פון ביידע ליפּען... אַ גאַנצע מאַשינע פון אַנטוישונג איז פון איהם מיט אַמאָל געוואָרען. עס האָט אויסגעזעהן, אַז ער פּראַוועט אַזוי איבער דעם גאַנצען זלידנעם געדודער אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, ווי אַ קאַפּעלמייסטער איבער כּלי־זמר:

— ובשכר זה הקדוש ברוך הוא ישמרהו ויצילהו...

ביי ישראל דעם גבאי מיט זיינע העויות האָט דאָס געהאַט דעם פּשט: פּכע... אויך מיר אַ פּאָהר אַרויס מיט אַ „שנדר"!...

— מכּל צרה וצוקה ומכּל נגע ומחלה...

ס׳הייסט: געזעהן שעהנערע נדבות אויף דעם ליובאַווי־טשער בית־מדרש!

— וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו...

דאַכט זיך אַזעלכע קלאָרע, שעהנע ווערטער! נאָר ביי ר׳ ישראל דעם גבאי האָט דאָס פּאָרט געהאַט אַן אַנדער טייטש. דאָס האָט געהייסען:

— פּע, זשאַמע, ניט געלוינט מאַכען אַזאַ טאַראַראַם מיט דיין אײדימעל...

און לסוף האָט זיך ר׳ ישראל דער גבאי געגעבען אַ קעהר פון דעם מפטיר־איידימעל צום גאַנצען עולם, פון באַלעמער אַראָפּ, און פאַרענדיגט מיט אַ פאַרוואונדערטען פנים און מיט דער באָרד אין האַנט:

— ונאמ־־ר אָ־אָ־מ־ן! ?

ס׳הייסט: וואָס זאָגט איהר אידען? דער געראָטענער איי־דימעל האָט אונז נישקשהדיג אַריינגעשנדרט?

האָט מען איהם אונטער דעם בעלעמער געענטפערט מיט אַ דריבנינקען כע־כע־כע. ס׳הייסט: „אָבער איהר, ר׳ גבאַי, האָט איהם דערפאַר אויך גוט אַריינגעמי־שברכט!"...

און דאָ, ווי אויף צו־להכעיס, רופט מען נאָך אויף אַ נייעם אידען צו „הגבה"*) און מלכקע פיק מוז זיך דרעהען „הגבה" צוזאַמען מיטן אויפגערופענעם אידען, וועלכער האַלט פאַר איהם אויסגשפרייט די תורה, ווי אַ מין גרויסען שטראָף־צעטעל, ווי אַ פאַרמעטענעם אַקט פון באַשולדיגונג „לעיני כל ישראל"... פאַר אַלעמען אין די אויגען.

מלכקע פיק האָט דערפיהלט, אַז ער איז פאַרלאָרען; וואָ־רים אַרום בעלעמער איז געשטאַנען אַ מיאוסע שושקעניש און אַ געלעכטערל האָט דערגרייכט פון ווייטע ווינקעלעך. און ער, אויף דעם בעלעמער, ווי אויף אַ גליטשיגער ברעט, נאָכן אונטער־גאַנג פון אָקרענט, פאַרלירט אָט־אָט דעם לעצטען האַלט פון אונ־טער די פיס... האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין מפטיר אַריין, ווי מען וואַרפט זיך אַריין אין אַ אונטערגעקומענעם רעטונגס־שיפעל...

נאָר מיט זיין מפטיר האָט געטראָפען דאָס, וואָס עס טרעפט מיט אַ שלימזלדיגען פאַסאַזשיר אין שטורם: אַז ער ראַטעוועט זיך שוין אַריין מיט מזל אין שיפעל — געפינט ער, אַז דאָס שיפעל איז געלעכערט...

אַז אָך און אַז וועה איז געווען צו אַזאַ מפטיר! פון צו טומלעניש האָט ער געכאַפּט־געלאַפּט, געשלונגען, פאַרכליניעט זיך

---

*) אויפהויבען די תורה.

ער האָט זיך געבּרענט מיט די טראָפּ־דריידלעך ווי מיט צו־הייסע און צו־לאַנגע לאָקשען, וואָס הענגען פון לעפעל אַראָפּ און לאָזען זיך ניט אַראָפּשלינגען. געוואַלד געשריען! וואָס איז דאָ געשעהן? ער האָט דאָך די „הפטורה” גוט דורכגעקוקט אין דער היים... ער האָט געפיהלט, אַז נאָר דער מיאוסער „אַלף פוד קאַראַסין” האָט איהם אַראָפּגעפיהרט פון דרך־הישר און ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי. געוואַלד געשריען! פאַראַכטאָגען שבת האָט דאָך יענער פאַ־סקודנער איד אויך מנדר געווען „אַלף פוד קאַראַסין” און אַלע זיינען געווען העכסט צופרידען... היינט וואָס האָט מען צו איהם? פאַרוואָס מורמעלט מען אַזוי שטעכעדיג אַרום באַלעמער? פאַר־וואָס שושקען זיך ישראל דער גבאי מיט יחיאל דעם חזן? פאַר־וואָס קוועטשען זיי מיט די פלייצעס?

מלכקע פיק איז אַראָפּ נאָך אַזאַ מפטיר פון באַלעמער, ווי אַ חלוש געהט אַראָפּ, אין באָד, פון דער אויבערשטער פאָליצע: צעיאַכמעט און צעפאַרעט און אדם־נאַקעט... אַ נס וואָס דער זיי־דענער טלית שיצט איהם נאָך אַ ביסעל די שאַנד זיינע, ווי חוהן איהרע פייגענבלעטער. אַלץ אַ צוגאָב שטעהט נאָך זשאָמע, זיין שוועהר, צו איהם מיטן רוקען און מיטן פנים צו דער מזרח־וואַנט. ס'האָט, ווייזט אויס, אין איהם געבּרענט און געבּראָטען... ניט דאָ געדאַכט! ניט פאַר קיין שוועהר געדאַכט!

אַהיים, נאָך מוסף, זיינען שוועהר און איידימעל געגאַנגען ווי די אַבלים. געשוויגען, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אין מיטען וועג האָט זיך אָבער זשאָמע מעהר ניט געקענט איינהאַלטען:

— האָסט דאָך עפּעס געזאָגט, אַז דו ווייסט?

— וואָס?...

— אַ נאָז. וויפיעל מ'דאַרף „שנדרן”.

— אַלע גיבען דאָך אַ פוד קאַראַסין!... — האָט זיך ס'איי־דימעל פאַרענטפערט.

— ווער זיינען דאָס די „אַלע”?

— אָט דער איד, פאַראַכטאָגען שבת.

— יענער? אַ... אַ קבצן. האַנדעלט מיט דיעגאַכץ, אָבער

דו! שבת־חנוכה נאָך חופה! אַן אײדעם פון, פון... װערט דאָס אָנגערופען... פע — ע!

— קען מען דאָך נאָך צוגעבען!

— איצטער? נאָכן לײטישען געלעכטער? װאָס װעט דאָס העלפען?... פאַרעיפּושטע פיש געגעסען און נאָך צוצאָהלען?

— כ'האָב געמײנט...

— אַלץ מײנסטו און אַלץ װײסטו...

נאָר דאָס זײנען אַלץ געװען בלױז געסמאַליעטע פעדערן. די גריװען האָבען זיך נאָך געפּרעגעלט... װאָרים דער אָפּקלאַנג פון דעם „אַלף פוד קאַראַסין" האָט זיך שױן פונאַנדערגעטראָגען איבער דער גאַנציגער גאַס, און פון גאַס צעגאָסען זיך אין די געסלעך, און פון די געסלעך אין די זאַװאולקלעך. און װײסע־חברהניקעס האָבען אומעדום אָפּגעװאַרט דעם יונגען באַלעבעסעל, סײ ער געהט אַלײן, סײ — מיט גנעסיען, סײ מיט מחותנים, סײ אָהן מחותנים:

— אָט געהט דער פוד קאַראַסין!

— דער קיעװער נגיד מיט דער טאָרבע!

— ס'שמעקט עפּעס מיט... מיט קאַ... קאַראַסין!

— דאָס געהט דאָך זשאָמעס אײדימעל

— דער נעפטאָ־פּראָמישלײניק!

— דין—דין—דין!

— אַלף פוד קאַראַסין!

נאָר בעסער פון אַלע גאַסען־אינגלעך האָבען זיך אויסגעצײכענט די חברהשע קינדער, די יתומים, װאָס לערנען אויף קהלשע הוצאות: װאָס רופען רופט מען זײ, „חברהשע פּופּיקעס" און טראָגען טוען זײ טשאָרטװעקאָזשענע, ברױנע קאַפּאָטקעס מיט אַ שפּאַלט פון איבערן געזעס ביזקעל דער ערד, פון הינטען, און מיט סאַמעטענע קאָלנערלעך פון אויבען; און באַקאַנט זענען זײ אין שטאָט אַלץ די גרעסטע עזות־פּנימער, מזיקים און אַלץ די גרעסטע מײסטער פון נעמען־לעבער. האָבען זײ זיך אָנגעזעצט אויף מלכקע פּיק און באַגלײט און באַגעגענט איהם אומעדום מיט אַ שפּאָגעל־נײעם „מי שברך", װאָס זײ האָבען פריש פאַר־

פאַסט צוליב זיין כבוד-וועגן. זינט מלכקע פיק לעבט, האָט ער אַזאַ אַנטיק ניט געהערט. ס'וואָלט געווען ניט אויף איהם — וואָלט ער געוויס אַליין שטאַרק הנאה געהאַט. נאָר צום אומגליק האָט מען דאָס געמיינט טאַקע איהם מיט זיין „פוד קאַראַסין"...

על-פי-רוב פלעגען זיך די „חברהשע פופיקעס" איינטיילען דערביי אין צוויי קולות. געמאַכט, אַזוי צו זאָגען, פון „מי שברך" אַ דועט. אייניגע זינגען אויס, אַנדערע ענטפערען. דערנאָך גיסען זיי זיך צוזאַמען אין איין כאָר.

דערזעהט מען מלכקע פיק געהט, מאַכט איין „חברהשער פופיק" נאָך ר' ישראל דעם גבאַיס הייזעריגען קול. ער פאַר-קוועטשט איין אויג און זינגט אויס מיט גרויס פאַראַד:

„אַי, אַי מי שברך
המן וקרח,
הוא יברך את רב', רב', רב"...

דאָס הייסט:

— אַי, דער אויבערשטער, וועלכער האָט געבענשט המנען און קרחן, דער זאָל בענשען רעב, רעב...

ענטפערט אַ צווייטער חברהשער פופיק, מיט ר' יחיאל דעם חזנס באַסאָווען קול:

„את ר' מלכקע בר' מאיר! —
אַ גרויסער דרייער."

גיט ווייטער אַ פרעג דער ערשטער חברה-מאַן:

„בעבור שנדר?"

ס'הייסט: ווייל ער האָט מנדר געווען?

ענטפערט דער צווייטער:

„אַ נוס אָהן אַ יאָדער!
און צוויי טעפ קלייסטער
אויפן פוילישען קלויסטער".

פרעגט ווייטער דער ערשטער מיט אַ פאָנפענדיג געזאַנגעלע:

„בעבור זה יברכהו ד׳?״

ס׳הייסט: דערפאַר זאָל איהם דער אויבערשטער בע־צ־ענ־שען?

ענטפערט דער צווייטער מיט אַ באַס:

„מיט אַ קעסטעלע גילדענאָדער
פון ניסן ביז אדר,
און מיט צוויי פאָר קרוקעס*)
פון פסח ביז סכות!״

כאַפּען אונטער אַלע אין כאָר:

ויוציאהו מאַסטראָג לאַסטראָג
ומאַרעסטאַנטסקע ראָטע
לקאַטאָרזשנע־ראַבאָטע...**)

קוויטשעט אויס דער אָנהויבער:

שריי אויף די צייהן!

ענטפערט כאָר זעהר פּאַמעלעך און זעהר וואַרים:

„ונאמ—ר אָ—אָ—אָמן!״

פרעגט זיך אַצינד: צי קען מען פון אַזאַ „מי שברך״ אויסהאַלטען?

האָבען טאַקע, מלכקע פיק און זשאָמע זיין שוועהר, נ י ט אויסגעהאַלטען.

---

*) קוליעס.

**) און זאָל איהם אַרומשלעפּען פון אסטראָג צו אסטראָג און פון אַרעסטאַנטסקע ראָטע צו קאַטאָרזשנע ארבייט א. א. וו.

# אַ געראָטענער איידימעל

.1

דער ניט-געלונגענער „מי שברך" מיטן פוד קאַראַסין איז נאָר געווען אַן אָנהויב. די מציאה, וואָס זשאָמע האָט געכאַפּט אויפן מאַרק פון חתנים, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן.

עטלעכע טעג נאָכן מי-שברך, האָט זיך זשאָמעס מחותן, ר' מאיר פּיק, גענומען קלייבן אַוועקצופאָהרען צוריק קיין קיעוו. האָט ער, אַזוי פאַרבייגעהענדיג, עטלעכע מאָל מודיע געווען פעטער-זשאָמען, אַז ער האָט מיט איהם צו רעדען איבער... אַ ג ע וו י ס ע ן ענין. וואָס פאַר אַ „געוויסער" ענין? — ער קען איהם נאָך אַצינד גאָרניט זאָגען, ווייל... ער וואַרט נאָך אויף אַ געוויסען בריף פון קיעוו וואַרט ער. דער בריף דאַרף היינט-מאָרגען אָנקומען פון אַ געוויסען מענשען. און יענער געוויסער מענש... הכּלל, מ'עט נאָך זעהען!

זשאָמע דער סקאָרניאַק האָט פיינט געהאַט סודות. „פון סודות, פלעגט ער אַלעמאָל זאָגען, שמעקט מיט פאַלשע עדות..." האָט ער איינמאָל, אויג אויף אויג, צוגעקוועטשט ר' מאיר פּיקן צו דער וואַנט:

— הכּלל, מחותן, אַרויס מיט לשון! מיר זיינען אייגענע מענשען!

האָט אין איהם דער קיעווער מחותן, מיטן קיילעכדיגען פּליכעל, גענומען אַריינטענהן מיט אַ סך הכנות, מיט אַ סך וואונקעלעך און קוקעלעך און העזיותלעך און אַלץ אַזוי געהיימ-

ניספּול, ווי אַ קלוגעטשקער שטאָטישער איד, וואָס וויל דאָ אַריינגאַרען אַ כיטרען ישובניק. הקיצור: אַזוי ווי ער האָט יעצט אַ געוויסען געשעפט, ער האָט איינגעהאַנדעלט אַ געוויסע סחורה בחצי חנם, און אַזוי ווי צום געוויסען געשעפט האָט ער אַ געוויסען שותּף... שאַ! ער קען איהם אויסזאָגען דעם אמת: דער געוויסער שותּף איז קאַץ. נתן קאַץ! ניט געהערט פון קאַצן? אַ חידוש, ווער קען דאָס ניט אין קיעוו ר׳ נתן קאַץ? אַ געוויסער סוחר און אַ מעקלער... פון איהם האָט ער דאָס טאַקע געוואַרט אויף אַ געוויסען בריף און האָט איהם באַקומען. איז אָט, פון דעם דאָזיגען געשעפט האָפען זיי ביידע צו פאַרדינען אַ געוויסע סומע געלד... אַ געוויסען חלק האָבען זיי שוין איינגעצאָהלט...

— זייט־זשע מוחל, מחותן! — מאַכט זשאָמע זאַט פון אַזאַ באַרעדעוודיגקייט, — צוליב וואָס, הייסט דאָס, דערצעהלט איהר דאָס מיר?

ווערט דער מחותן גלייך קורצער און טרוקענער:

— צוליב וואָס?... אָט וועט ער איהם זאָגען. ער מיינט ניט די אייגענע געשעפטען. ער מיינט אַ געשעפט פאַר די קינ־דער... דער נדן זאָל ניט ליגען גלאַט אַזוי. אַזאַ נדן ווי צעהן טויזענט זילבערנע רובעל קען טראָגען אַ פיינעם ריוח, בשעת די קינדער וועלען... בשעת די קינדער וועלען זיין דאָ.

— די קינדער — דאָ? — שפּיצט זיך אָן פעטער־זשאָמע — וואָס הייסט די קינדער דאָ? מען האָט דאָך עפּעס אָפּגערעדט, האָט מען, אַז איהר נעמט די קינדער מיט זיך, קיין קיעוו, און גיט זיי אַ פאַרטיגע דירה, גיט איהר זיי; און נעמט דעם מלכקען אַריין אין געשעפט. אָט דער געשעפט זאָל זיין בשות־פות. און דער נדן זאָל דערווייל ליגען אויף פּראָצענט. ווייל קיין מזומן פעהלט איהם, ר׳ מאירן, ניט... היינט פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען אַ „געוויסער" געשעפט און אַ „געוויסער" שותּף?

— מיין מלכקע איז דאָך נאָך אַ קינד, — מאַכט זיך מאיר פיק תמעוואַטע און גלעט זיך דעם קיילעכדיגען פליך, —

כ׳האָב געדעכענט, אַז אַ וועלכענע... אַ וועלכען יאָהר וועט ער פאַרברענגען דאָ, ביז כ׳וועל איינאָרדענען געוויסע זאַכען, און אַריינלעגען אַ געוויסע סומע...

קורץ און גוט, זשאַמען איז פון ווייטערדיגען שמועס קלאָר געוואָרען, אַז דער קיעווער מחותן מיטן פליכעל פון אַ קסיאָנדז האָט איהם שוין גענומען אָנפייפען... אַז אין קיעוו איז פאַר מלכקען און פאַר גנעסיען ניטאָ קיין שום „געוויסע" מעבלירטע דירה, און קיין שום „געוויסער געשעפט" איז אויך ניטאָ; אַז פון נגידישקייט איז מאיר פיק ווייט, ווי ער, זשאַמע, פון חסי־דות... איהם איז קלאָר געוואָרען, אַז דער מחותן איז אַ איד אַ יורד, לעבט פון ווערטלעך און הלואות, און וואָלט אַליין גע־ווען אַ בעלן בלייבען ערגעצוואו אויף קעסט... ער האָפט נאָר, אַז מיט אַ „געוויסער" סומע געלט, ס׳הייסט מיטן זוהנס נדן, וועט ער אָנבינדען נייע געוויסע געשעפטען. און ערשט דערנאָך נאָך אַ געוויסער צייט, וועט ער אַרויסטרעבעווען דאָס יונגע פאָר־פאָלק צו זיך.

און דעם קיעווער מחותן איז קלאָר געוואָרען: אַז זשאַמע וועט דעם נדן ניט סילוקן אָהן פעסטע ערבות. גלאַט אַזוי, אויף „געוויסע" געשעפטען, וועט ער קיין צווייער ניט געבען, און קלאָר איז איהם געוואָרען, אַז זשאַמע איז גאָר ניט אַזאַ פּראָס־טאַק אַ איד ווי ער, דער קיעווער חכם, האָט געהערט פון הינ־טען־אַרום, אַך, יאָ, ער האָט דאָס מאָל אַ ביסעל צופיל אָנ־גערעדט...

נאָך דעם דאָזיגען שמועס זיינען די מחותנים געוואָרען אָנגעדרודעלט איינער אויפן צווייטען. די ברוגזדיגע מחותּנתטע פון קיעוו, מיט די אָפּגעגוצטע פאַלדען, האָט זיך מעהר ניט גע־וויזען, און דער קיעווער מחותן האָט גענומען אַרומשפּאַצירען מיט ר׳ ישראל דעם גבאי און דערצעהלען איהם מאָדנע גליקען מיט געוויסע שותפים, וואָס ער האָט געהאַט, וואָס ער האָט, וואָס ער וועט האָבען... נאָר אַ מאָדנע זאַך! ווי נאָר ער דער־זעהט זיין מחותן ר׳ זשאַמען פון דערווייטענס, ווערט ער עפּעס ניט־מיט־אַלעמען, און געהט אַריבער אויף אַן אַנדער ענין.

גנעסיע איז דערווייל געוואָהר געוואָרען, אַז פון אַוועק־פּאָהרען מיט מלכקע קיין קיעוו איז נאָך זעהר ווייט, און פון לערנען זיך „אויף די צייהן" — אודאי און אודאי. איז זי גע־וואָרען אומרוהיג. די נאָהענטקייט פון שיקעלען, איהר שוועסטער־קינד, האָט זי געשראָקען. אין גאַנצען זעקס שעה מיטן שליטען... טאָמער כאַפּט ער זיך אַראָפּ פון פּאַהאָסט אַ קוק טהאָן. ווי אַזוי וועט זי איהם קוקען אין זיינע קורצזיכטיגע אויגען מיט די לאַנגע גלאַנציגע וויעס? וואָס וועט ער זאָגען, ווען ער וועט זי זעהן געהן מיט אַ שוואַרצען „פרעמדען" יונגענמאַן, וועלכער איז פּלוצלינג געוואָרען איהר מאַן, און זי ווייסט כמעט אַליין ניט, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן.

מלכקע פּיקען איז די מעשה אויך ניט געפעלען געוואָרען. נאָך דעם פיינעם „מי שברך", וואָס די חברהשע פּופּיקעס האָבען פאַרפּאַסט צוליב זיין כבוד־וועגען, האָט ער זיך געשעהמט אַ גאַס דורכצוגעהן. היינט, אַז ער דערהערט פּלוצלינג, אַז אין שקלאָווער שניי וועט ער נאָך בלייבען שטעקען ניט איין חודש און ניט צוויי און ניט דריי, נאָר טאַקע ביז ער וועט געפינען „געשעפט" — איז איהם פאַרגאַנגען אַ וועהטאָג. האָט ער זיך גענומען אַמפּערען מיטן טאַטען מיט זיינעם: איינמאָל פאַר אַלע מאָל, ער מוז אויך אַוועקפאָהרען! האָט דאָס אָבער ניט געהאָל־פען. מאיר פּיק האָט איהם שטילערהייט ערקלערט וואו עס האַלט מיט זיינע „געוויסע געשעפטען", און אַז פיהרען אַ צווייטע הויז אין קיעוו קען ער איצט ניט. און דעם נדן האַלט דער שוועהר פעסט אין דער לאַפּע, און אַוועקפאָהרען גלייך נאָך דער חתונה און לאָזען דאָס יונגע ווייבעל איינע אַליין — דאָס וועט זיין אַ שאַנדע און אַ חרפה. נאָר אויב ער, מלכקע, קען פועלן ביי דעם סקאָרניאַק ער זאָל סילוקען דעם נדן אין מזומנים, וועט ער... וועט מען אפשר זעהען.

האָט זיך מלכקע פּיק אָנגעכאַפּט אָן דער אָנצוהערעניש און גענומען פּאָדערען דעם נדן — מען זאָל עס אויסצאָהלען דעם טאַטען זיינעם, וועט ער און גנעסיע אויך קענען אַוועקפאָהרען... וואָרים ער קען דאָ ניט בלייבען. האָט אָבער זשאָמע געזאָגט —

לא! ער גיט ניט. אויב פּטרן דעם נדן איז ער, זשאָמע, בילכער. דאָ אויף אַן אָרט וועט עס קאָסטען ביליגער. ער ווייסט ווער ס'האָט איהם, זיין איידעם, אָנגעררייצט... מען האָט איהם, זשאָמען, אָנגעפּייפט, אָבער ווייטער לאָזט ער זיך ניט. מילא, זיין טאַטע וויל, ער זאָל בלייבען אין שקלאָוו, טו זאָל ער בלייבען. וואָס זאָל ער זיך באמת איילען? וואָס האָט ער אין קיעוו ניט געזעהן? די „געוויסע געשעפטען" מיט „געוויסע שותפים"?... עט! אַ גוטען פּאָטשעראָק האָט ער? כעמיע, זאָגט ער, קען ער דאָך אויך? מ'עט ניט פאַרפאַלען ווערען...

אַזוי האָט זיך שטילערהייט צעפלאַקערט אַ מחלוקת צווישען די מחותנים, און צווישען זיי און די קינדער. מיכליע איז אַרומגעלאָפען איבערן שטוב ווי אַ קוואַקוכע, ביי וועלכער מען טשעפּעט איהרע האַלב-אויסגעזעסענע אייער: „שאַ, שאַ! מאַכט נאָר ניט אָן קיין לייטיש געלעכטער..." און אַז די קיעווער מחותנים, אָדער ווי זשאָמע האָט זיי אַ נאָמען געגעבען: „די קיעווער קבצנים", זיינען אַוועקגעפאָהרען, האָבען זיי באַגלייט צום בויד נאָר מלכקע פיק און גנעסיע — אונטער אַ געדיכטען וואוּאַל, כדי מען זאָל ניט זעהן איהרע פאַרוויינטע אויגען... יאָ, יאָ, פאַרוויינטע אויגען! מאָטע-קאַלטע-לאָך האָט איהר אַפילו צוגעזאָגט, ביים באַזעצען זי, פאַר דער חופה, אַזוי:

„וויין, כלה-לעבען, וויין!
היינט און ניט מאָרגען.
כדי דו זאָלסט קיינמאָל שוין
ניט וויינען און ניט זאָרגען".

נאָר אַ... מאַרשעלאָק טראַכט און גאָט לאַכט.

.2

בלייבענדיג אַליין, אָהן טאַטע-מאַמע, אין דעם פרעמדען קליינשטעטעל מיט דער שטילער און באַהאַלטענער גנעסיע, האָט דאָס געראָטען איידימעל גלייך גענומען אַרויסווייזען זיינע גרויסע פע-

היגקייטען. קודם־כל האָט ער גענומען שלאָפֿען ביז האַלבען טאָג, וואַלגערען זיך אונטער די קאָלדרעס. און גנעסיע אָדער מיכליע פלעגען איהם דערלאַנגען טיי צום בעט. פריהער האָבען דאָס די ווייבער איינגעפיהרט דורך אַ פּאַרקיהלונג. מלכקע פּיק האָט זיך אַביסעל פאַרקיהלט דעם האַלז. האָבען איהם שוויגער און ווייב געכאָליעט. דערנאָך איז דאָס איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען. איז ער שוין, פאַר איינע הוצאות, געבליבען ליגען נאָך אַ פּאָר וואָכען, ניט אויפגעשטאַנען פאַר צוועלף בייטאָג. אין גאַנצען שטוב, אין פירהויז און אין שפּייכלער האָט מען געאַרבייט. די אידישע בעל־מלאכות האָבען אונטערגעזוּנגען, זשאָמע אין פאַרטוך האָט געקאָמאַנדעוועט. מיכליע, הענקע די מוזינקע און אַ דינסטמיידעל האָבען זיך געטומעלט אין דער באַלעבאַטישקייט. און דאָ, אין צווייטען חלק דירה, וואָס זשאָמע האָט אָפּגעטראָטען פאַר דאָס יונגע פּאָרפאָלק, ליגט זיך מלכקע פּיק אויף דער פערענע, ווי אויף אַ גן־עדן־אינזעל. לעבען בעט, אויף אַ שטול, שטעהט אַ גלאָז טיי מיט מילך, אַ ניט דערגעסע־נער פיינקוכען. דער גאַנצער טומעל געהט איהם אָן, ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי. און ער רעדט צו זיין פאַרטראַכט ווייבעל אַזוי:

— ביי אונז אין קיעוו...

אַלע מעשיות הויבען זיך ביי איהם אָן מיט „ביי אונז אין קיעוו". און מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי אַלץ וואָס לעבט און טוט, אוי־סער קיעוו, איז גאָר ניט ווערט וואָס עס לעבט אויף דער וועלט.

אַז זשאָמע מיטן פאַרטוך איז איינמאָל אָנגעגאַנגען, אַ זיי־גער עלף בייטאָג, אויף אַזאַ סצענע, איז ער גרין געוואָרען פאַר כעס. ער, וועלכער האָט אַ גאַנצען לעבען, פון קינדווייז אָן, גע־האָרעוועט און געגעסען מיט אַפּעטיט, האָט גאָר ניט געקענט פאַרשטעהן, ווי קען מען דאָס שלאָפען ביז האַלבען טאָג, ווי קען מען עס עסען אָהן דאַווענען, און ווי קען מען דאָס לאָזען שטעהן אין מיטען אַזעלכע פיינע געפרעגעלטע אייער? אָנגריזשען ווי אַ מויז און לאָזען שטעהן... אַ חלשות איז אָנגעגאַנגען פעטער זשאָ־מען. צום ערשטען מאָל, זינט ער האָט זיך באַקענט מיט מלכקע

פיקס „פּאָטשעראָק“, האָט איהם גענומען אויפגעהן אַ ליכט אין זיין פאַרבלענדעניש: קען מען, הייסט עס, האָבען אַ גוטען כתב און טויגען אויף כפרות! המ?... ער וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געקענט גלויבען...

עס וואָלט אפשר געקומען צו אַ גרויסע קריגעריי, גלייך אויפן שטעל. אָבער מיכליע האָט איהם אָפּגעהאַלטען און אַרויסגעשטופּט פון דער טאָכטערס האַלבע דירה. הינטערן טיר האָט נאָך מלכקע פּיק דערהערט אַזאַ איינגעהאַלטענעם ברום פון אַ צערייצטער און שטאַרקער חיה, אַז ער איז בלייך געוואָרען. און באַלד האָט ער זיך געכאַפּט אָנטהאָן ווי אַן אָפּגעשמיסענער דרדקי־אינגעלע, וואָס ציהט די הויזלעך און געפינט ניט די קנאָפּ־לעכלעך. דער פּלוצלעכער איבערגאַנג פון פוילקייט צו רירעוודיגקייט איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז גנעסיע האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און אַ שמייכעל געטאָן איבער איהר אייגענעם מאַן. דאָס איז געוועזן דער ערשטער שמייכעל פון פאַראַכטונג. זינט זי האָט חתונה געהאַט.

דורך וואונדערלעכע רעהרען, אַזוי ווי אַלע נייעס אין שטעטעל, זיינען אויך די דאָזיגע, אין זיבען באַהעלטערלעך באַהאַלטענע, רייבונגען צווישען איידימעל און שווער, דערגאַנגען צו פרעמדע אויערען. שוואַרצע מאָהן־קערענדלעך האָט דער ווינט פאַרטראָגען און רויטע בלומען זיינען אויסגעוואַקסען. בייזע ווערטלעך זיינען פאַרפלויגען און לידלעך זיינען אַרויפגעשוואומען.

והאָ־ראיה: דעם שכנס מיידעלע מיט די קרומע פיסלעך און מיטן בולבע־בייכעל, האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע אַוועקצושטעלן זיך, אָנגעפעלצטערהייט, פונקט אַנטקעגען פעטער־זשאָמעס טויער, און צעזינגען זיך גראָד דאַמאָלסט, ווען מלכקע פיק און גנעסיע געהען אַרויס שפּאַצירען:

„אָי, מוטער, מוטער!
די קאַץ לעקט די פוטער,
די הינער ברעכען אייער,
די כלה גלעט דעם שלייער,

דער חתן בעט דעם טלית...
געוואַלד, איך ווער בדלות!„

צווישען אונז גערעדט: וואָס איז דאָ וואָס אין כּעס צו ווערען? ס׳איז דאָך אַ באַקאַנט לידעל. אָבער מלכּקען האָט דאָס געטראָפען, ווי מיט אַ קויל אין האַרצען אַריין. וואָרים ס׳איז געווען פונקט ווי צוגעפּאַסט צו זיין שלאָפען־שפּעט, צו דער ניט־צופרידענהייט אין שטוב... אַפילו מומע־מיכליע האָט איינמאָל אונטערגעהערט דאָס לידעל און איז נשתּומם געוואָרען: פון וואַנען ווייסען זיי דאָס, די אָרימע קינדער פון גאַס? ס׳איז דאָך אמת ווי גאָלד! זינט מלכּקע איז אַריין אין שטוב, איז די שטוב קיין שטוב ניט. די קאַץ קיין קאַץ ניט, די הינער קיין הינער ניט. אַלע זיינען צעלאָזען געוואָרען. און גנעסיע איז ניט מעהר גנעסיע, און זשאָמע איז שטענדיג צאָרנדיג, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין!

אָבער פּעטער־זשאָמע אַליין האָט זיך אויף דעם רבונו־של־עולם ניט פאַרלאָזען. ער האָט זיך אַריינגענומען אין האַרטען קאָפּ, אַז ער מוז דעם איידימעל מאַכען פאַר אַ מענשען. אַ יונגערמאַן מיט אַזאַ גוטען פּאָטשעראָק, ווי מלכּקע פּיק, קען נאָך ווערען אַ מענש און מוז ווערען אַ מענש. מען וועט איהם, זשאָמען, פאָרט ניט איינשמועסען...

האָט ער איהם אויסגעזוכט אַן אַרבייט. ער האָט איהם אַוועקגעזעצט איבער די חשבונות־ביכער, וועלכע זיינען אַזוי פאַרלאָזען געוואָרען, זינט שיקעלע דער פּלימעניק איז אַרויסגעטריבען געוואָרען מיט חרפּה פון שטוב אַרויס.

— נו, — האָט זיך זשאָמע איבערגעבעטען מיט זיין געראָטענעם איידימעל — אַ פּאָטשעראָק, געלויבט דער אויבערשטער, האָסטו אַ גוטען און חשבונען קענסטו דאָך, מסתּמא, אויך, טו נאַ דיר אַלע ביכער און לאָמיך זעהן וואָס דו קענסט!

האָט זיך מלכּקע פּיק צוגעכאַפּט צו די חשבונות, ווי צו הייסע כרעמזלעך. מיט אַן איבערגעטריבענער היץ האָט ער זיך אַ נעם געטהאָן חשבונען. פאַר עטלעכע חדשים, פון פאַר דער חתונה אָן, האָבען זיך אָנגעקליבען אַ רעכט ביסעל צעטעלעך

קוויטעלעך און קאָפּיקענע ביכעלעך אין זשאָמעס זשילעטען, ציפּ־רעס אויף דעם שער־בלעטעל פון מומע־מיכליעס קרבן־מנחה און ציפּרעס מיט קויהל אויף די ווענט פון שפּייכלער... אַקוראַט אַזוי ווי אין דער צייט, ווען שיקעלע איז אָנגעקומען אויף דער „שטעל". מלכקע פּיק האָט אָבער ווייט ניט געהאַט די זעלבע התמדה און די זעלבע טרייקייט, ווי שיקעלע — דער אָרימער פּלימעניק. מלכקעס אויפגעבלאָזענער חשק צו דער אַרבייט האָט גלייך איבערגעבערענט ווי שטרוי. נאָך אַ טאָג צוויי פון סאָרטי־רען די קוויטלעך און חשבונען, האָט ער זיך גענומען קלאָגען אויף קאָפּווייטאָג, אויף שווינדלען אין די אויגען. דאָס ווילט זיך איהם אונטערלעהנען דאָס האַרץ מיט קאַקאָ, דאָס פּאַרגלוסט זיך איהם סעלצער־וואַסער. און מיכליע און גנעסיע לויפען וועט־געלויף, מיט פולע גלעזער, צו באַפרידיגען זיינע אויסטערלישע אַפּעטיטען.

נאָר וואָס אמת איז אמת! די נייע ציילען פון ציפּרעס און אותיות, וואָס וואַקסען אָן, מלכקעס פּאָטשעראָק אין שכנות מיט שיקעלעס אַלטען כתב, זעהט אויס ווי אַ טייערער בראָקאַט, וואָס מען שטוקעוועט־צו צו אַ ראָגאָזשע. עס קלעפּט זיך גאָר ניט, דאַכט זיך, מיט די אַלטע שורות. שיקעלעס חשבונות באַשטעה־ען פון אָרימינקע ציפּרעס, פון וואָכעדיגע אותיות, און דאָ, אין מלכקעס כתב, איז אַלץ שבתדיג און פיין געדרעקסעלט. למשל, זיינער אַ „זיבען" האָט אַן אויסגעבויגענע טאַליע פון אַ פּראַנט, ביי וועלכען עס שטעקט אַרויס זעהר עלעגאַנט אַ נאָז־טיכעל פון דער שפּענצער־קעשענע. זיינער אַ „דריי" שטעהט געקרוינט מיט אַן אַנטיקער פלאַכער קרוין, ווי אַ מלך אין צירק... זיינער אַ „פיער" דאָס איז אַן איבערגעקעהרטער לייכטער ווינער שטול, וואָס אַ קונצענמאַכער טראָגט אין דער לופטען אויף איין צאָהן, זיינער אַ „נול" איז גאָר ניט קיין נול. דאָס איז אַ פרישע הינערשע איי, ניט קיין נול! זיינער אַן „אַכט" איז אַפּעטיטלעך. ווי אַ געפלאָכטענע יום־טובדיגע קיטקע. אפשר נאָר מומע מיכ־ליע דרעהט אויס, איינמאָל אין צעהן יאָהר, אַזאַ פּורימדיג „קינד" פון טייג, און דאָס אויך — ווען עס גיט זיך איהר

איין... און אַזוי אַלע איבעריגע ציפּרעס. נו, פון זיין כּתב און פון זיינע אותיות איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דורך זיין כּתב איז ער דאָך געוואָרען זשאָמעס איידים.

מלכקע פּיק קוויקט זיך אַלע ווײַלע מיט עפּעס אַ נייע דערקוויקעניש. און שרייבט אַריין אין די ביכער. און פעטער זשאָמע פאַרלויפט פון צייט צו צייט און קוקט אריין אין דאָס געשריבענע, איבער דעם רוקען פון זיין איידימעל, און אַ צופרידענער שמייכעל צעגיסט זיך איהם אונטער זיינע האַרטע אונטערגעשווירענע וואָנסעס. ער זעהט אָבער ניט ווי זיין צאַרטער איידימעל גיט זיך אַ קרים. ווײַל פּונם שווער און פון זיין פאַרטוך טראָגט מיט שווערע זויערקייט פון קוואַשעס. דאָס פטרט איהם אַוועק דעם טעם פון דער גוטער גלאָז קאַקאָ, וואָס שטעהט פאַר איהם און פאַרעט אַזוי מחיהדיג.

ס'איז אַזוי געגאַנגען אַ וואָך, צוויי וואָכען. נאָך אַ האַלבען חודש פון פלייס, פון גרויסאַרטיגע אותיות און געטאָקטע ציפּרעס, האָט זיך זשאָמען פאַרגלוסט צו רייסען די זיסע פּירות פון אַזאַ ווייגגאָרטען. האָט ער זיין געראָטענעם איידימעל גענומען שטעלען גאָר מאָדנע שאלות:

— זאָג נאָר, מלכקע, וויפיעל אַבלאַמען טכוירען האָט מען אַרויסגעגעבען צום נעהען?

— וויפיעל געלט האָבען די באַלמעלאָכעס אָנגענומען דעם לעצטען חודש?

— ווען האָבען מיר צו צאָהלען די וועקסלען פאַר די איינגעקויפטע באָבערס?

— וויפיעל קאָסטען אונז די טויזענט רויהע סוסליקעס מיט פּראַכט צוזאַמען?

וכדומה, נאָך אַזעלכע פראַגען, וואָס האָבען צו טאָן ניט מיט קונציגע ציפּרעס און ניט מיטן מאָלערישען פאָטשעראָק, נאָר מיט פּראַקטישע זאַכען ביים געשעפט. אָט אַזעלכע שאלות פלעגען מלכקען טרעפען ווי אַ פּאַטש אין פּנים. ער פלעגט גלייך אין כּעס ווערען און נעמען זיך טומלען. „אָט באַלד, אָט באַלד", שרייט ער. אָבער ער זוכט און זוכט, בלעטערט און בלעטערט

און געפינען טהוט ער ניט. קומט איהם גנעסיע זיין יונג ווייבעל צו הילף, דערנאָך — איטשייזשע, זשאָמעס אויסגעגעבענער בן־יחיד, דערנאָך זשאָמע אַליין. נישטערט מען און מען נישטערט און צו קיין שום טאָלק קומט מען ניט. אָפטמאָל געפינט מען פאַרדרעהטע יוצרות. די פרייזען פון די ביזעמס זיינען פאַרשריבען אויף די פייגלעך, און די הוצאות פון פאַרב — אויף טשוועקעס... נאָך עטלעכע טעג פון אַזעלכע פּראָבען האָט זיך זשאָמע פאַרקלערט... וועגען שיקעלען — זיין אָרימען פלימעניק פון פאַהאָסט... ס'האָט זיך איהם געוומען דוכטען, אַז ווען י ע נ ע ר האָט געפיהרט די חשבונות איז אין דער גערבעריי געווען אַבּיסעל מעהר טאָלק. געווען דאַכט זיך אַזאַ „כניאָק", קיין סימן פון אַ גוטען פּאָטשעראָק ניט געהאַט, און אָט...

— נאַ — האָט ער זיך איינמאָל צעשאָקעלט מיט זיין האַרטען קאָפּ איבער מלכקעס אַ חשבון, — אויב דו ביסט אַזאַ קאַליקע אין רעכענען, היינט אויף וואָס טויג מיר דיין פּאָטשעראָק ?

האָט דאָס מלכקע פּיק ניט אויסגעהאַלטען. ער איז אויפגעשפּרונגען. מען האָט איהם דאָ אָנגעריהרט זיין שוואַרצאַפּעל, די קרוין פון זיין קאָפּ האָט מען איהם דאָ אַראָפּגעוואָרפען, דעם שטאָלץ פון זיינע יונגע יאָהרען... ווי באַלד מ'מאַכט שוין חוזק פון זיין כתב, היינט צוליב וואָס זאָל ער ווייטער בויגען דעם רוקען איבער די נודנע חשבונות און שווייגען ? איז ער אַרויס מיט לשון :

— הלמאי האָט מען איהם פאַרשפּאַרט אין שקלאָוו ווי אין אַ געפענגעניש ? הלמאי גיט מען איהם ניט אָפּ דעם נדן, ער זאָל קענען האַנדלען אין קיעוו מיט געהילץ און מיט צוקער, ווי דער טאַטע זיינער ? אויסערדעם האָט ער דאָך אַן אַטעסטאַט אויף „כעמיע"... סינקע קען ער מאַכען, צי ניט ? וואַקסע פאַר שיך קען ער מאַכען, צי ניט? און שפּיגלען—איז אַ הונט? היינט פאַרוואָס צווינגט מען איהם צו זיצען טאָג און נאַכט צווישען די ברודיגע פעלען, און פאַרריכטען רעכענונגען, וואָס אַנדערע האָבען דאָ אָנגעפּלאָנטערט? וואָס וויל מען פון איהם, און וואָס האָט מען זיך אויף איהם אָנגעזעצט ? און

וואָס איז ער מחויב אויסצוהערן אַלערליי פּאַסקודנע לידלעך, וואָס שקלאָווער שלעפּער זינגען איהם נאָך! ניין, מאָרגען דינגט ער אַ שליטען און פאָהרט אַוועק צום באַהן, אין אָרשע!

איז מומע־מיכליע געוואָרען אַ טויטע, און גנעסיע האָט זיך צעכליפּעט. האָט פעטער זשאָמע דערזעהן, אַז עס שמעקט מיט אַ שטיקעל סקאַנדאַל — דריי חדשים נאָך דער טאָכטערס חתונה, האָט ער פאַרבויגען זיין האָנער, אַרויסגענומען עטלעכע הונדערט רובעל פון מאָהליווער באַנק, פון דער טאָכטערס נדן, און אָפּגעשטעקט עס דעם געראָטענעם איידימעל:

— נאַ, מלכקע, אָט האָסטו אַ הויפען געלד און לאָמיך זעהן וואָס דו קענסט. זאָל זיין סינקע, זאָל זיין וואַקסע, זאָל זיין שפּיגלען, אַבי כ׳זאָל זעהן, אַז דו קומסט צו אַ תכלית. איך גיב דיר אָפּ אַ טייל פון שפּייכלער, און דעם גאַנצען בוידעם אויף טריקענען דיין „כעמיע״, דיינע סחורות, הייסט דאָס. כ׳וועל דיר העלפען פאַרקויפען אין מאָהליוו און אין אָרשע און אין האָמלע. נאָר זעה, ווער אַ מענש!

.3

נאָך אַזאַ פּאָטערלעכען דרוש איז מלכקע גאָר לעבעדיג גע־וואָרען. אַ סוף! פּטור געוואָרען פון די חשבונות! איז ער אַראָפּ־געפאָהרען צוזאַמען מיט זשאָמען קיין מאָהליוו, איינגעהאַנדעלט אַלע נויטיגע זאַכען. און האָט גענומען דערוויייזען, אַז ער קען „כעמיע״ און ווערט אַ מענש.

אין אַ ווייסען באַלאַכאָן, ווי אַן אַפּטייקער, און מיט פאַר־פּאַסקודי׳עטע הענט האָט ער זיך גענומען אַרומדרעהען איבערן שטוב און איבערן שפּייכלער. דאָ לויפט ער אַראָפּ אין קעלער און דאָ קלעטערט ער אויפן בוידעם. ער האָט פאַרברענט אַלע מעדניצעס, צעשפּאָלטען וואו אַ טאָפּ און פאַרשמירט וואו אַן אי־בעריגע שיסעל. אין די עמערס האָט ער געמישט קאָאַלין*) מיט

*) ווייסע ליימ.

בערלינער-בלוי, אין אַלטע פאַנען — געלבע טראָניגע פעטס מיט רוס, און אין גלעזערנע סלאָיעס — שיידוואַסער מיט קוועקזילבער פאַר די שפיגלען און האָט צו אַלעמען געשריען, ווי מען שרייט אין באָד: „היט אייך! היט אייך!... אָסטראָזשנע!”

און איינמאָל, נאָך אַזאַ וואָרענען אַלע שטוביגע, האָט עס אויף דעם פריפעטשאָק טאַקע געמאַכט „פוף!”, ס'האָט דערלאַנגט אַ שאָס ווי פון אַ האַרמאַט און אַ טשוגונענע פאָקרישקע פון אַ טאָפ איז אַוועקגעפליגען אין קוימען אַריין. און מען ווייסט עד היום ניט וואו זי איז אַהינגעקומען. מלכקע האָט זיך אָפגעבערענט אַ האַנט און געמאַכט אַ געוואַלד, אַז די גאַנצע שטוב איז זיך צוזאַמענגעלאָפען. נאָר גאָט האָט געהאָלפען, די האַנט האָט זיך פאַרהיילט און מלכקע האָט ווייטער פאַבריצירט.

נאָך אַ חודש צייט, פון געפעהרלעכע מיה און האָרעוואַניע, האָט מען אין זשאָמעס שטוב גענומען אויספּרואוּוען די פאַבריצירטע סחורות. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז די קייקעלעך סינקע צעגעהען זיך ניט אין וואַסער און מאַכען נאָר אָן בלויע פלעקען אין מולטער און אויף די וועש, און מען קען עס מעהר ניט אַרויסוואַשען, ניט מיט זייף און ניט מיט חלשות-טראָפענס. און אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז די וואַקסע פאַר שיך איז עפּעס גאָר אַ מאָדנע וואַקסע. האָט מען נאָר איין מאָל אָנגעשמירט אַ שטיוועל ווערט ער פעטלעך און קלעפּעדיג, ווי פון פרישען דיעגעכץ; מען פאַרשמירט אַלע האָר-בערשטלעך און קיין גלאַנץ קען מען שוין מעהר פון שטיוועל ניט אַרויסבאַקומען. און די שפּיגעלעך...! יאָ אָט די טאָוולען גלאָז, וואָס מלכקע פיק האָט פאַרשמירט מיט אַ מין זילבערדיגער קאַשע פון איין זייט, זיינען עפּעס גאָר ניט געוועהנליכע שפּיגעלעך. דער בליאַסק אין זיי איז אַ געקנייטשטער, ווי פאַרקיהלטע וואַסער-פאַלדען. און קוקט מען אין זיי אַריין, באַקומט מען די נאָז אויפען באַק און דעם שפּיץ גאָמבע אויפען שטערען. מען וואָלט געקענט שווערען, אַז ס'איז ניט קיין געוועהנלעכער פנים, נאָר „ושתי”... „ושתי” מיט די ביינער.

האָט זשאָמע דערזעהן וואָס פאַר אַ סחורות דער געראָטענער איידימעל האָט איהם אָנגעפאַבריצירט, איז ער געוואָרען אַ

צעקאָכטער. האָט ער מיכליען געהייסען צונעהמען אַלע טעפּלעך און ניט געבען מעהר קיין שיסלען און קיין קופּער־געפעס צו דער שעהנער פאַבריקאַציע. און מלכקען האָט ער פעסט מודיע געווען, אַז מעהר קיין געלד וועט ער איהם ניט געבען. סיידען מען וועט געפינען נאַראָנים איינצוהאַנדלען דאָס וואָס ס׳איז שוין געמאַכט געוואָרען.

מיט מיה און מיט מאַטערניש האָט מען איינגעשמועסט אַ פּאָר קרעמער צו נעמען עטלעכע פּעקלעך סחורה. און דאָס אויך ניט פאַר מזומן געלד, נאָר אויף קרעדיט. און אויסצאָהלען זאָלען די קרעמער נאָר דאָס, וואָס זיי וועלען לייזען. דאָס האָט נאָר אָפּ־געגאָלטען מיט דער סינקע און מיט דער וואַקסע. וואָרים די שפּיגעלעך האָט קיינער אין האַנט ניט געוואָלט נעמען. אַפילו אַ גוי, פון אַ פאַרוואָרפען דערפעל, איז שווער געווען אַריינצונאַ־רען מיט אַזאַ שפּיגעל. האָט מען אין זשאָמעס הויז גענומען טיי־לען די שפּיגעלעך ווי פאַרפּוילטע עפּעל. מען האָט זיי פאַרשענקט פּיאָקלע דער וואַסערטרעגערין, בענדעט דעם קוימענקעהרער, דעם אונטער־שמש, דער דינסט, דער דינסטס חתן, די חברהשע קינדער, וואָס קומען „עסען טעג״... ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַ האַנט און ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַ ביסעל רחמנות אויף זשאָמעס איידימעל האָט גענומען אַ שפּיגעלע. אָבער ניט אַלע האָבען זיי דערטראָגען אַ היים. על פּי רוב האָבען זיי די אומזיסטע קונדען מיט די ווייכע הערצער דערטראָגען נאָר ביז דער גרויסער קאַנאַווע. שקלאָ־ווער קאַנאַווע, אונטערן בריקעל, איז געוואָרען אַ בית־הקברות פאַר מלכקעס קרומע שפּיגעלעך.

און אין די האָלצערנע קרעמלעך און וואַרשטאַטלעך, ביי די קירזשנער אויפן מאַרק, האָט זיך באַלד דערהערט אַ נייע שפּאָט־לידעלע. מען זאָגט, אַז חאַצע דער הינקעדיגער, דער „צי־שיליסט״, וואָס לאַכט פון גאָט און פון קיסר, און פון גבירים— אַודאי, און אַודאי, האָט דאָס לידעלע פאַרפאַסט, און די שעהנע חברהצקע קירזשנער האָבען דאָס פון זיין כשרען מויל צעטראָגען איבערן גאַנצען מאַרק. די נעה־מאַשינדלעך נעהען און זלידנע מיילכעלעך זינגען צום טאַקט:

„זשאַמעס פּינער איידימעל —
קריכט דאָך אויפן בוידימעל.
פּאַצקעט ער אין קריגעלעך,
מאַכט ער קרומע שפּיגעלעך.
ער צערייסט זיך מאַכענדיג,
און מיר שטאַרבען לאַכענדיג...“

דאָס לידעל האָט איבערגעפּילט די מאָס. אַז ס׳איז דער־גאַנגען צו מלכקע פּיקס אויערלעך, האָט ער אַליין אַראָפּגעשלעפּט פון בוידעם דאָס היבשע רעשטעל מיט שפּיגעלעך און צעבראַזגעט זיי מיט די אייגענע הענט, אין דער פּאַרפרוירענער מיסט־גרוב אַריין, הינטער זשאַמעס שטוב, צום גרויסען שרעק פון די שוואַר־צע ווינטער־וואַראָנעס... דעם „ברודער־קבר“ פון דער צעמזיקטער סחורה האָט ער פאַרשאָטען מיט שווערע שטיקער שניי.

דאָס האָט איהם אַביסעל אָפּגעקיהלט דאָס האַרץ. אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט דער ז׳יסער נקמה־געפיהל איבער זיך אַליין... ווייל אַ פּאָר טעג נאָך דער דאָזיגער באַגראָבעניש האָט מען געגומען אָפּבריינגען חזרה אַלע פעקלעך סינקע און וואַקסע, וואָס מען האָט פּאַרטיילט צווישען קרעמער. מען האָט אָפּגעבראַכט די סחורה מיט טענות און מיט געוואַלדען: סטייטש, באַלעבאָסטעס האָבען קאַליע געמאַכט גרעט! באַלעבאַטים האָבען פּאַרשמירט שיך און שטיוועל און קענען זיי מעהר ניט אָפּפּוצען!... מ׳זאָל געהן צו אַ דין־תּורה! צו אַ דין־תּורה וועט מען געהן!

און פון אָרשע, וואוהין עס האָבען זיך פּאַרבלאָנדזשעט אַ פּאָר פעקלעך סחורה, איז אָנגעקומען אַ בריף פון אַ דאָרטיגען קרעמער, מיט זעהר אַן איידעלע עצה: דער פּאַבריקאַנט זאָל זיך בעסער אָנשמירען די וואַקסע אויף ברויט און די סינקע זאָל ער זיך לאָזען אָנציהען אין טשייניק, וועט זיין אַ סך גלייכער...

די קאַריערע פון מלכקע פּיק אַלס כעמיקער און פּאַברי־קאַנט האָט זיך דערמיט געענדיגט.

# ווי אַזוי מען ווערט אַ מענש

## 1.

## ר׳ שכנא דער שענקער

אויף דעם שאָסע־וועג, פון אָרשע קיין שקלאָוו, זיינען דאָ צוויי סטאַנציעס: אַלעקסאַנדריע און קאָפּוסט. כדי מען זאָל קיין טעות ניט האָבען, מוזען מיר גלייך מודיע זיין, אַז די ערשטע סטאַנציע — איז ניט אַלעקסאַנדריע פון מצרים. מענשען, וואָס האָבען געזעהן אַ וועלט, זאָגען, אַז זיי זיינען אַפילו ניט עהנלעך. אַלעקסאַנדריע פון מצרים, זאָגען באַהאַוועטע מענשען, איז אַ גרויסע האַפען־שטאָט מיט מעטשעטען און מיט פּאַלמען־בוימער; און געבויט האָט זי אַלעקסאַנדער מוקדען, בשעת ער איז געגאַנגען איינצונעהמען די וועלט. און אַלעקסאַנדריע, אויפן וועג פון אָרשע קיין שקלאָוו, באַשטעהט אין גאַנצען פון טעלעכע אָרעמינקע, ווייס־רוסיש־פּויערשע הייזקעס, מיט אַ גרויסען אידישען שענק אין מיטען פון אַ הויף מיט שטאַל און שפּייכלער. אָנשטאָט פּאַלמען וואַקסען דאָרטען דאַרינקע בעראָזקעס. און אַז אַ גוי אָדער אַ איד, להבדיל, פאַרווילט זיך דאַוונען מיט אַן עולם, פאָהרען זיי צו אין אָרשע אָדער אין קאָפּוסט און דאַוונען. אַלעקסאַנדער מוקדען מיט זיינע חילות זיינען דאָרטען געוויס קיינמאָל ניט דורכגעגאַנגען. נאָר דער רוסישער צאַר, אַלעקסאַנדער דער ערשטער, איז — יאָ דורכגעפאָהרען אויף זיין קייזער־

לעכער קאַרעטע, געשפּאַנט מיט דריי ווייסע פערד נאַ־שפּיץ און אָנגעטהאָן אין זיין געהויבענער פּעלערינע. דאָס איז געשעהן אין יאָהר 1811, בשעת דער צאַר איז אַרומגעפאָהרען צו באַ־קוקען די באַפעסטיגונגען אַקעגען דעם פראַנצויזישען מלך, אויפ־מונטערען דאָס פאָלק. האָט זיך איהם גראָד דאָ, ניט ווייט פון די עטלעכע הייזקעס, צעבראָכען אַן אַקס. איז ער אַראָפּגעשטיגען מיט גרויס כבוד אין אידישען שענק, וואו מען האָט איהם, זאָגט מען, מכבד געווען מיט פרישע אידישע פיש און וואו מען האָט איהם, זאָגט מען, געקאָרמעט מיט געהאַקטע לעבערלעך, ביז מען האָט פאַרריכט די קייזערלעכע קאַרעטע. פאַרן אָפּפאָרען האָט ער דעם אידישען שענקער געלאָזען געבען אַ זילבערנעם יעקאַטע־רינע־רובעל, אַזוי גרויס ווי אַן אַמעריקאַנער טאָלער. וואָרים אַז אַ רוסישער קיסר צעלאָזט זיך, איז אַ רובעל קיין געלט ניט... געהט ער איבער, אָט דער דאָזיגער זילבערנער רובעל, בירושה פון טאַטען צו זוהן, צוזאַמען מיטן שענק, שוין באַלד פיער דורות. מען היט איהם, דעם גרויסען רובעל, ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַ גאַנצען יאָהר ליגט ער אין פּענקע אין דער זילבערנער אתרוג־פּושקע. און סכות־צייט — צווישען דער ווייבס צירונג. און צום אַנדענקען פון דער גרויסער געשעהעניש האָט מען אַ נאָמען געגעבען דאָס דערפעל מיט דעם אידישען שענק: „אַלעק־סאַנדריע". ביז צום היינטיגען טאָג.

באַלעגאָלעס בלייבען דאָ שטעהן און לאָזען אויסרוהען די פערד. ווינטער דערוואַרימען זיי זיך דאָ מיט אַ גלעזעל בראַנ־פען, און זומער קיהלען זיי זיך אָפּ מיט אַ פלאַש ביער. און די „שודאַקעס" זייערע — שקלאָווער סוחרים און קרעמער — לעה־נען דאָ אונטער דאָס האַרץ מיט אַ קיכעל און מיט אַ לעבערקע, אויף וואָס מען דאַרף זיך ניט „וואַשען"... און סחורות געהען דאָ דורך, אַזעלכע וואָס קומען אָן מיט דער אָרשער באַהן פאַר קאָפּוסט און שקלאָוו, און סחורות, וואָס געהען אָפּ פון שקלאָווער „פאַבריקאַנטען" קיין ניזשני און קיין מאָסקווע. הויפּטזעכליך ווינטער, ווען דער דניעפּער איז געפרוירען און דער פאַרעכאָד געהט ניט. פּעטער זשאָמע און זיינע קאָסטענס מיט רויכוואַרג

זיינען דאָ גוט באַקאַנט. ער פאָהרט דאָ אָפטמאָל דורך, ווען ער נעמט אָפּ רויהע בּעלכלעך פון באַהן, און ווען ער שיקט אָפּ זיינע באַארבייטע שעהנע אָבלאַמען פוטערוואַרג פאַר טיף־רוסלאַנד.
ר׳ שכנא, דער יעצטי׳גער באַלעבאָס פון אכסניה און שענק, קען איהם גוט. און חיה זיין ווייב ווייסט גאָר ניט וואו אַוועקצוזעצען איהם. זי דערלאַנגט איהם אַלע מאָל די בעסטע ווינטערדיגע גריבענעס; און דעם בעסטען געגזענעם פופיק באַקומט אויך פעטער זשאַמע.

ר׳ שכנא, דער שענקער אַליין, איז אָבער אַן אומגליקלע־כער מענש. כאָטש אַ למדן איז ער און פרנסה האָט ער מיטן פולען מויל, און אַ באָרד און ליכטי׳גען שטערען האָט ער פון אַ רב. ער איז נעבעך פּאַראַליזירט אויף ביידע פיס. מיט יאָהרען צוריק האָט איהם דער אומגליק געטראָפען. ער איז דאַן געפאָהרען פון אַ ברית אין אַ שליטען. אויפן האַרצען איז גע־ווען פרעהלעך און אין קאָפּ האָט זיך געדרעהט פון דאָס גוטע ביסעל משקה וואָס מען האָט גענומען. האָט ער פאַרבלאָנדזשעט מיטן פערדעל אין די געדיכטע וועלדער, צווישען אָרשע און אַלעקסאַנדריע. אַ מוראדיגע זאַווערוכע האָט זיך אויפגעהויבען און האָט פאַרוועהט אַלע וועגען.

אויף מאָרגען האָט מען איהם געפונען אין שליטען אַ דער־פרוירענעם, אַ האַלב־טויטען. אַ גאַנצען טאָג האָט מען איהם געריבען מיט שניי און מיט בראַנפען ביז מען האָט איהם אָפּ־געמינטערט. נאָר זינט דאַן איז ער געוואָרען קראַנק אויף ביידע פיס. פריהער זיינען זיי איהם געווען געשוואָלען, דערנאָך האָבען זיי איהם, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, גענומען אָפּמאָגערען און אָפּמאָגערען, ביז זיי האָבען איהם אינגאַנצען אויפגעהערט צו דינען. איז ר׳ שכנא געבליבען זיצען אַ קאַליקע אויף אַ גרויסען פאָטער־שטול מיט רעדלעך, איינגעדעקט אין אַ קאָלדרע. אַזוי היט ער דעם בופעט פון שענק סיי זומער סיי ווינטער, בשעת חיה זיין אשת־חיל איז פאַרנומען אין דער באַלעבאַטיש־קייט, אָדער מיט אורחים און באַלעגאָלעס אין הויף. קיין איבעריג־גרויסע נוצען קען פון איהם זיין אשת־חיל ניט ציהען. וואָרים דאָרטען וואו מען באַדאַרף עפּעס דערלאַנגען, אַביסעל ווייטער

ווי צוויי אָרעמס קענען דערגרייכען, איז ר׳ שכנא אָפּהענדיג און רופט גלייך אַרויס זיין אשת־חיל, רייסט זי אָפּ פון דער אַר־בייט מיט זיין באַסאָוועָן ברומיגען קול... מיט דער צייט האָט זיך ביי ר׳ שכנאן אויסגעאַרבייט אַזאַ הייזעריגלעכער. נודנער אין דורכדרינגענדער קול, וואָס ציהט זיך דורך שטוב און הויף און עגבערט און נודיעט: „חיה־חיה!" און נאָכאַמאָל „חיה־חיה!"

דאָס לעבען איז חיה דער שענקערקע ניט ניחא געוואָרען פון דאָס שטענדיגע רופען זי. וואו זי געהט און וואו זי שטעהט, דערהערט זי דעם מאַנס הייזעריגען קול. הענט און פיס טרייסלען זיך איהר. האָט זי זיך מישב געווען מיטן מלמד אין שטוב, וואָס לערנט מיט לייזערקען — איהר בן־יחיד און עסט ביי איהר קעסט, און ס׳איז געבליבען, מען זאָל ר׳ שכנאן געבען אַ גלאָק. אַז ער וועט דאַרפען, וועט ער אַ קלונג טאָן. און זאָל ער מעהר קיינעם ניט רופען איבערן גאַנצען שטוב. וואָרים ניט זי, חיה, קען עפּעס טאָן, ניט דער מלמד קען לערנען מיטן אינ־געל. האָט מען ר׳ שכנאן געקויפט אַן אַלטען מעשענעם גלאָק, מיט אַ טשוועקעל אָנשטאָט אַ צינגעל. ס׳זאָל ניט צו שטאַרק קלינגען, און מ׳האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז רופען זאָל ער מעהר קיינעם ניט. געגוג וועט זיין!

איז ר׳ שכנא געבליבען זיצען אָהן לשון מיטן מעשענעם גלאָק אין האַנט און האָט זיך שרעקלעך געלאַנגווייליגט און גע־כּעסט זיך אין דער שטיל. נאָך ווענינ וואָס גאָט האָט ביי איהם אָפּגענומען ביידע פיס, האָבען איהם נאָך מענשען, אייגענע מענ־שען, אָפּגענומען די צונג... האָט ער זיין ביטער האַרץ אויסגע־גאָסען צום גלאָק. אָנשטאָט רופען: „חיה, חיה!" האָט ער גע־נומען קלינגען מיטן גלאָק. צי מען דאַרף, צי מען דאַרף ניט. דער גלאָק איז געוואָרען זיין פאַרמיטלער, זיין דאָלמעטשער צווישען איהם און די שטוב־מענשען. ער האָט געקלונגען ווי אויף אַ שרפה, ער האָט געבאָמבעלט ווי אויף הגא, להבדיל, און מיט אַן עקשנות פון אַ קאַליקע, וואָס האָט מעהר ניט וואָס צו פאַרלירען. עס האָט ניט געהאָלפען קיין גוט וואָרט און קיין בייז

וואָרט. „איך קען אַ גאַנצען טאָג ניט שווייגען״, האָט געטענהט ר׳ שכנא, און דערביי איז ער געבליבען.

האָט חיה די אשת־חיל דערזעהן, אַז זי וועט, שונא־ישראל, בלייבען אָהן אַ קאָפּ פון אַזאַ קלינגעניש, האָט זי אָפּגענומען דעם גלאָק פון מאַנס הענט און איהם באַהאַלטען. האָט זיך ר׳ שכנא אומגעקעהרט צו זיין אַלטען נוסח, דאָס הייסט, אַרויסרופען זיין ווייב מיטן אייגענעם ברומיגען קול. ער איז אַפילו גוטמוטיגער געוואָרען.

— חיה! — הויבט ער אָן מיט אַ שמייכעלע — חיהלע, חיוטקעלע, חיהיוסינקע!

חיה זיין ווייב ענטפערט ניט. לאָזט ער זיך אַוועק נודיען. הויבען הויבט ער אָן גאַנץ שטיל, ווי פאַר זיך; און מיט יעדען וויטערדיגען ליבלעכען צונעמעניש ווערט ער אַלץ צערטלעכער און נעמט מיט אַ טאָן העכער:

— חייקעלע! חיוטשינקע! חיהקונצינקע! חיהמונקעלע! חיהקונקעלע!

עס העלפט ניט. חיה איז פאַרנומען, חיה הערט ניט. אָדער זי מאַכט זיך, אַז זי הערט ניט. אָבער די ליבשאַפט פון שכנאן צו זיין ווייב גיסט זיך איבער אַלע ברעגעס. קען ער זיך ניט צוריקהאַלטען:

— חיהלאַטקעלע! — רופט ער זי — חיהענטעלע! היהמאָנטשינקע! חיהפּאָנטשינקע! חיהליאַלקעלע!

עס העלפט ניט. חיה ענטפערט ניט.

— חיהקעצעלע, חיהפלעצעלע! חיה־בייגעלע! חיה־אויגעלע!

חיה — אַה?!

ס׳איז די העכסטע צייט אַנטשוויגען צו ווערען. וואָרים חיה לויפט אָן מיט פאַרקאַשערטע אַרבעל און מיט גרויס רוגזה:

— וואָס ווילסטו, שלימזל? אומגליק מיינער!

— חיהגאָלדעלע! — פּרוּווט זיך ר׳ שכנא איבערצובעטען זי. — כ׳האָב נאָר געוואָלט..

אָבער חיה לאָזט זיך ניט איבערבעטען. זי ווייס, אַז דאָס קלערט ער נאָר אַצינד עפּעס צו, שרייט זי:

— דו לאָזט דאָך גאָר קיינעם ניט לעבען! דער מלמד וועט דאָך פון שטוב אַנטלויפען!

מיט דער צייט האָט זיך ר׳ שכנא אַליין איבערצייגט, אַז דאָס ווייב און דער מלמד זענען אַביסעל גערעכט. גלאַט רופען „חיה־חיה" אַ שעה נאָכאַנאַנד איז ניט זעהר פיין און אויך ניט זעהר „מוזיקאַליש". איז ער געפאַלען אויף גאָר אַ נייער המצאה. דהיינו: אַז ער דאַרף אַרויסרופען דאָס ווייב, הויבט ער אָן צו מעביר זיין די סדרה...

די „סדרה" זיינע באַשטעהט סך־הכּל פון איין וואָרט — „חיה". ער קאָמבינירט אָבער דעם דאָזיגען וואָרט, אויף הונדערטער אופנים, מיט אַלע וואַריאַציעס פון חומש־טראָפּ, אַזוי אַז עס באַקומט זיך אַ גאַנצע פּרשה, וואָס אַ גוטער בעל־קריאה זינגט אַראָפּ פון באַלעמער אין בית־מדרש.

הויבען הויבט ער אָן פּאַר זיך מיט אַ שטילען ברומען, ווי אַ איד וואָס רעפּעטירט פּאַר זיך די סדרה, און וויל קיינעם ניט שטערען:

חיה — מיט אַ „מהפּך פּשטא" און חיה מיט אַ „רביעי", און חיה־חיה־חיה מיט אַ „מירכא־טפּחא מונח־אתנחתא".

חיה ענטפערט ניט.

צוואַרימט זיך ביסלעכווייז ר׳ שכנא, ער צעוויגט זיך מיט חשק און פלעכט אַריין אין דער ווייבס נאָמען פלערליי טראָפּ. און וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער: חיה מיט אַ „זרקא" און חיה מיט אַ „פּזר". חיה מיט אַ „זקף־קטן" און חיה מיט אַ „זקף גדול". חיה מיט אַ „תּלישא־קטנה" און חיה מיט אַ „תּלישא־גדולה"... און אַז דאָס העלפט אויך ניט — געהט ער איבער צו אַזעלכע טראָפּ, וואָס קומען פּאָר אין דער סדרה זעהר זעלטען, ווי למשל: חיה — מיט „קרני־פרה" און חיה מיט „מירכא כּפולה", און חיה מיט גאָר אַ דרייגאָרנדיגען „שלשלת"...

ער צעלויפט זיך אַזוי אַלץ גיכער און געשמאַקער, און פון חיהס נאָמען באַקומט זיך אַ גאַנצע אידישלעכע סימפאָניע, באַטאָנט מיט אַלע חומש־טענער און באַטראָפּט מיט וואונדערלעכע טראָפּ־דריידלעך. ר׳ שכנא אַליין האָט שוין פאַרגעסען, אַז דאָס

איז נאָר אַ מיטעל אַרויסצורופען דאָס ווייב. פון מיטעל איז געוואָרען אַ ציעל. ס'איז איהם גלאַט שטאַרק געפעלען צו פאַר־ברענגען אַזוי אַ פערטעל שעה מיט אַ אידישען ניגון און שפּי־לען זיך דערוויילע מיט דער ווייבס נאָמען. אָבער ווי נאָר ער דערזעהט, אַז חיה לויפט אָן מיטן בינטעל שליסעלעך, צי מיט דער קאַטשעלקע אין האַנט. פאַרענדיגט ער זיין „סדרה" מיט אַ פּייערלעכען און ברייטען „מירכא־טפחא" און „מונח־אתנחתא", פּונקט ווי אַ גוטער בעל־קריאה פאַרענדיגט לייענען די פרשה, פאַר מפטיר:

— חיה־חיה! חי־ע־עה, חאַ־אַ־יאָ־אָה!

עס טרעפט דערפאַר, אַז חיה אַליין בלייבט שטעהן פאַר־גאַפט פון אַזאַ קבלת־פּנים און פון אַזאַ פייערלעכקייט. און קוים וואָס זי האָט האַרץ צו בייזערען זיך אויף איהר מאַן, נאָר פון יוצא־וועגען גיט זי אַ פרעג:

— איז וואָס ווילסטו? אומגליק מיינער!

נאָר מחמת גרויס וואַרימקייט און מחמת זינגערישער אויפרעגונג, האָט ר' שכנא אַליין פאַרגעסען צוליב וואָס ער האָט זי געדאַרפט האָבען. שטאַמעלט ער אין פאַרלעגענהייט:

— אָט... אָט באַלד חיהנקע! אָט, וואַרט אַ ווייִלעצקע...

ווי אויף צו־להכעיס דערמאָנט ער זיך נאָר דאַן, ווען דאָס ווייב איז שוין איילענדיג און שילטענדיג אַוועק. הויבט ער מעביר זיין די „סדרה" פון דאָס ניי.

.2

## פעטער זשאָמעס רעטעניש

ווען איז דאָס אָבער אַלץ געוועזן? אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, ווען דער שניי־וועג איז שלעכט, אָדער ווען דער שאָסע איז צעווייקט פון רעגען, און פאָהרער זיינען זעלטען. אָבער אין אַ יאַריד־טאָג, נאָך אַ גוטען שניי, און אין די שעהן ווען מען פאָהרט פון אָרשער פאַיעזד, ווען די באַלע־גאָלעס מיט זייערע בוידען קומען אָן איינער נאָך דעם אַנדערן — דאַן האָט חיה אַ סך אַ בעסערען געהער. זי דערהערט באַלד

ווי נאָר שכנא גיט זי אַ רוף, און צו מעביר זיין די „סדרה״ מיט איהר נאָמען דערגעהט עס ניט.

אָט היינט, למשל, איז אַ שעהנער ווינטער-טאָג. אַ גוטער שליטען-וועג. און אַ שעה אַרום הויבען אָן אָנצוקומען שקלאָווער באַלעגאָלעס מיט זייערע „שודאַקעס״. אין שענק איז דערווייל רוהיג. ר׳ שכנא זיצט אויף זיין פּאָטער-שטוהל איינגעדעקט אין אַ קאָלדרע; ער דרימעלט מיט די אויגען און האָרכט מיט איין אויער. אויפן הויכען טיש זיינען אָנגעגרייט אידישע פאַרבייסעכ-צען: געהאַקטער הערינג, קאַלטע פּופּיקלעך, קאַלטע גענזענס, זויערע אוגערקעס. דער מלמד אויף קעסט כאַפּט אַריין אַ בלאַט גמרא מיט לייזערקען, ר׳ שכנאס בן-יחיד. ביז וואַרעמעס איז נאָך דאָ אַ גוטע שעה. יעצט איז נאָך ביים נערוועאישען מלמד אויסגערוהט דער קאָפּ פונם שטענדיגען טומעל, קען ער זיך אָפּגעבען מיטן שווערסטען טייל פון לערנען, מיט גמרא. טייטשט ער אין לייזערקען אַריין:

— אי, מאימתי קורין את שמע בערבית? פון ווען אָן מעג מען לייענען די פאַרנאַכטיגע קריאת-שמע? משעה שהכהנים נכנסים לאכל בתרומתן... פון דער שעה אָן, ווען די כהנים געהען אַריין עסען זייער תרומה...

לייזערקע אָבער איז פויל, לייזערקע דער בן-יחיד איז פאַרפּיעסטשעט. שטעלט ער דעם רבין גלייך אָפּ און הויבט אָן פרעגען קשיות. דערווייל וואָס ווערט מען ניט לערנען.

— זעהט, רבי, — מאַכט ער, — און ווען געהען דאָס די כהנים אַריין עסען פון זייער תרומה?

— הויבסט שוין אָן שטעלען קשיות? — ווערט בייז דער מלמד — פון דיין פויערשען קאָפּ זאָל איך אַזוי וויסען, ווי איך ווייס ווען זיי געהען עסען תרומה...

גיט זיך ר׳ שכנא אַ כאַפּ אויף זיין פּאָטער-שטוהל. אַ? דער מלמד אַמפּערט זיך מיט זיין בחורל? לאָמיך הערען! דער אַמאָליגער למדן פון די בחורשע יאָהרען כאַפּט זיך אין איהם אויף. דאַן... ווען דער קאָפּ איז געוועזען קלאָר און די פיס זיינען גע-גאַנגען, רופט ער זיך הייזעריג אָפּ פון זיין שטוהל:

— באַוואָרענט דאָך רבנו ר׳ עקיבא מברטנורה דאָרטען אויף אַן אָרט... אַז דאָס מיינט מען: ווען די שטערען באַווייזען זיך אין הימעל... און דאָס איז געזאָגט געוואָרען נאָר ביי כהנים, וואָס האָבען זיך מטמא געמאַכט און זיך אָפּגעטובלט... מוזען זיי וואַרטען... הא?... טשאַהא טרעבאַ? חיה! חיה!

קיינמאָל לאָזט מען איהם ניט דערמאָנען זיינע גוטע בחורשע יאָהרען ווי ס׳געהער צו זיין. אויך דאָ, אין מיטען פּירוש פון רבנו עקיבא מברטנורה, לאָזט זיך אַריין אין שענק אַ גויעצל אין אַ סערמיאַגע, מיט דער „מאַגערקע" אונטערן פאַכווע, און בעט אַ קעלישאָק בראַנפען.

— חיה! חיה! — שרייט שכנא מיט אַזאַ קול, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט דערווייזען ווי נוצלעך ער איז אין שענק, כאָטש די פיס געהען ניט.

— ווער איז שוין ווייטער דאָרטען? — גיט אַ פרעג חיהס בת־קול פון קיך.

— אַן ערל! — שרייט אויס ר׳ שכנא. — קום, נתן איהם שוין די קטנע צנצנת. מיטן גראָבען דעק, האַלב־מים האַלב־יין. אַ שטיקעלע ניט־פול, דעם גראָבען אצבע אַריינגערוקט...

דאָס רופט ער דאָס ווייב אויף ריינעם לשון־קודש, כדי דער ערל זאָל ניט פאַרשטעהן. אויף פּראָסט אידיש הייסט דאָס: זי זאָל איהם אָנגיסען די קליינע גלעזעל מיטן גראָבען דעק, האַלב־וואַסער, האַלב־בראַנפען, אַ ביסעל ניט פול, מיטן גראָבען פינגער אַריינגערוקט, כדי עס זאָל אויסקומען נאָך ווייניגער.

מען קען ניט זאָגען, אַז פון אַזאַ גלעזעל בראַנפען זאָל אַ פויער געהאָלפען ווערען. דער גויעצל קען שוין אָבער אַלע אידישע שטיקלעך און קוקט גוט מיט די צוויי גרויאינקע אויגעלעך אויף חיהס בריהשדיגע הענט און דינגט זיך. דערנאָך נעמט ער דאָס גלעזעל אויפן ליכט פון פענסטער און דינגט זיך ווייטער. „אַשטשע טראָשקע" *) בויטשעט ער מיטן קודלאַטען קאָפּ. אַז ניט טרינקט ער ניט. שטעלט אַוועק דאָס גלעזעל אויפן

*) נאָך אַביסעל!

טיש און צלמט זיך איבער. אַ סימן — אַז זיין וואָרט איז אַ וואָרט... דערגיסט איהם חיה די שענקערקע נאָך אַ טראָפּען און דאָס געשעפט בליהט.

עס דערהערט זיך אַ וואויל־יונגערישער קנאַק פון אַ בייטש און אַ סקריפּ מיט אַ טראַסק פון אַ אידישער בויד. דערנאָך אַ „טפּררו" מיט אַ באַלעגאָלישער קללה אויף די פּערדס קעפּ. די אידישע אָדלערס הירזשען, און אָנגעפּרוירענע „שודאַקעס" פּאַטשען זיך אין די אָנגעקיהלטע פעלצענע אַרבעל. אין שענק לאָזט זיך אַריין פּעטער זשאָמע מיט אַ פראָסטען שעפּסענעם טולופּ איבער אַ גוטער פוטער און איבערגעגאַרטעלט זיינען ביידע פוטערס מיט אַ ברייטען וואָלענעם גאַרטעל. נאָך איהם מלכקע פּיק, זיין געראָטענער איידימעל, מיט אַן אָנגעפרוירענע שפּיציגע נאָז. אַ קאַלטע פּאַרע באַגלייט ביידע אורחים אין שטוב אַריין.

דאָס פּיהרט אַצינד זשאָמע אַרום זיין געראָטענעם איידימעל צווישען שקלאָוו און אָרשע, כדי ביסלעכווייז אַריינציהען איהם אין רויכוואַרג־געשעפט, און כדי אַרויסטרייבען איהם פון קאָפּ אַזעלכע פּוסטע מעשיות, ווי מאַכען שפּיגעלעך און סינקע, און — אַזעלכע גלוסטענישען, ווי פאָהרען צום טאַטען קיין קיעוו, מיטן גאַנצען נדן, און טרייבען דאָרטען דעם טאַטענס כשרע געשעפטען. און בכלל... כדי מאַכען איהם פאַר אַ מענש! ער האָט אָבער פון איהם, זשאָמע, קאַלט און וואָרים. ווייל מלכקע פּיק קען נאָך אַלץ ניט פאַרגעסען, אַז ער האָט אַ גוּטען פּאָטשעראָק, אַז צוליעב דעם האָט מען איהם גענומען פאַר אַן איידים. בלאָזט ער זיך צווישען מענשען און געהט שווער אין שפּאַן.

— האַ, האַ! — שרייט אויס ר' זשאָמע זעהר פרעהליך, ווען ער קומט אַריין אין שענק, — אַ גוט מאָרגען, ר' שכנא אַ גוט מאָרגען, באַלעבאָסטע!

עס ווערט אַ פרעהליכער טומעל. מען דערפרעהט זיך מיט פּעטער־זשאָמען, ווי מיט אַ טאַטען: „גוט מאָרגען! גוט יאָהר!" שוין אַ צייט ניט געזעהן זיך. — אָט מען איז פאַר־

דרעהט! און ווער איז דאָס דער יונגערמאַן?... דער? ס'איז דאָך מיין איידים! אָה, געהערט — אייער גנעסיע האָט חתונה געהאַט! מזל טוב! מזל טוב! מיט מזל זאָלט איהר לעבען! עס קומט פון אייך לעקאַך! — אַדרבא!...

חיה די שענקערקע צעקוואָקצעט זיך. ר' שכנא זיצט אויף אַן אָרט און טרייסעלט זיך פון קאָפּ ביז די פּאַראַליזירטע פיס פון אַ צופרידענעם בויך־געלעכטער. אפילו דער מלמד און לייזערקע זיין תלמיד זיינען געקומען צעלויפען און באַטראַכטען די פיינע אורחים.

וואַרפט פון זיך פעטער זשאָמע אַראָפּ דעם אויבערשטען טולופּ און גיט אַ ווינק צו זיין פאַרפרוירענעם איידימעל, יענער זאָל זעהען וואָס ער וועט דאָ באַלד טאָן, און ער זאָל זיך לערנען, זאָל ער. קוקט דאָס געראָטענע איידימעל און זעהט, אַז פעטער־זשאָמע רייבט זיך געשמאַק האַנט אין האַנט. דערנאָך מאַכט ער אַ פאַרסודעטען פּנים און זאָגט צו דער שענקער־קע אַזוי:

— יאָ... באַלעבאָסטעצקע, אָבער איהר ווייסט דאָך וואָס איך בין?

שטעלט חיה אָן אַ פּאָר אויגען: ניין, זי ווייס ניט, וואָס זענט איהר, ר' זשאָמע?

— ניין? איהר קענט גאָר ניט טרעפען? איהר ווייסט ניט וואָס איך בין?

וועדליג מיין ווייבערשען שכל... אַ איד זיינט איהר!

— כע־כע, — רופט זיך אָן ר' שכנא, — אַ סוחר זיינט איהר!

— ניין, ניין! — ווענדעט זיך זשאָמע צו דער שענקער־קע, — טרעפען מוזט איהר! איהר ווייסט וואָס איך בין?

— אַ נגיד זייט איהר!

— שוין באַלד אַ זיידע! — קען זיך ר' שכנא ניט איינהאַלטען.

— אַך, ניין, ניין, ניין! — פאָכעט פעטער זשאָמע מיט ביידע הענט, — הכלל, איהר ווייסט וואָס איך בין?

— איך ווייס! — רופט זיך אָפּ לייזערקע, שכנאס אינגעל.
— טו, זאָג, מיין זון! — ערלויבט איהם די מאַמע זיינע צו טרעפען ר׳ זשאָמעס רעטעניש.
— אַ־אַ... סקאָרניאַק!
— ביזט אַ בהמה אַ אינגעל! — גיט אַ ברום פעטער זשאָמע.
— אַוועק פון דאַנען! — טרייבט איהם די מאַמע — ווער פרעגט ביי דיר?
— הכלל, באַלעבאָסטע, — שרייט שוין זשאָמע אויך אַ ביסעל פאַרדראָסיג, — איהר קענט נאָך אַלץ ניט טרעפען וואָס איך בין?

ניין, זי קען ניט. גאָט זאָל איהר אַזוי שענקען אַל־דאָס־גוטס, ווי זי צעבּרעכט זיך דעם קאָפּ און טרעפען קען זי ניט.

רופט פעטער זשאָמע אויס מיט נצחון פון אַ יוסף הצדיק, ווען ער באַשיידט פרעהס חלום:

— איך בין הונגעריג!

ווערט דאָך אין שענק אַ גאַנצע קאָפּעדראַציע: כע־כע־כע און כי־כי. ר׳ זשאָמע איז הונגעריג! וואו גבירישקייט, דאָרטען איז חכמה! גיכער, גיכער, גיכער! ר׳ זשאָמע איז הונגעריג, אָט וואָס ער איז!

עס גיט זיך איבער ווי אַן עסטאַפעט פון ר׳ שכנאן דעם שענקער צו דער שענקערקע און פון דער שענקערקע צום מלמד, און פון מלמד צו לייזערקען זיין תלמיד, וואָס האָט זיך אַוועק־געמאַכט פאַרשעמט אין צווייטען צימער: — ר׳ זשאָמע איז הונגע־ריג!... מחמת גרויס שמחה האָט אַפילו דער ערל, ביי דער „סטאָיקע״, אַ הויב געגעבען שטילערהייט די גרויסע פלאַש, וואָס איז געבליבען שטעהן אויפן טיש, און גענומען אָנגיסען זיך אַליין אַ געגנבעטע גלעזעל בראָנפען. נאָר חיה די בריה האָט איהם געכאַפּט ביי דער האַנט.

— דו זעהסט, — מאַכט פעטער־זשאָמע צו זיין איידימעל, ווען חיה די שענקערין איילט זיך אַוועק אין קאָכשטוב, — אָט אַזוי דאַרף זיך אונזערער אַ סוחר אויפפיהרען צווישען מענשען:

אומעדום פרעהלעך, מיט אַלעמען אַ גוטער־ברודער. ניט בלאָזען זיך פאַר יעדער קליינינקייט. אָט ווענסטו באַלד זעהן, וואָס פאַר אַ וואַרמעס מען וועט אונז דערלאַנגען...

און וואָס אמת איז אמת. די באַשיידונג פון פעטער זשאָמעס רעטעניש, וואָס ער האָט געשטעלט דער שענקערקע, איז געווען גאָר אַ געהויבענע; דהיינו: אַ פיינער קרופניק פון בעבלעך מיט גרויפען, אַ פיינקוכען פון אייער אויף געגזענע שמאַלץ מיט באַברוינטע ציבעלע־שאָלעכץ. היינט די פרישע גריבענעס מיט כריין, די זויערע קרויט מיט געשטויסענע דאָרפישע קאָניפליעס, די נאַליווקע פון שוואַרצע יאַגדעס געמישט מיט ניינציגער, די בלינצעס געפילט מיט געהאַקטע לעבערלעך און מעהל!... די גאַנצע פאַמיליע פון שענקער האָט אַרומגעפאַדיעט אַרום פעטער־זשאָמען און זיין איידימעל. אַלע האָבען זיך באַמיהט איהם צופרידענצושטעלן: אַ קליינינקייט! ר' זשאָמע איז דאָך, אָהן עין הרע, הונגעריג!...

מלכקע פיקן איז אַזאַ וואַרמעס און אַזאַ פאָטשאָט דוקא געפעלען געוואָרען. אין האַרצען האָט ער אפילו געטראָגען אַ כעס אויף זיין שווער, וואָס האָט אַזוי אומברחמנותדיג אַ סוף געמאַכט מיט זיין גאַנצע כעמיע, מיט דער וואַקסע און מיט די שפיגעלעך, און וואָס האָט אַזוי גיך פאַרגעסען זיין גוטען פאָטשעראָק און האַלט דעם נדן פעסט אין די הענט. נאָר דער גוטער וואַרמעס און די ליבלעכע סצענע אין שענק צווישען זיין שווער און שענקערקע האָט איהם יאָ צענומען.

— נאַ, נאַ — האָט ער זיך געטראַכט, — שאָקלענדיג מיט די ווענסעלעך איבער די הייסע גריבענעס, ווי אַ מויז, — אויך מיר אַ קונץ! אָט דאָס הייסט ביים סקאָרניאַק — „ווערען אַ מענש”. וואַרט! אין דער צווייטער אכסניה, אין קאָפּוסט, וועט ער דערוויזען, אַז ער איז ניט קיין קלענערער בריה ווי פעטער־זשאָמע.

3.

## פאַרביטען די יוצרות

אַ שעה אַנדערטהאַלבען נאָך וואַרמעס איז די אידישע בויד מיט פעטער-זשאָמען און מיט זיין איידימעל אָנגעקומען קיין קאָפּוסט. צוועלף וויאָרסט פון שקלאָוו. ביידען האָט געבּרענט אויפן האַרצען פון די געשטויסענע קאָניפּליעס מיט די גריבענעס און ס׳האָט זיך שטאַרק געגלוסט אַ גלאָז טיי. מלכקע פיק איז אויסערדעם געווען אַ ביסעל בגילופין נאָכן ווישניאַק מיט ניינציגער, וואָס ער האָט געטרונקען ביי ר׳ שכנאַן. האָט ער זיך דער ערשטער אַרויסגעכאַפּט פון בויד און אַ לאָז-געטאָן זיך גלייך אין דער קאָפּוסטער אידישער אכסניה אַריין. אָט וועט ער באַלד ווייזען דעם שווער, אַז ער קען די מלאכה פון זיין אַ מענש צווישען מענשען, אַזוי גוט ווי ער. פעטער זשאָמע איז איהם שלעפעריג נאָכגעגאַנגען מיט ביידע פוטערס און מיטן גאַרטעל. און אַ שמייכעלע פון אַ גוטען ערציהער האָט איהם אַרומגעבלאָנדזשעט אונטער די וואָנסעס. דאָס האָט געזאָלט הייסען: לאָמיר טאַקע זעהן, מיין תכשיט, צי דו ווילסט ווערען אַ מענש, צי ניין...

מעשה שטן, איז ביים טיש מיט צובייסעכצען גראָד געשטאַנען אַן עלף-יאָהריגע מיידעלע, אַ קליינע באַשיידענע אשת-חיל, ווען טאַטע-מאַמע זיינען פאַרנומען...

נאָר מלכקע פיקן האָט דאָס אַ האָר ניט געאַרט, וואָס איז די נפקא-מיניה? איז ער אויף איהר אָנגעלאָפען, דער געראָטענער איידימעל, מיט זיין טכוירעגער פוטער, מיטן שאַרף אויפן האַלז און מיט די גרויסע וואָלענע הענטשקעס, פונקט ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסען פון אַ תליה.

— איהר ווייסט וואָס איך בין? — האָט ער זיך צעשריען אויף דער מיידעלע.

די עלף-יאָהריגע אשת-חיל האָט אָנגעקוקט דאָס פאַרשפיצטע

מייזישע געזיכט, וואָס ציהט זיך צו איהר פון דער טכוירענער פוטער און שרייט אויף איהר, און האָט זיך דערשראָקען:

— איך... איך ווייס ניט — האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט.

— איהר ווייסט ניט? — האָט זיך מלכקע פיק פאַרוואונדערט. — וואָס הייסט — איהר ווייסט ניט? זאָגט, זאָגט? איהר ווייסט וואָס איך בין?

— ניין, ניין! — האָט זיך דאָס מיידעלע גענומען אָפּרוקען פון דער סטאָיקע.

האָט מלכקע דערזעהן, אַז די קליינע באַלעבאָסטעצקע וויל גאַר אַנטלויפען, האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט:

— איהר אַנטלויפט גאָר!... איהר ווייסט וואָס איך בין?

דאָס מיידעלע האָט זיך צעוויינט.

אויף איהר געוויין איז אַרויסגעלאָפען די מאַמע איהרע, רייזעל די קאָפּוסטער שענקערקע, אַ אידענע אַ קאָזאַק, אַ קורצע און אַ גראָבע און א פלינקע, וואָס יעדער אבר ביי איהר האָט נאָך אַן אברל. דהיינו: אַ „בולקע" אויפן שטערן, אַ באָראָדעווקע אויפן נאָז, אַ וויינפּערל אויפן אויער און אַ אַרבעסעל איבערן אויג. אַז מלכקע פיק האָט זי דערזעהן, האָט זיך איהם אין נעפּעל פון גוטען ווישניאַק גלייך אויסגעדוכט, אַז דער קאָפּ איהרער האָט זיך געקעפּעלט, די נאָז — געגעזעלט, דאָס אויג — געאויגעלט. האָט ער גלייך פאַרלאָרען דעם מוט.

און רייזעל האָט אויף איהם אָנגעשטעלט איהרעביידע בולטע אויגען, מיטן בלייכען אַרבעסעל אויף איין ברעם, און שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— יונגערמאַן, וואָס ווילט איהר?

— ער טשעפּעט זיך צו מיר! — האָט דאָס מיידעלע געכליפּעט.

— איך?? -- האָט זיך מלכקע געכאַפּט פאַר דעם טכוירענעם פוטער, טאַקע דאָרטען, וואו ביי אַלע אַנשטענדיגע מענשען געפינט זיך דאָס האַרץ, — כ'האָב נאָר געפרעגט —

— וואָס, אַ שטייגער, האָט איהר געפרעגט? — האָט איהם רייזעל גענומען אויפן פאַרהער.

— כ'האָב געפרעגט: „איהר ווייסט וואָס איך בין?"

— מאָדנע שאלות ביי אַ קינד... טו זאָגט־זשע וואָס זיינט איהר? ווער זענט איהר?

— איך בין... איך וויל אַ גלאָז טיי!

— איהר ווילט אַ גלאָז טיי? — ציהט אויס רייזעל די שענקערקע מיט אַ בייזען ניגונדעל, — דאָס גאָר? הייגט צוליב וואָס טויגען אייך די משלים? און וואָס טויג אייך איבערשרעקען אַ קינד? מאָדנע מענשען פאַראַן אויף דער וועלט. אַז מען וויל טיי, בעט מען טיי. אָט זידט אַ סאַמאָוואַר! אַ... נייער שצאַגעל אין פעלץ! כ'בין אייך מוחל אייער גלאָז טיי און טשעפּעט ניט קיין קינד... „איהר ווייסט וואָס איך בין? איהר ווייסט וואָס איך בין?" פּסס... אַ קליינִיגקייט. ער וויל אַ גלאָז טיי, אַ משל־לעמעשקע... אַה? ר' זשאָמע? אַ גוטען טאָג, אַ גוטען יאָהר! ס'איז אייער איידים, זאָגט איהר?... טשעפּען? המ... ווער, חס־ושלום, טשעפּעט איהם? זאָל ער זיך ניט טשעפּען, וועט איהם קיינער ניט טשעפּען. איהר זעהט דאָך ווער ס'האָט געטשעפּעט! דאָס קינד וויינט, און איהר זאָגט „געטשעפּעט". אַז מען טשע־פּעט אַליין ניט, טשעפּעט קיינער ניט...

רייזעלס „מילעכעל" האָט, אַזוי צו זאָגען, געגומען מאָהלען אויף אַלע רעדער. זי האָט איהם שוין אַליין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען. און זי וואָלט אַודאי דעם מלכקע פּיק צעמאָהלען אויף קלאַיען, ווען ניט ר' זשאָמע. ער האָט דערזעהן, אַז ס'האַלט שמאָל, האָט ער ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, אַרויסגעפיהרט זיין פּאַרטומעלטען איידימעל אויף דער פרישער לופט און אַריינ־געפּאַקט איהם צוריק אין בויד אַריין; אָהן טיי און אָהן אַ „גוטען טאָג", אַבי ניט מאַכען קיין לייטישע געלעכטער. און — פּאַשאָל!... געהייסען טרייבען די פערד אויף שקלאָוו, אָהן אָפּהאַלט.

* *
*

דעם גאַנצען וועג פון קאָפּוסט ביז שקלאָוו האָט מלכקע פּיק באַהאַלטען זיין שפּיציגע נאָז אין באָבערנעם קאָלנער. ס'האָט

אין איהם געברענט און געבראָטען. ער האָט געזעהן באַשיינפּער־לעך, אַז ס׳געהט איהם ניט ביי פּעטער־זשאָמען. צי דאָס איז אַ מפטיר מיט אַ „מי שברך", צי ס׳איז כעמיע און שפּיגעלעך, צי ס׳איז מענשלעכקייט צווישען מענשען—אַלץ קומט ביי איהם אַרויס קאַפּויר. ווי נאָר ער וויל נאָכמאַכען שקלאָווער „שטאָט", אַזוי פאַלט ער אַריין, ווי אַ הונט אין קראָפּיווע, ווי אַ קוימענקעהרער אין ברינדזע, ווי אַ שפּין אין ראָסצענעס. וואָס, דאַכט זיך, האָט ער אָקאָרשט געוואָלט? ער האָט נאָר געוואָלט, מ׳זאָל איהם פרע־גען מיט אַ ליבהאַרציגען שמייכעל „טו וואָס־זשע זיינט איהר?" וואָלט ער געענטפערט: „איך בין דאָרשטיג"... איז אָבער אַרויס־געקומען פּידרעך. אַ כישוף ליגט דאָ. אָנשטאָט אַ גוטע שענקער־קע, ווי חיה אין אַלעקסאַנדריע, דאַרף דאָ, אין קאַפּוסט, אויס־וואַקסען ביי דער סטאָיקע, פריהער אַ קליינע יענטעצקע, דער־נאָך — אַ מכשפה, אַ אידענע מיט אַן אַרבעסעל אויף אַן אויג... אַ ניט־גוטער האָט זיי פאַרביטען און געמאַכט איהם שטרויכלען די צונג. נאָר ניין! עס מוז נעהמען אַ סוף. ער מוז אָפּנעמען דעם נדן, און אַוועקפאָהרען קיין קיעוו, צום טאַטען... וואוהין די אויגען טראָגען. עס מעג זיך קעהרען די וועלט וועט ער מיטן שקלאָווער סקאָרניאַק ניט אַרומפאָהרען ער זאָל איהם לער־נען זיין אַ מענש... גענוג וועט זיין!

פּעטער־זשאָמע האָט, אַפּנים, ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ צאָרן עס קאָכט ביים איידימעל אין האַרצען. וואָרים, אין כּעס ווי ער אליין איז געווען, האָט ער איהם נאָך גענומען שיטען זאַלץ אויף די וואונדען:

— פאַראַן מענשען, — האָט ער גענומען בורטשען אין דער האַלב־טונקעלקייט פון בויד, — פאַרהאַן מענשען, וואָס עס קומט ביי זיי שטענדיג אַרויס ווי ביי קושקע-בראַנד מיט די מילכיגע בלינצעס. פאַרהאַן אַזאַ פרעסער אין שקלאָוו — קושקע בראַנד. האָט ער איינמאָל געהערט זאָגענדיג, אַז מילכיגע בלינצעס זיינען געפּילט מיט קעז. האָט זיך קושקע ניט געקענט אָפּוואונדערען: „וואָס הייסט מילכיגע בלינצעס זיינען געפּילט מיט קעז? ער הערט דאָס צום ערשטען מאָל". פרעגט מען איהם: סטייטש, אַזאַ

אַכלער, קיין עין הרע, ווי איהר? איהר, קושקע, זאָלט ניט ווי־סען! האָט איהר גאָר קיינמאָל ניט פאַרזוכט קיין מילכיגע בלינ־צע? ענטפערט ער: אַדרבא, ער איז גאָר אַ גרויסער בעלן אויף מילכיגע בלינצעס. אַ כפרה, זאָגט ער, פאַר א שיסעל מילכיגע בלינצעס אַלע מאכלים אין דער וועלט. היינט ווי אַזוי קומט דאָס פאַרט וואָס ער ווייסט ניט, אַז זיי זיינען געפילט מיט קעז?... הכלל, מען האָט חוקר ודורש געווען און ס'האָט זיך אַרויסגעווי־זען, אַז יאָ. מילכיגע בלינצעס האָט קושקע בראַנד יאָ געגעסען, און דוקא אַ סך מאָל; און געווען זיינען זיי, מן הסתם, געפילט מיט קעז... נאָר מחמת גרויס פאַרפרעסענקייט און איילעניש, האָט ער קיינמאָל ניט זוכה געווען אַריינצובייסען אין קעז. אָדער ער האָט אַ ר י ב ע ר ג ע ב י ס ע ן די קעז פון יעדער בלינצע, אָדער ער האָט נ י ט־ד ע ר ב י ס ע ן... און אַזוי אַראָפּגעשלונגען. וואָרים, אַלע ווייסען דאָך, אַז מילכיגע בלינצעס גליטשען זיך...

מלכקע פיק האָט אַרויסגעצויגען די שפּיציגע נאָז פון קאָלנער און בייז אַ שאָקעל געטאָן, ווי אַ שצורע, מיטביידע ווענסעלעך:

— ועמען מיינט איהר מיט אייערע בלינצעס?

ועמען מיינט ער? ער מיינט קיינעם ניט, פּעטער זשאָמע. פאַראַן נאָר אַזעלכע גערהאָטענע איידימלעך, וועלכע —

— וואָ—אָס?

מלכקע פיק איז גאָר אומגעריכט אַרויס פון די כלים. ער האָט אַרויסגעצויגען דעם גאַנצען פנימעל פון טייערען קאָלנער און געוומען וואַרפען זיך און שיפּען ווי אַ שצורע, וועלכע מען האָט פאַרכאַפּט אין פאַסטקע.

— מיין נדן! — האָט ער זיך צעקוויטשעט — איך וויל מיט אייך מעהר ניט אַרומפּאַהרען, איך וויל ניט מעהר!

— ניאָ, ניאָ־אָה! וואַרף דיך! אַ נכפה זאָל דיך וואַרפען!

דאָס איז געווען דעם באַלעגאָלעס קול. דאָס האָט ער געשאָלטען איינעם פון זיינע „אָדלערס”, וואָס האָט זיך צעלאָזען... אָבער מלכקע פיקן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס מיינט מען איהם, ז י י ן וואַרפען זיך, און ער האָט זיך אַביסעל באַרוהיגט.

# וואָס זאָגט איהר אויף מיין כתב?

## .1

פון דעם גרויסען גליק, וואָס פעטער זשאָמע האָט אַריינגעכאַפּט פאַר גנעסיען, איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבען.

זיין געראָטענער איידימעל איז ביי איהם אַליין שטאַרק געפאַלען אין די אויגען. פאַר די אָנדערטהאַלבען יאָהר, נאָך דער טאָכטערס חתונה, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אַ פּאָטשעראָק אַליין פיהרט נאָך ניט אַ מענשען צו אַ תכלית; אַז מען קען האָבען אַ גוטען כתב און זיין, פונדעסטוועגען, נישקשה פון אַ פאַרך. די דאָזיגע איבערצייגונג, ביי אַזאַ האַרטען נאַקען ווי פעטער זשאָמע, איז איהם אָבער אָנגעקומען ניט אַזוי לייכט, ווי מען וואָלט געקענט מיינען. ער איז גרוי געוואָרען פאַר צרות, ער האָט פאַרלאָרען אַ שטיק פון זיין גוטען נאָמען, דעם גאַנצען נדן פון זיין טאָכטער און שעהנע עטלעכע טויזענטער אַ צוגאָב — פון זיין אייגענעם קאַפּיטאַל.

און געשעהן איז דאָס אַזוי: נאָכן לעצטען קומען פון די אַרומפאָהרענישען, צווישען שקלאָוו און אָרשע, וואו פעטער זשאָמע האָט אַרומגעפיהרט זיין איידימעל, כדי מאַכען איהם פאַר אַ „מענש”, האָט מלכקע פיק געמאַכט אַזעלכע סקאַנדאַלען, אַז מען האָט איהם געמוזט אָפּגעבען אַ גרויסען טייל פון זיין נדן, צו „טאָן געשעפט”... מיט דעם געלט איז מלכקע שעהנע עטלעכע מאָל געפאָהרען קיין קיעוו און געקומען צוריק צו זיין ווייב.

און מיט דער הילף פון זיין טאַטען, מאיר דער מעקלער, און מיט דער הילף פון „געוויסע סוחרים” און „געוויסע געשעפטען”, וואָס ר' מאיר האָט שטענדיג געהאַט אין זאַפּאַס, איז פון דעם געלט גאָרנישט געוואָרען. מלכקע פיק האָט שוין פאַר דער צייט געפּרואווט האַנדלען מיט זייגערלעך, מיט געהילץ, מיט חזיר־האָר, מיט ביינער „אויף טרייבען צוקער”, און מיט צוקער אַליין — און פון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ חלום; אָפּטמאָל מיט אַ וועקסעלע אויף דריי חדשים — אַ צוגאָב. נאָך יעדען „געשעפט” פלעגט ער זיך אומקעהרען צום שווער אַן אויסגעמאָרעטער, אַ שטילינקער, און פלעגט זיך, דאַכט זיך, גאַנץ באַשיידען אָוועק־זעצען איבער זשאָמעס פאַרלאָזענע חשבונות־ביכער. נאָר עס געהט ניט אַוועק קיין צוויי־דריי וואָכען, פאַשעט זיך מלכקע אַ ביסעלע אויס, רוהט זיך אָפּ, און הויבט זיך אָן צו נודיען און אַרומקריגען זיך מיט אַלעמען אין שטוב, אַפילו מיט זיין יונגער שעהנער שוועגערין — הענקע די מוזינקעלע. איהם געפעלט ניט דאָס עסען, איהם געפעלט ניט דאָס טרינקען, איהם געפעלט ניט דער ריח פון זשאָמעס רויכוואַרג. אין קיעוו, זאָגט מלכקע, איז גאָר עפּעס אַנדערש! אַ פאַרגלייכעניש, זאָגט ער, מען געהט דאָרטען אַריין אין אַ „קאַפעינע” די ווענט גאָלע שפּיגלען, און מען גיט אַ קלונג מיטן לעפעלע מען זאָל דערלאַנגען נאָך „מאָראָזשענע”...

— פאַר וואָס־זשע נעמסט דו אַמאָל ניט מיט אויך גנע־כ'ען, דיין יונג־ווייבעל, זי זאָל אויך הנאָה האָבען?... — אזוי פרעגט איהם זשאָמע מיט אַ בייזען שמייכעלע.

— וואַרט! — מאַכט מלכקע פיק, ער וועט אויספיהרען אַ „געוויסען” געשעפט מיט אַ געוויסען סוחר, וואָס דאַרף אָנ־קומען פון אַ געוויסען אָרט פון קיעוו, וועט ער דינגען אַ דירה און וועט אַראָפּברענגען גנעסיען אויך. נאָר וואָס זאָל ער טאָן, אַז עס פעהלט איהם אָבער אַ געוויסע סומע געלט, פעהלט איהם...

— קאַפענע דער טאַטינקע! — מאַכט פעטער זשאָמע צו מומע־מיכליען מיט אַ פאַרשטעלטער ליבשאַפט — אַ געזונט איןביידענס קעפּעלעך! די זעלבע ווערטער! ביידע דאַוונען, דאַכט זיך, פון איין סידור...

דערהערט מלכקע פּיק אַזאַ קאָמפּלימענט פון שווערס מויל, בלאָזט ער זיך אָן. איין טאָג שוויַיגט ער, איין טאָג בורטשעט ער אויף גנעסיען, איין טאָג — אויף מומע־מיכליען און עטלעכע טעג קריגט ער זיך מיט פעטער־זשאָמען. עס דערגעהט אַזוי ווייט ביז פעטער זשאָמע כאַפּט אַרויס נאָך אַ פּעקעל אַסיגנאַציעס און וואַרפט איהם אין פּנים אַריין. מלכקע פאָהרט אַוועק קיין קיעוו, און אין שטוב ווערט שטיל און אומעטיג. מומע מיכליע געהט אַרום ווי אַ שאָטען. גנעסיע וואַרט אויף בריף. די בריף קומען אָן זעלטען און זיינען פול מיט אויפגעבלאָזענע באַריהמערייען. און פּלוצלינג פּלאַצען זיי אָט די שעהנע בריף, אַזוי ווי זייפענבלאָזען. עס ווערט שטיל און פּוסט עטלעכע וואָכען נאָכאַנאַנד. ביז מלכקע פּיק קומט, גאָר אומגעריכט, אַראָפּ אַ ניט געשוירענער און אָפּגעמאַטערטער, אָהן אַ גראָשען געלט. ניט איינמאָל איז אויסגעקומען צו באַצאָהלען דעם באַלעגאָלע פון שטובּיגע געלט. דאָס איז געווען די גרעסטע חרפּה פאַר מומע־מיכליען. זי האָט דערנאָך דעם באַלעגאָלע אין די אויגען ניט געקענט קוקען.

זשאָמע אַליין מיידט אויס צו רעדען מכּוח דעם אַלץ, מיט מומע מיכליען און מיט גנעסיען. ער פּיהלט זיך געגען זיי שולדיג. דאָס האָט ער געכאַפּט די מציאה. ער — און קיין אַנדערער. דעם גאַנצען אומבאַהאָלפענעם צאָרן גיסט ער אויס אין דער שטיל אויף ר׳ גרונים דעם שדכן. ער ווייכט אים אויס ווי נאָר ער קען. ער ענטפערט איהם ניט אויף זיין גוט־מאָרגען. איהם דוכט זיך אַצינד, אַז דאָס האָט ער, דער שדכן, אָנגעטאָן איהם אַ כּישוף מיטן שעהנעם פּאָטשעראָק... אַנומעלטען איז אויף איהם ר׳ גרונים אָנגעגאַנגען מיט זיין באַריהמטען פּאַראַסאָל; געוואָלט עפּעס מיט איהם אָנהויבען רעדען. אפשר וועגען דער מוזינקעלע? אַ קשיה אויף אַזאַ לאַנד־שדכן! ער האָט דאָך אַזוי גליקליך געמאַכט גנעסיען, וויל ער אַצינד באַגליקען העכקען אויך... האָט אָבער פעטער־זשאָמע גלייך אָפּגעשטויסען פון זיך דעם אייזערנעם שפּיץ פון דעם שדכנס שירעם, און מיט אַזאַ מאָדנעם פּאַרדרוס.

— קריכט ניט, מאַכט ער, אויף מענשען, מיט אייער טשוואָק, ווי אַ פּאָזשאַרניק אויף אַ שרפה!

ר׳ גרונים האָט איהם גראָד געטראָפען אין אַ בייזער שעה, וואָרים מלכקע פּיק, דער געראָטענער איידימעל, איז יעצט צום דריטען מאָל אין שטוב. געקומען איז ער פון קיעוו אַן אמתער נשרף, און פיהרט פּלומרשט די רעכענונג־ביכער אין זשאָמעס געשעפט. און זשאָמע לאָזט עס צו. ער פאַרמאַכט די אויגען אויף אַלץ וואָס געווען. אַבי מיכליע און גנעסיע זאָלען איהם ניט פאַראומערען דאָס לעבען מיט זייער זיפצעניש און שוויינעניש, ווען מלכקע איז ניטאָ אין דער היים און עס קומט אַ לאַנגע צייט קיין בריף ניט אָן. ער פאַרמאַכט אַפילו די אויגען ווען ער דערטאַפּט, אַז אין קאַסע פעהלט אַ ביסעל געלט... אין די ביכער האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל געכאַפּט אויסגעמעקטע ווערטער, איבערגעניצעוועטע ציפערס. און מען האָט בשום אופן ניט געקענט דערגעהן קיין טאָלק, וואו עס זיינען אויסגערונען אַ פּאָר מזומנע הונדערטער. זיי זיינען ווי אין דר׳ערד אַריין צווישען מיר־דיר, צווישען גענומען־געגעבען, איינגעצאָהלט־אויסגעצאָהלט... פון די דאָזיגע ציגענע נסים האָט זיך אָבער דער־וואוסט איטשייזשע, זשאָמעס אויסגעגעבענער בן־יחיד, זיין איינציגער יורש. האָט ער געמאַכט קולות, אַז דער קיעווער „זשוליק" צע־טראָגט דאָס גאַנצע הויז. „אָדער דו ביסט באַלעבאָס אָדער ער!" האָט דער בן־יחיד געשריען, מיר׳ן ביידע סוף־כל־סוף אין ביזשני אַ פּנים ניט קענען וויזען!..." האָט זשאָמע דערזעהן, אַז עס שמעקט מיט גאָר אַ גרויסער קריגעריי און אַז דער בן־יחיד איז גערעכט, האָט ער גוזר געווען אויף דעם געראָטענעם איידי־מעל:

— אַ סוף זאָל עס נעמען! צו די חשבון־ביכער און צו די סחורות זאָלסטו זיך מיר מעהר ניט צוריהרען! שכירות וועסטו ביי מיר באַקומען 25 רובעל אַ וואָך, אָבער אויף אַן אַנדער דירה מוזטו זיך אַרויסציהען און פיהרען אַ באַזונדער באַלע־באַטישקייט!

און ווען אורי, פעטער זשאָמעס אינגערער ברודער, האָט

ביי איהם אַ פרעג געטאָן: „ווי לוינט דאָס דיר, זשאָמע, צו פיהרען צוויי באַלעבאַטישקייטען?" האָט איהם זשאָמע זעהר ערנסט און זעהר באַשטימט געענטפערט, אַז ס'לוינט איהם דוקא יאָ. אַזוי, האָט איהם זשאָמע געגעבען צו פאַרשטעהן, קאָסט מיך גאָר הונדערט רובעל אַ חודש, און אַזוי נעמט ער דריי הונ־דערט... מאַך איך אַ גוט געשעפט...

— ער נעמט? וואָס הייסט ער נעמט?

פעטער זשאָמע האָט קיין קלאָרען ענטפער ניט געגעבען. האָט אורי גענומען אַ צייל האָר פון באָרד צווישען די צייהן, גע־טראַכט, געטראַכט און גאָרניט געקענט צוטראַכטען. עפּעס מאָדנע זאַכען קומען פאָר צווישען זיין ברודער — דעם גרויסען סוחר און צווישען זיין געראָטענעם איידימעל!

.2

אָבער גאָר אין גיכען האָבען זיך די „מאָדנע זאַכען" אויפגעקלערט. זיי זיינען שוין מעהר קיין סוד ניט געווען אַפילו פאַר אַסך ווייטערע קרובים ווי פעטער־אורי.

וואָרים דער געראָטענער איידימעל האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז די שמאַלץ־גרוב האָט אויסגעטריקענט, אַז די גאָלדענע צייט פון פיעסטשען זיך ביים שווער און שוויגער איז אַוועק ווי אַ רויך. און די פינף און צוואַנציג רובעל אַ וואָך, וואָס דער שווער צאָהלט איהם, איז ניט גאָט ווייס וואָס פאַר אַ מטבע, מען זאָל פון איהר אויסהאַלטען אַ באַזונדער באַלעבאַטישקייט, צאָהלען דירה־געלד און דערצו נאָך פאָהרען קיין קיעוו, זיצען דאָרטען אין די קאַפּיינעס, אַרומפאָהרען אויף דראָזשקעס צו „געוויסע" סוחרים און פיהרען „געוויסע" געשעפטען... קורץ און גוט — ער איז צוגעשמידט צו שקלאָווער הייזקעס, ער שטעקט אין שקלאָווער בלאָטע. ער איז אַ פאַרפאַלענער מענש. אַ פאַרפאַלע־נער פאַטשעראָק און אַ פאַרפאַלענע קאַריערע.

האָט ער קודם כל גענומען כאַפּען הלוואות, וואו נאָר ס'האָט זיך געלאָזען: ביי פעטער־אורין, ביי מומע־פייגען, ביי

ישראל דעם גבאי פון ליובאַוויטשער בית־מדרש; אַפילו בײַ יחיאל דעם חזן האָט ער זיך אויך ניט געשעמט צו אַנטלייען, נאָר אויף אַ „ווײַלעצקע", נאָר „ביז מאָרגען"...

און אַ סך ווײַלעצקעס און מאָרגענס זײַנען אַריבער, און מלכקע פיק האָט די הלוואות ניט אָפּגעגעבן. האָבן זיך די בעלי־חובות מיט אַ שעמעוודיגער מינע געווענדעט צו פעטער־זשאָמען: אַזוי און אַזוי איז די מעשה. אייער איידים האָט בײַ אונדז געכאַפּט אַ גמילות־חסד „ביז מאָרגען" און אָט...

האָט פעטער זשאָמע געמוזט אַראָפּוואַרפן פון זיך די חרפה און אָנזאָגן שטילערהייט, וואו אַ קרוב און וואו אַ באַ־קאַנטער, מען זאָל מלכקע פיקן קיין שום גמילות־חסד ניט גע־בען, וואָרים ער, זשאָמע, וועט אַזעלכע הלוואות מער ניט באַ־צאָהלן.

איז דער געראָטענער איידימעל געפאַלן אויף אַ נייער המצאה. די אַמאָליגע טאַלאַנטען פון די קינדער־יאָהרען האָבן זיך אין איהם אויפגעכאַפּט און צעשפּילט זיך. אַ נײַע יוגענט באַקו־מען. אַמאָל, אין זײַנע טאַלאַנטפולע קינדער־יאָהרען איז ער גע־ווען אַ מאַדים נאָכצומאַכען אַלעמענס כתב און אַלעמענס אונטער־שריפטען. ער האָט דאָך אַמאָל קונציג נאָכגעמאַכט דעם טאַטענס כתב, דער מאַמעס כתב, אויסלענדישע אַדרעסען... מען האָט זיך, פּשוט, ניט געקענט אָפּוואונדערען. איז אָט... איז איהם פּלוצלינג איינגעפאַלען, אַז מען טאָר אַזאַ טאַלאַנט ניט לאָזען פאַרפאַלען ווערען. ס'איז אַן עברה!... וואָס דען! אַ מענש מיט אַזאַ האַנטשריפט, ווי ער, וועט זיך אַוועקזעצען און וואַרטען געבראָטענע טייבעלעך זאָלען איהם פליהען אין מויל אַריין? אויב ער קען ניט קומען צו קיעוו, טאָ זאָל קיעוו קומען צו איהם...

האָט ער ערגעצוואו פּאָטיאַפּעט דעם שווערס אַ צעריסענעם וועקסעל און האָט איהם אויף טשיקאַווע געפּרואווט נאָכשרייבען. גלאַט אַזוי זיך נאָכשרייבען אַ סך מאָל נאָכאַנאַנד אויף אַ פּראָ־סטען שטיק פּאַפּיר. ביסלעכווייז איז ער אַזוי אַריין אין דער התמדה, און גענומען אַרבייטען מיט ברען. ער האָט פּשוט גע־

האָרעוועט מיטן שווייס פון פנים, ביז ער האָט דערזעהן, אַז זיין האָרעוואַניע איז לאיבוד ניט געגאַנגען, אַז זי האָט דער־גרייכט זעהר אַ הויכע שטופע פון פּולקאָמענהייט. האָט אויף טשיקאַוועס געקויפט אַ פרישען וועקסעל־בלאַנק אין אַ טאַבאַק־קרעמעלע און האָט אַלץ איבערגעשריבען אויף ריין. גלאַט אַזוי זיך. מעהר ניט, כדי צו זעהען וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. „סים אָביאַזיוואַיוס, אַזוי איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס אין בייעם וועקסעל, דערמיט פּאַרפּליכט איך מיר אויסצוצאָהלען אין דעם און דעם טאָג, אין דעם און דעם חודש, אַנטקעגען אָט דעם דאָזיגען שטר־חוב, אויף דער פּאַראָרדנונג פון דער און דער באַנק, אַזוי פיעל און אַזוי פיעל רובעלס, וואָס איך האָב „ספּאָלנאַ" באַקומען אין סחורה — גאָספּאָדינו מעילע־כופּיקו, וועלכער וואוינט אין שקלאָוו, מאָהליווער גובערניע. געחתמעט דעם און דעם דאַטום א. אַ. וו." אַלץ פונקט ווי אין אַלטען צעריסענעם וועקסעל. אויסער דעם וואָס אַנשטאָט 300 רובעל אין אַלטען וועקסעל איז דאָ געווען אַן אַנדער ציפער. מלכקע פיק האָט נאָר צוגעשריבען איין נול, מעהר גאָרניט, און איבערגעביטען איין וואָרט, מעהר גאָרניט. איז געוואָרען דריי טויזענט רובעל. ס'אַ גרויסע נפקא־מיני! ס'איז דאָך אַלץ געווען „אויף צופּלייסען". יאָ, אַנשטאָט דעם נאָמען פון ברעמדען סוחר האָט נאָר מלכקע פיק אַריינגעשריבען זיין אייגענעם כשרען נאָמען. מעהר גאָרניט. אַלץ דאַכט זיך אַזוי זיך, צו זעהען וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. אַרויסגעקומען איז אָבער אַ מייסטערשטיק. איהר זאָלט געווען זיין מיט צעהן קעפּ וואָלט איהר אויך ניט געטראָפען וואו איז דעם שווערס צעריסענער וועקסעל און וואו איז מלכקע פיקס — נאָכגעשריבע־נער. וואָרים דעם שווערס אונטערשריפט מיט אַלע זיינע „קאָט־שערעס און לאָפּעטעס" האָט מלכקע נאָכגעמאַכט ווי אַן אַרטיסט פון פאַך. די בולבעוואַטע נעזער פון די שווערס אותיות אויבען, און זייערע גראָבע „געשפּאָלטענע קאָפּיטעס" אונטען. פונקט און זאָל עס פעהלען אַ האָר! אַפילו די „זשירע" פון אַ ווילד־פרעמ־דען נאָמען אויפן צווייטען זייט וועקסעל, פאַר דער דיסקאָנטע,

האָט מלכקע אויך נאָכגעמאַכט מיט אַלע איידעלע דריידעלעך און גרייזעלעך און עקעלעך. אַ מחיה געווען צו קוקן.

אַז דער געראָטענער איידימעל האָט דערזעהן וואָס פאַר אַן אַנטיק עס איז אַרויסגעקומען פון זיין שווערער אַרבייט, איז ער אויף טשיקאַוועס געפאָהרען אין מאָהליוו, און אַריין אין דעם זעלבען באַנק, וואו פעטער זשאָמע איז אַן אַלטער קונד און וואו אַלע זיינע וועקסלען ווערען דיסקאָנטירט. מלכקע פיק האָט בלויז גע־וואָלט זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען וואָס דערפון וועט ווערען. מעהר גאָרניט. און הערט אַ מעשה אַביסעל! ס׳איז געוואָרען מזומן געלט, איז געוואָרען. כסף עובר לסוחר. מען האָט איהם נאָר גע־בעטען אונטערשרייבען זיין אייגענעם כשרן נאָמען אונטער דער זשירע און אַראָפּגערעכענט איינס פראָצענט דיסקאָנטע, אָנדערהאַל־בען רובעל „אינקאַסאָ” און גערבאָווע מאַרקעס... אויך מיר געלט! ביי אַזאַ סומע פון מזומנים שפּיעלט עס דען אַזאַ גרויסע ראָלע!

ניט רעדענדיג קיין איבעריגען וואָרט שאַרט מלכקע פיק צוזאַמען דאָס ביסעל מזומנים, הויבט זיך אויף און פאָהרט מיטן פּאַרעכאָד גלייך קיין קיעוו. וואָרים, באמת, צוליב וואָס זאָל ער פאָהרען צוריק קיין שקלאָוו און פון שקלאָוו קיין מאָהליוו, און פון מאָהליוו קיין קיעוו? אַזוי־אַרום האָט ער בעסער איינגעשפּאָרט אַ בילעט. געמאַכט עקאָנאָמיע.

געהט אַריבער אַ טאָג, געהען אַריבער צוויי טעג, ניטאָ מלכקע פיק! פאַרפאַלען געוואָרען דער געראָטענער איידימעל. גנעסיע קומט צו לויפען צו דער מאַמען אַ פאַרוויינטע. מיכליע פאַלט אָן אויף פעטער זשאָמען, פעטער זשאָמע אויף איטשייזשען זיין בן־יחיד. דאָס האָט ער, הייסט דאָס, פאַרטריבען מלך־פיקן פון שטוב, מורא געהאַט טאָמער בלייבט איהם וועניג ירושה... נאָר דאָ קומט גאָר אָן אָרע־דער־פּאָטשטער און ברענגט אַ בריף. מען דערקענט באַלד דעם גוטען פּאָטשעראָק. מלכקע פיקס אַ בריף! און געשריבען איז ער אויפן וועג קיין קיעוו. דער שטעמפּעל פון פּאָטשט איז — ראָגאַטשאָוו. עפּעס אַ מאָדנער בריף איז דאָס, אַ פאַרשטעלטער. בלויזע סתרי תורה. „אַזוי, שרייבט מלכקע פיק, ווי די לעצטע פאָר טויזענט רובעל נדן

קען ער פון שווער ניט אַרויסבאַקומען, און אַזוי, שרייבט ער, ווי אין קיעוו וואַרט אויף איהם דער טאַטע מיט אַ געוויסען סוחר און מיט אַ געוויסען געשעפט פון וועלכען מען קען גליקלעך ווערען, האָט ער זיך אַליין געמומען וואָס איהם קומט, אַ געוויסע סומע, און איז אַוועקגעפאָהרען..."

וואו קומט איהם נאָך אַ פּאָר טויזענט רובעל? וואו האָט ער „אַליין גענומען?" מכּח דעם אַלץ איז אין זיין בריף קיין וואָרט ניט געשטאַנען.

.3

אין אַ וועלכע זעקס וואָכען אַרום האָט זיך דער גאַנצער סוד אויפגעקלערט. פון מאָהליוער באַנק האָט פּעטער זשאָמע דערהאַלטען אַ פּאָוויעסטקע, ער זאָל וויסען זיין, אַז דעם און דעם טאָג, אין אַ וואָך אַרום, האָט ער צו צאָהלען אויף זיין וועקסעל דריי טויזענט רובעל...

פּעטער זשאָמען איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען: וואו וועקסעל, וואָס וועקסעל? ווען האָט ער דאָס אויסגעשטעלט אַזאַ גרויסען וועקסעל?... קלאַפּט ער אַוועק אַ טעלעגראַמע, אַז ס'איז, ניט אַנדערש, אַ טעות. קלאַפּט מען איהם צוריק אַ טעלעגראַמע פון באַנק: למען השם ער זאָל גלייך קומען צו פאָהרען. כאַפּט זשאָמע דעם ערשטען פאַרעכאַד און פאָהרט אַוועק קיין מאָהליוו. ווייזט מען איהם אין באַנק שוואַרץ אויף ווייס: דיין אונטערשריפט צי ניט?

— יאָ, מאַכט זשאָמע, און רייבט זיך די אויגען, מיין אונטערשריפט!

— און דריי טויזענט רובעל אויף מלך פּיקס נאָמען האָט איהר אויסגעשטעלט?

— ניין! מאַכט זשאָמע און רייבט זיך די אויגען.

— טו ווער-זשע האָט אונטערגעשריבען אָט דעם וועקסעל?

טהוט זשאָמע אָן די זילבערנע שפּאַקולען און באַטראַכט זעהר גרינדלעך די אונטערשריפט.

— אַ פּנים... איך! ענטפערט זשאָמע גאַנץ צעטומעלט און פאַרשטעהט ניט וואָס דאָס איז פאַר אַ כּישוף. איהם הויבט זיך אָן צו דוכטען, אַז אַ צווייטער פעטער־זשאָמע, מיט פונקט אַזאַ כּתב ווי ער, שפּילט זיך מיט איהם אין באַהעלטערלעך: קוקו, ר' זשאָמע! אייער כּתב! — מיין כּתב! אַייער וועקסעל? ניין!... קוקו! ניין? טו כאַפּט מיך!...

ערקלערט מען איהם אין באַנק גאַנץ באַשטימט:

— דיסקאָנטירט האָט דעם וועקסעל אייער איידים!

— מיין איידים?...

זשאָמען גיט דאָס בלוט אַ זעץ אין קאָפּ אַריין: אָט דאָס האָט געזאָלט מיינען מלכּקעס בריף פון ראָגאַטשאָוו, אַז ער האָט זיך דאָס געלד „אַליין גענומען". גוט! אָבער ווען און ווי אַזוי האָט ער דאָס איהם אונטערגעשריבען מיט זיין אייגענער האַנט אַזאַ בלאַנק? אין חלום, אָדער „שיכּורערהייט"? ער קען זיך ניט דערמאָנען.

— ניין! — שרייט ער איבער דער גאַנצער באַנק, — איך וועל דאָס געלט ניט באַצאָהלען!

ענטפערט מען איהם גאַנץ רוהיג:

— וועט אייער וועקסעל געהן אין פּראָטעסט, און באַצאָה־לען וועט אייער זשיראַנט.

— מיין זשיראַנט? — שפּרינגט אויף זשאָמע — וועלכער זשיראַנט נאָך?

ווייזט מען איהם אַ צווייטע אונטערשריפט, אויפן צווייטען זייט פון וועקסעל. און זשאָמע דערזעהט, אויסער זיין אייגענער חתימה און אויסער דעם כּתב פון גאַנצען פאָרמולאַר, נאָך אַ דריטען כּתב: אַן אונטערשריפט פון זיינעם אַ באַקאַנטען סוחר, ביי וועלכען ער קויפט רויע מאַטעריאַלען פאַר זיין גערבעריי. פונקט, און עס זאָל נאָך פעהלען אַ האָר! טאַקע יענעמס אונ־טערשריפט! מיט אַלע עקעלעך און מיט אלע פיטשעווקעס. האַ? אפשר איז דאָס אין גאַנצען אַ נאָכגעמאַכטע מעשה?... אָבער ווי אַזוי קען דאָס איין מענש שרייבען מיט דריי הענט? ניין,

ער וועט דאָס ניט אויסהאַלטען. ער וועט, שונאי ישראל, אַראָפּ פון זינען...

לויפט זשאָמע אַוועק אַ פאַרסאָפּעטער צו אַ מאָהליוועד אַדוואָקאַט. וואַרטענדיג אין קאָרידאָר אויף זײַן רייה, ווי אַ פּאַציענט, וואָס קען זיך ניט דערוואַרטען מ'זאָל איהם אַרויסרייסען אַ קראַנקען צאָהן, דערמאָנט ער זיך פּלוצלינג אָן גרונים דעם שדכנס שבחים, נאָך פאַר די תנאים: ווי אַזוי, אַ שטייגער, מלכקע פיק האָט זיך קליינערהייט געלערענט שרייבען אויף אַלעמענס האַנטשריפטען, אויפן טאַטענס, אויף דער מאַמעס, אויף די ברידערס האַנטשריפטען, און ווי אַזוי מענשען האָבען זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן... אַזוי קונציג איז דאָס געוועזען נאָכגעמאַכט. הייסט דאָס, אַז ער... ער, דער אויסוואורף, האָט אי דאָס געלט אויסגענאַרט, אי אַליין געפעלשט די חתימות. געוואַלד געשריען!

דער אַדוואָקאַט האָט אויסגעהערט די גאַנצע מעשה, זשאָמעס פאַרדאַכט מיט אַלע זיבען זאַכען, און האָט איהם ערקלערט, אַז ס'איז דאָ צוויי וועגען: אָדער באַצאָהלען דעם געפעלשטען וועקסעל און מאַכען אַ שוויג, אָדער נ י ט באַצאָהלען און לאָזען מלכקע פיק, זיין איידימעל, אַרעסטירען... דאָס שמעקט אָבער מיט אַ מיאוסען משפט, מיט אָסטראָג... גיט ער איהם דערפאַר אָן עצה ער זאָל בעסער דעם וועקסעל אויסלייזען, און זאָל דאָס בעסער בלייבען „צווישען אייגענע”...

פאַר דער קלוגער עצה האָט נאָך זשאָמע געמוזט באַצאָהלען דרייסיג זילבערנע רובעל. „איין רובעל פון הונדערט, אַזוי איז דער דין”... אָט אַזוי האָט איהם דער בראַוועד אַדוואָקאַט פאַרזיכערט. ער האָט באַצאָהלט דעם וועקסעל מיט בזיונות און געבראַכט די טייערע מציאה, מיט די פאַלשע אונטערשריפטען, אַהיים, אַליין אַ האַלב-קראַנקער, אַ צעבראָכענער, שוואַרץ ווי די ערד. מיכליע האָט זיך דערשראָקען, ווען זי האָט איהם דערזעהן, און אויף גיך אַריינגעלעגט איהם אין בעט מיט אַ הייסער פלאַש-וואַסער צו די פיס.

אַז פעטער זשאָמע איז אַ ביסעל געקומען צו זיך, האָט ער גלייך געהייסען, גנעסיע זאָל זיך איבערפעקלען פון איהר

דירה צוריק אַהיים, און אַז מלכּקע וועט צוריק קומען פון קיעוו וועט מען זעהן...

נאָר וואָס איז דאָ, ברוך השם, וואָס צו זעהן? אַז אַהיים קומט ער ניט, דער גערעטענער איידימעל. ער שרייבט אַפילו קיין בריף ניט. מיכליע געהט אום אַן איבערגעשראָקענע, אַ טויטע. גנעסיע קומט אַרויס צו וואַרמעס מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און מיט פאַרוויינטע אויגען. און הענקע קוקט אויף זיי ביידען מיט ברייט-אויפגעריסענע וויעס. קיין שמייכעל זעהט מען מעהר ניט אויף איהר שטיפערישען שוואַרץ-חנעוודיגען פּנימעל. זשאָמען שניידט דאָס אין האַרצען ווי מיט אַ מעסער. מיט די ווייבער קען ער קיין וואָרט ניט אויסרעדען. ער פיהלט זיך שולדיג קעגען זיי. ער האָט „דאָס קינד" אומגליקלעך געמאַכט. אַרויסגעטריבען אַזאַ שטילע טויב ווי שיקעלע זיין פלימעניק, אַריינגענומען אין שטוב אַזאַ זשעדנע סאָראָקע ווי מלכּקע פיק, באשר ער האָט אַ גוטען פּאַטשעראָק... ברענען האָט ער געמעגט מיט זיין פּאַטשעראָק צוזאַמען, איידער ער האָט איהם דערקענט! דאָס געשעפט איז אָפּגעלאָזען... און קלאָגט ער זיך פאַר זיין בן-יחיד, פאַר זיין איטשייזשען, גיט יענער האַסטיג אַ מאַך מיט די פּלייצעס:

— טו זאָלען זיי זיך גטן!

זאָלען זיי זיך גטן... אַ לייכטע זאַך אַרויסצורעדען! איהם, איטשייזשען, איז אַ פּנים דער שידוך לייכט אָנגעקומען. ער האָט דעם מלכּקע פון אָנהויב אָן פיינט געהאַט ווי אַ שפּין — אַרט איהם ניט. „זאָלען זיי זיך גטן" זאָגט ער! און אפשר...

4.

האָט זשאָמע פאַרבויגען זיין האָנאָר און גענומען שרייבען שטילערהייט בריף צו קיעווער באַקאַנטע, מען זאָל דאָרטען זעהן פונאַנדערפרעגען וואו איז מלכּקע פיק, וואָס טוט ער דאָרטען? וואָס קלערט ער ווייטער טאָן?...

ער האָט באַקומען זעהר מיאוסע תשובות. עפּעס האָט זיך אין די בריף גערעדט, פאַרשטעלטערהייט, פון הוליאַנקעס, פון

פרעהלעכע הייזלעך. פון קאָרטען... יאָ, מען זעהט איהם דאָרטען אָפּטמאָל מיט זיין טאַטען, מיט ר׳ „מאיר דרייאיר״. דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוים...

זשאָמע האָט שוין אַליין גענומען טראַכטען פון אַראָפּפאָהרען קיין קיעוו און מאַכען אַ טאָלק... וואָס זאָל הייסען „מאַכען אַ טאָלק״? דאָס האָט פעטער זשאָמע אַליין אויף קלאָר ניט געוואוסט. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז „אַזוי״ קען עס ווייטער ניט געהן, און ווי ער קלייבט זיך אַזוי איז מיטאַמאָל, אין מיטען העלען מאָנטאָג, מלכקע פיק אַראָפּגעפאַלען, ווי פון הימעל, אין שטוב אַריין, מיט אַן אָפּגעטראָגענעם מלבוש, מיט אַ קליינעם רענצעלע אין האַנט. ווי אַ קאָמעדיאַנטשיק אָהן אַרבייט. שלום עליכם, ער איז דאָ!... דאָס מייזישע פּנימל און די פעטע אויגעלעך האָבען איהם חוצפּהדיג-באַשיידען געלויכטען. די ווענסעלעך האָבען זיך אַזוי ציניש געשאָקעלט. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אַ פיפיגען משרתל, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל און ווייסט זעהר גוט, אַז דער באַלעבאָס דאַרף איהם האָבען, אַז ער וועט איהם, מסתמא, צוריקנעמען אויף אַ „שטעל״... אַפּנים גוטעברידער האָבען איהם אין קיעוו צו וויסען געגעבען, אַז אין שקלאָוו זוכט מען איהם, אַז דאָס ווייבעל און די שוויגער „געהען נאָך איהם אויס״...

ווי נאָר פעטער זשאָמע האָט דערזעהן דאָס שפּיציג פּנימל און דערהערט דעם גנבישען קולכעלע איז ער, אַנשטאָט אויפגעקאָכט ווערען פאַר כעס, אַליין אַריינגעפאַלען אין דעם זעלבען שפּילעוודיגען טאָן ווי זיין איידימעל.

— אַה! — איז ער איהם אַרויסגעלאָפען אַנטקעגען אין יאַרמעלקע און אין גערבער-פאַרטוך, — סקאָצעל קומט! עליכם שלום! — האָט ער איהם כלומרשט זעהר האַרצלעך גענומען טרייסלען די האַנט, — איך וואַרט דאָך שוין אויף דיר באַלד פיער חדשים צייט! איך דאַרף דיר באמת נויטיג האָבען...

מלכקע פיקן איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצען. הייסט דאָס, האָט מען איהם אין קיעוו קיין ליגען ניט געזאָגט. האָט ער מיט

אַ האַלב־געפּיצטשעטער, האַלב־איבערגעשראָקענער צופרידענקייט איבערגעפרעגט:

— איהר... איהר דאַרפט מיך טאַקע?

— וואָס רעדסטו וואָס?... אַודאי דאַרף איך דיך, — האָט איהם זשאָמע ניט אויפגעהערט צו טרייסלען די האַנט — איך דאַרף דיר דאָך אויספּאַטשען דיינע ביידע טרפהנע באַקען.

און ניט מאַכענדיג קיין לאַנגע שהיות, רייסט ער פּלוצלינג איבער דאָס לאַנגע שלום־עליכם, הויבט אויף אַ לאַפּע און לאָזט מלכקען אַראָפּ צוויי שווערע פייערדיגע פּעטש, אַז מלכקען איז פאַרגאַנגען אי חכמה אי חוצפה, און עס זיינען איהם פאַרקלונגען געוואָרען ביידע אויערען. מלכקע פּיק האָט גלייך פאַרלאָרען דעם האָנאָר זיינעם, זיין גערעכטענקייט און שפּילעוודיקייט, האָט זיך אַראָפּגעלאָגט אַ צעטומעלטער אין מיטען שטוב, אויף זיין לעדער־נעם רענצעלע און האָט זיך צעכניקעט ווי אַ געשלאָגענער צוצי־קעל.

— פּאַ... פּאַ... פאַרוואָס שלאָגט מען מיך? בו־או!...

זשאָמע האָט פאַר זיך דערזעהן אַזאַ דערשלאָגענקייט ביי זיין גערעכטענעם איידימעל און איז אַ ביסעל ווייכער געוואָרען:

— פאַרוואָס שלאָגט מען דיך? — האָט ער איבערגעקרומט.

און ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, איז ער אַריינגע־לאָפען אין שלאָפצימער און אַרויסגעכאַפּט דאָרטען פון אַ שופ־לאָד דעם אויסגעלייזטען וועקסעלע, אונטערגעטראָגען עס מלכקען אונטער די סאַמע וועגסעלעך:

— אָט גלייך זאָלסטו מיר זאָגען! דיין חתימה צי מיינע?....

מלכקע האָט, כלומרשט, געכניקעט מיט גרויס חרטה.

— אָט שוין אויפן אָרט זאָלסטו מיר זאָגען! — האָט זשאָמע געברעוועט, אין „סימביר” וועל איך דיך פאַרשיקען!...

מלכקע פּיק האָט אָנגעשפּיצט זיינע מייזישע אויערלעך. צעפּאַטשט ווי ער איז געוועזן, האָט ער נאָך געהאַט גענוג וואַכ־קייט צו דערפיהלען, אַז זשאָמעס צאָרן איז שוין אַוועק און אַז אַ מין פּאָטערלעכע גוטמוטיגקייט ברומט אַרויס פון זיין שרייען.

אין דער אמתן איז שוין פּעטער־זשאַמע איצט געוועזן מעהר נייגעריג ווי אין כּעס. טיעף אין האַרצן האָט ער נאָך געצווייפעלט, אַז אַ מענשענקינד און ניט קיין רוח, איז בכּוח נאָכצומאַכען אַזוי גוט אַ צוויי־טענס כּתב, אַ כּתב פון דריי מענשען אויף איין שטיקעל פּאַפּיר... מלכּקע האָט דאָס תּופס געוועזן אין פּליה. האָט ער פאַרזיכטיג אַ שאָקעל געטאָן מיט זיינע שיטערע וועגסעלעך, איבערן אַלטען וועקסעל, ווי אַ גרויסע שצורע, איידער זי בייסט אַריין אין קעז. פאַר זיינע פאַרגאָסענע אויגלעך האָט אַ שווים געטאָן דער שעף־ד׳עוור זיינער, זיין קונציגע שאַפונג, וואָס האָט איהם שפּילעוודיג אַריינגעבראַכט דריי טויזענט רובעל. זיין האַרץ האָט איהם אַ ציטער געטאָן פון באַהאַלטענעם שטאָלץ. דער פאַלשער וועקסעל, וואָס דער שווער האָט איהם געהאַלטען אונטערן נאָז. האָט אויף איהם געווירקט אָפּפרישענדיג, ווי ווייהרויך, וואָס מען גיט שמעקען דעם טייוועל... האָט ער צוזאַמענגענומען זיין לעצט ביסעל חוצפה, ממוריש אויפגעהויבען צום שווער די פאַרלאָפענע אויגען זיינע און, מיט דער אַמאָליגער געפּיעשטשעטקייט פון אַ געראָטענעם איידימעל, אַ פּרואוו געטהאָן די אַלטע סטרונע, זשאַמעס שוואַכע סטרונע:

— זאָל זיין, אַז איך... אָבער דער כּתב!... וואָס זאָגט איהר עפּעס, שווער, אויף אַזאַ פּאָטשעראָק?

אָט די דרייסטקייט האָט געטראָפען אין פּינטעל אַריין. זשאַמע האָט אַ ווײלע שווייגענדיג באַטראַכט מלכּקעס צעפּאַטשטע באַקען, דערנאָך אַרויסגעכאַפּט פון בוזעם־קעשענע די שפּאַקולען מיט די זילבערנע האַלאָבליעס, אָנגעזאָטעלט זיי מיט אַ שמייכעלע אויף דער פליישיגער נאָז, און שטעהענדיג אַזוי, איך ברודיגען פאַרטוך, אַנטקעגען זיין געפּאַטשטען איידימעל אויפן רענצעלע, אַריינגעקוקט אין פאַלשען וועקסעלע אַריין. ער ווייס אַליין ניט ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, אָבער ער האָט פּלוצים דערפיהלט צו מלכּקעס כּתב אַ מין ליבשאַפט, אַ פאַרגעסענע ליבשאַפט צו אַן אומטרייער „געליבטער“.

— וואָס אמת איז אמת, — האָט פּעטער־זשאַמע אַרויסגע־

ברומט האַלב-ערנסט האַלב שמייכלענדיג — אַ פּאָטשעראָק האָסטו אַ גוטען... דאָס איז דען איין פּאָטשעראָק? דאָס זיינען דאָך דריי פּאָטשעראָקען...

נאָר פּלוצלינג האָט זיך פּעטער-זשאָמע דערמאָנט, אַז ער רעדט דאָ עפּעס ניט אויפן אָרט און ניט צו דער זאַך. האָט ער האַסטיג אַראָפּגעריסען די זילבערנע שפּאַקולען פון נאָז, גע-מאַכט אַ פינסטערע מינע און אַ זאָג געטאָן:

— נאָר גלייכער וואָלט געווען איך וואָלט דיך אינגאַנצען ניט געקענט!...

מען איז שלום געוואָרען. צום פערטען מאָל איז מען „שלום געוואָרען". מלכקע האָט זיינס דערגרייכט. פון די פּעטש אָן, וואָס ער האָט צום ערשטען מאָל באַקומען פון זיין שווער, האָט ער זיך עפּעס פאַרטאָיעט, קלענער געוואָרען, שטילער גע-וואָרען. אַ פּאַרע האָט מען פון איהם נישט געהערט. העפּלעך מיט אַלעמען אין שטוב, ניט פויל אויף אַ גאַנג. פּעטער זשאָמע האָט שוין געגומען בענשען די הענט זיינע, וואָס האָבען געפּאַטשט, און דעם פאַלשען וועקסעל, וואָס האָט איהם אומגעקעהרט אַ קינד אין שטוב. אַ כפּרה דאָס געלט. אַבי דאָס איידימעל הויבט זיך אָן אויסצומענשלען! גנעסיע האָט ווידער אָנגעהויבען צו שמייכלען, הענקע — צו שטיפען...

אָבער אין סאַמע מיטען טריאומף איז איינמאָל מלכקע פיק פאַרפאַלען געוואָרען. ער איז ניט געקומען צו וועטשערע, ער איז ניט געקומען נאָך וועטשערע, ער איז ניט געקומען נאָך האַלבע נאַכט. מען האָט איהם אַרומגעזוכט ביי אַלע קרובים און באַקאַנטע און ניט געפונען. ערשט אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מען זיך דערוואוסט פון קושקע-בראַנד דעם באַלעגאָלע, אַז מלכקע פיק איז נעכטען, נאָך וואַרמעס, אַוועקגעפאָהרען מיטן פאַרע-כאָד. וואָס הייסט אַוועקגעפאָהרען מיטן פאַרעכאָד? אָט אַזוי הייסט דאָס. קושקע-בראַנד האָט איהם מיט די אייגענע אויגען געזעהן ווי ער שטייגט אַרויף אויף דער קלאַטקע פון פאַרעכאָד. אין האַנט האָט ער געהאַלטען נאָר איין קליינעם רענצעלע פון געל-בען לעדער...

מען כאַפּט זיך אין שטוב צו גנעסיעס ציערונג — נישטאָ קיין ציערונג! דער קלאַפּ־שלאָס פון איהר קאָמאָד איז אַרונ־טער־געקוועטשט מיט אַ דלאָטע. מען דערקענט נאָך די סימנים אויפן שופלאָד. עס פעהלען די פּערל, וואָס די מאַמע האָט איהר געשענקט צו דער חתונה, די בריליאַנטענע אוירינגלעך, וואָס די קיעווער מחותּנתטע האָט איהר געשענקט, די מתּנות פון איטשיי־זשען — איהר ברודער, פון פעטער אורין... ניטאָ!

אין שטוב איז געוואָרען תּשעה־באָב. אַ שטילער תּשעה־באָב. מען האָט געמאַכט אַ שווייג און שטילערהייט גענומען רעדען פון דעם, וועגען וואָס יעדער אין זשאָמעס הויזגעזינד האָט שוין פריהער געטראַכט און מורא געהאַט אַרויסצוזאָגען, אויסער איין איטשייזשען —

פון אַ גט.

# א „מאָנאַרכע" מיט געלע שיך

.1

איינמאָל, אין אָנהויב זומער, נאָך קבלת־שבת, איז זשאָמע געקומען פון ליובאַוויטשער בית־מדרש אַהיים. און בשעת זאָגען „שלום עליכם מלאכי השרת", איז ער עפּעס געוואָרן שטאַרק פאַר־טראַכט. ער איז אומגעגאַנגען איבערן שטוב און האָט, ווייזט אויס, אַליין ניט באַמערקט, אַז מיטן מויל זינגט ער אונטער, פאַרבעט צו זיך די „אויבערשטע מלאכים", די „מלאכים פון הקדוש ברוך הוא", און אין קאָפּ לויפען איהם דערווייל אַרום גרויע מחשבות, וואָכעדיגע מחשבות פון צער, פון חרפה און פון חרטה...

און ווייטער, ווען עס איז געקומען צו „אשת חיל מי ימצא..." האָט ער ניט געשמייכעלט צו מיכליען זיין ווייב, ווי זיין שטייגער איז אַלע שבת פאַרנאַכט, נאָר ער האָט שווער אַראָפּגעלאָ־זען זיין האַרטען קאָפּ, אין האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענט און געכמורעט די ברעמען. איז ביי איהם אַזוי אַרויסגעקומען:

— אשת חיל מי ימצא... נאַ! ס'הייסט ווער זאָל זיך גע־ווען ריכטען? ורחוק מפנינים מכרה — עט, ס'איז שוין אַ פאַר־פאַלענע זאַך! בטח בה לב בעלה — און אפשר?... ושלל לא יחסר... מילא, מ'עט זעהן. גמלתהו טוב ולא רע — ווי אַזוי וועט מען זעהן? א. אַ. וו.

זינט מלכקע פיק, דער געראָטענער איידימעל, איז אַנטלאָ־

פען מיט דער ווייבס ציערונג און מיט דעם גאַנצען דרשה־געשאַנק, האָט מומע מיכליע געזעהן פעטער זשאָמען, ניט איינמאָל און ניט צוויי מאָל, אַ צעטראָגענעם, אַ צעריסענעם, ווי אַ מעקלער אויף אַ יאַריד, ווי אַ קרעמער פאַר אַ גויעשקער חגא. אַ געררייצטקייט האָט זי ביי איהם באַמערקט און תנועות, וועלכע זשאָמע אַליין האָט כל ימיו פיינט געהאַט, און חוזק געמאַכט ווען ער האָט זיי געזעהן ביי אַנדערע... זיינע שטאַרקע שלייפען זיינען ביי איהם איינגעפאַלען און דער קול איז געוואָרען הייזעריגלעך, ער האָט שווער פאַרדייעט דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפען איהם און גנעסיען זיין טאָכטער, און דעם גאַנצען צער פון ווייב און קינדער. פון מלכקע פיק האָט זיך אַפילו באַקומען אַ בריף, אַז ער טהוט אַ „געוויסען" געשעפט, אַז ער האַלט יעצט אין איינקויפען אַ „געוויסע" פאַרטיע סחורה, דריי וואַגאָנעס סחורה, פונקט דריי וואַגאָנעס, ניט מעהר און ניט ווייניגער !... און ער האָפט, אַז גאָר אינגיכען, אָבער גאָר אינגיכען, וועט ער פון געוויסען געשעפט גליקלעך ווערען. זאָל איהם שוין אַזוי גאָט געבען אַל־דאָס גוטס, ווי דאָס מאָל ווייסט ער אויף געוויס, אַז ס'וועט זיין מיט הצלחה און ער וועט דעם שווער אַלץ באַצאָהלען, און וועט גנעסיען קויפען נאָך שענערע ציערונג ווי זי האָט געהאַט. ער ווייסט, אַז ער האָט זיך דאָס מאָל ניט גוט אויפגעפיהרט, נאָר זאָל ער אַזוי לעבען, זאָל ער אַזוי געזונט זיין, ווי דאָס מאָל... נאַ, אָט וועט מען זעהן ! און דערווייל בעט ער, אַז גנעסיע זאָל קומען צו איהם קיין קיעוו. וועט זי אַליין זעהן. און אַז זי וועט שרייבען פון קיעוו וועלען שוין שווער און שוויגער גלויבען.

די גאַנצע צייהן־פאַררעדעניש איז געווען אָנגעשריבען מיטן גוטען, מיטן אמתן פאָטשעראָק פון פאַר די תנאים. מלכקע פיק האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק געסטאַרעט צו געפינען ווידערלייטזעליגקייט אין זשאָמעס אויגען, אויפוועקען די אַלטע ליבשאַפט צו איהם און צו זיין כתב... נאָר ס'האָט ווייניג וואָס געהאָלפען. פעטער־זשאָמע האָט שוין מעהר זיין געראָטענעם איידימעל ניט געגלויבט, אויפן גוטען פאָטשעראָק האָט ער שוין

געקוקט ווי אויף הינטישע שטיק, ווי אויף דאָס בלוט, מיט וועלכע ניט־ראַיעלע חברה־לייט פון מאַרק גיסען אָפּ די זשאַברעס פון פוילע פיש... האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם בריף אָן דר׳ערד און גוזר געווען אויף גנעסיען, אויף זיין בלייכער פּאַווע מיט די גרויע טרויעריגע אויגען:

— דו פאָהרסט ניט!

גנעסיע האָט אַפילו גאָרניט געזאָגט, אַז זי וויל יאָ פאָהרען. נאָר מאַלע וואָס אַ יונג ווייבעל קען זיך פאַרוועלען, ווען דער מאַן, דער אַנטיקעל, איז שוין באַלד פיער חדשים ניטאָ אין דער היים. טאָ זאָל זיך איהר אַפילו ניט וועלען.

דערנאָך האָט ער זיך באַטראַכט, אַז ער האָט דאָס צו האַרט אויסגעשריען. ער איז דאָך אַמאָל אויך געווען יונג. און ווייסט ווי דאָס האַרץ קלעמט אַ יאָהר אָדער צוויי נאָך דער חתונה, ווען מאַן און ווייב זיינען צעשיידט. האָט ער אַ ווייל געוואַרט, אפשר וועט גנעסיע עפּעס זאָגען דאַגעגען, אפשר וועט זי אָנהויבען וויינען... און ניט דערוואַרטענדיג זיך, האָט ער אַליין געמאַכט אַ פירוש אויף זיין שטרענגען פריקאַז:

— פאַרשטעהסטו, טאָכטערקע, אַז דו וועסט זיין אין קיעוו וועט ער אונז האַלטען אין האַנט... און ווער ווייסט וואָס ער וועט נאָך אָפּטאָן! אַזוי, אַז דו ביסט דאָ, האַלטען מיר איהם... ס׳איז אַ סך גלייכער.

ערשט דאָ האָט גנעסיע דערפיהלט, אַז זי געפינט זיך, צווישען טאַטען און מאַן, אַלס אַ מין פאַנט. יעדער פון זיי וויל זי האָבען ביי זיך כדי צו זיין שטאַרקער, כדי דורכצופיהרען זיינע אייגענע פּלענער. אויף איהר אַליין, אויף איהר אָנגעוועהטאָגט האַרץ, קוקט זיך קיינער ניט אַרום. יאָ, יאָ.

און זי האָט זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט.

אַ העלפט האָט גנעסיע געוויס געטראָפען. וואָס מלכקע פיק האָט געפּלאַנט, מיטן אַראָפּברענגען זי קיין קיעוו, קען מען ניט וויסען. נאָר אמת איז, אַז פעטער זשאָמע האָט זיך פעסט אַריינגענומען אין קאָפּ פּטור צו ווערען פון זיין גערעָטענעם איידימעל. ער האָט נאָר געזוכט אַ וועג ווי צו לאָזען געבען גט

זיין פאַראומערטער טאָכטער, אָהן טומעל און אָהן דין־תּורות און אָהן לייטישען געלעכטער. היינט, צו קבלת־שבת אין ליובאַ־וויטשער בית־מדרש, איז איהם אַפּנים עפּעס איינגעפאַלען, וואָ־רים אַז ניט — וואָלט ער ניט געווען אַזוי צעטראָגען.

.2

מומע מיכליע, ווי נייגעריג זי איז ניט געווען, האָט איהם געלאָזען רוהיג מאַכען קידוש, דערנאָך „המוציא" און אָפּעסען די גוטע פיש מיט כריין. פון דער פּראַקטיק האָט זי געוואוסט, אַז מען טאָר איהם ניט שלעפּען פאַר דער קאַפּאָטע. זאָל ער זיך בעסער אַליין „פאַרנאַנדערקנעפּלען".

אָבער זשאָמע, וואָס האָט אַלעמאָל געהאַט אַ גוטען אַפּעטיט צו דער שבתדיגער וועטשערע, האָט דאָס מאָל געצויגען, געקאָ־לופּעט מיטן גאָפּעל, געברעקעלט די „המוציא". אַלעמאָל אַ מאָ־דים אויף דער אַנאַטאָמיע פון אַ געפילטען קאַרפּען־קאָפּ — האָט ער דאָס מאָל גאָרניט געקענט פאַרטיג ווערען מיט דער געש־מאַקער אַרבייט. האָט זיך שוין מיכליע מעהר ניט געקענט איינהאַלטען:

— וואָס ביסטו עפּעס אַזוי צעטראָגען?

— איך בין צעטראָגען? — האָט זיך זשאָמע געוואונדערט, אָננעמענדיג כריין מיטן מעסער. — איך בין גאָרניט צעטראָגען.

נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך מישב געווען:

— נאַ. טרעף ווער עס איז געקומען.

— ווער איז געקומען? — איז מיכליע געוואָרען אומרוהיג, — ניט אפשר... פון קיעוו?...

— דער מחותּן דיינער?... ביסט אַ אידענע! ער וועט ניט קומען! ער האָט ניט וואָס צו קומען! — האָט זשאָמע צוגעגעבען מיט אַ באַהאַלטענעם כעס און געוואָרפען אַ פינסטערען קוק אויף גנעסיען.

מיכליע האָט געקענט איהר מאַן. כּדי אָפּהאַלטען זיין צאָרן און ניט פאַרשטערען דעם שבת, האָט זי גלייך געהייסען דער־לאַנגען די שבתדיגע יויך מיט פאַרפעלעך. האָט מען גענומען

זופּען שווייגענדיג, געשפּאַנט. אָבער פּעטער זשאָמע האָט זיין טעלער יויך ניט דערעסען. ער האָט אין מיטען זופּען אויסגע־ווישט די וואָנסעס מיטן ברעג פון טישטוך און אַ זאָג געטאָן:

— שיקעלע איז דאָ...

און פּונקט ווי ער וואָלט מיט די דריי ווערטער אַראָפּגע־וואָרפען אַ שווערען שטיין פון זיין עקשנותדיגען קאַרק, האָט זיך פּעטער זשאָמע אויסגעגלייכט און אַרומגעכאַפּט ווייב און טעכטער מיט איין שמאָלען, ניט־זיכערען קוק.

— שיקעלע ?...

מומע מיכליע האָט שטאַרקער פאַרצויגען די שבתדיגע קאָ־סינקע אויפן האַלז. גנעסיע איז רויט געוואָרען. און הענקע די־שטיפערקע האָט אָנגעהויבען צו פינטלען מיט די אויגען.

די האַלב־פרעהלעכע, האַלב־פיינליכע דערשיטערונג פון די דריי ווייבער אַרום טיש האָט זיך איבערגעגעבען פּעטער זשאָמען אַליין, געבראָכען זיין שטייפקייט. ער האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען, געקייקעלט זיך עפּעס באַרג־אַראָפּ מיט זיין צאַפּעלדיגער נייעס צוזאַמען. כאָטש פּיהלען האָט ער געפיהלט, אַז ער פּטרט אַלעמען אַוועק די שבתדיגע ווערטשערע:

— אויסגעקליידט און אויסגענעהט איז ער ווי אַ מאָנאַרכע, מיט געלע שיך... טראָגט אַזעלכע גאָלדענע האַלבע שפּאַקולען. ניט שפּאַקולען — „פּיסנע" הייסט דאָס... פון וואַנען קומט ער ? פון וואַנען זאָל ער קומען ? פון וואַרשע קומט ער צופאָהרען. שוין באַלד איבער אַ יאָהר, אַז ער איז דאָרטען אַ גאַנצער מאַכער אין אַ באַנק. פיני פון פּאַהאָסט האָט גאָר קיינעם ניט דערצעהלט !... מנאַ. און אפשר איז ער גערעכט פיני... אויף מיר ברוגז מסתמא...

די לעצטע ווערטער האָט פּעטער זשאָמע אַרויסגערעדט מיט פאַרדראָס. עס האָט איהם קענטיג וועה געטאָן, וואָס ער האָט זיין אָרימען פּלימעניק, פיניס זוהן, אַזוי מיאוס פאַרטריבען פון שטוב... ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, ווי מיכליע גיט איהם סיגנאַלען, ער זאָל אויפהערען צו דערצעהלען. וואָרים אין גנעסיעס פּנים האָבען זיך גענומען בייטען אַלערליי קאָלירען,

און איהר ווייכע געמבע האָט אָנגעהויבען ציטערען. און מיט אַמאָל דערהערט פעטער זשאָמע אַן אָפּגעריסענעם כליפּ. און גנעסיע הויבט זיך אויף פון טיש און שווימט אַוועק ווי אַ פּאַווע.

— וואוהין גנעסיע?

נאָר ס'האָט שוין מעהר ניט געהאָלפען דאָס נאָכרופען. זי איז ווײנענדיג אַוועק אין איהר קאַמער און די שבתדיגע וועטשערע איז פאַרשטערט געוואָרען. מיכליע האָט איהר געוואָלט נאָכלויפען. אָבער פעטער זשאָמע האָט זי אַ ציה געטאָן פאַרן אַרבעל און שטום אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט זי זאָל איהר לאָזען צורוה. אָהן גנעסיען ביים טיש איז איהם געוויען לייכטער אויפן האַרצען. די סצענע, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער שלאָגט שיקעלען אין דער פאַרשנייטער סוכּה מיט צוויי נאַסע באָבערס, האָט איהם שוין מעהר ניט אַזוי וועה געטאָן... מיכליע אַליין איז שוין, ברוך-השם, געוועהנט געווען, אַז גנעסיע זאָל אַנטלויפען פון טיש. זינט דער חתונה מיט דעם אומגליק איהרען, מיט מלכּקע פּיק, איז זי געוואָרען ווײנענדיג און קאַפּריזנע. ווי נאָר עפּעס אַ האָר — צעווײנט זי זיך און אַנטלויפט.

בשעת שניידען די שבתדיגע געפילטע קישקע האָט מיכליע אַ פרעג געטאָן, אַזוי אָנדערזייט, ניט קוקענדיג זשאָמען אין די אויגען:

— ער איז גאָרניט צוגעגאַנגען צו דיר? ווי?

— הם... — מאַכט זשאָמע — פאַרוואָס זאָל ער עפּעס ניט צוגעהן? ער איז יאָ צוגעגאַנגען, געגעבען שלום... אַן איידעלער בחור.

— האָסט איהם גאָרניט פאַרבעטען צו וועטשערע? — האָט זיך מומע-מיכליע אַלץ נאָכגעפרעגט.

שטעלט זיך אַרויס, אַז זשאָמע האָט איהם יאָ פאַרבעטען. נאָר שיקעלע האָט אָפּגעזאָגט... געזאָגט, אַז ער שטעהט איין ביי יחיאל דעם חזן, זיין אַמאָליגער באַלעבאָס פון דירה; און מען ריכט זיך דאָרטען אויף איהם צום טיש, קען ער ניט...

— האָט ער זיך גאָר אויף קיינעם ניט נאָכגעפרעגט?

— פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט נאָכפּרענען? ער האָט זיך יאָ נאָכגעפרעגט. נאָכגעפרעגט זיך אויף דער מומען, אויף העגקען, אויף גנעסיען... הם. אויף גנעסיען עטלעכע מאָל. ברוך־השם! שעהנע זאַכען איז דאָ צו דערצעהלען פון גנעס־יען. יאָ. די האַלבע־שפּאַקולען, די „פּיסגע״ הייסט דאָס, גיבען איהם גאָר צו אַן אַנדער חן. וואו קורצזיכטיג, וואָס קורצזיכטיג, ווי אַמאָל! ע־ קוקט איצטער גלייך אין די אוי־גען. ז... פריץ! יחיאל דער חזן, ביי ווען ער שטעהט איין, דערצעהלט גאָר פון איהם גאַנצע חידושים. ער האָט שוין, זאָגט ער, אַ ביסעל געלד אין באַנק און פאָהרט דאָס יעצט צום טאַטען אין פּאַהאָסט צו־גאַסט, ער איז היינט אין דער פריה אָנגעקומען מיטן פאַרעכאָד פון אָרשע און ניט געוואָלט אַריינ־פאָהרען מיט אַ פוהרעל אין פּאַהאָסט, אין ליכט־בענשען אַריין. איז אָט... איז ער געבליבען איבער שבת אין שקלאָוו.

— ס'איז זעהר פיין, — האָט זיך צעשמייכעלט מומע מיכ־ליע. — טאַקע אַן איידעלער בחור.

דער מאַמעס שמייכעל האָט העגקען באַרוהיגט. האָט זי זיך שטיפעריש נאָכגעפרעגט ביים טאַטען:

— ער האָט נאָך אַ סך זומער־שפּרינקעלעך, שיקעלע?

— ניין, קיין סך ניט, — האָט פעטער זשאָמע שוואַך אַ שמייכעל געטאָן — נאָר עטליכע „קלאַיען״ זיינען איהם נאָך גע־בליבען אויפן נאָז. יחיאל דער חזן זאָגט, אַז ער האָט זיך אין וואַרשע געשמירט מיט אַזעלכענע זאַלבען...

— ער חתנט זיך, שיקעלע, — האָט מומע־מיכליע צווייד־טיג אַ זאָג געטהאָן.

זשאָמע האָט זיך אָנגעשפּיצט:

— פאַר וועמען זאָל ער זיך חתנען?

— אָט, פאַר יחיאל דעם חזנס פּאַמפּעשקע, פאַר זיין ניע־כען...

— ביסט אַ אידענע! — איז פעטער־זשאָמע פּלוצלינג אין כעס געוואָרען.

מומע־מיכליע האָט זיך איבערגעקוקט מיט העגקען איהר

מוזינקעלע. הענקע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען. זיי האָבען זיך ביידע, שטומערהייט, פאַרשטאַנען.

3.

אין יענער נאַכט, נאָך דער פאַרשטערטער שבתדיגער וועטשערע, איז גנעסיע ניט געשלאָפען. די ליבע־צעטעלעך, וואָס שיקעלע האָט איהר אַמאָל געשריבען, האָבען ווי ווייסע פלעדערמייז געפלאַטערט אַרום איהר בעט. אַ האַלבע עגונה ווי זי איז איצטער געווען, פיער חדשים אַליין, אָהן דעם אַנטלאָפענעם מאַנדל, וועלכער שליאָנדערט אַרום ערגעצוואו אין קיעוו, האָט זי אַלץ אויפגענומען אין זיך שאַרף און קריינקלעך. דער „מאָנאַרכע מיט געלע שיך" — שיקעלע, ווי דער טאַטע האָט פון איהם גערעדט ביים טיש, איז אויסגעוואַקסען אין איהר ציטערדיגען דרימעל אַ סך העכער ווי ער איז. פון זיינע בלאָנדע האָר האָט זיך געפלאָכטען אַ קרוין, און פון זיינע געלע שיך זיינען געוואָרען שטיוועל, אַזוי ווי די כוואַטסקע פערד־רייטער טראָגען. און זיינע גאָלדענע „פיסנע" האָבען איהם די אויגען שאַרף געמאַכט. אַזוי קוקט ער אויף איהר מיט אַ פּאָר בלויע לאַכעדיגע אויגען און בויגט זיך איבער איהר בעט. נאָר זיינע לאַנגע וויעס ציטערען, ווי אַ ליכטעל וואָס צאַנקט...

— גנע־סינ־קע! — גיט ער מיט אַ מאָל אַ זאָג אַזוי ליבלעך און צעצויגען, און נעהמט זי שטיל אַרום.

זי כאַפּט זיך אויף פון דרימעל — ערשט ס'איז גאָר הענקע! ביי דעם שיין פון דער צאַנקענדיגער, שבתדיגער ליכטל אויפן טיש, האָט זי הענקע אַרומגעכאַפּט מיט איהרע ביידע נאַקעטע אָרעמס, אין בלויזען העמד.

— דו שלאָפסט גאָר, גנעסינקע? — פרעגט די שטיפערקע — און איך קען גאָר ניט איינשלאָפען. בין איך צו דיר געקומען.

און ביידע שוועסטער האָבען זיך גענומען שושקען, מיט צעפלאַמטע בעקלעך און מיט טרוקענע ליפען. דאָס ליכטעל איז אויסגעגאַנגען. האָט מען זיך געשושקעט אין דער פינסטער.

אַ גריל פון אויווען האָט געמאַכט ציר־ציר, ציר־ציר, ווי אַ פאַרשווערער. ס'הייסט: סודעט אייך, שוועסטערלעך, וויפיעל איהר ווילט. איך שטעה אויף דער וואַך. ציר־ציר!

הענקע האָט גערעדט נאָכאַנאַנד פון דעם „מאָנאַרכע מיט געלע שיך" און געשטיקט זיך פאַר געלעכטער. נאָר אין איהר געלעכטערל האָט גנעסיע געהערט גאָר אַן אַנדער אָפּקלאַנג, אַן אָפּקלאַנג פון אַ פאַרלאַנג, וואָס גנעסיע האָט אַזוי גוט געקענט, פאַר דער חתונה, ווען עס האָט זיך איהר געבענקט, און זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס דאָס איז... זי וואָלט בלויז געוואָלט זעהן, אַזוי האָט זיך הענקע געשטיקט מיט איהר פאַרזופּטען געלעכטערל און מיט איהר סודען זיך, בלויז זעהן ווי אַזוי עס וואַקסט אויס פון אַ פּאַהאָסטער „כניאָק" אַ... „מאָנאַרכע מיט געלע שיך". מעהר וויל זי גאָרניט. זי האָט מורא, זאָגט הענקע, אַז ער וועט אַוועקפאָהרען באַלד נאָך שבת און וועט אַפילו אין שטוב ניט אַריינקומען... ער איז דאָך נאָך אַודאי אין כעס אויפן טאַטען, זינט דער מעשה אין דער סוכה... דערפאַר איז זי דאָך, גנעסיע, היינט אַוועק פון טיש... זי האָט זיך אַודאי דערמאָנט. זאָל זיך גנעסיע יעצט ניט שעמען און דערצעהלען, אַצינד איז דאָך שטאָק פינסטער... וואָס האָט איהם דאָרטען אַמאָל דער טאַטע געטאָן אין סוכה דערפאַר וואָס ער, שיקעלע, האָט איהר דאָרטען אַ קוש געטאָן? זי ווייס אַליין ניט? זי איז דאַן אַרויסגעלאָפען?... אַ!... נאָר מען זעהט, אַז דעם טאַטען פאַרדריסט עס שטאַרק. ער נעמט זיך דאָס לעבען. ער זאָגט ניט. נאָר מען זעהט... אָט האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן ביים טיש, אַזוי זיך אַ זאָג געטאָן, אַז שיקעלע איז עפּעס צו נאָהענט צו ר' יחיאל דעם חזן, ער מוז מיינען די פּאַמפּעשקע זיינע, ניעכען די שעהנינקע, די גראָבינקע... איז דער טאַטע געוואָרען אין כעס. ביסט אַ אידענע! האָט ער אַ געשריי געטאָן. וואָס האָט ער דערמיט געמיינט?

גנעסיע האָט וועניג גערעדט. זי איז געלעגען מיט נאַקעטע אָרעמס פאַרוואָרפען הינטערן קאָפּ און צוגעהערט. נאָר פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפען אַ וואָרט. עס האָט איהר געשטאָכען אין האַרצען דאָס, וואָס הענקע רעדט אַזוי גרינג פון שיקעלען. ווי

אַזוי קען מען דאָס גאָר ?... און ס'האָט איהר געשטאָכען, וואָס שיקעלע שטעהט איין ביי יחיאל דעם חזן. אַזוי נאָהענט צו דער פּאַמפּעשקע... אַלע זאָגען טאַקע, אַז זי איז זעהר אַ שעהן מיי־דעל.

און מיטאַמאָל, גאָר אומגעריכט, האָט גנעסיע שטאַרק און ליידענשאַפטליך אַרומגענומען איהר שוועסטערל:

— זאָג נאָר, הענקעלע, וועסט מיט מיר מאָרגען געהן אויף „נעוווסק" ?

הענקע איז גלייך אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך עפּעס איינגעהערט. זי האָט אין גנעסיעס שטילען קול דערהערט אַזאַ טרוי־עריגקייט, אַזאַ געבעט, און האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט צופיעל גערעדט נאַרישקייטען און צופיעל געשטיפט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז גנעסיע האָט נאָך שיקעלען ניט פאַרגעסען, אַז זי געהט אויס צו זעהען זיך מיט איהם, און האָט מורא שיקעלע זאָל ניט אַוועק־פאָהרען. וויל זי דאָס מאָרגען אַרויס שפּאַצירען אויף „נעוווסק", אָט אויף דער ברייטער שקלאָווער גאַס, וואָס ציהט זיך צווישען גרינעם קלויסטער און צווישען מיהל, פּאַזע מיטן דניעפּער. דאָר־טען וואו שבתדיגע באַלעבעסלעך שפּאַצירען, און וואו חתנים און כלות באַגעגענען זיך פאַרנאַכט. האָפּט זי, אַ פּנים, גנעסיע, אַז זי וועט דאָרטען מאָרגען, שבת, באַגעגענען שיקעלען, נאָר זי שעמט זיך אַליין צו געהן.

— וועסט געהן ? — האָט זיך גנעסיעס קול געבעטען אין דער שטיל. טרעהרען האָבען אין איהר קול געציטערט.

דער דאָזיגער צער האָט הענקען געמאַכט פאַרגעסען אויף איהר אייגענער נייגעריגקייט, אויף איהר אייגענער קנאה צו דער „פּאַמפּעשקע" ביי יחיאל דעם חזן אין שטוב. זי האָט זיך צוגע־כאַפּט צו גנעסיען קושען זי. און נאָך יעדען קוש אַ שושק געטהאָן:

— כ'וועל געהן, גנעסינקע, כ'וועל געהן! כ'וועל געהן!

*  *
*

ניט געקענט איינשלאָפן האָבן אויך מומע־מיכליע און פעטער־זשאָמע. אין פינסטערן שלאָפצימער, וואו קיינער, אַפילו מיכליע, האָט איהם ניט געקענט זעהן, האָט זשאָמע אַראָפגערעדט פון האַרצען אַלץ וואָס האָט איהם געדריקט. זיין פאַרדראָס אויף זיין איידימעל, וואָס האָט אומגליקלעך געמאַכט זיין גאַנצע שטוב, זינט ער איז אַהער אַראָפּגעקומען מיט זיין „פּאָטשעראָק״. ער האָט מודה געווען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע עולה געגען אַזאַ טייער קינד ווי שיקעלע איז געווען, אַזאַ שטילע טויב, אַזאַ בעל השבון. אַ קאָפּיקע האָט דאָך פון געשעפט ניט געפעהלט. און יעצט — טויזענטער האָבן זיך געשאָטען, האַלב קאַפּיטאַל האָט איהם שוין דאָס איידימעל געפּטרט און קיין תכלית איז נאָך אַלץ ניטאָ.

מיכליע האָט איהם געפּרואווט אַ ווינק־טאָן, אַז כדי צו פאַרגלעטען די עולה, וואָלט מען אפשר געדאַרפט... געדאַרפט גאָר מאַכען אַ טאָלק מיט הענקען.

נאָר זשאָמע האָט מיט האַרץ אַ ברום געטאָן אין דער שבתדיגער פינסטערקייט:

— ביסט אַ נאַר!

וואָס האָט ער געמיינט מיטן ברום? צי ער האָט דערמיט געמיינט, אַז דער שידוך פּאַסט איהם ניט, ווייל ער איז דאָך עפּעס אַלץ זשאָמע דער גביר און פיני, שיקעלעס טאַטע, איז דאָך פּאָרט אַ קבצן? צי ער האָט דערמיט געמיינט זאָגען, אַז שיקעלען וועט קיין אַנדערע, אויסער גנעסיען, קיינמאָל ניט געפעלען ווערען. מעג עס אַפילו זיין זשאָמעס צווייטע טאָכטער?

דאָס איז פאַר מיכליען אַ קורצע צייט געבליבען אַ רע־טעניש.

# דער שפּאַציר אויף „נעווסק"

.1

נאָכן שבתדיקען שלעפּעל, ווי נאָר מען שווענקט אַראָפּ מיט טיי פון הליאָק דעם לעצטען טעם פון טשאָלענט, לאָזט זיך דער שקלאָווער יונגער דוד אַוועק שפּאַצירען אויף „נעווסק".

דער נאָמען איז, אַפּנים, אַ פּאַראָדיע אויף פּעטערבורגער „נעווסקי פּראָספּעקט"... און ס'איז באמת די ברייטסטע און שענסטע גאַס, וואָס ציהט זיך איבער האָלצערנע קלאַטקעס, פון די אָרשער ברעמלעך, פאַרביי דעם גרינעם קלויסטער, ביז צום גרויסען מיהל אויפן ברעג דניעפּער; טאַקע דאָרטען, וואו דער דניעפּער פאַרקירעוועט זיך קיין ·מאָהליוו... שבת איז דער גרויסער שפּאַציר=טאָג. שבת אויף נעווסק באַווייזען שקלאָווער קאָקעטקעס זייערע נייע קליידער און קרימען איבער די מלבושים פון זייערע חברטאָרינס. עס שפּאַצירען דאָרט חתנים און כלות, איידימלעך אויף קעסט און זייערע יונגע ווייבלעך; „צישיליסטען" מיט קאָנספּיראַטיווע פּנימער, אָקאָרשט געקומען פון אַ „סכאָדקע" אין וואַלד. עס שפּאַצירען דאָרטען דאַמסקע שניידער, כדי אויסצוקוקן די נייע מאָדעס פון זייערע קאָנקורענטען. מען דערקענט זיי פון זייער אומרוהיגקייט. ווייל זיי פאַרלויפען די יונגע ווייבלעך פאָראויס, בלייבען שטעהן און לאָזען זיי דורך, כדי צו כאַפּען דעם שניט און נאָכצוקאָפּירען, שבת=צו=נאַכט, מיט קרייד,

אַלע נייע פאַלדען און שפּיצען און שמאַכטעס, וואָס האָבען אויף בעוואָסק געמאַכט דעם גרעסטען איינדרוק.

דעם דאָזיגען שבת בייטאָג, נאָך אַן אומרוהיגע נאַכט, האָט זיך גנעסיע, זשאָמעס טאָכטער, גלייך נאָכן טיי, אַ הויב געטאָן עפּעס גאָר אַ מונטערע, און האָט זיך גענומען פּוצען. מומע מיכליע האָט איהרע אויגען ניט געגלויבט. זייט מלכקע פּיק איז אַנטלאָפען מיט דאָס ביסעל ציערונג איז גנעסיע קיין-מאָל מעהר אויף בעוואָסק ניט אַרויס. זי פלעגט שפּאַצירען פאַר-נאַכטלעך, ווען אַלע געהען שוין פון שפּאַציר אַהיים, צו שלוש-סעודות. אַפנים זי וויל זיך טרעפען מיטן אורח, מיט שיקעלען איהר שוועסטער-קינד, טו זאָל זי זיך טרעפען געזונטערהייט!

מומע-מיכליע האָט געלייענט טייטש-חומש און מיט אַ באַזונדערען פאַרגעניגען אַלע ווילע געכאַפּט אַ קוק אויף איהר אומעטיגער פּאַווע, אויף איהר גנעסינקען, ווי זי פּוצט זיך די צייהן מיט אַ בערשטעלע, ווי זי זייפט זיך דעם האַלז מיט סאָסנאָווען זייף, וואָס זשאָמע ברענגט אַלע יאָהר פון ניזשנער-יאַריד, און וועל-כער שמעקט אַזוי גוט מיט וואַלד... אָבער הענקע, גנעסיעס אינגערע שוועסטער, האָט נאָך מעהר געזעהן. זי האָט געזעהן, אַז גנעסינקע טהוט אָן די אַמאָליגע פאַרביגע בלוזע, וואָס זי האָט געטראָגען ווען שיקעלע איז נאָך דאָ געווען אין שטוב און געפיהרט דעם טאַטענס חשבונות. זי האָט אַפילו באַמערקט, אַז גנעסיע האָט פון בלוזע געלאָזען אַרויסשטעקען אַ שטיקעל שניי-ווייסען באַטיסט פון איהר העמד, וואָס בלאַנקט אַזוי פאַר-פיהרעריש, וואָס שיקעלע האָט אַזוי ליב געהאַט...

— ביסט פאַרטיג, הענקעלע? — האָט גנעסיע שעמעוודיג אַ פרעג געטאָן.

— פאַרטיג. — האָט הענקעלע שטיל אָפּגעענטפערט, ווי אַ פאַרשווערערין; גנעסיע האָט דאָס פאַרשטאַנען ווי אַ שוועס-טערליכען צוזאָג: „כ׳וועל האַלטען סוד. קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזען”.

און אין אַ ווייל אַרום האָט מומע-מיכליע צוגעזעהן, פון

אָפענעם פענסטער, ווי איהרע צוויי קראַסאַוויצעס, די בלאָנדע און די שוואַרצע, שווימען אַוועק דורכן הויף צום טויער צו. די זומערדיגע גרעזעלעך אין הויף האָבען פאַרשלונגען זייערע טריט. ביי גנעסיען אויף די בלאַסע באַקען האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ מאַטע רויטקייט. מיכליע האָט שוין לאַנג ניט געזעהן אַזאַ לעבעדיגען קאָליר אויף דער טאָכטערס באַקען. און ס'האָט איהר פאַרדראָסען וואָס זשאָמע איז שוין אַוועק צו מנחה. ער וואָלט דאָ געזעסען ביים פענסטער, וואָלט ער אויך הנאה געהאַט.

.2

אויף „נעווסק" איז שוין געווען פול מיט מענשען. אויף די שמאָלע קלאַטקעס האָבען זיך געצויגען אויף הין און צוריק, צוויי פאַרביגע שערענגעס פון יונגע פאָרלעך. האַלב שוואַרץ און האַלב קאָלירט. די מענער שוואַרץ און די דאַמען — פאַרביג. עס איז געשטאַנען אַ שבתדיגע באָלבעטשעריי אויף אידיש און אויף רוסיש. ועל כולם — אַ גערעד פון צוויי קליינשטעטעלדיגע קאָקעטקעס, דעם מילנערס טעכטער, צוויי אויסגעפאַשעטע מוידען, וואָס האָבען באַגלייט פון ביידע זייטען דעם איין-איינציגען שקלאָווער גימנאַזיסט מיט דער זילבערנער קאָקאַרדע, וועלכער איז אַראָפגעפאָהרען פון מאָהליוו צו-גאַסט. דער מאָגערער גימנאַזיסט, מיט די יצר-הרע-פרישטשיקלעך, האָט געשפילט אַ פאַרקלערטען טיפען גייסט, עהנלעך צו לערמאַנטאָווס פעטשאָרין, וואָס האָט שוין אויף דער וועלט אַלץ איבערגעלעבט און האָט זיך מיאש געווען פון פרויען, פון וויין און געזאַנג... איז אָט שפאַצירט ער זיך אַזוי מיט זיין טיפער נשמה צווישען די צוויי פרישע מוידען, און זאָל איהם דאָס די גאַנצע עולם הזה נעמען אַ האָר! אַ „ריש" רעדט ער אַרויס ווי אַ גימל. אַזוי האָט איהם שוין גאָט באַשאַפען. נאָר ער שטעלט, דאַכט זיך, זיין פעהלער אַרויס ווי עפעס גאָר אַ גרויסע מעלה, ער פוצט זיך מיט דעם גימעלדיגען ריש און זוכט זיך אויס ווערטער מיט גאָלע רישן, כדי

אַריינוואַרפען זיין אַקצענט אין מיטען „כאַ-כאַ" און „כי-כי" פון די צוויי באַרישניעס. רעדט ער אַזוי מיד און צעצויגען:

— גאַזווע וועגנאָ? נאָ... פגאָסטיטע, גאַכיליאַ, מניע עטאָ סאָוועגשענאָ בעזגאַצליטשנאָ!... *)

און די באַרישניעס צעבאַלאַבאָטשען זיך, איינע איבער דער צווייטער, און נאָך יעדער געגימעלטער טיפער חכמה, פון דעם פרישטשעוואַטען גימנאַזיסט, צעזינגען זיי זיך גאַנץ אַנטציקט:

— טשו — ודנא! חיים זעליגאָוויטש, טשו — ודנא!...

חאַצע, דער הינקעדיגער קירזשנער, דער „צישיליסט", האָצקעט זיך אויף זיין קוליע מיט אַ קאָנספּיראַטיווער צו-להכעיסמינע אויפן שוואַרצען פנימל, אונטער דער האַרטער היטעלע מיטן דאַשעק. ער הינקט אין דער באַגלייטונג פון לאַנג-האָריגען „פּאָיעט" פון שטעטעל, וועלכער טראָגט שטענדיג אונטערן פאַכווע אַן איינגעבונדענעם בוך פון גוטען שרייב-פּאַפּיר, ווי אַ קרבן-מנחה די גרעב, וואו ער גראַמט אַריין אַלץ וואָס עס קומט איהם אַרויף אויף זיין „פּאָיעטישען" זין. ביידע שפּרייזען זיי דעמאָנסטראַטיוו און קאַמפלוסטיג, אין סאַמע מיטען פון דער שמאָלער קלאַטקע, ווי דער פאָרפּאָסטען פון אַרבּייטער-קלאַס... זיי מאַכען ניט קיין צימעס פון אַלע באַלעבאַטישע מוידען און ווייבלעך. זיי טרעטען קיינעם ניט אָפּ דעם וועג. מעג עס זיין ווער עס וויל. אַפילו דער „אַנטטוישטער" גימנאַזיסט מיט די פרישציקלעך טרעט זיי אָפּ די קלאַטקע און נעמט זיך מיט זיינע צוויי פרישע מיידלעך אָן אַ זייט: וואָרים ער פיהלט, מיט דעם טיפען חוש פון אַ לערמאָנטאָוו-העלד, אַז ביי אַזעלכע ביטערע יונגען ווי חאַצע-קירזשנער און דעם „פּאָיעט" וועלען די טראַגישע געדאַנקען פון אַנטטוישונג ניט אָנגעהן. בינו לבינו, ער זאָל זיך נעמען שטופּען, קען ער כאַפּען מיט חאַצע דעם קירזשנערס קוליע איבערן קאָלנער, און אַ שטורך אין זייט קען ער קריגען מיט

*) ניט שוין איז עס אַן אמת? נאָר... אַנטשולדיגט, רחל, מיר איז דאָס לחלוטין אַלץ איינס.

דעם איינגעבונדענעם האַרטען בוך פון געשריבענע לידער פון „פּאָיעט״ גופא...

די צוויי שקלאָווער וועליסאָפּעדיסטען, דער שייגעץ פון טעלעגראַף און אַברעמעלע דעם אַפּטייקערס משרת, וואָס לאַכט זיך אויס פון „מוקצה״ און פון פאָהרען אום שבת, ביידע שטעהען זיי ניט ווייט פון קלאַטקע איינער אַנטקעגען אַנדערען, מיט די באָקעס אָנגעלעהנט אָן די וועליסאָפּעדען *) פון וועלכע זיי זיינען, ווייזט אויס, אָקאָרשט אַראָפּגעשפּרונגען, כדי צו באַגריסען זיך. זיי שטעהען אָנגעשפּאַרט אויף זייערע צוויי=ראָד מאַשינדלעך, זעהר עלעגאַנט און עפעקטפול. איין פוס, מיט די אונטערגעשפּיליעטע הויזען, פאַרוואָרפען, אַזוי אָפּגעלאָזט און גראַציעז, אויפן צווייטען פוס. נאָר די גומענע הויכע רעדער האַלטען אונטער זייער גלייכגעוויכט. זיי רעדען צווישען זיך און לאַכען שטילערהייט און קוקען זיך גאָר ניט אום אויף די נייגעריגע בליקען, וואָס שקלאָווער יונגע=ווייבלעך וואַרפען זיי צו און אויף די קנאה=אויגעלעך, וואָס די שבתדיגע יונגעמאַנטשיקעס מאַכען זיי. זיי ביידע האַלטען זיך ביי זייערע וועליסאָפּעדען גאַנץ אומאָפּהענגיג און דערהויבען, ווי צוויי פאָרשטעהער פון אַ העכערען סאָרט=לעבען, וואו מענשען פאָהרען אויף אַזעלכע צוויי רעדער ווי זיי ביידע, דער שייגעץ פון טעלעגראַף און דער אַפּטייק=משרתל... זיי שעפּצען זיך כלומרשט זעהר אינטים און זעהר צופרידען, נאָר מען זעהט באַשיינפערלעך, אַז זיי האָבען ניט וועגען וואָס צו רעדען, אויסער דעמאָנסטרירען דעם הויכען קלאַס פון צוויי=ראָד פאָהרער: ס'הייסט, צווישען אונז גערעדט, כאַ=כאַ — מיר זיינען דאָך עפּעס גאָר פון אַן אַנדער וועלט. וואונדער=מענשען מיט קפיצת=הדרך אין די רעדער... איז זאָלען אָט די שקלאָווער נפשות טיאָפּען אין שטויב און אין קויט וויפיעל זייער האַרץ געלוסט! און מיר... מיר שטעהן זיך אַזוי און מיר רעדען וועגען אונזערע אינטימע זאַכען פון אונזער וועלט און ווילען מיר — שפּרינ=

*) בייסיקלעך.

געגן מיר אַרויף אויף אונזערע מאַשינדלעך און צעפליהען זיך, ווי די רוחות, יעדער אין זיין זייט...

אַ ווייס־רוסישער פויער לעבען זיין פויערטע שטעהט און קראַצט זיך אין פּאַטיליניצע פון גרויס דרך־ארץ. ער קוקט אָן די צוויי־רעדער פון דער ווייטען און האָט מורא צוצוגעהן, ווי צו אַ גילגול. ער שטורכעט נאָר אונטער זיין פלוניתטע זי זאָל זיך מטריח זיין און באַוואונדערן גאָטס נסים אַזוי ווי ער:

— אָט, מאַטרענאַ, הליאַדי! מאַשינאַ טאַק מאַשינאַ!

און ניט נאָר דער פויער — די גאַנצע מאַסע פון שפּאַצירענדיגע בלייבען אַ רגעלע שטעהן ביי די צוויי וועלאָסיפּעדען, איידער זיי לאָזען זיך געהן ווייטער. און, אָפּגעהענדיג, קוקען זיי נאָך אַ ווײַלע אויף הינטען. שוין באַלד צוויי יאָהר, אַז שקלאָוו האָט דערזעהן אָט די צוויי אויסטערלישע צוויי־רעדער מיטן ווייכען גאַנג און מיטן זילבערדיגען גלאַנץ און קען זיי נאָך אַלץ ניט פאַרדייען.

.3

אין אָט דעם פאַרביגען מיש־מאַש פון שבתדיגע ווייבלעך און מאַנדלעך האָבען גנעסיע און הענקע אַריינשפּאַצירט, פון דער זייט, און אַוועק מיט דער קלאַטקע צום גרויסען מיהל, אָט טאַקע אַהין, וואו אין איינע פון די זייטיגע הייזקעס וואוינט ר' יחיאל דער חזן, ביי וועמען שיקעלע שטעהט איין...

גנעסיע איז געגאַנגען ווי אין חלום. זי האָט כמעט קיינעם ניט געקוקט אין די אויגען, נאָר עפּעס איבער די קעפּ; און דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט, יעדעס מאָל האָט זיך איהר געדאַכט, אַז שיקעלע קומט אָן פון טיעף „נעוווסק", דערנאָך האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ס'איז גלאַט אַזוי אַ בלאָנדער בחור'ל, אַ פרעמדער... נאָר איין הענקע האָט באַמערקט, אַז זיי ביידע מישען זיך מיטן שבתדיגען עולם און קענען זיך ניט צוזאַמענמישען. וואָרים אַלע וויסען דאָך, אַז מלכקע פּיק איז אַנטלאָפען מיט די ציערונג, אַז עס האַלט ביי אַ גט... מאַכען זיי גנעסיען

און הענקען אַ שטומע וואָרע. אומעטום, אויף דער קלאַטקע, ווערט געשאַפּען לופט אַרום זיי. און אַז הענקע קוקט זיך גע־שווינד אום, זעהט זי, אַז מען טייטעלט מיט די פינגער און מען שושקעט זיך. הענקען האָט דאָס געשטאָכען ווי מיט נאָדלען. זי האָט קוים אויסגעהאַלטען דורכצושפּאַצירען מיט גנעסיען צוויי מאָל צום מיהל און צוריק. דערנאָך האָט זי פּלוצים אַ ציה גע־טאָן גנעסיען אָן אַ זייט און אַראָפּ מיט איהר פון קלאַטקע אין אַ דערבייאיגער געסעל, וואָס פיהרט צום דניעפּער צו.

גנעסיע האָט זיך געלאָזט פיהרען פון איהר, נאָר מיט אַ מאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און צווישען זיי איז פאָרגעקומען אַ קורצער און האַסטיגער שמועס. גנעסיע האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואוהין געהען מיר?

— צום דניעפּער...

— מיר האָבען איהם ניט געזעהן...

— אַלע שושקען זיך איבער אונז...

— הענקעלע, נאָך איינמאָל... צו דער מיהל!

— ער וועט היינט ניט קומען...

— הענקעלע!

— ניין!

און ווי זיי דינגען זיך אַזוי ביידע — שטייגען מיט אַ מאָל אַרויס פונם באַרג־אַראָפּ, וואָס פיהרט צום דניעפּער, צוויי פיגורען. זיי וואַקסען אויס ווי פון דר׳ערד. פריהער די קעפּ, דערנאָך די פּלייצעס, דערנאָך די שיך. יאָ די שיך! אַ שוואַרצער שעהנער פּאַלטאָ און אַ פּאָר געלע שיך וואַקסען אויס, פּענסנע... איז עס ער?... טאַקע ער! שיקעלע! „דער מאָנאַרכע מיט געלע שיך".

ער איז אָנגעקומען מיט יחיאל־דעם־חזנס מיידעל, מיט דער „פּאַמפּעשקע", אָט מיט דער יונגער געפּאַקטער און לעבעדיגער ניעכען... גנעסיען האָט דאָס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצען. ערשט נעכטען איז ער געקומען צופאָהרען און האָט שוין מיט וועמען צו געהן שפּאַצירען... אָבער באַלד איז דער דאָזיגער וועהטאָג פאַרשוואונדען, ווייל ווי נאָר שיקעלע, איהר שוועסטער־קינד, האָט זי דערקענט דורך זיינע גאָלדענע „פּיסנע", האָט ער

פאַרגעסען אָן דער שעהנינקער בעגלייטערין און געלאָזען זיך לויפען צו איהר גלייך צו איהר:

— גוט שבת, גנעסינקע!

און ערשט דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעזעהן:

— אַך, דו אויך? הענקע? גוט שבת!

גנעסיע איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשטיינערטע. זי האָט נאָר כּוח געהאַט בלאַס אַ שמייכעל צו טאָן. ווי אומגעביטען ער האָט זיך, שיקעלע!... און הענקע, די שטיפערקע, האָט באַלד געכאַפּט דעם אויסדרוק פון ביידענס צעטומעלטע פּנימער. העןן!... ער האָט זי נאָך אַלץ ליעב ווי פריהער, דער „מאָנאַרכע מיט געלע שיך". זי האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט, איהר שוועסטער, און ער האָט זי נאָך אַלץ ליעב... היינט וואָס האָט זי דאָ צו שטעהן און גלאָצען ווי אַ גולם? שיקעלע זאָל זי אפשר נאָך אַ מאָל אַ פרעג טאָן: „אַך, דו אויך?" זי וויל ניט זיין קיין „אויך".

האָט זי זיך פאַוואָליע אָפּגערוקט אָן אַ זייט און גענומען יחיאל דעם חזנס „פאַמפּעשקע" אונטערן אָרעם. זיי, ביידע מיידלעך, האָבען זיך אַצינד געפיהלט אַ ביסעלע פאַרשעמט און אָפּגעשטויסען. דער זעלבער יחוס. דער „מאָנאַרכע מיט געלע שיך" טראַכט דאָך אַצינד פון זיי ביידען, ווי פון פאַר־אַ־יאָהריגען שניי... זיינען זיי, שמועסענדיג שטילערהייט, אַראָפּ צום דניעפּער. און נאָך זיי — דאָס צווייטע פּאָרעל: גנעסיע און שיקעלע.

## .4

גנעסיע האָט געהענדיג אָנגעקוקט שיקעלען און האָט זיך דערשראָקען. ערשט אַצינד האָט זי געכאַפּט זיין אמתן קוק... ס'איז דער זעלבער קוק, וואָס ס'האָט זיך איהר געחלומט ביינאַכט. אַ מאָדנע זאַך! זיין אַמאָליגע קורצזיכטיגקייט איז פאַרשוואונדען. פון די פענסנע אַרויס קוקען אויף איהר גלייך אַ פּאָר אָפענע אויגען. די געשליפענע גלעזלעך, אין גאָלד געפאַסט, האָבען זיי פאַרטיפט די דאָזיגע פּאָר אויגען, פאַרשטאַרקט זיי. גנעסיע האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז שיקעלעס שוואַרצאַפּלעך זיינען

אַזוי גרויס און אַז זיי רינגעלט אַרום אַזאַ שעהנע בלויקייט. אַמאָל האָט מען נאָר געזעהן צוויי פּאָר האַלב־צוזאַמענגעקלעמטע ווייס, פינטעלדיגע ברעמען, און יעצט...

און די זומער־שפּרינקלעך! וואו איז אַהינגעקומען דער גאַנצער ברוין־געלבער קלאַיען, וואָס איז איהם געווען אויסגעשאָ־טען איבערן גאַנצען בלאַסען פּנים און געמאַכט איהם אַזוי אינגע־ליש און אומבאַהאָלפען? נאָר עטלעכע קלאַיענדלעך זיינען איהם נאָך איבערגעבליבען אַלס אַ זכר, און שאָטענען, דאַכט זיך, אָפּ די ווייסע מאַטעווקייט פון זיין הויט. זיינע ליפּען זיינען שטייף געוואָרען און אַ זיכערער שמייכעלע בלאָנדזשעט אַרום אין זייע־רע אויסגעבויגענע ווינקעלעך. גנעסיע האָט איהרע אויגען ניט געגלויבט: אָט ד ע ם האָט דאָס דער טאַטע געשלאָגען אין סוכּה דערפאַר... דערפאַר וואָס ער האָט איהר דאָרטען אַ קוש געטאָן? וואָלט ער זיך אַצינד אויך געלאָזען? ניין. אַצינד... אָט דער שיקעלע וואָלט זיך שוין מעהר ניט געלאָזען...

דער „מאַנאַרכע מיט געלע שיך”, פון זיין זייט, האָט גלייך דערזעהן דאָס שניי־ווייסע שטיקעלע באַטיסט פון העמד, וואָס פאָהרט אַזוי ליבלעך אַ־ויס פון דער פאַרביגער בלוזע, פון פאַר צוויי־יאָהרען, און אַ פייערל האָט אויפגעבליצט הינטער זיינע פענסנע. „צוליב איהם, הייסט דאָס?...” ער קוקט זיך אום, הענקע און דעם חזנס פּאַמפּעשקע זיינען שוין ווייט אַראָפּ צום דניעפּער.

— גנעסינקע! — מאַכט ער, ציהט איהר נאָמען אין דער לענג און שטעלט זיך אויף די שפּיצען פון די געלע שיך, כּדי אַריינצוקוקען איהר גלייך אין די אויגען, ווייל זי איז העכער פון איהם.

גנעסיע שווייגט.

— כ׳האָב געוואוסט, גנעסינקע אַז איך וועל דיך דאָ היינט טרעפען.

— איך אויך. — רעדט גנעסיע קוים־קוים אַרויס.

— איך ווייס, — מאַכט שיקעלע און פאַרריכט די ברילען אויפן נאָז מיט אַ לייכטער גרויס־שטעטישער באַוועגונג, — זאָג,

צוליב מיר האָסטו אָנגעטאָן אָט די בלוזע, „אונזער" בלוזע?...
זאָג!

גנעסיע שווייגט.

שיקעלע קוקט זיך אַרום מיט אַ פלינקקייט פון אַ גאָלד־ברוינעם פוקס, אין אָנהויב זומער, ווען ער קוקט אויס נאָך רויב. ער זעהט, אַז זיי ביידע זיינען פאַרגאַנגען צווישען צוויי הויכע פלויטען פון אויבסט־גערטנער, אין אַ גויעשקע געסקע, וואָס פיהרט מיט אַן אומוועג צום גרויסען מיהל און צו די ווערבעס. בויגט ער זיך האַסטיג צו און קושט הייס און זשעדנע דאָס שטיקעל ווייסע באַטיסט אויף גנעסיעס הויכער ברוסט, וואָס איז פאַר איהם אַמאָל געווען אַ מין פאַרקערפערונג פון אַלץ דאָס ריינע, ציכטיגע און מיידעלשע. ער קושט און פלאַפּעלט עפּעס ווי פון היץ:

— ווי אַמאָל אין סוכה, גנעסינקע. ווי אַמאָל אין סוכה.

פון אויפרעגונג גליטשען זיך איהם די פּענסנע פון נאָז אַראָפּ און בלייבען הענגען אויפן זיידענעם שנור אין לאַץ. ער באַמערקט עס גאָר ניט. אָבער גנעסיע דערזעהט פּאַר זיך פּלוצלינג דעם אַמאָליגען קוק פון אַ „כניאָק", דעם אַמאָליגען שיקעלען און זיין שעמעוודיגע קורצזיכטיגקייט... ערשט דאָ דערשרעקט זי זיך, מאַכט אַ טראָט צוריק און פאַרדעקט אומווילקירלעך דעם געפעהרלעכען פּונקט מיטן האַנט, — דאָס שטיקעלע באַטיסט, וואָס רייצט אַזוי שיקעלען מיט דער פרישער ווייסקייט:

— וואָס טוסטו? איך בין דאָך... איך האָב דאָך אַ מאַן!

שיקעלע וואַרפט ווידער אַרויף די גאָלדענע פּענסנע אויפן נאָז און ווערט צוריק „אַ מאָנאַרכע מיט געלע שיך". אַ וואַרשעווער פּראַנט.

— איך ווייס! — מאַכט ער קורץ און גיט זיך אַ קרים, ווי אַ מענש, וואָס דערשפּירט אַ שלעכטען ריח, — לאָמיר בעסער פון איהם ניט רעדען.

פון דעם, ווי אַזוי שיקעלע האָט אַרויסגערעדט דעם „איהם", האָט גנעסיע גלייך פאַרשטאַנען, אַז איהר שוועסטערקינד ווייסט אַלץ, אַלע איהרע צרות און חרפּות. האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם

קאָפּ. אַ געפיהל פון עקעל צו זיך אַליין האָט זי אַרומגעכאַפּט, פאַרוואָס זי איז געווען אַזוי שוואַך. פאַר אַ צוזאָגען נעמען זי אַן קיצוו האָט זי זיך פאַרקויפט אַ ווילד־פרעמדען יונגענמאַן. ווי אַ קינד פאַר אַ צאַצקע האָט זי זיך פאַרקויפט. און אָט... שיקעלע איז דער עדות.

.5

אַ ווײַלע זײַנען זיי געגאַנגען שטיל. פון דער ווייטענס האָט זיך דערהערט דער גערויש פון דער גרויסער מיהל־ראָד, און דאָס וואַסער פון דער הרעבליע, וואָס פאַלט אין דער טיעף דניעפּער אַריין. אָט דער באַקאַנטער גערויש, וואָס שיקעלע האָט ניט גע־הערט באַלד צוויי יאָהר, זינט מען האָט איהם מיט חרפה פאַר־יאָגט פון זיין שטעלע, האָט איהם אָנגעפילט מיט אַ שטיפערישער בענקשאַפט.

— נו, וואָס מאַכט עפּעס ר׳ גרונים דער שדכן? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן.

גנעסיע איז רויט געוואָרען. זי האָט געמיינט, אַז שיקעלע וויל איהר דאָ אַ שטאָך־טאָן, דערפאַר וואָס זי האָט אַזוי קאַלט אויפגענומען זיין קוש, און דערמאָנט איהר דערפאַר אַלטע חטאים, איהר חתונה־האָבען דורך אַ שדכן... שיקעלע האָט אָבער גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעהלער, האָט ער פאַרקרימט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס וויל דעם צווייטען פונאַנדער־לאַכען:

— ווייסט, גנעסינקע, דעם טיפען קאַלאָש זיינעם... ר׳ גרונימס קאַלאָש... דאָס האָב איך איהם אַמאָל אַריינגעוואָרפען אין קעלער.

— דו?

— איך... דעם פאַראַסאָל זיינעם — דאָס האָב איך צערי־סען. דאָס העפטעל מיטן גוטען „פּאָטשעראָק״, וואָס ער האָט ביי זיך אַרומגעטראָגען, דאָס האָב איך פאַרברענט..

גנעסיע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען. און גלייך האָט זי

דערפיהלט ווי שיקעלעס רעכטער אָרים נעמט זי אַרום געהענדיג.

— צוליעב דיר, גנעסינקע, האָב איך דאָס געטאָן, צוליעב דיר.

אַ ציטערדיגע וואַרימקייט האָט זיך דערהערט אין זיין קול. גנעסיע האָט געזוכט עפעס אַ וואָרט, וואָס זאָל איהם אי אָפּ־האַלטען, שיקעלען, פון ווייטערע צערטלעכקייטען, אי ניט אָפּטרייבען פון איהר. אָבער שיקעלע האָט איהר ניט געלאָזען קיין צייט צום רעדען:

— צוליעב דיר בין איך אַוועק קיין וואַרשע, גנעסינקע, צוליב דיר בין איך אַהער געקומען...

— דו פאָהרסט דאָך גאָר אַהיים, צום טאַטען... הענקע האָט מיר דערצעהלט.

— צום טאַטען אויך. ס׳איז אַ תּירוץ. אָבער דיך, דיך האָב איך געוואָלט זעהן. דיך האָב איך געמוזט זעהן, גנעסינקע.

ער האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַזאַ אמתדיגקייט, אַז גנעסיע איז ביי זיך גלייך זיכערער געוואָרען:

— יאָ׳ אָבער... דו שפּאַצירסט דאָך גאָר מיט דער „פּאַמ־פּעשקע״. וואו האָסטו מיך געזוכט?

שיקעלע האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין אָרים פון איהר טאַליע, ווי אַן אָפּגעבּרענטער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען איהר׳ ער איז אַזש בלייך געוואָרען:

— גנעסיע, גנעסינקע, דו ווייסט וואָס דו רעדסט? דו ביסט דאָך ניט הענקע...

— גנעסיע האָט זיין שטרענגען קוק מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען. זי האָט ניט געהאַט וואו אָפּצוקעהרען זיך פון איהם. זי גיט אַ קוק — זיי בּיידע שטעהען צווישען די געדיכטע ווערבעס אויפן ברעג דניעפּער. דאָס גערויש פון מיהל איז נאָהענט און הענקעס געלעכטער הערט זיך ערגעץ ווייט, ווייט. האָט זי מיטאַמאָל פאַרלאָרען דעם האַלט אונטער די פיס און אַראָפּגעלאָזען זיך, מיט ביידע הענד און קאָפּ, אויף שיקעלעס פּלייצע. זי האָט גלייך דערפיהלט ווי שיקעלעס אָרעמס נעמען זי אַרום אין איין וואַרימען

און פעסטען רינג, ווי אַמאָל אין סוכּה. אָבער אַצינד זיינען די אָרעמס האַרטער, זיכערער, ווי ביי אַן אמתן מאַנסביל. קוים־קוים וואָס זי האָט נאָך געקענט אַרויסרעדען, באַהאַלטענדיג דעם פּנים אין זיין פּלייצע:

— דו ווייסט וואָס איך טראָג אַריבער זינט, זינט...

— איך ווייס. — האָט איהר קורץ געענטפערט שיקעלעס שושקען, אויפן סאַמע אויער.

— דו ווייסט, אַז איך האָב גאָר ניט געוואָלט חתונה האָבען מיט איהם?

— איך ווייס...

— דער טאַטע, נאָר דער טאַטע... אָה!

— איך ווייס, גנעסינקע.

— פאָהר ניט אַוועק אַזוי גיך! — האָט זי זיך געבעטען.

— וועסט מיך ליעב האָבען? וועסט זיך לאָזען קושען, גנעסינקע. אַ שוועסטער־קינד מעג! קיינער טאָר ניט מעהר, איך — מעג. יאָ?

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט שיקעלע דערפיהלט, אַז איהר גאַנצער קערפּער אונטער איהר זיידענער בלוזע, „זיין" בלוזע, איז נאָכגיביג און זיס. אין איהר ברענענדיגען אָטעם און נאָכגיביגקייט האָט ער דערפיהלט, אַז ס'איז ניט יענע מיידעלשע פאַווע פון אַמאָל. דאָס איז שוין אַ ווייב, וואָס קען דעם מאַנסביל. די קראַפט פונם מאַנסביל און אַלע זיינע שוואַכקייטען. און אויסגעלערנט האָט זי זיך דאָס אַלץ ביי אַ פרעמדען, ביי אַ ווילד־פרעמדען יונגעןמאַנטשיק, ביי אַ מיאוסען נפש, וואָס מען האָט איהר צוגעשדכנט. אַ בייזקייט האָט איהם דורכגענומען. אָט יענע אינגעלשע בייזקייט, וואָס האָט איהם געצוואונגען צו פאַרוואַרפען ר' גרונים דעם שדכנס קאַלאַש, צערייסען זיין שירעם... האָט ער זי גראָב צוגעצויגען צו זיך און איינגעביסען זיך איהר מיט אַ בייזען קוש אין איהרע ציטערדיגע זאַפטיגע ליפען.

## .6

אַז ביידע שוועסטער זיינען געקומען פון „נעווסק" אַהיים, האָבן זיי געטראָפן טאַטע־מאַמע שטאַרק צעטראָגן. די גע־פלאָכטענע הבדלה־ליכט איז שוין געלעגן אַן אויסגעלאָשענע אין אַ טייכעלע ווין אויפן טיש. און לעבן דער הבדלה־ליכט — אַן אויפגעריסענע טעלעגראַמע. פעטער זשאָמע איז אַרומגעגאַנ־גען איבערן שטוב ווי אַ צערייצטע חיה: „אַצינד, האָט ער פאַר זיך געברומט, וועל איך מאַכן אַ סוף. אַ סוף וועל איך מאַ־כען!..." און מומע־מיכליע האָט געהאַלטען פאַררוקט צוויי פינגער אין באַק און וויינענדיג גערעדט, ווי פון אַ תחינה אַרויס:

— גאָר הינט! וואַגאָנעס מיט הינט!... גאָר אַרעסטירט פאַר הינט...

דערזעהענדיג די טעכטער, האָט זיך פעטער־זשאָמע עפּעס פאַרשעמט. געבליבען שטעהן ביים קאָמאָד און געשאָקעלט צו זיך אַליין מיטן קאָפּ. ניט רעדענדיג קיין וואָרט, איז גנעסיע אַליין צוגעגאַנגען צום טיש, צו איהר איז צוגעלאָפען הענקע, און ביידע האָבן איבערגעלייענט אַזאַ טעלגראַמע:

— אַרעסטירט פאַר דריי וואַגאָנעס הינט. ראַטעוועט מיך. מלך פיק.

און איידער גנעסיע האָט נאָך צייט געהאַט קומען צו זיך און שטעלען אַ פראַגע, איז זשאָמע צוגעשפּרונגען אַ צערייצטער און אַ כאַפּ געטאָן די טעלעגראַמע פון דער טאָכטערס האַנט:

— נישקשה, זאָל ער אַצינד זיצען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, און ברומענדיג אַוועקגעלאָפען אין טונקעלען שלאָפצי־מער, אָנגעצונדען אַ ליכט און גענומען זיך דאָרטען פאָרקען צווישען פּאַפּירען אין שופלאָד.

— שוין עפּעס אַ נייע צרה! — האָט זיך מיכליע צו־קרעכצט — ווייטער פּטרן געלק און געזונט. רבונו־של־עולם!

גנעסיע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, אַזוי ווי זי איז געקומען פון גאַס אין שליאַפּקע און אין זומערדיגען זשאַ־

קעטעל. זי האָט זיך ווייטער דערפיהלט פאַראומערט און פאַרלאָ־ זען צווישען טאַטען און מאַן. די גאַנצע פרייד פון זעהען זיך מיטן שוועסטערקינד האָט זיך אויסגעוועפּט. אַ וואָכעדיגקייט איז אויף איהר אָנגעגאַנגען פון אַלע ווינקעלעך. ווייטער מלכקע פיק מיט זיינע געשעפטען, אייביג מלכקע פיק מיט זיינע מיאוסע שטיק...

האָט מיכליע דערזעהן איהר פאַראומערטען פנים און האָט אויף איהר רחמנות געקריגען.

— געזעהן אפשר... שיקעלען? — האָט זי פאַוואָליע אַ פרעג געטאָן.

— געזעהן. — האָט הענקע געענטפערט פאַר איהר שוועסטער.

— פאַרוואָס קומט ער גאָרניט צו אונז? — האָט מיכליע ווייטער געפרעגט.

— ער וועט אפשר נאָך היינט אַריינקומען. — ענטפערט הענקע.

מיכליעס אויגען האָבען אויפגעלויכטען. „אַז גאָט וואָלט געוואָלט, אַך, אַז גאָט וואָלט געוואָלט!... נאָר כּל זמן מ'האָט נאָך אַזאַ צרה... מ'טאָר גאָר ניט קלערען"...

און ווענדענדיג זיך צו גנעסי'ען, האָט זי צו איהר, מיט אַ באַהאַלטענעם טרייסט, אַזוי געזאָגט:

— אויב אַזוי, היינט וואָס־זשע זיצסטו, טאָכטער? דאַרף מען דאָך שטעלען כּיבוד...

און ווי זיי רעדען אַזוי, עפענט זיך אויף די טיר און ס'לאָזט זיך אַריין שיקעלע, טאַקע ער אַליין, מיט זיין ביי־עם גרויסשטעטישען פּאַלטאָ און מיט אַ באַשיידענער רוהיגקייט, פונקט ווי ער וואָלט ערשט נעכטען פאַרלאָזען דעם פעטערס הויז. פונקט ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט אַרויסגעטריבען געוואָרען מיט פעטש און חרפה פון פעטער זשאָמעס סוכּה.

— אַ גוט־וואָך, מומע־מיכליע! אַ גוט־וואָך, גנעסי'ע, אַ גוט־וואָך הענקע!... און וואו איז עפּעס דער פעטער?

דערהערט אַזאַ דריי־גאָרענדיגען „גוט־וואָך" און מיכליעס באַ־

גייסטערונג, איז פעטער זשאָמע גלייך אַרויסגעלאָפען פון שלאָפצימער, אין די הענט האָט ער געהאַלטען אַ צעריסענעם וועקסעל.

— דאָס ביסטו, שיקעלע? — האָט ער אויסגערופען — אויב אַזוי... טו נאַ דיר „שלום” נאָך אַ מאָל, ביי מיר אין שטוב... זעץ דיך. זעץ דיך! מיכליע, מיין ווייב, הייס שטעלען דעם סאַמאָוואַר!

ווען אַלע האָבען זיך אַוועקגעזעצט, האָט נאָך פעטער זשאָמע געהאַלטען אין ציהען פון בוזים-קעשענע אַלערליי פאַפירען. אַ וועקסעל און נאָך אַ וועקסעל, בריף, גנעסיעס כתובה, די אָקאָרשט באַקומענע טעלעגראַמע... ער האָט דאָס אַלץ אויסגעגליכען אין האַנט, צוזאַמען מיטן צעריסענעם וועקסעל, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגען פון שלאָפצימער. נאָר איין מומע-מיכליע האָט געוואוסט, אַז דאָס איז מלכקע פיקס וועקסעל, וואָס ער האָט אַמאָל נאָכגעמאַכט און אויסגענאַרט געלט... פעטער-זשאָמע האָט דאָס אַלץ אַריינגעפאַקט אין זיין לעדערנעם פאָליאַרעס *) און האָט זיך פאַרטראַכטערהייט אויך אַוועקגעזעצט.

— גוט וואָס דו ביסט געקומען! — האָט ער זיך פלוצלינג געווענדעט צו שיקעלען, — ווייל מאָרגען, פאַר האַלבען טאָג, פאָהר איך אָפ קיין קיעוו... נו, און דו פאָהרסט דאָך צום טאַטען?...

— איך? — פרעגט איבער שיקעלע אַ ביסעלע פאַרלעגען, און פאַרדריכט זיך די פענסנע אויפן נאָז, — אפשר... עס קען זיין איך בלייב דאָ נאָך אַ טאָג — צוויי...

— אַה? — מאַכט זשאָמע און פאַרטראַכט זיך ווייטער.

און מיטאַמאָל גיט ער אַ פאַטש מיט כעס איבערן „פאָליאַרעס” מיט דער גאַנצער האַרטער דלאָניע, ווי אַ מענש, וואָס דערהרגעט אַ זלידנע פליג:

— מיר זיינען דאָך אייגענע מענשען!... גיט ער אַ ברום, איך האָב א י ה ם איצטער אין האַנט, דעם פאַרך!

---

*) בריף-טאַש

שיקעלע האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטעהט ניט וועמען מען מיינט דאָס.

— זיץ, זיץ! — האָט זיך זשאָמע ווייטער געוועגדעט צו שיקעלען, כאָטש יענער האָט זיך פון אָרט ניט גערידהרט — מיט גאָטס הילף!... איצט וועל איך פון איהם פטור ווערען...

— זשאָמע! — שרייט אויף מומע־מיכליע — הער שוין אויף, לאָז עס אויף שפעטער!

אָבער פעטער־זשאָמע, אָנשטאָט ענטפערן מיכליען, וועגדעט זיך ווייטער צו זיין פלימעניק, און זיין קול ווערט ווייכער:

— הער, וואָס איך וועל דיך בעטען, שיקעלע, אַז דו ביסט שוין דאָ, וואַרט שוין איבער נאָך עטלעכע טעג, ביז איך וועל קומען צוריק... זאָגסט מיר צו?

שיקעלע און גנעסיע קוקען זיך איבער. ביידע זיינען בלאַס. מומע־מיכליע און העניקע קעהרען אָפּ די אויגען זייערע.

אין פעטער־זשאָמעס שמאָלע און מאַטע אויגען ברענט אויף אַ גרויסע פרייד און צעשטראַהלט זיך איבער זיין גאַנצען אויסגע־מאָגערטען פנים. שוין לאַנג האָט מיכליע ניט געזעהן אַזאַ שמחה אויף איהר מאַנס געזיכט. אָבער פעטער־זשאָמע אַליין, כדי צו פאַרבאָרגען זיין שמחה, גיט זיך אַ הויב און הויבט זיך אָן טומ־לען אומישנע, און הויך אויפן קול.

— הכלל, מיכליע, וואו איז כיבוד? העניקע, געה זעה וואָס איז מיטן סאַמאָוואַר! פאַרוואָס דערלאַנגט מען ניט? גנעסיניקע, וואָס זיצסטו?

# דריי וואַגאָנעס הינט

.1

אומזיסט האָבען זיך פעטער־זשאָמע און מומע־מיכליע און זייערע צוויי טעכטער אַזוי געבראָכען די קעפּ איבער מלכקע פיקס טעלעגראַמע: וואָס זיינען דאָס פאַר אַ דריי וואַגאָנעס הינט? און פאַרוואָס מען האָט איהם, דעם גערעטענעם איידימעל, אַריינ־געזעצט אין חד־גדיא?... די מעשה איז דאָך געווען אַ גאַנץ פשוטע מעשה:

געשעהן איז דאָס פונקט אין דער צייט, ווען מלכקע פיק האָט שוין געהאַט געפּטרט דעם גרעסטען טייל פון זיין ווייבס ציהרונג, וועלכע ער האָט צוגענומען נאָר „אויף אַ ווײַלע", נאָר ביז וואַנען ער וועט דורכפיהרען „געוויסע" געשעפטען... נאָר פון די געוויסע געשעפטען האָט זיך, ווי שטענדיג, אויסגעלאָזט אַ טייך. און ער איז געבליבען ביי זיין שטעקעלע אוןביים גו־טען פּאַטשעראָק...

דרעהט ער זיך אַזוי איינמאָל אַרום איבער קיעווער גאַסען מיט אַ געוויסען מענשען... אָבער צוליב וואָס זאָלען מיר דאָ רעדען פּאַרשטעלטערהייט? דער געוויסער מענש איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דאָס מעקלערעל נתן קאַץ — טאַקע יענער נתן קאַץ, וואָס האָט שוין ניט איינמאָל און ניט צווייםאָל אַריינגעפיהרט אין בלאָטע סיי איהם, מלכקע פיקן, סיי דעם טאַטען זיינעם — מאיר פּיק. און פונדעסטוועגען האַלטען פון איהם טאַטע און זוהן.

„עולם ומלואו". אַט אַזאַ קעפּעל און אַזאַ ציגנגעל האָט שוין גע־האַט נתן קאַץ! ווען אַלע אַרום איהם טרינקען זיך, געהט ער תמיד אַרויס טרוקען מיט אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס אין מויל...

דרעהען זיי זיך אַזוי אַרום מעקלער און איי־דימעל אָהן אַ שטאָך מלאכה. און טרעפען אָן אַ שוואַרצען יונגעמאַן, מיט אַ פּנים פון אַ גזלן, און מיט אַ געשווירען בערדעל, וואָס פיהרט אַ הונט אויף אַ קייט. באַגריסט זיך נתן קאַץ מיטן שוואַרצען יונ־געמאַן און געהט פאַרביי. וואונדערט זיך מלכקע פּיק. דער פּנים פון הונט־פיהרער קומט איהם אויס זעהר באַקאַנט. אָבער ווי קומט אַ איד צו הינט? און וואָס איז נתן קאַץ פאַר אַ מחותן מיט אַזאַ נפש?

הויבט אויף נתן קאַץ זיין שפּאַציר־שטעקעל און ווייזט אָן מלכקע פּיקען, ווי מיט אַ לאַנגען פינגער אויף הינטען:

— איהר דערקענט איהם גאָרניט, מלך מאַיראָוויץ? ניין? ס'איז דאָך בערעלע־שד... אַ שקלאָווער! אַזוי? איצטער דערמאָנט איהר זיך? אַן אויסוואורף געוועזן אין שטעטעל, אַ לאָטרע, אַ הינטשלעגער. נאָר דער קאָפּ האָט איהם ניט געדאַרט! געקומען אין קיעוו איז ער אָהן פּראַוועס, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגע־שליסענער. אַצינד פאַרדינט ער דאָ זיינע צוואַנציג־דרייסיג רובעל אַ טאָג. און טרעפט פון וואָס? פון הינט! יאָ, אָהן קאַטאָוועס— פון הינט! וואָס טויג אונז די גאַנצע „פיזיקעס", אַז ער, דער לאָטרע, איז געפאַלען אויף אַ שכל. אין די דערפער אַרום קיעוו, זיינען דאָ הינט? זיינען דאָ. נו, און פּריצים זוכען הינט? אַיאַ, זיי זוכען? איז אַט קויפט ער, בערלע־שד, אַ הונט אין דאָרף פאַר אַ קאַרבאָוואַנעץ, וואַשט איהם אַביסעל אַרום, קאָר־מעט איהם אָן, טוט איהם אָן אַ רויט בענדעלע אויף דער הינ־טישער האַלז און פאַרקויפט איהם פאַר גאָלען ריוח. אַ גוי, אַז ס'געפעלט איהם אַ הונט, איז דאָך ביי איהם אַ פינף־און־צוואַנ־ציגער אויך קיין געלט ניט...

איידער נתן קאַץ האָט נאָך געענדיגט זיין דרשה, האָט זיך שוין מלכקע פּיק אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן:

— געוואַלד, ר' נתן, וואָס שווייגען מיר?

שטעלט אויף איהם נתן קאַץ אויס זיינע מוטנע אויגען:

— עמעצער האָט אייך, מלך מאיראָוויץ, אַ ביס געטאָן?

— אָהן חכמות, — שרייט מלכּקע פּיק, און דער פּנים פּלאַמט ביי איהם, — אויב אַזאַ נפש ווי בערעלע־שד קען פאַרדינען 25 רובעל אַ טאָג, קענען מיר דאָך פאַרדינען הונדערט! און פאַר־וואָס ניט צוויי־הונדערט? און פאַרוואָס ניט דריי הונדערט? און פאַרוואָס טאַקע ניט נתעשר ווערען אויף איין מאָל!

נתן קאַץ האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין באַגלייטער פון דער זייט. אַ קשיה אויף אַ מעשה — אפשר איז ער גאָר משו־גע געוואָרען פון גרויס גרעאָטענקייט!

— ווי מיינט איהר דאָס, מלך מאיראָוויץ? — האָט ער איהם איבערגעפרעגט מיט זיין מעקלערישען, גליטשיגען שמייכע־לע, — אויף די עלטערע יאָהרען זאָל איך אפשר אָנהויבען האַנדלען מיט הינט? שלעפען אפשר אַ הונט אויף אַ קייט אי־בערן „קרעשטשאַטיק”? איבער גאַנץ קיעוו, אפשר?

— פאַרוואָס עפּעס איהר? — האָט זיך מלכּקע פּיק צעהיצט, — פאַרוואָס ניט מיר ביידע? און וואָס עפּעס שלעפען הינט אויף אַ קייט? דאָס איז אַן עסק פאַר אַזעלכענע ווי בערעלע־שד... זאָל ע ר שלעפען הינט אויף אַ קייט! דאָס איז „דעטייל”.. לאחדים איז אַן עסק פאַר קליינע קרעמער. מ י ר אָבער וועלען מיר נעמען דעם מסחר אין הורט, אַנגראָ! עטלעכע וואַגאָנעס מיטאַמאָל...

און מלכּקע פּיק האָט פאַר ר' נתנען געגומען אַנטוויקלען אַ גרויסאַרטיגען פּלאַן, און דערביי זעהר אַ פּראָסטען און זעהר אַ פּשוטען. וואָרים יעדער געניאַלער איינפאַל איז דאָך פּראָסט און פּשוט. הקיצור: נתן קאַץ זאָל אָוועקשרייבען אַ בריף צו זיינעם אַ „שפּעדיטער”, אין אוקריינע. וואָס ווייטער פון קיעוו, דער עיקר וואָס ווייטער... ווייל וואָס ווייטער פון קיעוו וועט די סחורה זיין אַלץ ביליגער. נו, אין טיעף־אוקריינע פּרוכטפּערען זיך דאָך די הינט און מעהרען זיך. די פּויערען ווייסען דאָך גאָרניט וואו אַהינצוטאָן זיך מיט זיי. אַז מען וועט דעם פּויער געבען אַ גילדען פאַר אַ הונט וועט ער נאָך קושען די הענט.

איז זאָל דער „שפּעדיטער" גלייך איינהאַנדלען אַ רעכטע פּאַרציע הינט, טאַקע עטליכע וואַגאָנעס מיטאַמאָל. לאָמיר זאָגען דריי וואַגאָנעס אויף אַ פּראָבע. און זאָל ער זיי צושיקען אַהער מיט דער באַהן... נו, עס פעהלען דען פּריצים אין קיעוו? מען וועט דאָך אַזאַ סחורה פאַרצוקערען. די ערשטע פּאַרטיע הינט וועט מען דאָך פּשוט איינשלינגען. נאָך איידער זיי וועלען אָנקומען וועלען זיי שוין זיין פאַרקויפט. נאָר שפּעטער... שפּעטער וועט מען פאַרגרעסערען דאָס געשעפט. מען וועט עפענען אַ לאַגער פון הינט. „גלאַווני סקלאַד סאָבאַק", אָט אַזאַ שילד וועט מען אויסהענגען אויפן געשעפט. נו, קלענערע אָפּנעהמער וועלען קענען אויסהענגען שילדען: „סאָבאַקי נאַ וויבאָר" *) נאָר דאָס איז שוין ניט אונזער עסק. מיר פאַרקויפען „אַנגראָ"...

— וואָס רעכענט איהר ביי... אַזאַ געשעפטעל צו פאַרדינען? — אַזוי פרעגט פּאַוואָלינקע נתן קאַץ און באַלעקט זיך שטילערהייט.

— פאַרדינען? — פרעגט איבער מלכקע פּיק, — וואָס הייסט פאַרדינען? מען וועט נתעשר ווערען! לאָמיך אַפילו זאָגען, אַז אַ הונט פון טיעף אוקריינע וועט אויסמאַכען פופציג קאָפּיקעס, אַ סוף— פינף און זיעבעציג קאָפּיקעס אַ שטיק! פראַכט און סטראַכאָווקע — לאָמיך זאָגען, נאָך אַ צושלאָג פון הונדערט פּראָצענט, — איז אַנדערטהאַלבען רובעל אַ שטיק. דאָ אויפן אָרט וועלען מיר זיי פאַרקויפען צום אַנגראָ-פּרייז, לכל הפחות צעהן רובעל אַ שטיק. אַ סוף, כדי צו מאַכען דער ערשטער פּאַרטיע הינט פון אונזער פירמע אַ רעקלאַמע — אַכט רובעל אַ שטיק! בלייבט אַלץ ריינער ריוח זעקס מיט אַ האַלב רובעל פון הונט. אין אַ וואַגאָן געהן אַריין „אַכט פערד אָדער 40 מענשען". לאָמיר רעכענען 10 הינט אַנשטאָט איין פערד — איז אַכציג אין אַ וואַגאָן. וואָס רעד איך? אַ הונט איז ניט קראַנק צו שטעהן אַביסעל ענגער ווי אַ פערד. הונדערט הינט אין אַ טאָוואַרנעם וואַגאָן און ניט ווייניגער! דריי וואַגאָנעס — דריי הונדערט הינט. בלייבט אַלץ ריינער ריוח, אַ

*) הינט אויף אויסוואַהל.

וועלכענע אַכצעהן-ניינצעהן הונדערט רובעל ריוח. פאַר דער ערשטער פּאַרטיע איז גאָרניט אַזוי שלעכט!

נתן קאַץ האָט ביי די לעצטע ווערטער פון מלכקע פּיק גענומען דעם שטעקעלע אונטערן אָרים, געוויקעלט זיך אַ פּאַפּי-ראָס און אָנגעקוקט זיך מלכקען פון דער זייט: צי מאַכט ער דאָס חוזק, צי מיינט ער דאָס מיט אַן אמת? ניין, מלך מאירא-וויץ איז פאַרפלאָמט און פאַרשפעט פון זיין סוחרישער אידעע...

אַ לעק-טוענדיג דאָס דינע פּאַפּיראָס-פּאַפּיר מיטן שפּיץ צינגעל, האָט נאָר ר׳ נתן זעהר פאָרזיכטיג אַוועקגעשטעלט איין פראַגע-לע:

— נו, און געלט?

— געלט! — מאַכט מלכקע מיט ביטול, — וואָסער געלט? צו מאַכען די ערשטע באַשטעלונג אויף דריי וואַגאָנעס? אָט דאָס מיינט איהר? אויך מיר געלט! ס׳מאַכט אויס אַ וועלכענע דריי פיער הונדערט „רובעלעס״... ר׳ נתן, הכלל — ס׳וועט זיין געלט אויך! נאָך היינט ביינאַכט. דער עיקר — האַלטען סוד. דאָס איז דער עיקר! בערעלע-שד קען זיך נאָך דערוויסען און מאַכען קאָנקורענץ... אַפילו דעם טאַטען דאַרף מען ניט דער-צעהלען.

ר׳ נתן האָט איהם צוגעזאָגט. מלכקעס פייער האָט איהם, דעם קאַלטען, דורכגעטריבענעם מעקלער, אַביסעל אָנגעוואַרימט, אויב געלט וועט יאָ זיין, היינט וואָס האָט ער וואָס אָנצו-ווערען?

האָט מען אַלץ באַשפּראָכען. יעטוועדער זאַך מיט אַלע פּישצעוויקעס, פראַכט, בראַק, סטראַכאָוויקע, אויסערגעוועהנלעכע הוצאות, פּראָצענטען דעם „שפּעדיטער״ אין אוקריינע, און פופ-ציג רובעל איהם, רב נתנען, בינו לבינו, איידער וואָס, ווען.. וואָרים ער איז דאָך אַ מעקלער און לעבט דערפון. נו, שפּעטער וועט ער, פאַרשטעהט זיך, האָבען געוויסע פּראָצענטען פון גאַנ-צען מסחר. שפּעטער...

און נאָך אין יענעם אָוונט איז מלכקע פּיק אַרומגעלאָפען ווי אַ פאַרסמטע מויז איבער די אידישע יובעליר-געשעפטען

אויף „פּאַדאָל״. דער אימפּעט האָט איהם געטריבען, און ער האָט זיך ניט באַרוהיגט ביז ער האָט פאַרקויפט די לעצטע פּאָר ברי־ליאַנטענע אויר־ינגלעך פון דער ווייב, דעם לעצטען בראַסליעט, וואָס זיין אייגענע מאַמע, מלכה פּיק, האָט געשענקט גנעסיען פאַר דער חתונה... אַזוי האָט ער מיט מיה און מאַטערניש צו־זאַמענגעשלאָגען עטלעכע הונדערט רובעל און דאָס גאַנצע געלט אַוועקגעטראָגען צו ר׳ נתן קאַץ...

און ר׳ נתן קאַץ האָט גלייך פאַרדרעהט אַ פּאַפּיראָס, און אַוועקגעשריבען אַ לאַנגען בריף צו זיינעם אַ „שפּעדיטער״ אין פאַסטאָוו, גאַנץ ווייט פון קיעוו. אַזוי ווי מלכקע פּיק האָט גע־וואָלט. היות, אַזוי ווי אין דער אוקריינע אויף די דערפלעך און „כוטאָרען״ איז דאָך מסתמא אַ גרויסע גערעטעניש אויף הינט, זאָל ער זעהן גלייך איינקויפען הינט. דהיינו: ער זאָל געבען צו וויסען איבער די דערפער, אַז גויים זאָלען איהם ברענגען הינט, וואָס מעהר הינט! אין פאַסטאָוו זאָל זיין דער זאַמעל־פונקט... און ניט מאַכען זאָל ער קיין לאַנגע שהיות און צושי־קען אויף אַ פּראָבע, קיין קיעוו, אַ וועלכענע דריי וואַגאָנעס פון כלערליי סאָרטען הינט. מען שיקט איהם דאָ אַ פּאָר הונ־דערט רובעל אויפן איינקויף און פראַכט. דערנאָך וועט מען זעהן. ס׳הענגט אָפּ פון די פרייזען און פון זייטיגע הוצאות... א. אַ. וו. אַלץ פּאָדראָבנע. קיין ברעקעל האָט מען ניט דורכגע־לאָזט. בלויז איין זאַך האָט מען פאַרגעסען. פאַרגעסען האָט מען, אַז הינט זענען געגליכען צו אַלע אַנדערע באַשעפעניש׳ען, און דאַרפען האָבען מזונות... ס׳הייסט: מען מוז זיי קאָרמענען נאָכן איינקויף, בשעת עקספּעדירען זיי, און נאָכן אָנקומען ב י ז מען פאַרקויפט זיי... אַ דאגה אַ גרויסע! דאָס לעבען זאָלען זיך אפשר אידען נעמען איבער הינט? וואָס זענען דאָס, ווייב און קינדער, להבדיל? ניין אַזעלכענע קאָפּווייטאָגען פאַסען זיך בע־סער פאַר גויים!

## .2

ווי אַזוי באַשרייבט דאָרטען דער גרויסער דיכטער פּושקין די דרום־רוסישע נעכט?

„שטיל איז די אוקריינישע נאַכט,
דער הימעל — דורכזיכטיג, די שטערען בלישטשען;
איהר דרימעל צו באַהערשען
וויל די לופט ניט... קוים ציטערען
די זילבערדיגע טאָפּאָל־בלעטער".

אָט פּונקט אַזאַ שטילע נאַכט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער קיעוו, ווען ס'איז אָנגעקומען מלכּקע פּיקס סחורה. דער הימעל איז געווען דורכזיכטיג, שטערען, — געבלישצעט, זילבערדי־גע טאָפּאָל־בלעטער, דרימעל, לופט, אַלץ ווי עס שטעהט באַשרי־בען, און... מיט אַ גוואַלד און מיט אַ יללה, מיט אַ בילעריי און קוויטשעריי פון הונדערטער פאַרמאָרעטע כּלבים איז אָנגע־פאָהרען דער פּראַכט־צוג פון דער ליניע פּאַסטאָוו, און אַריינגע־שניטען זיך אין קיעווער וואָקזאַל מיט אַ שנאָרך און מיט אַ פּייף און מיט אַ סאָפּ. ווי איינער זאָגט: אוי־וף!... איך האָב שוין מעהר קיין כּוח ניט פון אַזאַ חברהצקע"...

און אַזוי ווי דער וואָקזאַל אין קיעוו שטעהט אויף אַ באַרג, — האָט אַ גרויסער טייל פון דער איינגעשלאָפענער שטאָט, ווי פון אַ קאַפּעליע־באַלעמער אַראָפּ, דערהערט אַן אויסטערלישען קאָנצערט פון הונדערטער הינטישע כּלי־זמר, וואָס אַרבייטען געשמאַק אויף כּלערליי כּלים, מיט כּלערליי פּיסקעס און העלזער: באַסאָווע, באַריטאָנאָווע, טענאָרען, אַלטען און סאָפּראַנאָס... זינט קיעוו איז אַ שטאָט אויף דער וועלט האָט זי נאָך אַזעל־כעס ניט געהערט. דאָס איז געווען אַ געביל־סימפאָניע פון אַ סך, אַ סך צעריסענע און צעביסענע, פון הונגעריגע און האַלב־משוגענע, פון צעקאַליעטשעטע און צעשראָקענע כּלבים. איין קוויטש שאַרפער פאַרן צווייטען, איין האַווקען אַנדערש ווי דער צווייטער. די פאַרגעהען זיך ווי געשלאָגענע צוציקלעך, און די ברומען ווי די

אָנגעשפּאָלטענע גלאָקען: הו־הו־הו. די פּאָהרען אַרויס מיט אַ תּקיעה גדולה, און די, להבדיל, מאַכען עס קורץ, מיט אַ שברים־תּרועה און מיט אַ פּאַרכאַפּטען אָטעם. די וואויען מאוימדיג, ווי פאַרכישופטע הינטישע נשמות אין אַ לבנה־נאַכט, געצויגען און דין און פאַריאָמערט, און די כריפּען שוין אָהן כּוח, ווי אַלטע שיכּורים, וואָס וואַלגערען זיך אין קאַנאַווע און בילען אַרויס דאָס לעצט ביסעל שיכּרות...

פון דעם זיסטען שלאָף איז אַ שטיק קיעוו אַרויסגעריסען געוואָרען און אַ דערציטערטע געבליבען ליגען אויף איהרע פּערענעס...

מאָדנע מענשען דאָס זיינען, די קיעווער! וואָס איז דאָ וואָס צו מורא צו האָבען? געשאָפען האָט זיך אַזאַ קאַפּעליע מחמת אַ גאַנץ פּשוטען טעם: דער פּאַסטאָווער „שפּעדיטער" איז פונקט געווען אַזאַ קענער פון הינט ווי מלכּקע פּיק און ווי נתן קאַץ. האָט ער ביי גויים אויפגעקויפט „מכּל הבא בידו"... אַלץ וואָס עס לויפט אויף פיער פיס און האַוקעט — דאָס האָט ער איינגעהאַנדעלט. אַלטע הינט אָהן ציינער און גאָר יונגעטשקע, מאָגערע און גראָבע, קרעציגע און געזונטע, שטילע שטוב־הינט און בייזע גאַסען־כּלבים. זכרים און נקבות. אַלץ בלויזע מציאות. ער האָט איינגעהאַנדעלט פּודעלס מיט געטרייע אויגען און מיט שעפּסענע, געגרייזעלטע האָר, און טייטשע טאַקעלס אויף קורצע אונטערגעבויגענע פיסלעך, וואָס אַז זיי געהען הינקען זיי און קוקען ניט מיט אויגען, נאָר מיט די געלבע פלעקען איבער די אויגען... וואָלף־הינט האָט ער אויפגעקויפט מיט קורצע אויערען און מיט שמאָלע מאָרדעס, און בולדאָגעס מיט האַרטע עקען, ווי די קאַטשעלקעס, און מיט פיערעקעדיגע שנויצען. יעגער־הינט און סטאַדע־הינט. אימיצער האָט איהם אַריינגערוקט אַ פּאָר אויסגעדינטע סאַן־בערנאַרדינער, אָהן ציינער, צוויי אינוואַלידען רעווי־מאַטיקער, מיט בלוטיגע און גוטמוטיגע אויגען, יעדערער די גרויס ווי אַ האַלב־יאָהריגע קאַלב, — האָט ער זיי אויך איינגעהאַנדעלט, אַבי ניט טייער. אַלץ ווי דער מעקלער נתן קאַץ האָט איהם געשריבען...

און אָט די אַלע באַשעפענישען האָט דאָס דער אידישער שפעדיטער „געפּאַקט צוזאַמען" אין דריי געשלאָסענע וואַגאָנעס מיט גראַטעס, אויסגעמישטערהייט, קאָפּ אויף קאָפּ, אָהן קאָרמע, און אַוועקגעשיקט די גאַנצע מענאַזשעריע מיט „גרויסער געשווינד־קייט" אין היץ און דורשט אַריין — קיין קיעוו!

אויף דער מוראדיגער האַוועקריי אין מיטען דער נאַכט, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען אַלע באַדינטע און טרעגער פון קיע־ווער וואָקזאַל, דער „נאַטשאַלניק־סטאַנצי" איז אויך געקומען צו־לויפען מיט זיין רויטען קאַרטוז און מיט זיין לאַמטערענדעל, ווי אויף אַ באַהן־קאַטאַסטראָפע.

ביים שוואַכען שיין פון די ווייטע סטאַנציע־ליכטער, האָבען זיך, צווישען די גראַטעס פון די פּאַסטאָווער וואַגאָנעס, אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגען ביטערע סצענעס פון הינטישען שרעק, פון הונגער און צער־בעלי־חיים: צוריסענע אויערען, אָפּגעביסענע עקען, צעקראַצטע נעזער, אויפגעריסענע צווילדעטע פּיסקעס, בייז־פאַרקרימטע שנויצען... איין כּלב קאָרטשעט זיך, דער צוויי־טער זויגט אַ צעביסענע לאַפּע, דער דריטער האָט זיך איינגעבי־סען זיין „שכן" אין קאַרק און ריטשעט, און דער פערטער שטעהט אויף דריי פיס, איבער אַ גאַנצע קופּע מיט אָפּגעמאָרטעטע הינט און בילט מיט גרויס התמדה אין דער וועלט אַריין, פּראָטעסטירט ווי אַ שליח־ציבור: „מענשען, ראַטעוועט! אַזאַ גזלעוואָניע איז נאָך ניט געזעהען געוואָרען! האַוו־האַ־אוו!..."

איז אָנגעלאָפען די זשאַנדאַמעריע מיט טענות צום נאַ־טשאַלניק־סטאַנצי, הלמאַי ער דערלאָזט אויפן וואָקזאַל צו אַזאַ שטע־רונג פון דער עפענטלעכער רוה. אַזאַ סחורה, ווי לעבעדיגע הינט, געהערט דאָך גאָר צו דער פראַכט־סטאַנציע. האָט דער נאַטשאַל־ניק געוויזען שוואַרץ אויף ווייס, אַז ס'איז געשיקט געוואָרען מיט „גרויס געשווינדקייט". ער קען גאָרנישט מאַכען. וועהר־זשע איז דער אָפּנעהמער? דער אָפּנעהמער איז... וואַרט אַ מינוטקעלע! אָט באַלד וועט ער זאָגען!

און אַז מען זוכט — געפינט מען.

זעקס אַזייגער פאַרטאָג האָט שוין אַ באַאַמטער פון דער

סטאַנציע אָנגעקלאַפּט ביי מלכקע פּיק, אין טהיר פון זיין האָטעל־צימער; אַרויסגעריסען איהם, אָהן רחמנות, פון זיין זיסטען שלאָף, וואָס איז געווען פול מיט חלומות פון פּראַכטען און הינט און עשירות. דער גוי מיט דער קאָקאַרדע האָט איהם שטרענג מודיע געווען, אַז פאַר איהם און אויף זיין נאָמען זיינען אָנגעקומען דריי וואַגאָנעס מיט הינט. און ביז 10 אַזייגער פאַרמיטאָג זאָל ער מוחל זיין אָפּנעמען זיין הינטישע סחורה. וועט זיין גלייכער און ביליגער. וואָרים אַז ניט וועט מען די דריי וואַגאָנעס הינט אַריבערפיהרען אויף אַן אַנדער ליניע, ווייט הינטער קיעוו, וועט איהם דאָס אָפּנעמען קאָסטען אַ סך טייערער. אויסער דעם וועט ער פאַר יעדען טאָג מוזען צאָהלען שטראָף, שוין ניט רעדענדיג פון קאָרמע פאַר אַזוי פיעל כלבים. וואָרים די הונגעריגע חיות עסען זיך אויף לעבעדיגערהייט, פּאָליציי וועט אויך ניט שווייגען...

פּאָליציי גאָר? מלכקע פּיק איז אַ פּאַרציטערטער געוואָרען.

— סטייטש! — האָט ער גענומען טענהן צום טשינאָווניק — שוין אָנגעקומען? שוין אָפּנעהמען? ווער האָט דאָס דעם שפּעדיטער געהייסען שיקען מיט אַזאַ געשווינדקייט? מען האָט דאָך גערעכענט מיט „מאַלי־סקאָראָסט”, מען האָט דאָך ערשט געהאַלטען...

האָט אָבער דער ניט־אויסגעשלאָפענער טשינאָווניק בייז אַ בורטשע געטאָן, אַז ער ווייס מעהר גאָרנישט. איבערגעלאָזען אַ פּאָוועסטקע און איז אַוועק.

איז מלכקע פּיק גלייך אַוועקגעלאָפען צו ר׳ נתן קאַץ, געטראָפען איהם ערשט ביי אָפּגיסען נעגעל וואַסער: ג׳וואַלד, ר׳ נתן! אַזוי און אַזוי איז די מעשה, די הינט זיינען שוין דאָ, אָט איז אַ פּאָוועסטקע, מע מוז זיי גלייך אָפּנעמען די הינט!...

וואונדערט זיך ר׳ נתן: וואָס בין איך פאַר אַ אָפּנעמער? איך בין נאָר אַ מעקלער.

איז מלכקע פּיק אויפגעקאָכט געוואָרען: מען האָט דאָך עפּעס גערעדט, אַז מען וועט פאַרקויפען „אַנגראָ”, אַז מען וועט גליקלעך ווערען?

ענטפערט נתן קאַץ: — ליבער, מלך מאיראָוויץ, ווער האָט

דאָס גערעדט, אַז מען וועט „גליקלעך" ווערן ? איך האָב גע-רעדט, צי איהר האָט גערעדט ?

שרייט ווייטער מלכקע פּיק: ווער האָט געהייסען אייער שפּעדיטער אַזוי כאַפּען ? אַ כאַפּעניש איז אויף איהם געוואָרען! ווער האָט איהם געהייסען שיקען מיט „באָלשאָי-סקאָראָסט", איי-דער מען האָט זיך נאָך אַ קעהר געטאָן ?

— איז ווי-זשע האָט איהר געוואָלט ? — ענטפערט זעהר קלוג ר' נתן קאַץ, — אַז די דריי וואַגאָנעס מיט לעבע-דיגע כלבים זאָלען זיך שלעפּען מיט „מאַליסקאָראָסט" צוויי וואָכען אפשר נאָכאַנאַנד, און זאָלען זיך אויפּפּרעסען אויפן וועג ?... כ'האָב זיך, — גיט צו נתן קאַץ זעהר פּאַטערלעך, — ניט געריכט, אַז איהר, מלך מאיראָוויץ, זאָלט רעדען אַזעלכע נאַרישקייטען. און איהר ווילט נאָך האַנדלען אַנגראָ מיט הינט... מיין „שפּעדיטער" האָט געטאָן ווי מען באַדאַרף, אַז ס'וואָלטען אייך מיט וואָכען שפּעטער אָנגעקומען בלויזע אָפּ-געביסענע עקען — וואָלט איהר אַודאי און אַודאי געהאַט גרויסע טענות! ווי ?

— אָבער גוואַלד געשריען, ר' נתן, מען מוז דאָך עפּעס טאָן!

— געוויס, — מאַכט ר' נתן, — קען מען טאָן, מען קען, למשל, באַזאָרגען אַ הויף מיט אַ פּאַרקאַן הינטערן שטאָט, מען קען באַזאָרגען טריפה-פלייש, און אַ גוי אַ שומר, וואָס קען אומגעהן מיט הינט...

— נו, נו! — מאַכט מלכקע פּיק.

— נו, נו! — ענטפערט איהם נתן קאַץ, — דערצו דאַרף מען האָבען דריי זאַכען: געלט און געלט און נאָכאַמאָל געלט...

— געלט! — שרייט מלכקע, — וואו זאָל איך אייך ווייטער נעמען געלט ? איידער מען האָט נאָך געלייזט פאַר איין הינטישען אויער!

— מיט הוילע הענט, — ענטפערט נתן קאַץ, — קען מען דריי וואַגאָנעס הינט ניט אָפּנעמען. ער, נתן, האָט מורא

פאַר אַ הונט, זאָגט ער, אפילו פון דערווייטען. אַז ער זעהט, זאָגט ער, אַ הונט אויף איין זייט גאַס געהט ער אַריבער אויפן צווייטען זייט. אַ פשיטא שוין, זאָגט ער, גאַנצע דריי וואַגאָנעס מיט הונגעריגע הינט... ווי?

3.

האָט שוין מלכקע פיק קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, אַוועקגעלאָפען צו זיין טאַטען אויף סלאָבאָדקע און דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה, וואָס ער האָט פון איהם די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטען, כדי דער סוחרישער טאַטע זיינער זאָל איהם חס־ושלום ניט אויסכאַפּען די מציאה, די הינטישע „גאָלד־גרוב". מיט אַ געבראָכענעם שטאָלץ האָט ער איהם דערצעהלט ווי אַזוי ער, מלכקע, איז געפאַלען אויף דעם פלאַן אין מיטען שפּאַצירען אויף דער גאַס, ווי אַזוי ער האָט איינגעהאַנדעלט „אַנגראָ" דריי וואַגאָנעס הינט, ווי אַזוי נתן קאַץ האָט איהם דערביי געהאָלפען, און אָט זיינען די הינט „פלוצלינג" אָנגעקומען, מיט איין מאָל...

מאיר פיק, דער באַרימהאַרציגער טאַטע, דער דורכגעטריבענער סוחר פון „געוויסע געשעפטען" האָט זיינע אייגענע אויערען ניט געגלויבט: הינט אין הורט? דריי גאַנצע וואַגאָנעס? משוגע צי חסר־דעה? ווער טוט דאָס אַזעלכע זאַכען? אַז מען וויל שוין יאָ האַנדלען מיט הינט — נעמט מען און מען קויפט איין צוויי־דריי שטיק אויף אַ פּראָבע, ניט מען...

— וואָס האָסטו געוואָלט? צעקוויטשעט זיך מלכקע, — איך זאָל זיך אפשר אַרומשלעפּען איבער קיעוו מיט יעדען הונט אויף אַ קייט, אָנקלאַפּען אין פריצישע טירען, אַזוי ווי דאָס טוט בעערעלע־שד, אָט דער שקלאָווער גאַסען־יונג?

— איך וויל גאָרניט! — קריגט רחמנות ר' מאיר, — איך וויל נאָר, אַז דו זאָלסט פטור ווערען פון אַ צרה, און וואָס גיכער.

נו, אַ טאַטע איז דאָך פאָרט אַ טאַטע. האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט מיט זייז געראָטענעם זוהן אויף אַ דראָזשקע און

געּנומען אַרומפֿאָהרען איבער קיעוו פון סוחר צו סוחר און פון מעקלער צו מעקלער און פון הענדלער צו הענדלער. זיי זיינען אויסגעווען וואו אַ לאָך, ביי סוחרים פון בהמות, און ביי סוחרים פון חיות, און ביי סוחרים פון פויגעלעך, און ביי סוחרים פון ווייסע מייז... און מיט יעדען וויזיט איז מלכקע פיקס האָפנונג, נתעשר צו ווערען אויף איין מאָל, געוואָרען אַלץ שוואַכער און שוואַכער. אָפען, צי באַהאַלטען, האָט מען פון זיי אומע־טום געמאַכט חוכא־טלולא. אָט אזוי אָנערקענט דאָס דער המון קיינמאָל ניט דעם געניאַלען מענשען, מאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט אַלע נייע און גרויסע אידעען.

פון טויזענט רובעל פאַרדינסט, ניט ווּעניגער, האָט מלכ־קע פיק געּנומען אַראָפּלאָזען אויף פינף הונדערט און פון פינף הונ־דערט אויף דריי הונדערט. בלויז הונדערט רובעל פאַרדינסט פון וואַ־גאָן, מעהר וויל ער ניט!... און פון דריי הונדערט רובעל פאַרדינסט אויף קרן... דאָס וואָס קאָסט זיך — מעהר וויל ער דאָס מאָל ניט!... און פון קרן איז ער געפאַלען אויף הונדערט רובעל פאַרלוסט. נאָר ס'האָט ניט געהאָלפען. גאַנץ שטאָט האָט זיך אַפּנים צוזאַמענגערעדט צו דערשטיקען איהם מיט זיינע הינט. ס'איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז אויף דער „טאָלקוטשקע" *), וואו טאַטע און זוהן האָבען לסוף אַראָפּגעגבידערט פון זייער הויכען פאַרנעם און פון זייער גרויס־סוחרישקייט, האָט מען זיי מיט זייערע דריי וואַגאָנעס הינט אויפגעהויבען „נאַ אוראַ!"... קורעלאַפּניקעס און האָזען־פאַרקויפער האָבען זיך געהאַלטען פאַר די אונטערגעגאַרטעלטע בייכער, און גויים האָבען זיי געוויזען אַ שפּיץ פון פאָלע... דאָ האָט שוין מאיר פיק, רויט ווי צונט, מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען און געהייסען פאַרקירעווען די דראָזשקע גלייך צו... די שינדער!

— וואוהין ? — האָט זיך מלכקע פיק דערשראָקען פאַר זיינע הינט.

—שווייג ! — האָט אויף איהם דער טאַטע זיינער אַ ברום געטאָן אַזוי, אַז מלכקע איז שטיל געוואָרען ווי אַ לעמעלע.

---

*) פאָלקס־מארק

אינם שעהנעם, זיס-שמעקענדיגען אַנשטאַלט זיינען זיי ביידע אַריין ווי אידען אָן פּאַספּאָרטען, אַרומגעקוקט זיך ווי פאַרשוינען, וואָס זיינען געקומען פאַרקויפען געגנבעטע סחורה: — אַזוי און אַזוי: ס׳איז דאָ פאַר דער שינדעריי אַ גרויסע פּאַרטיע סחורה. דהיינו? ס׳איז דאָ צו שינדען דריי וואַגאָנעס הינט, ניט מעהר און ניט ווייניגער? יאָ דריי וואַגאָנעס. וויפיל-זשע וועלען זיי געבען? ווער איז דאָס דער „זיי"... די שינדעריי, פאַר-שטעהט זיך! וואָס הייסט וויפיעל די שינדעריי וועט געבען? — ווער דען זאָל געבען? און די פעל פון די חיות אַליין איז אַ„הונט"? כאַ-כאַ! ווער דאַרף דאָס הינטישע פעלען? נאַר, מילא, אַזוי ווי ס׳איז אַ גרויסע פּאַרטיע, פאַרלאַנגט די שינדעריי ניט מעהר ווי אַ האַלבען קערבעל פון שטיק, אויסער ליפערונג ביזקעל טיר... מעהר ניט.

אַז טאַטע און זוהן זיינען פאַרמאַטערט און צערייצטע אַריין אין מלכקעס האָטעל, אויסצורוהען זיך און באַטראַכטען וואָס ווייטער צו טאָן, האָט זיי דאָרט אָפּגעוואַרט אַ העפלעכע, אָבער זעהר אַ שטרענגע דעפּוטאַציע. עפּעס אַ גויה אין אַ שוואַרצען שלייער מיט אַ פאַרצויגענעם בייזען פּיסקעל און אַ הויכער בלאַסער גוי אין העגטשקעס און צילינדער. „איהר זייט דאָס מלך פיק?" „איך, וואָס איז?" — „פאַר אייך זיינען הייגט אָנגעקומען פון פאַסטאָוו דריי וואַגאָנעס הינט?" האַ?...ס׳הייסט... יאָ, אָנגע-קומען!..." איז אָט, מיר זיינען פאַרשטעהער פון חברה צער-בעלי-חיים. די הינט זיינען פאַרמאָרעט און פאַרהונגערט. מיר האָבען שוין אויסגעלעגט אַ סומע געלט אויף קאָרמענען זיי. איז אָט לעגען מיר אייך פאַר איהר זאָלט אונז די סומע גלייך אומ-קעהרען און צולעגען נאָך אַ געוויסען סך געלט צו דערנעהרען די אָרימע חיות ביז איהר וועט זיי לאָזען אָפּליפערען. וואָרים אַזוי קען מען די זאַך ניט לאָזען..."

איז שוין מלכקע פיק, אין כעס ווי ער איז געווען, אינגאַנצען אַרויס פון די כלים:

— וואָס מישט איהר זיך, כ׳פאַרשטעה ניט, אין פרעמדע עסקים: נייע פאַרזאָרגער! וואָס זיינען דאָס — מענשען? דאָס זיינען דאָך הינט...

האָט מען איהם זעהר העפלעך און זעהר קאַלט געגעבען צו פאַרשטעהן:

— חברה צער־בעלי־חיים שטעהט אונטער דער שוץ פון דער רעגירונג. מיר וואָרענען אייך, אַז ס'וועט אייך קאָסטען אַ סך טייערער, אויב איהר וועט גלייך ניט אָננעמען מיטלען צו דערנעהרען און באַפרייען פון די ענגע וואַגאָנעס אַזוי פיעל אָרימע חיות...

די דאַמע אין שלייער האָט פאַרצויגען דאָס פיסקעל. דער בלאָסער גוי האָט אַ פּאַך געטאָן מיטן צילינדער און ביידע זיינען אַוועק.

קוים פטור געוואָרען פון די ווייך־האַרציגע צער־בעלי־חיימ־ניקעס און אַרויף צו מלכקען באַטראַכטען דעם גאַנצען פּלאָנטער,— ערשט האַ? מען קלאַפּט אין טיר. און עס לאָזען זיך אַריין ניט איינס און ניט צוויי — נאָר דוקא דריי באַאַמטע, מיט רויטע קרייצען אויף די אַרבעל. „איהר זיינט דאָס מלך פּיק?" — „איך. וואָס ווייטער?" — „פאַר אייך זיינען אָנגעקומען דריי וואַגאָנעס מיט לעבעדיגע הינט?" — „פאַר... פאַר מיר". — „זאָלט איהר מוחל זיין און זיי גלייך אָפּנעמען פון די ענגע פאַרפאַסקודעטע וואַגאָנעס. מיר זיינען שטאָטישע סאַניטאַרען, געשיקט פון דער שטאָט־דומע. מיר זוכען אייך שוין אַרום. אַזוי פיעל הינט און אין אַזאַ צו־שטאַנד ווי זיי זיינען אָנגעקומען זיינען געפעהרלעך פאַר די באַדינער פון דער אייזענבאַהן. זיי ווערען געפעהרלעכער פון מי־נוט צו מינוט פאַר דער גאַנצער שטאָט, זומער צייט... אין אַזאַ היץ, אין אַזאַ ענגשאַפט! ס'קען אויסקומען זיי אַלעמען צו דער־שיסען, אייערע הינט הייסט דאָס, אויב מען וועט זיי אַזוי לאָ־זען... און איהר וועט האָבען אַ גרויסען שטראָף... וואַרט ניט ביז פּאָליציי וועט זיך אַריינמישען".

— ס'איז שלעכט! — מאַכט מאיר צו זיין תכשיט ווען די סאַניטאַרען זיינען אַוועק, — ס'איז ביטער! ס'פאַרקאָכט זיך אַ גאַנ־צע חתונה! מען מוז אַראָפּשלינגען אַ ביטערע פּיל און לויפען גלייך צו דיין בערעלען... ווי הייסט ער? צו דיין „בערעל־שד", אפשר האָט ע ר אַן עצה.

מיט נתן דעם מעקלערס הילף האָט מען אויפגעזוכט דעם טייערען סוחר, וואָס האַנדעלט מיט הינט לאחדים... אָט טאַקע דעם זעלבען בערעלע־שד מיטן גזלנישען פּנים, וואָס האָט מלכקען געבראַכט אויף אַזאַ גרויסע המצאה, ווי האַנדלען מיט כּלבים „אַנגראָ". דער געוועזענער שקלאָווער גאַסען־יונג האָט אויפגענו־מען די בכּבודע דעפּוטאַציע פון איין יונגען און צוויי עלטערע סוחרים מיט שפּיציגע בערישע אויגעלעך. ער האָט געקענט דעם געראָטענעם איידימעל פון שקלאָוו — זשאָמעס מציאה, געקענט אַלע שניידערשע לידלעך איבער איהם און האָט איהם פּאַר זיין פוסטער גאוה פיינט געהאַט ווי אַ שפּין. אַז ער האָט אויסגע־הערט די מעשה מיט די דריי וואַגאָנעס און דעם זעהר דעלי־קאַטען פאָרשלאַג איבערצוקויפען דאָס שפּאָר ביסעל כּלבים „אין הורט" — האָט ער זיך מיאוס צעלאַכט. אַ נכפּה האָט איהם שיער ניט גענומען.

— וויפיעל ? כאַ־כאַ און כי־כי ! איהר זאָגט דריי וואַגאָנעס ? דריי וואַגאָנעס פול מיט הינט ? אוי, מאַמע, דער בויך ! איך חלש !

אַ פינסטערע גרוב וואָלט זיך בעסער געעפענט אונטער מלכקע פיקס פיס — וואָלט איהם ליבער געווען. נאָך איין רגע— און ער וואָלט זיך איינגעקלעמט אין בערעלע שדס געגרייזעלטע האָר, ווי אַ פאַרסמטע שצור. דער טאַטע זיינער האָט איהם אָבער, ניט ווילענדיג, אָפּגעהאַלטען. ער האָט איבערגעשלאָגען בערעלעס חוצפּהדיגען לאַכען מיט אַ זעהר באַשיידענעם פאָרשלאַג :

— ס'איז גאָר ניט אַזוי פיעל !... און מיר גיבען זיי דאָך אָפּ פאַר קרן !... ווייל איהר, אַלס אַ גרויסער ספּעציאַליסט...

פון אַזאַ קאָמפּלימענט איז בערעלע־שד געוואָרען אַביסעל ווייכער :

— כ'ווייס... צוויי דריי הינט קען מען אָפּקויפען, איז אויך — דאַרף מען זעהן וואָס פאַר אַ ראַסע, וואָס פאַר אַ סאָרט, הייסט דאָס, אַ געמישטע ראַסע האָט ניט קיין ווערט. און אוי־סערדעם, אַ הונט איידער מען קריגט אויף איהם אַ „ליובּיטעל", דאַרף מען איהם פריהער אַביסעל דערציהען, פוצען איהם, כאָליען איהם.

ערשט דאַן... אָבער דריי וואַגאָנעס! איהר ווייסט וואָס איהר רעדט? דערצו דאַרף מען האָבען גאַנצע הויפען, עפּעס יאַט־קעס, צונעמען לכל הפחות אַ טוץ באַדינער צו פּוצען זיי צו קאָרמענען. דערנאָך ערשט פאַרקויפען לאַחדים אַלערליי „ליובי־טעלעס"... וואָרים יעדער ליוביטעל...

בערעלע שד האָט געהאַלטען זעהר אַ פיינע און זעהר אַן אינטערעסאַנטע לעקציע איבער הינט און די דריי בכבודיגע סוחרים האָבען דערהערט אַן אָנהויב, בלויז אַן אָנהויב פון אַ גרויסער פּראָגראַם, ווי צו דערציהען אָט די איידעלע ראַסע, אַז ס'איז זיי גלייך אויף אַן אָרט פאַרגאַנגען יעדער חשק צו האָבען צו טאָן סיי מיט די הינט, סיי מיט בערעלע־שד, סיי מיט זיין זויבע־רער פּראָפעסיע. באַלערענט און אָפּגעשמיסען האָבען זיי זיך שטי־לענקערהייט אַרויסגעמאַכט, נאָך אַ סך שטילער ווי זיי זיינען געקומען... ר' נתן קאַץ, דער אַלטער הינער־פּרעסער, דער געבי־טער מעקלער, וועלכער האָט ניט־ווילענדיק, ווי ער זאָגט, פאַרפיהרט אַזאַ יונגען סוחר, זיין פריינדס אַ זוהן, ווי ער זאָגט, האָט זיך פון גרויס רחמנות אָפּגעגאַרטעלט און האָט אומגעקעהרט אַ טייל פון זיין מעקלעריי־געלט פאַר די דריי וואַגאָנעס הינט. און ס'איז באַשלאָסען געוואָרען אין דער שטיל, אַז מלכקע פּיק זאָל, אָהן רעש, אַוועקנעמען זיין פּעקעל פון האָטעל און זאָל איבערנעכטיגען ביי דעם טאַטען זיינעם אויף „סלאָבאָדקע" און מאָר־גען גאַנץ פריה מאַכען אַ „ויברח" און איבערלאָזען די גאַנצע פּאַרטיע כלבים אויף גאָטס באַראָט, און זאָל זיך „פּאָניע" מיט זיי ווערגען! גלייכער פון אַלץ וואָלט געווען מלכקע פּיק זאָל זיך אַראָפּכאַפּען קיין שקלאָוו און זאָל זיך איבערבעטען מיט זיין שווער... בישקשה, זשאָמע דער סקאָרניאַק וועט זיך שוין לאָזען איבער־בעטען. גנעסיע, זיין ווייבעל, כע־כע, אודאי און אודאי... און מאַלע וואָס אַ ניט־געניטער איידימעל אויף קעסט טוט אָפּ... שוין געזעהן ערגערע זאַכען ווי פאַרקויפען דעם ווייבס אַ פּאָר בראָש־קעס. עט, מלכקע, ניט געזאָרגט! מ'עט זיך שוין איבערבעטען...

אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי דער טאַטע האָט איהם געלערענט. מלכקע פּיק האָט שוין געהאַלטען ביים אַרויסדרעהען זיך פון האָ־

טעל מיטן טשעמאָדאַנטשיק אין האַנט, דורך די הינטער־טרעפּ, און דורכן הויף. שוין גאָר געווען באַלד אויפן גאַס... אָבער גראָד דאָ זיינען צו איהם, פון די טויער־ווינקלען, צוגעשפרונגען צוויי אומבאַקאַנטע פאַרשווינדלעך אין ווייכע קאַפעליושען מיט שפּילעוודיגע ווייסע אויגען, גאָר אַ ספּעציעלער סאָרט אויגען! ווי די שדים זיינען זיי צו איהם צוגעשפּרונגען און האַסטיג אַ פרעג געטאָן:

— איהר זייט עס מלך פּיק?

— נ... ניין, יאָ... איך...

— טאָ קומט מיט אונז אין אוטשאַסטאָק!

אין אוטשאַסטאָק האָט איהם דער פּריסטאַוו אַליין גענומען אויפן צימבעל. אַ נייע חתונה! „איהר זענט דאָס מלך מאיראָוויטש פּיק?" — איך. „פאַר אייך זיינען פון פאַסטאַוו אָנגעקומען דריי וואַגאָנעס הינט?" — פאַר מיר. — „פון דער סטאַנציע קיעוו, פון דעם סאַניטאַרני־אָטריאַד און פון דער חברה צער־בעלי־חיים איז מען ביי אייך געווען עטלעכע מאָל, אויפגעפאָדערט אייך אָפּצונעמען אייער סחורה. פאַרוואָס האָט איהר ניט אָפּגענומען?"

מלכקע פּיק האָט עפּעס געשטאַמעלט: געלט... סוחרים... אויסגענאַרט... מאַלי־סקאָראָסט, באָלשאַיאַ־סקאָראָסט...

— איך זעה — מאַכט דער פּריסטאַוו און באַטראַכט מלכקעס לעדערנעם טשעמאָדאַנטשיק — אַז איהר האָט גאָר געוואָלט אַנטלויפען... וואָט קאַק! נו, מוז איך אייך נאָך מיטטיילען, אַז פון דער זשאַנדאַרמסקע, אויפן וואָקזאַל, האָב איך באַקומען אַ באַפעהל צו מאַכען אייך אַ פּראָטאָקאָל פאַר שטערען די עפענטלעכע רוה, דורך אייער סחורה, פאַר וועלכער איהר האָט ניט געוואָלט זאָרגען, איז געשטערט געוואָרען די רוה פון אַ סך גאַסען אַרום וואָקזאַל. איך האָב אויך אַ באַפעהל צו נעמען ביי אייך „זאַלאָג" אַן ערך טויזענט רובעל „סערעבריאָם". אָדער, אָדער... וואָש פּאַספּאָרט! טאַק... אַהאַ! פון טשערטאַ־אָסעדלאָסטי? טאַק אי זנאַל! וואו שטעהט איהר איין? אין האָטעל. אין אונזער אוטשאַסטאָק? ריכטיג. אויף וועלכע פּראַוועס צוגעשריבען? אין פּאַספּאָרט שטעהט, אַז איהר זייט אַ זייגערמיסטער. וואו אַרבייט איהר?

מלכקע פיק האָט עפּעס געשטאַמעלט.

— פּאַ-אַזוואָלטע! — פאַרטיפט זיך מיט אַמאָל דער פּרי־סטאַוו אין מלכקעס פּאַפּירען — איהר זענט דאָך אַ זייגערמיס־טער... צוגעשריבען אַלס אַ זייגערמיסטער. היינט ווי אַזוי קומט איהר צו האַנדלען מיט סחורה. מיט... מיט הינט? מיט וועלכע רעכט, פרעגט זיך? ניעט! טוט שטאָ־טאָ ניע טאַק!...

אָט אַזוי האָט זיך אַרום מלכקע פיקס האַלז פאַרפּלאָנטערט אַ פּלאָנטעריש, פון וועלכער ער אַליין האָט שוין מעהר ניט געקאָנט אַרויסקריכען. אַרומגעלאָפען, אַרומגעשמעקט און אַריינגעכאַפּט זיך, ווי אַ גרויסער שצור, אין פּאַסטקע. פון אַלע זייטען איז עס אָנגעקומען מיטאַמאָל... מיט געלט וואָלט מען זיך נאָך געקאָנט אפשר אַרויספּלאָנטערען. נאָר איינער וואָלט איהם נאָך געקענט אפשר העלפען — דער רייכער שווער! ר׳ זשאָמע. אָה, ווען ניט די מעשה מיט ציערונג!

דערווייל וואָס, איז אָבער אונזער מלכקע, מיט זיין לע־דערנעם טשעמאָדאַנטשיק, געבליבען זיצען אין „חד גדיא״.

# אויסגעלייזט

## 1.

גלייך פון פאָיעזד, מיט דער טעלעגראַמע אין האַנט, איז פעטער זשאָמע אַראָפּגעפאָהרען אויף אַ דראָזשקע צום מחותּן ר׳ מאיר פּיק. אויף דעם אַלטען אַדרעס האָט ער איהם ניט געפונען. פאַר אַ גריוונעטשקע „נאַ⸗טשאַי“ האָט איהם דער דוואָרניק דערצעהלט, אַז מאיר פּיק איז שוין לאַנג אַוועק פון דער שטאָטישער דירה, וואו מען האָט איהם דאָס גאַנצע מעבעל פאַרקויפט פאַר ניט צאָהלען דירה⸗געלט, און וואוינען וואוינט ער שוין איצטער איבערן בריק, אויף סלאַבאָדקע...

איז פעטער זשאָמע אַוועקגעפאָרען אַהין איהם אויפצוזוכען. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער דאָס ניט געטאָן; זשאָמע האָט זעהר ניט ליעב געהאַט צו טרעפען זיך מיט זיין קלוגעטשקען מחותּן אין קיעוו. וואָרים ווי נאָר ער הויבט אָן צו רעדען מיט איהם מכּח די מעשים⸗טובים פון זיין זוהנדעל, מכּוח דאָס געלט, וואָס ער האָט איהם געפּטרט און אַוועקגעלקחענט פון קאַסע, מכּוח זיין פאַבריקאַציע פון סינקע און שפּיגעלעך, מכּוח די שטילע הלואה׳לעך און דאָס גלייכען, הויבט אָן דער טאַטע צו „דעקען“ אויף זיין שטייגער. ער דערשרעקט זיך ניט, ער כאַפּט זיך ניט פאַרן קאָפּ, אויסהערענדיג אַזעלכע מעשיות, נאָר ער זעהט זיך אַרויסגליטשען, פון אַזאַ שמועס, מיט זיינע מעקלערישע שמד⸗שטיק.

— יאַ, ער, מאיר פּיק, וואָלט מיט איהם באַטראַכט דעם

ענין. נאָר ער זעהט, אַז ושאָמע איז אין כעס... מיט כעס איז דאָך ניט שייך... מיט כעס קען מען גאָרנישט מאַכען. מיט אַ מענשען, וואָס איז אין כעס, איז שווער צו רעדען, אַפילו וועגען אַן אייגענעם זוהן...

מאיר פיקס פנים איז דערביי רוהיג. נאָר זיין קיילעכדיגער פליכעל, פון אַ קסיאָנדז ווערט רויט, און ער גלעט איהם דערביי, דעם פליכעל, מיט אַ שטילען „צו להכעיס", ווי איינער זאָגט: — אַצינד איז דאָך מלכקע פיק אייער איידימעל, טו האַלט זיך מיט איהם!

דאָס איז איבערהויפט מאיר פיקס שטייגערעל. אַלץ אַ מענש, וואָס לעבט די לעצטע יאָהרען פון גמילות־חסדים און הלואהלעך, צווישען איין „געוויסען" געשעפט און דעם צווייטען, האָט זיך ביי איהם אויסגעאַרבייט אַ גליטשיגע מאַניער צו פאַררײדען די צייהן.

עס קומט צו איהם, למשל, אַ בעל־חוב, גיט איהם אָפּ אַ ברייטען גוט־מאָרגען און זאָגט אַזוי:

— ר' מאיר, כ'וואָלט אייך געבעטען אָפּגעבען מיר דעם חוב, באַצאָהלען מיר פאַר די סחורה. איהר געדענקט? איהר האָט מיך צוגעזאָגט אויף היינט...

רופט זיך אָפּ מאיר פיק מיט אַ האַלב־באַליידיגטער מינע:

— כ'וועל אייך זאָגען דעם אמת, כ'וואָלט אייך געוויס אָפּגעגעבען, איך האָב פיינט צוצוזאָגעז גלאַט אַזוי. מיינער אַ וואָרט איז אַ וואָרט, נאָר —

— נאָר וואָס, ר' מאיר!

— נאָר איך זעה, אַז איהר זענט אין כעס!

— איך בין גאָר ניט אין כעס, — רופט זיך אָפּ דער מאָהנער, — חס ושלום! מיר האָבען נאָר אָפּגערעדט, אַז היינט —

— ע, ע... — שלאָגט איבער מאיר פיק, און גלעט זיך דאָס רויטינקע פליכעל, — וואָס דערצעהלט איהר מעשיות! איך זעה דאָך פאָרט, אַז איהר זענט אין כעס...

— וואו בין איך אין כעס? וואָס אין כעס? — הויבט זיך

שוין אָן דער מאָהנער אויפצורעגען. — און וואָס איז דאָ שייך מיין כּעס? צאָהלט מיר אָפּ דעם חוב און לאָמיך געהן.

— נו, אָט זענט איהר דאָך טאַקע אין כּעס, — מאַכט מאיר פיק שטיל און באַליידיגט, — און זאָגען זאָגט איהר, אַז איהר זענט גאָרניט אין כּעס.

— הערט, מאיר, וואָס זיינען דאָס פּאַר אַ ליצנות? — ווערט שוין בייז דער בעל־דבר, — גיט מיר אָפּ מיין געלט און... און פּראַוועט ניט קיין שטיק. אין כּעס, צי ניט אין כּעס — מיין געלט מוז איך האָבען!

— אַה! — ציהט אויס מאיר פיק מיט אַ ניגון און די פּעטינקע אויגעלעך גלאַנצען ביי איהם, — זענט איהר דאָך טאַקע אין כּעס, גאָר מיט אַן אמת אין כּעס!... בין איך אויך אין כּעס און גיב היינט דעם חוב ניט אָפּ. אָט אַן אַנדער טאָג, אַז איהר וועט זיך באַרוהיגען —

אָט די דאָזיגע שטיקלעך פון מאיר פיק האָט פּעטער־זשאָמע געקענט. ער האָט אָבער גערעכענט, און אפשר ניט אָהן גרונט, אַז דער טאַטע גליטשט זיך פון די הענט ווי אַ שלייען, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוים... ווייל טאַטע און זוהן שטעקען דאָ שטענדיג אונטער איין קאָלדרע. מלכקע פיק קריגט אַרויס דאָס געלט, און פטרן טוט מען עס צוזאַמען אין „געוויסע" געשעפטען. דערנאָך שיקט דער טאַטע דעם זוהן זיינעם, דעם גראָטענעם, קיין שקלאָוו, לערענט איהם ווי צו מאַכען זיך געפּגרט און ווי אַרויסצוקריגען פריש געלט פון דעם קליינשטעטעלדיגען מחותן. האָט איהם דערפאַר פּעטער־זשאָמע געגומען אויסוויינען, ווי נאָר ער האָט געקענט. אָבער דאָס מאָל, נאָך דער טעלעגראַמע מיט די הינט און מיט דעם אַרעסט און נאָך שיקעלעס אָנקומען פון וואַרשע קיין שקלאָוו, האָט זיך פּעטער־זשאָמע געהאַט זיינע פּלענער. האָט ער פאַרבויגען זיין האָנער און אַוועקגעפאָהרען אין די ענגע געסלעך פון „סלאָבאָדקע" אויפצוזוכען זיין טייערען מחותן. אַ האָפנונג האָט איהם אָנגעטריבען, אַ שטאַרקע האָפנונג — אַז דאָס מאָל וועט ער אם־ירצה־השם פּטור ווערען סיי פון גראָטענעם איידימעל

מיטן גוטען פּאַטשעראַק, סיי פון מחותּן מיטן גלחישען פּליכעל. מעג עס אויך קאָסטען וויפל עס וויל.

.2

פּעטער זשאָמע האָט געפונען זיין מחותּן אין צוויי קליינע מעבלירטע צימערען מיט אַ קיך, אַפּנים אַז די לעצטע צייט איז ער דורך זיינע „געוויסע" געשעפטען געוואָרען גאָר אַ גרויסער יורד. זיין אויסגעפּאַשעטער פּנים איז איינגעפאַלען און פון זיין פליכעל איז געוואָרען אַ פליך. נאָר זיינע אויגעלעך האָבען פּעט געגלאַנצט ווי פריהער. און עס האָט אויסגעזעהן, אַז ער קוקט אויס, פון די געדונגענע פענסטערלעך, אויף נייע נאַראָנים און אויף נייע „געוויסע" געשעפטען...

די מחותּנתטע, די „מאַמאַשע", איז געווען נאָך אָנגעבלאָזע־נער ווי פריהער. איהרע זיידענע פאַלדען — נאָך אָפּגעטראָגע־נער און גלאַנציגער, און איהר דאָפּעלטע גאָמבע — אָפּגעהאַנ־גענער.

מיט זיין סוחרישען, שמאָלען קוק פון זיינע ברוינע אויגען האָט פּעטער־זשאָמע גלייך אָפּגעשאַצט די גאַנצע לאַגע פון זיינע מחותּנים. ער האָט דערשפּירט די באַהאַלטענע געמיינהייט פון דער דאָזיגער משפּחהלע, וואָס איז אין דער איצטיגער אָרימקייט נאָך בולטער אַרויסגעטראָטען און ער האָט זיך אַליין געשטעלט די פראַגע: ווי קומט דאָס, וואָס ער, זשאָמע, אַ האָרעפּאַשניק, אַ געניטער און ראַיעלער סוחר און אַ געזונטער חי־וקים, איז גע־וואָרען אַ מחותּן מיט אַזאַ לופט־מענש ווי ר' מאיר פּיק און אַ מחותּן פון אַזאַ אָנגעבלאָזענער גאַנז ווי די „מאַמאַשע" איז?... וואָס טוט ער דאָ אין דער לופט פון וואַלעריאַן־טראָפּענס און פון געוואַשענע אַלטע לייקע־הענטשקעס, וואָס שמעקען מיט בענזין? אַ חלשות איז איהם אונטערגעגאַנגען. זיין ברייטע נאָז, וואָס איז געווען כּל־ימיו געוואוינט צום געזונטען ריח פון קוואַשעס און רויכוואַרג, אויף ברייטע אָפענע הויפען, וואו עס ווערט געאָר־בייט, האָט ניט געקענט פאַרדייען אָט דעם פאַרשטיקטען ריח

פון שוואַכע ווייבערישע נערוועז און פון קאָפּיקענע קאָקעטעריי. געוואַלד, וואו זיינען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק געווען זיינע אוי-גען! אָט ווי אַ פּאָטשעראָק פון אַ פרעמדען יונגענמאַנטשיק קען פאַרבלענדען!

אויף דעם שטורעמדיגען און פאַלשען „שלום־עליכם” פון זיין מחותן האָט פּעטער־זשאָמע קאַלט געענטפערט, און צו דער מאַמאַשע האָט ער קוים אַ שאָקעל געטאָן מיטן שווערען קאָפּ. פון טיי און צובייסען האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, און אויף אַ גראַ-פין מיט געזיסטען און געפּאַרבטען בראָנפען האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט ווי אויף ריצענאייל. ער האָט גלייך אַרויסגע-נומען די טעלעגראַמע, וואו עס איז געשטאַנען, אַז מלכקע פּיק איז כלומרשט אַרעסטירט פאַר דריי וואַגאָנעס מיט הינט, און געבעטען דערקלערען וואָז זיינען דאָס פאַר אַ נייע חכמות? קיין געלט וועט ער, זשאָמע, סיי־ווי־סיי מעהר ניט געבען, מען זאָל ניט מיינען...

אין האַרצען האָט פּעטער־זשאָמע ניט געגלויבט, אַז עס איז אמת. קענענדיג מלכקעס חכמות און זיין טאַטענס שטיקלעך האָט ער חושד געווען, אַז עס איז עפּעס אַ נייע מאַכינאַציע. און האָט נאָך אין שקלאָוו באַשלאָסען צו רעדען קאַלט, און אויספרעגען אַלץ איינגעהאַלטענערהייט. נאָר די נאַכט אָהן שלאָף, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין וואַגאָן, דאָס טרייסלען זיך אויף דער דראָזשקע איבערן שלעכטען ברוק אויף „סלאָבאָדקע” האָט איהם שטאַרק צערייצט. האָט ער זיך ניט געקענט האַלטען ווי ער האָט פריהער געוואָלט.

דערהערט אַזאַ האַרבען לשון איז מאיר פּיק גלייך אַריינ-געפאַלען אין זיין שפּילעוודיגען טאָן פון אַ באַליידיגטען:

— עי... מחותן, זענט איהר דאָך גאָר אין כעס! ווי באַלד איהר זענט אַזוי אין כעס —

נאָר דאָ האָט זיך זשאָמע אַ שטעל געגעבען מיט זיין שווערען און שטאַרקען גוף, אַרויסגענומען זיין לעדערנעם פּאָ-ליאַרעס מיט די פּאַפּירען און אַ פּאַטש געטאָן איבער איהם מיט זיין ברייטער לאַפּע:

— איהר ווייסט ניט? איהר ווייסט וואָס דאָ ליגט? טאָ רעדט-זשע מיט מיר ניט ווי מיט אַ מענשען, וואָס איז ביי אייך געקומען אויפמאָנען אַ גמילות-חסד! איך מאָן ביי אייך גאָרנישט. ביי אַזעלכע... אַזעלכע „סוחרים״ מאָנט מען ניט קיין געלט. נאָר וויסען זאָלט איהר זיין, אַז טאָמער איז מלכקע פיק ניט אַרעסטירט — וועט ער זיין אַרעסטירט!

— „אָטיעץ״! — האָט די מאַמאַשע אַ קוויטש געטאָן צום מאַן, מיט אַ קול פון אַ געקנייפטער גאַנז.

— נו, אָט זענט איהר דאָך טאַקע אין כעס! — האָט מאיר פיק געפּרוּווט זיין אַלטען מיטעל. אָבער פעטער-זשאָמע האָט איהם מעהר ניט געלאָזען גליטשען זיך.

— איהר זעהט! — האָט ער פינסטער געפאָכעט מיטן שוואַרצען פּאָליאַרעס — אָט דאָ ליגט דער אויסגעקויפטער פאַל-שער וועקסעל... איך בין געווען אַ נאַר! דאָ איז דאָ דער טאָכ-טערס כתובה, די געפעלשטע חשבונות פון קאַסע... אַלץ וואָס מען באַדאַרף. מען וועט מיר שוין גלויבען מכּח די צירונג אויך... עס וועט נעמען אַ סוף!

— „אָטיעץ״, דו הערסט? — האָט די מאַמאַשאַ ווידער אַ קוויטשע געטאָן.

— שאַ-שאַ! — האָט זיך מאיר פיק דערשראָקען ניט אויף קאַטאָוועס, — ער איז אַרעסטירט, ער איז אַרעסטירט! וואָס דען איז ער?

און מאיר פיק האָט אויפגעהערט צו שפּילען און אַרויס מיט דער גאַנצער מעשה מיט די דריי וואַגאָנעס הינט. ווי אַזוי מלכקע איז געפאַלען אויף אַזאַ המציאה. ער האָט געכּופלט איין הונט אויף גאַנצע דריי וואַגאָנעס און געמיינט ער וועט נתעשר ווערען. ער האָט געמיינט ער וועט אָפּצאָהלען דעם שווער אַלע חובות, ביז איין פּאַדעשקע. ער האָט פאַרזעצט דאָס לעצטע ביסעל... צ... דאָס לעצטע העמד, אַבי מאַכען אַ געשעפט. ער האָט זיך אָבער פאַרפּלאָנטערט נעבעך. דערהערט, אַז ער האָט וואַגאָנעס מיט הינט, זיינען אָנגעפאַלען בעלי-חובות, סאַניטאַרען, צער-בעלי-חיימניקעס, און כּלערליי שלעק. נו, פּאָליציי האָט זיך אויך צוגעטשעפּעט און

אַז מען זוכט געפינט מען. האָט מען געפונען, אַז זיינע פּאַפּי־רען זיינען ניט אין אָרדנונג. דערווייל זיצט ער און דער שטראָף זיינער וואַקסט, ווייל די הינט האָט מען נאָך ניט פאַר־קויפט. אויף זאַלאָג *) וואָלט מען איהם אפשר געקענט אַרויס־ראַטעווען, נאָר —

זשאָמע האָט אַלץ אויסגעהערט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגען, און עס איז גאָר ניט געווען צו דערקענען, אַז ער זאָל זיך שטאַרק נעמען צום האַרצען. ווענינגסטענס, די מחותנתטע, די מאַמאַשע, האָט גאָרנישט געקענט באַמערקען.

— איז זיצט ער טאַקע... — האָט פעטער־זשאָמע סוף־כּל־סוף אַרויסגערעדט און פאַרביסען פאַרטראַכטערהייט אַ צייל האָר פון באָרד, — אַזוי איז די מעשה!

דאָ האָט דער באַרעדעווידיגער מחותן אויך דערזעהן, אַז אויב ער האָט קיין טעות ניט, טוט עס ר׳ זשאָמען אַ האָר ניט וועה. פאַרקעהרט, ער וואָלט געמאָגט שווערען... עס קען ניט זיין! נאָר אין דער קלעם, וואו ער איז געווען, האָט ער הכנעה־דיג אָפּגעוואַרט וואָס דער מחותן וועט דערצו זאָגען.

זשאָמע האָט אַרויסגענומען דעם צייל האָר פון צווישען די שטאַרקע צייהן:

— הערט, ר׳ מאיר, און איהר, מחותנתטע, הערט אויך, איך לייקען גאָרניט, אַז איך בין, אַזוי צו זאָגען, צופרידען, וואָס דער תּכשיט זיצט און איך דאַרף מעהר ניט נאָכלויפען נאָך איהם.

— וואָס רעדט איהר וואָס? — איז שוין מאיר פיק אויפ־געשפרונגען, — מיין זוהן! אייער איידים!

— ער וועט, מיט גאָטס הילף, מעהר מיין איידים ניט זיין. כ׳וועל נאָך היינט זיין ביי אַן אַדוואָקאַט און וועל אייך מאָרגען אַלץ זאָגען. ס׳זאָל זיין פיין און שטיל... דערווייל־וואָס מוז מען וואָס גיכער פּטור ווערען פון די דריי וואַגאָנעס הינט. וואו זיינען די פראַכטען?

---

*) ערבות־געלט

דערויף האָט איהם מאיר פּיק דערקלערט, אַז די פּראַכטען זיינען ביי נתן קאַץ. ניט געהערט פון קאַצען? אַ „געוויסער״ מעקלער. ווער קען דאָס ניט נתן קאַץ?

און געגעבען פּעטער־זשאָמען דעם אַדרעס.

### 3.

מאָרגען גאַנץ־פריה זיינען שוין פּעטער־זשאָמע מיט ר׳ נתנען געווען אויף דער בערזע. וואָס זיי האָבען צווישען זיך אָפּגע־מאַכט — ווייסט קיינער ניט. נאָר אַרומגעגאַנגען זיינען זיי אויף דער בערזע ווי צוויי גוטע־פריינט, געלאַסען און מיט געהיימניס־פולער ווערדע, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר גאָר רייכע סוחרים. פּע־טער־זשאָמע האָט געשוויגען און גערעדט האָט נתן קאַץ. ער האָט אָפּגעשטעלט אַלע באַקאַנטע סוחרים און מעקלער און איבערקוי־פער, וואָס האָבען פון די הינט ניט געוואוסט, און פאָרגעשטעלט מאיר פּיקס מחותן אַלס אַ רייכען סוחר פון דער פּראָווינץ, וואָס האָט צו פאַרקויפען דריי וואַגאָנעס סחורה. אַזאַ סאָרט סחורה, כע־כע, וואָס זינט זיי האַנדלען מיט סחורה, האָבען זיי אַזאַ סחורה ניט געזעהן. די פּראַכטען? אָט זיינען די פּראַכטען. און בסך־הכל פאַר דריי הונדערט רובעל אַ וואַגאָן קען מען עס קויפען! ביליג, וואָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ סחורה אַזאַ ביליגע? אַפילו געפּרעסטע שטרוי וואָלט דאָך אויסגעמאַכט טייערער, אַ? אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבען. איהר הערט? אָט דאָ ליגט ער באַגראָבען דער כלב, הייסט דאָס, קויפען מוז מען קויפען בלינדערהייט און קיין חרטה זאָל דערנאָך ניט זיין, וואָרים חרטה איז ניט מעשה סוחר.

נאָר אַלע האָבען זיך לאַכענדיג אָפּגעשאָקעלט:

— נאַ, נאַ, ניט־וויסענדיג וואָס פאַר אַ סחורה קען מען ניט קויפען!

— דאָס געלט איז ווערט אַ קוק צו טאָן, נאָר —

— מן הסתם דריי וואַגאָנעס מיט פאַראַיאָהריגען שניי.

— מיט אידישען חמץ.

— מיט גרינעם האַרצוועהטאָג.

ר׳ נתן האָט אָבער אַלעמען געהיימניספול אָפּגעענטפערט:

— איהר זאָלט זיין מיט זיבען קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרעפען. און ניין הונדערט רובעל איז קיין געלט ניט.

ליצנות אַהער, ליצנות אַהין. עס איז אָבער אַוועק אַ גערעד אַרום דער בערזע, אַז אָט איז געקומען אַ רייכער איד פון דער פּראָווינץ און פאַרקויפט פּראַכטען פון דריי וואַגאָנעס סחורה. ווי־לען וויל ער נאָר דאָס, וואָס קאָסט זיך אַליין — שוין מיט סטראַ־כאָווקע און מיט אַלע איבעריגע הוצאות — אַ קנאַפּען טויזענטער! נאָר בתנאַי מען זאָל קויפען בלינדערהייט און אָהן חרטה... און אָט שפּרייזט דער איד אַרום מיט נתן קאַץ.

דאָס גערעד איז אַזוי לאַנג אַרומגעגאַנגען, ביז ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט אַ בעל־גוף אַן ערל, אַ סוחר פון טיף „ראַשעי״, איי־נער פון יענע ברייטע פּאָניעס, וואָס פאַר וואַרמעס פאַרדינען זיי די גרויסע געלטער און זיינען שפּיציג און טשיקאַווע, און פאַר־נאַכט שיכּורן זיי זיך אָן און ברעכען שפּיגלען אין די טייע־ערע רעסטאָראַנען, אַלץ פון גרויס ברייטהאַרציגקייט. און שמירען דעם קעלנער די מאָרדע מיט זענפט און באַצאָהלען איהם דער־נאָך פאַר דער עולה... האָט אָט דער הוליאַקע דערהערט פון די אויסטערלישע פּראַכטען און עס האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען אַן עכט־פּאָנישע נייגעריגקייט. עס האָט איהם פאַראינטריגירט, ווי אַ פאַרמאַכטע קאָרט ביי אַ „פּוילישען בענקעל״, ווי אַ קאַצאַפּקע אונטער אַ שלייער.

אָבער וויפיעל ער האָט ניט אַרומגעפּאַדעט אַרום נתנען, צו דערגעהן ביי איהם דעם סוד פון די פּראַכטען, האָט זיך איהם דאָס ניט איינגעגעבען. ווילסט וויסען — טאָ קויף! אָט זיינען די פּראַכטען! זעהסט? אָפּגעשטעמפּעלט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אויף דער סטאַנציע, צי ניט? אָפּגעשטעמפּעלט! נו, די אייזענ־באַן וועט דאָך גלאַט אַזוי ניט אָפּשטעמפּלען. איז אויב געקויפט, זאָל זיין געקויפט. און קיין חרטה זאָל אויך ניט זיין! פאַרוואָס אַזוי ביליג? די מעשה איז אַזוי: דער אָפּנעמער איז אַרויסגע־שיקט געוואָרען פון קיעוו פאַר פּראַוועס, וויל דער סוחר ניט לאָ־זען פאַלען נייע הוצאות און שיקען צוריק. אָט וואָס! דריי וואַ־

גאַנעס? יאָ, גאַנצע דריי וואַגאָנעס מיט סחורה. אויב די וואַגאָנעס וועלען זיין פוסט, צאָהלט מען דאָס געלט אויס צוריק. אָט זיינען אַלע עדות!...

ר׳ נתן קאַץ האָט גערעדט מיט אַזוי פיעל ווערדע, און פעטער־זשאָמע האָט אַזוי קלוג געשוויגען, ביז דער בעל־גוף האָט ניט אויסגעהאַלטען און אָפּגעקויפט. אויף טשיקאַוועס אָפּגעקויפט... לאָז דוכטען — האָקען שפיגלען אין דער קוכמייסטערסקע. לאָז דוכטען ציגיינערקעס אין קאַבאַרעט, לאָז דוכטען פאַרשפיעלט אין קאָרטען.

ער האָט אויסגעצאָהלט ניין קנאַקענדיגע הונדערטערס און אונטערגעשריבען, אַז קיין חרטה איז ניטאָ. סיידען ס׳וועט זיך אַרויסווייזען, אַז ס׳איז אַ שווינדעל און די וואַגאָנעס זיינען פוסטע.

אַז די עדות האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער גוי האָט איינגעהאַנדעלט דריי וואַגאָנעס מיט לעבעדיגע הינט, איז דאָך געוואָרען אַ גרויס געלעכטער. אָבער דער בעל־גוף אַליין איז אַ האָר ניט נתפעל געוואָרען. וואָרים אַ גוי קוקט אויף הינט גאָר אַנדערש ווי אַ איד. אַדרבא, מאַכט ער, ער האָט געמיינט, זאָגט ער, אַז ס׳איז אַ אידישע „מאַשעניטשעסטוואָ״. וויבאַלד, זאָגט ער, עס איז סחורה, אַ גוטע צי אַ שלעכטע, נאָר פאָרט אַ סחורה, איז ער, מאַכט ער, דער נאַר און האָט צו קיינעם קיין טענות ניט. והא־ראיה: ער פאַרבעט דעם מעקלער, דעם סוחר און די עדות מען זאָל צוזאַמען נעמען אַביסעל בראַנפען און פאַרבייסען.

אין קוכמייסטערסקע האָט דער בעל־גוף גענומען אַן איבעריגען טראָפּען און געקראָכען קושען זיך, אַפריהער צו ר׳ נתן קאַץ, דערנאָך צו פעטער־זשאָמען, דערנאָך צו די עדות. און דערביי האָט ער דערקלערט, אַז עס איז ביי איהם ווערט צו פאַרלירען עטליכע שמאַטעדיגע הונדערטער, אַבי צו וויסען, אַז ער איז נאָך ניט קיין ווער־ווייסט־וואָס פאַר אַ סוחר, און אַז אידען זיינען קליגער פאַר איהם.

דעם זעלבען טאָג נאָך וואַרמעס האָט פעטער־זשאָמע אַריינ־

געדרוקט ר׳ נתנען אין האַנט אַ פרישען הונדערטער מעקלער־געלט. ער האָט איהם צוגעזאָגט נאָך אַ הונדערטער און געשיקט צו זיין מחותן מאיר פיק, אויף סלאָבאָדקע מיט אַ נייער שליחות:

— געהט, זאָגט איהם דעם חכם, אַז פון די דריי וואַגאָנעס הינט בין איך, געלויבט דער אויבערשטער, פטור געוואָרען; און אַז איצטער וויל איך פטור ווערען פון נאָך איין הונט, פון מלכקע פיק. געהט, זאָגט איהם, אַז דער פאַלשער וועקסעלע און אַלע אַנדערע פיינע פאַפירען זיינען ביים אַדוואָקאַט. ער זאָל בעסער מיט גוטען איבעררעדען מיט זיין זוהנדל, ער זאָל מיין גנעסיען געבען גט, וואָרים ער האָט זי שוין גענוג אומגליקלעך געמאַכט. וועט עס געהן מיט גוטען, וועל איך פאַרשמירען די גאַנצע דיעלאָ, כ׳וועל פאַר איהם איינלעגען זאַלאָג וויפיעל מען באַדאַרף, כ׳וועל איהם זעהען העלפען מען זאָל צערייסען דעם פּראָטאָקאָל, וואָס מען האָט אויף איהם געמאַכט און מען זאָל איהם אומקעהרען דעם פּאַס. ער וועט נאָך קריגען אַ פּאָר הונ־דערט רובעל אין קעשענע אַ צוגאָב. אויב אָבער ער און זיין טאַטינקע וועלען אָנהויבען פּראָווען זייערע הינטישע שטיק, וועט ער... וועלען זיי ביי מיר ביידע אין אָסטראָג פאַרפוילט ווערען! איהר הערט? ביז מאָרגען פריה וואַרט איך אויף אַ תשובה...

## .4

## (עפּילאָג)

„לזוגתי הצנועה החכמה מרת מיכליע נ״י.

ערשטען קום איך דיר צו מעלדען, אַז איך בין, גאָט צו דאַנקען, אין בעסטען געזונט. גיעב גאָט דאָס זעלבע פון דיר צו הערען. און צווייטענס, קום איך דיר צו מעלדען — אַז די הינט האָב איך אויסגעלייזט פון מלכקע פיקס הענט.

מלכקע פיק — פון גויישקע הענט.

און אונזער גנעסיען — פון מלכקע פיקס הענט...״

אָט אַזאַ בריוועלע מיט אַזאַ לשון איז אָנגעקומען, אין אַ פּאָר טעג אַרום, פון קיעוו קיין שקלאָוו. עס איז קיין ספק ניט

געווען, אַז עס איז ניט גלאַט עפּעס אַ קאַטאָווע־ס־בריוועלע. וואָ־רים ער איז געווען געשריבען מיט זשאָמעס „קאַטשערעס און לאָפּעטעס״, וואָס קיינער אין דער וועלט שרייבט ניט מיט אַזעל־כע בולבעוואַטע אותיות און וואָס קיינער קען ניט נאָכמאַכען, סיידען אפשר מלכּקע פיק... מומע־מיכליע וואָלט פאַר אַ וויאָרסט דערקענט דעם מאַנס כּתב. אויסער דעם איז ווייטער אַביסעל געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס, אַז פאַדראָבנע וועט ער, זשאָמע, איהר דערצעהלען, ווען ער וועט קומען אַהיים מיט אַלע פּאַפּי־רען. ער בעט זי דערוויל, זי זאָל שיקעלען זיין פלימעניק, פעטער פיניס זוהן, ניט לאָזען אַוועקפאָרען אַהיים, צום טאַטען קיין פאַהאָסט. ער זאָל וואַרטען, למען־השם, ביז ער, זשאָמע, וועט צוריקקומען אַהיים. נישקשה, ער וועט קיין חרטה ניט האָבען.

אין עטלעכע טעג אַרום איז טאַקע זשאָמע געקומען צו פאָהרען אַן אָפּגעמאָגערטער, אָבער אַ פרעהלעכער. ער איז גע־קומען צוזאַמען מיט אַ שמש, אַ שליח פון אַ קיעווער רב, וועל־כער האָט גנעסיען געבראַכט אַ גט און אָפּגעגעבען איהם פאַר עדות ביים מורה־הוראה אין שטוב.

און אַזוי ווי גנעסיע האָט שוין עטלעכע חדשים געלעבט אַליין, אָהן דעם געגטען מאַן, וועלכער איז פון איהר אַנטלאָפען מיט איהרע ציערונג, איז שוין מעהר קיין גרויסע מניעה ניט געווען. און מען האָט ניט געדאַרפט וואַרטען קיין דריי חדשים, ווי דער דין איז.

ס׳איז געווען אַ שטילע חתונה אָהן תּנאים, אָהן גרונם דעם שדכן מיט זיין פאַראַסאָל און אָהן „מאָטע־קאַלטע־לאָך״ מיט זיין פיאָל. צו איהר צווייטער חופּה האָט שוין גנעסיע מעהר ניט גע־וויינט. נישקשה, זי האָט זיך שוין גענוג אָנגעוויינט ביי איהר ערשטער חופּה.

פעטער פיני דער זאַיקע איז אַראָפּגעפאָהרען פון פאַהאָסט צו זיין זוהנס חתונה, און איז שלום געוואָרען מיט זשאָמע זיין ברודער, אויף וועמען ער האָט געטראָגען אַ האַרץ, זינט יענער האָט זיין שיקעלען אַרויסגעטריבען פון שטוב. די גאַנצע צייט פון דער חתונה האָט ער זיך געווישט די אויגען, ווי זיין שטיי־

נער איז בשעת אַן אויפרעגונג, אָבער ניט מיט אַ ניט־אַרומגעזוימטע שמאַטקעלע, לויט זיין אָרימער געוואוינהייט, נאָר דוקא מיט פיינע נאָז־טיכלעך פון ריינעם באַטיסט, וואָס דער זוהן זיינער האָט איהם געבראַכט אַ מתנה פון וואַרשע.

און לאָמיר טאַקע אויך ווינשען אַ מזל־טוב דער יונגער פּאָר־פאָלק! וואָרים זייביידע האָבען זיך גענוג אָנגעטרויערט און גענוג אָנגעליטען זיך, איידער זיי האָבען זיך ווידער באַגעגענט און פאַרליבט זיך פון דאָס־ניי.

מזל טוב גנעסיע, שטילע פּאַווע מיט גרויע אויגען! און מזל טוב דיר, שיקעלע, מיט לאַנגע גאָלדענע וויעס, ווי ביי פעלד־ראָמאַשקעס! און — מיר געזעגען זיך מיט אייך.

.2

# אַ דערטרונקענער

# מען באָדט זיך

## 1.

באָדען טוט זיך שקלאָוו אין צוויי וואַסערען. אין דער אָזע־רע און אין דניעפּער. ציטעריגע און שוואַכע באָדען זיך אין דער שטילער, גוטער אָזערע: שווימער און כוואַטען — אין האַסטיגען דניעפּער. דאָס הענגט אויך אָפּ דערפון, וואו ווער עס וואוינט. נעהנטער צו דעם אָדער צו יענעם וואַסער.

פּעטער אורי איז ניט קיין שווימער, ניט קיין כוואַט און וואוינט נאָהענט צו דער אָזערע, באָדט ער זיך אין איהר. ער באָדט זיך נאָר ערב־שבת פאַר ליכט־בענשען.

די ברעגעס פון דער אָזערע זיינען געדיכט פאַרוואַקסען מיט אייאיר, מיט טראָסטינעס און מיט וואַסער־„קראַסקעס". שטעקט מען אַריין אַ פוס צווישען דעם אייאיר איז עס ניט אַזוי לייכט אָנצוטאַפּען אַ גרונט, אָדער אַרויסצושלעפּען צוריק... דער זאַמדי־גער אָרט, וואו מען באָדט זיך געפינט זיך העט־העט, הינטער די גויעשקע הייזקעס. וואָס דען! עפּעס אַ רעכטס וועט דען זיין אין אידישע הענט?

כדי צוצוקומען אַהין געהט מען געשלענגעלט צווישען פאַר־קאַנעס, צווישען צוימען פון פלעקענער, צווישען טיפע בלאָטקעס, וואָס טריקענען קיינמאָל ניט, און איבער צעפוילטע קלאָטקעס. מען געהט בקאָמפּאַניע, כדי אָנוואַרפען אַ שרעק אויף די שקצים, ווייל יענע האָבען זיך ליב צו טשעפּען...

אורי פיהרט די קינדער באָדען זיך. נאָך איהם ס'מוזיניקעל מיטן פעקעל האַנטיכער, נאָך איהם דער חומש־בחור, — פייוועקע, נאָך איהם וועלוועל דער גמרא־בחור. זיי געהען אַזוי אין אַ שע־רענגע, זאַלבעצווייט קען מען ניט געהן. די געסקעס צווישען די צוימען, זיינען צו שמאָל. דאָס קליינוואַרג געהט נאָך נאָך אורין אַזוי דרך־ארצדיג, תמעוואַטע. געבוירענע סטאַטיקעס. אָהן דעם טאַטען, דאַכט זיך, וואָלטען זיי גאָר ניט געקענט געפינען דעם וועג צו דער אָזערע. ער שפרינגט ווי אַ באָק איבער אַ בלאָט־קע — זיי נאָך איהם, ווי די ציגעלעך: האָפּ־האָפּ. ער איבער דער קלאַטקע — זיי איבער דער קלאַטקע. אין דער אמתן וואַרפט מען זיך איבער מיט גנבישע אויגען און מען קנייפּט זיך הינ־טער אוריס רוקען. אין דער אמתן איז באָדען זיך ביי זיי קיין שום אתרוג־איינגעמאַכטס ניט. זיי באָדען זיך, געלויבט דער אויבערשטער, אַלע טאָג.

פאַר וואַרמעס עסען, ווען מען געהט פון חדר, מאַכט מען גרויסע אומוועגען, הינטער די גערטנער, טאַטע־מאַמע זאָלען ניט זעהן, און מען כאַפּט אַריין אַ באָד און אַ שווים. מען קומט אַהיים וואַרמעס עסען מיט בלאָטיגע שיך און מיט נאַסע קעפּ. נאָר כדי די מאַמע זאָל זיך ניט כאַפּען, פאַרלויפט מען אין פירהויז און מען גיסט זיך אָפּ די קעפּ, איינער דעם צווייטען, מיט קאַל־טע וואַסער, און מען זיפצט נעבעך:

— אַי, ס'אַראַ היץ! אַי, ס'אַראַ היץ!

און די בלאָטיגע שיך פאַרטייטשט מען אַזוי:

— אַי, אַי, פאַרשפּריצט! שפּריץ זיך ניט!...

אמת איז, אַז די ערשטע צייט האָבען זיי געהאַט אויסצו־שטעהן פון די שקצימלעך. יענע פלעגען זיך אַרויסלאָזען פון הינ־טער די גויעשקע הייזלעך מיט די הינט, אָנכאַפּען פאַרן פאָלע און אָנשטעלען די קורנאָסע, טרייפענע פרצוף־פּנימלעך:

— דאַוואַי גודשיק!

ס'הייסט: „גיב אַ קנעפּעל".

האָט מען זיי געצאָהלט באָד־געלט מיט אַלע געוואונענע קנעפּלעך. דאָס מוזיניקעל איז שיער ניט אַראָפּ פון זינען. ער

האָט, נעבעך, געמוזט אָפּגעבען זיין שווער־פאַרדינטע האָרעוואַניע — אַ יונסקען קנאָפּ, א קופּערנעם, מיט אַ צוויי־קעפּיגען אָדלער, אַ יקר־המציאות, אַ מזל־קנאָפּ; אַבי מען זאָל איהם לאָזען מיט דער נשמה באָדען זיך.

די קורנאָסע גוּמלעך זיינען אָבער געוואָרען פון מאָל צו מאָל חצופדיגער. פון קנעפּ איז מען אַריבער צו געלט:

— דאַוואַי הראָשי!

אַ פנים געהערט ערגעצוואו פון די עלטערע... האָבען זיי אוריס בנים אַוועקגעגעבען דעם לעצטען צווייער, זיינען זיי ווי־דער אַריבער אויף קנעפּ. האָבען זיי איבערגעקעהרט די קעשע־נעס, געוויזען, אַז „ניעמאַ", ס'הייסט: ניטאָ מעהר קיין מזומנע קנעפּ. האָבען די שקצימלעך מיט אַ פּאַסקודנינקען געלעכטער אָנגעוויזען אויף די קנעפּ אין די רעקלעך, צוגעטראָגען טרייפענע מעסערלעך, איינגעפּאַסט אין העלצלעך און געוואָלט אָפּטרענען. ווי געפעלט אייך אַ בעלנות פון קליינע פלישתימלעך? און גער דערוויז דער מומע פייגען, וואו די קנעפּ זיינען אַהינגעקומען. אַ פיינע שטיקעל אַרבייט! די געדולד פון בני־ישראל האָט געפּלאַצט. פּייווקע — דער היציגער חומש־בחור איז דער ערשטער אויפגע־שפּרונגען. גראָד מיט אַ טאָג פריהער האָט ער געלערענט, ווי שמשון האָט מיט אַ באַק פון אַן אייזעל אַוועקגעלעגט טויזענט פלשתים... די גבורה פונם בלינדען פעטער שמשון האָט אין איהם אויפגעקאָכט. ער האָט דעם קורנאָסען שייגעצעל מיטן טרייפע־נעם מעסערל, אַראָפּגעלאָזען אַ פּראַסק, אַז יענער האָט זיך גלייך אויסגעצויגען און געגומצען פויזען ווי אַ געשלאָגענער חזירל, וואָס פּאַלט אויף די הינטערשטע פיסלעך.

דערזעהענדיג אַזאַ גבורה, האָט זיך ווערלוועל, דער גמרא־בחור, פאַרשעמט פאַר זיין אייגענער שוואַכקייט. ער האָט אויפ־געהויבען אַ ציטערדיגע, בלאַסע האַנט און דערלאַנגט דעם צוויי־טען שייגעצעל איבערן האַלז און נאַקען. אָבער ווי נאָר די האַנט האָט דערפיהלט די פרעמדע, טרייפענע הויט מיט די זומער־שפּרינקלעך איז זי שטאַרק געוואָרען. זי האָט זיך אָנגעגאָסען

מיט כּוח און מיט שנאָה, און האָט גענומען פּאַטשען אויף רעכטס און אויף לינקס. פונקען זיינען געפלויגען.

קוקענדיג אויף ביידע ברידער די גבורים, האָט דאָס מוּ־זיניקעל, רחמיאלקע, געכאַפּט אַ שטיק טרוקענע קוה־מיסט, וואָס גאָט האָט איהם צוגעשיקט, און גענומען „דעקען" אַ שייגעצעל פון זיין גרויס איבערן קאָפּ און פּנים, אויסגעזאַלבט איהם אין „גרין" און געשריען:

— נאַ־דיר יונסקע קנעפּ, נאַ־דיר יונסקע קנעפּ!

עס איז געוואָרען אַ יללה און אַ געלויף פון די שקצימ־לעך, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין:

— טיאַטקאָ! מאַטקאָ! ראַטוויטיע!

ס'הייסט: „טאַטע, מאַמע, ראַטעוועט".

אָבער די טיאַטקעס און די מאַטקעס האָבען געאַרבייט אויף די פעלדער און אין די גערטנער. ניט געווען ווער עס זאָל זיך אָננעמען זייער קריוודע.

דערשראָקען פון די קולות האָבען אוריס בנים געכאַפּט די פּיס אויף די פלייצעס און אַנטלאָפען. מען איז געקומען צוּ־וואַרמעס פאַרסאָפּעט און אָפּגעגאָסען מיט הייסען שווייס. אמת, באָדען האָט מען זיך דאָס מאָל ניט געבאָדען. אָבער די אוי־גען האָבען געפינקעלט פון גליק. מען האָט פאַרזוכט פון עץ־הדעת... מען האָט צום ערשטען מאָל אין לעבען געגאָסען דעם טעם פון אָפּרעכענען זיך, פון באַשיצען דעם אייגענעם כבוד, אייגענע האָב־און־גוטס, פונקט ווי די אידען אין שושן־הבירה, אין אחשורושס צייטען... מען האָט דאָס דערצעהלט אין חדר די חברים. דער חדר איז געגאַנגען כאָדאָראָם. מען האָט באַ־שלאָסען מאַכען פייווקען דעם גבור פאַר אַ מלך און געהן זיך באָדען אַלע טאָג בקאָמפּאַניע. אַ טייל וועט היטען די קליידער, אַ טייל וועט זיך באָדען, און אַז די געבאָדענע וועלען זיך אָנטאָן, וועלען זיך די שומרים באָדען. מען האָט זיך באַוואָ־פענט מיט שטעקענער פון אָפּגעשמיסענע בעזעמער. מען האָט עס גענומען אויף די פלייצעס, ווי ביקסען, מיט די שפּיצען אַרויף און מען איז אַוועק ביד־רמה הינטער די גויעשקע הייזלעך,

צו דער אָזערע. דער שרעק פון די אידישע גבורים איז געפאַ-
לען אויף די פלשתים. די שקצימלעך האָבן קיין פּיפּס ניט
געטאָן. די הינטלעך האָבן געבילט פון דער ווייטען. די קור-
נאָסע פּרצוף-פּנימלעך מיט די פלאַקסענע הערלעך האָבן גיפ-
טיג געבליאַסקעט הינטער די קליינינקע פענסטערלעך מיט די
ליימענע בלומען-טעפּ.

מען האָט גובר געווען די פלשתים. יאָ. און די שמחה
איז געווען גרויס. פאַר גרויס שמחה האָט מען זיך געקייקעלט
אין זאַמד און אין בלאָטע און דערנאָך געשפּרונגען אין וואַסער
אָפּוואַשען זיך. אַזוי אַ סך, אַ סך מאָל. דאָס האָט פאַרשאַפט אַ
מוראדיגען פאַרגעניגען, אַ פּלוצליכען איבערגאַנג פון אומריינקייט
צו ריינקייט. דעם דאָזיגען טעם קענען נאָר די, וועלכע פאַר-
שטעהען גוט צו שטיפען. מען האָט איינער דעם צווייטען גע-
לערענט ווי אַזוי אַרויסצוטרייסלען דאָס וואַסער פון די אויערען. מען
שפּרינגט אויף דער רעכטער פיסעל און מען לאָזט דעם קאָפּ
באָמבלען זיך צו רעכטס, דערנאָך שפּרינגט מען אויף דער לינ-
קער פיסעל און מען באָמבעלט אויף לינקס. ווערט פּוסט אין
די אויערען... אין דער אמתן הויבט אָן נישקשהדיג שווינדלען
פאַר די אויגען אויך, נאָר דעם אמת זאָגט קיינער ניט אויס...
מען טיילט זיך מיט די רעשטלעך אָנבייסענס, מען לויפט אַהיים
און מען גיסט זיך איבער די קעפּ מיט קאַלטען וואַסער, כדי
צו פאַרווישען די שפּורען פון די מעשים-טובים:

— אי, ס'אַראַ היץ!... זעה, זעה, שפּריץ זיך ניט!

און די מומע פייגע גלויבט.

אָט-אָ-די, זעקס-מאָל-אין-וואָך-געבאָדענע, חברה-לייט פיהרט
דאָס אַצינד פעטער אורי צו דער אָזערע, און ווייס גאָרניט ווי
לעקישעוואַטע ער זעהט אויס ביי זיינע אייגענע בנים. צו וואָס
איז עס געגליכען? געגליכען איז עס צו דעם, ווי מען נאַשט
זיך גוט אָן מיט איינגעמאַכטס, וואָס מען גנבעט אין שפּיזאַרניע,
און די מומע-פייגע קומט דערנאָך צו געהן און ווישט אויס דאָס
גלעזעל מיטן אָדערדיגען צייג-פינגער און שטעקט זיי אַלעמען
אָפּ אין מויל אַריין:

— נאַט, קינדער, פאַרזוכט!

קנייפּט מען זיך פון הינטען און מען געהט נאָך פּעטער אורין, ווי די געלינקע פוך־געגנזלעך נאָך אַ גאָנער, ביז מען דערגעהט צו דער „פליאַזשע“.

.2

די זון נייגט זיך צום וואַלד. דער „וואַסער־אָקס“ צעקלאָגט זיך אין אַיאיר: „או־הו, או־הו“. סאָראָקעס האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויף יענער זייט, אין די טראָסטינעס, און קראַקען אַלע אויף איין מאָל, ווי אויף אַ קהלהשער אַסיפה. פּעטער אורי באַגעגענט זיך אויף דעם זאַמד מיט נאָך אידען מיט ז י י ע ר ע בנים, פּונקט אַזעלכע סטאַטיקלעך, ווי אוריס אינגלעך. אַלע צערעדען זיך אויף איין מאָל, ווי די סאָראָקעס אויף יענער זייט אַזערע. אַלע זיינען מבינים אויף שווימען און אויף וואַסערען. ביז פּעטער אוריס קול איז גובר און קרעהט אין סאָלאָ. פּאָרט געווען אַ סך מאָל אין ניזשנע אויף דער וואָלגע. כע־כע, אָט ווי מען באָדט זיך אין „ראַשעיע“*) הייסט דאָס! יאָ. יעדער איינער באַקומט אַ מין באַזונדער חדרל מיט אַ נומער. זייף — אַ צוגאָב, און דער זייף שווימט אויפן וואַסער... יאָ, האָט קיין יסורים ניט! און די ליילעכער זיינען מיט אַרבעל... קינדער, טהוט זיך אויס!

מען טוט זיך אויס געלאַסען, שטיק נאָך שטיק. אין יעדער באַוועגונג פיהלט זיך שוין דער פאָר־געשמאַק פון שבתדיגער רוה. נאָר די צינגער גאָנערען נאָך.

די קינדער דערשרעקען זיך פאַר אוריס האָריגע האַרץ. די קאַסאָקע אויגען גלאַנצען עפּעס פרעמד איבער אָט דער שוואַרצקייט, וועלכער ציהט זיך פון באָרד ביזקעל גאַרטעל. דער טאַטע פאַרלירט אַ שטיק פון זיין אידישקייט. ווי אַזוי שעמט ער זיך דאָס ניט?...

*) אין גרויס־רוסלאַנד

— אַצינד, — זאָגט אורי צו די בנים, וואָס קוקען איהם אָן פאַרחידושט, — אַצינד לאָזט מיך אַ ווײלעצקע זיך אַ טובל־טאָן. דער־נאָך וועל איך אייך ווייזען ווי מען באָדט זיך.

די חברה קוקען זיך איבער: „ער" וועט „זיי" ווייזען ווי־מען באָדט זיך.

אורי קריכט אין וואַסער פּאַמעלעך, ער טאַפּט דעם גרונד מיט דער רעכטער פּיאַטע: אַי, אַ שטיין! אַי, אַ שטיק טעלער! אַי, אַ רייף פון אַ פעסעל! ביז ער דערגעהט טיף, ביז איבערן גאַרטעל, דאָ גיט ער זיך אַ דרעה אויס צו די קינדער אויפן ברעג, פאַרדעקט זיך קונציג די אויגען מיט די אויערען און גיט זיך אַ בוכצע אין וואַסער אַריין. האָפּ און אַרויס, האָפּ און אַרויס. אַזוי עטליכע מאָל. עס גיסט זיך פון איהם ווי פון אַ געלעכער־טער רעשעטע. פון זיין לאַנגער צוויי־שפּיציגער באָרד איז עפּעס געוואָרען אַ מין קורצער לולב, מיט די הושענות אַראָפּ... אונטען שפּיציג ווי אַ טשוואָק. די גרויליכע האָר פון קאָפּ זיינען שוואַרץ געוואָרען און איבערגעקעהרט זיך איבער די שלייפען און שטע־רען, ווי דאָס אַטלעסענע הייבעל פון דער באָבע לאָה׳קען, נאָר מיט אַ סך פרענז...

אורי לאָזט דאָס וואַסער אָפּלויפען פון זיך און מאַכט מיטן האַנט אַ דעכעלע איבערן שטערען. זיינע קאַסאָקע אויגען גלאַנ־צען אונטערן דעכעלע מיט נצחון. ס׳זעהט אויס, ווי ער וויל זאָ־גען: „אַז איך וויל, קען איך עפּעס, אַ ?" פאַר גרויס הנאה זעהט ער אַפילו ניט, אַז די קינדער שטיקען זיך פאַר געלעכטער און אַז אַנדערע באַבערדעלטע אידען, אַרום איהם, קענען דעם זעל־בען קונץ, אַזוי ווי ער.

— אַנו, — שרייט ער צו די קינדער און קריכט צו זיי־צוריק נעהנטער צום ברעג, — אַנו, קומט נאָר אַקאָרשט אַהער, וועט מען אייך ווייזען... כאַפּט ניט, לויפט ניט, פּאַמעלעך!

און אַזוי לערענט ער זיי דעם שכל פון באָדען זיך:

— די גראָבע פינגער, די אגודלס, שטעקט מען אַריין אין די אויערען. אַריינגעשטעקט? המ... ביידע אצבעס, ביידע אצבעס— אויף די אויגען! איהר זעהט, צי איהר זעהט ניט? מיט די מי־

טעלסטע פינגער פאַרשטאָפּט מען די נאָזלעכער, פאַרשטאָפּט מען. אָט אַזוי!... מיט די אַנדערע פינגער פאַרמאַכט מען דעם מויל... פאַרמאַכט, צי ניין?

אורי שטעהט נאָקעטערהייט און מושטירט זיינע חברה־לייט, ווי זיי שטעהען דאָס פּאַר איהם אַלע דריי, אַרומגעשנורע־וועט, מיט די אייגענע פינגער איבער אויערען, אויגען, נעז און מיילער, און ער וויל שוין אַ קאָמאַנדעווע טאָן: האָפּ, טובלט אייך!

נאָר דאָס מוזיניקעל שטערט איהם. ס'זיינען איהם געבלי־בען איבעריג די קליינע פינגערלעך, די זרתלעך... ווינקט ער מיט זיי גיך־גיך, ווי אַ טאַראַקאַן מיט די פיסלעך, און שרייט מיט אַ האַלב־פאַרקלעמטען מויל.

— זעה, טאַטע, און וואָס טוט מען מיט די קליינציקע פינגערלעך?

ווערט אורי אין כעס אויף דעם שנעק אויף דעם דרדקי־יונג, וואָס האָט איהם געשטערט אין סאַמע מיטען ספּאָרט, ווען אַלץ איז שוין געווען פיקס און פאַרטיג צום אָפּטונקען זיך, און גיט אויף איהם אַ שיפּע ווי אַ גאָנער:

— שטעק זיי אַריין אין הינטער־חלק!

די פאַרשנורעוועטע אויגען און מיילער פון גמרא־בחור און פון חומש־בחור פּלאַצען אויף, און פון די שפּאַלטען שיסט אַרויס אַ כאַ־כאַ־כאַ און אַ כי־כי־כי. די אַרומיגע אינגלעך לאַכען אויך. דערזעהט אורי, אַז זיין וויץ האָט געטראָפען — באַקומט ער צו־ריק זיין גוטען הומאָר. ער שמייכעלט אין זיין נאַסער אָפּגערו־בענער באָרד אַריין, וואָס זעהט שוין אַצינד אויס ווי אַ לאַנגע רעטעך מיט וואָרצלען... נאָר ס'מיזינעקל אַליין איז ניט מיט אַלעמען. ער איז רויט, ער קרימט זיך צום וויינען. אורי האָט זיך אָבער ווידער אָנגעגאַרטעלט מיט געדולד און מושטירט די בנים אויף דאָס־ניי:

— נו, נו... די אגודלס אין די אויערען! אַריינגעשטעקט? באַ, די אצבעס אויף די אויגען: גיכער אַביסעל! א. אַ. וו.

און כדי צו טרייסטען דעם באַליידיגטען מיזיניקעל, גיט ער איהם זיין הויכע, פּאָטערלעכע ערלויבעניש:

— מיט די קליינינקע פינגערלעך קענסטו אויך פאַרמאַ־
כען דעם מויל, קענסטו. אַנו... האָפּ!

גיבען זיך די דריי יונגען אַ טובל־אַפּ, פאַרשנורעוועט ווי
פּרעהס מומיעס, פאַרוויקעלט אויף אַלע חושים, לויט אַלע געזע־
צען פון אוריס באָד־מייסטערשאַפט. נאָר אַז מען גיט אַ פּראַל
אויף צוריק פון וואַסער, ווייס מען ניט אויף וואָסער אַ וועלט
מען איז. די פינגער האָט מען מורא אָפּצולאָזען. און דאָ שטעהט
נאָך איבער זיי פעטער אורי און קאָמאַנדעוועט: „נאָך אַ מאָל!
נאָך אַ מאָל!" טונקט מען זיך בלינדערהייט אָפּ נאָך אַ מאָל און
מען צעטומעלט זיך אינגאַנצען. מען באַמבעלט מיט די קעפּ און
מען ווייס שוין ניט מעהר, וואו הימעל און וואו וואַסער. צי גע־
לעבט, צי דערוואָרגען. מען פאַרכלינעט זיך. און דאָס וואַסער
רינט ווי פון דערטרונקענע קעץ. אַ צער־בעלי־חיים צו קוקען.
דער גמרא־בחור הוסט. דאָס מיזיניקעל ניסט און דער חומש־בחור
פייפט פון אַן אויער.

שאָקעלט פעטער אורי, דער גרויסער באָד־מייסטער, זיין
פּרענזעוואַטע הייבעל האָר און דעם נאַסען רעטעך פון זיין באָרד
אויף זיינע פאַרשעמטע תלמידים:

— קאַליקעס, באָדען דאַרפט איהר זיך? טובלען דאַרפט
איהר זיך? געהט, געהט צוריק צום ברעג און פליושקעט זיך
דאָרטען!

געהען אַוועק די קינדער צוריק צום ברעג און כאַפּען
לופט ווי די שלייענס. אמת, אין האַרצען זיינען זיי גאַנץ צו־
פרידען: אַ סוף! פּטור געוואָרען פון פעטער־אוריס קונסט.

אָבער פעטער אורי איז ניט צופרידען. און כדי צו מאַ־
כען פאַרגעסען די שלעכטע עקספּערימענטען זיינע איבער די „קאַ־
ליקעס", באַווייזט ער גלייך אַ גוטען ביישפּיל מיט זיך אַליין. ער
הויבט זיך אָן טובלען מיט רוגזה און מיט ברען. ער פליושקעט
אַרום זיך מיט סכנות־נפשות. די באָרד האָט זיך איהם אַזש צע־
צווייגט און פּאַטשט איהם ווי נאַסע צעפּ אין ביידע באַקען. אַ
שוים שטעהט אַרום איהם, ווי אַרום אַ לויתן.

נאָר איידער פעטער־אורי דערווייזט נאָך צו ענטוויקלען

זיין גאַנצע ספּאָרטאָווע קונסט, דערגרייכט צו זיינע פּאַרגאָסענע אויערן אַ פאַרדעכטיגע הוזשעריי, באַקאַנטע קולות... דערנאָך שווימט אַרויס אַ דייטלעכער פּראָטעסט פון אַ צעקאָכטער אידענע:

— מאַנסבילען, אַרויס פון וואַסער!

דאָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט, הינטער די הויכע טראָסטינעס, אַ כאָפּטע באַלעבאַטישע ווייבער. זיי ווילען זיך אויך באָדען. עס איז באַלד פאַר ליכט־בענשען. וויל מען זיך אָפּקיהלען פון דער דאָפּעלטער היץ אין קיך אַ גאַנצען טאָג, פון פייער און פון זון. און אַגב אָפּטונקען זיך לכבוד שבת. זיי האָבען אַלץ געוואַרט, די מאַנסבילען זאָלען זיך דערמאָנען אָן זיי און ריטערליך אָפּ־רוימען די „פּליאַזשע". אָבער אורי, דער קאַסאָקער, האָט זיך אַזוי צעלאָזען מיט זיינע קונצען, האָט זיך אַזוי צעפּליושקעט! און קוקענדיג אויף איהם, האָבען די איבעריגע מאַנסבילען פאַר־געסען, אַז עס זיינען נאָך דאָ ווייבער אויף דער וועלט.

האָבען זיך די ווייבער אַליין דערמאָנט און געגומען פּאָ־דערען זייער רעכט הינטער די גרינע פּאָרהאַנגען פון טראָסטי־נעס און אַייאיר.

אָט וואָס שקלאָווער סופראַזשיסטקעס קענען, אַז סע פּלאַצט זיי די געדולד!

און באַלד דערהערט זיך אַ גיפטיגער סטראַשוגעק פון אַ מכשפה, אַ זשיפּען אָהן צייהן און אָהן „סמכן". דאָס האָט זיך צעקוויטשעט „דזשירקעליכע" — די אַלטע טוקערקע:

— אַדרבא, באַלעבאָשטעש מע'ט געהן טשוריק! ש'וועט זיי שוין היינט ביינאַכט פאַרגעהן אַ גרוישער ווייטאָג!

זי זינגט אָפּ איהר פּסוק, ווי אַ חזנטע אין שוהל, און די ווייבער אַרום איהר כאַפּען אונטער:

— זשו, זשו, זשו... גאַל־גאַל־גאַל.

דערשרעקען זיך די מאַנסבילען ניט אויף קאַטאָוועס, און מען הויבט אָן לויפען פון וואַסער. עס הויבט זיך אָן אַ „בחפזון" מיט אַ פלאָנטערניש אין ליילעכער, אַ קלאַפּעניש פון צייהנער, אַ ווישעניש פון האַנטיכער און אַ קניפּלעניש פון העמדער און מייטקעס. מען איילט זיך און מען ברענט זיך ווי מיט הייסע

לאָקשען. מען פאַרקנעפּעלט כּאַרקעהרט, און מען ווינשט די קנעפּלעך וואָס אין אַ קאָרט: „פאַרברענט זאָל עס ווערן!", „אַ ניכפּע זאָל עס טרעפן!", „אַ מגפה זאָל עס נעמען!".

און איידער מען איז נאָך פאַרטיג מיט שיך און זאָקען — ברוך הבא! די כאַליאַסטרע צעהיצטע ווייבער זיינען דאָ. די טוקערקע גענהט בראש און זידעלט זיך:

— נישקשה, ש'וועט זיי הײַנט ביינאַכט פאַרגעהן אַ ווייטאָג!

כאַפּען די מאַנסבילען די ניט אָנגעטאָנענע קאַפּאָטעס אויף די אָרעמס, און לאָזען זיך לויפען מיט האַלב-פאַרשנירטע שיך דורך צוויי שערענגעס בייזע אידענעס מיט פּעקעלעך אונטער די אָרעמס. פאַרביילויפענדיג, כאַפּט אורי אַ קאַסאָקען קוק, און דערזעהט די מומע פייגען. איהרע בעקלעך זיינען אַביסעל פאַרפלאַמט. דער טריפהנער מויל פון דער טוקערקע איז איהר פריקרע. זי שעהמט זיך, נאָר זי ווערט מיטגעשלעפּט פון דער גאַנצער כאָפּטע, ווי אַ מעלקעדיגע ציגעלע פון יאַלאָווע ציגען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום בייט זיך דאָס בילד און די קולות. אין דער אַזערע פּאַליושקענען זיך די ווייבער, און הינטער די הויכע טראָסטניקעס גאָנערען די מאַנסבילען און פאַרענדיגען דאָרטען זייער טואַלעט. ווער עס קעהרט איבער די העמד אויפן רעכטען זייט, ווער עס טוט איבער אַ שוך פון לינקס אויף רעכטס, ווער עס קנעפּעלט זיך איבער...

און דאָ דערגרייכט צו זיי אַ כאָר פון מיידעלשע קולכלעך. די מיידעלעך זיינען די ערשטע אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. נאַקעטקייט און באַשיידענע שטיפעריי הערט זיך אין זייערע קולכלעך:

— אוי, ס'אַראַ מאכל! „פליוך". אוי, ס'אַראַ מאכל! „פליוך".

ירחמיאלקע, דער מיזיניקעל, שטעלט אָן די אויערען, ווי אַ האָז, און לויפט צוריק צום זאַמד. ער וויל קוקען ווי ווייבער באָדען זיך. ער איז זייער נייגעריג און האָט דאָס רעכט דערצו. ער איז דאָך אַ „פּיצעל קינד", אָקאָרשט זיבען יאָהר געוואָרען. וואָס ווייסט ער?... ער נוצט אויס זעהר ברייט זיין „פּיצעל-קינד-

שאַפּט״... דער חומש־בחור שעהמט זיך. ע ר נישט. פון זיינע ממזרישע שמאָלע אויגלעך פאַרשווינדט קיין איינציגע באַוועגונג ניט. דערזעהט ער דאָרט, אַז דאָס האָבען זיך די קליינע מיידע־לעך גענומען פאַר די הענט און האָצקען זיך בקאָמפּאַני. העכער ווי איבער די אָרעמס האָבען זיי מורא זיך צו טוקען. די פּלייצ־קעס זיינען טרוקען און די דינינקע צעפּלעך זייערע טאַנצען הינטער זיי, ווי מייזלעך, און פּאַטשען זיך פלאַך אָן וואַסער... וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען איז צו באָדען זיך אַזוי? פונדעסטווע־גען קוויקען זיי זיך: „אוי, סאַראַ מאַכל! אוי, סאַראַ מאַכל!״

אויך מיר אַ מאַכל!

ירחמיאלקע מאַכט עס דערנאָך איבער זיינע עלטערע ברי־דער מיט אַלע פּישצעווקעס, ווי די מיידעלעך האָצקען זיך, ווי די צעפּלעך טאַנצען. ער מאַכט עס איבער אין שטוב צו ליכט־בענשען, אין בית־מדרש, בשעת מען איז מקבל־שבת. די עלטע־רע ברידערלעך שטיקען זיך פאַר געלעכטער, שיסען פון די נעז גראָד דאַן, ווען מען שטעהט שמונה־עשרה, און כאַפּען דערפאַר פון פעטער אורין די עכט שבתדיגע, פריש־געפעפערטע פעטש. ס׳איז גאָר ניט דער טעם פון אָנדערוואָכעדיגע... שבת האָבען די פעטש גאָר, גאָר אַ באַזונדערען טעם! און נאָר אַזעלכע צדיקים ווי אוריס בנים און זייער גלייכען זיינען צו זיי זוכה.

# דער דניעפּער וויל אַ קרבן

.1

ס'איז דאָ אין שקלאָוו אַ גרויסע קאָנקורענץ פאַר דער באַשיידענער, לעבלעכער אָזערע. דאָס איז דער דניעפּער. אויפן צווייטען זייט שטעטל שטראָמט ער אַ קיהלער, אַ פרישער, אַ זאַמדיגער. פון איין זייט — פעלד און שטיינדלעך, פון צווייטען זייט — ליימיגע בערג. אוריס בנים האָבען שוין ניט איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון באָדען זיך אין דניעפּער. אַן אונטערשיד אַביסעל! ס'איז פונקט ווי טרינקען קאַלטע „זעלצערקע", אָדער אָפּגעשטאַנענע וואַסער פון פאַס... נאָר ליפּען באָדען זיך אַלע טאָג אין דניעפּער איז אַ צו שווערע מעשה. ערשטענס איז עס צו ווייט פון דער היים און פון חדר, צווייטענס מוז מען צאָהלען אַ קאָפּיקע פאַר דער „קופּאַלניע", דריטענס האָט מען פאָרט אַביסעל מורא, וואָרים דער דניעפּער-שטראָם שלעפּט ווי אַ רוח, מאַכט „דריידלעך", און אַלע יאָהר מוז זיך איינער דערטרינקען... אַלע זאָגען אַזוי.

נאָר איין מאָל בשעת טיי-טרינקען, ווען ס'איז אַוועק אַ טיפער שמועס וועגען באָדען זיך און שווימען, האָט זיך אורי ווייטער צעלאָזען וועגען „ראַשעיע", און וועגען דער וואָלגע אין ניזשני-נאָווגאָראָד און האָט גענומען חוזק מאַכען פון שקלאָווער אָזערע, וואָס איהר וואַסער איז אַזוי געל און לעבלעך ווי...

ווי... „סראָוועדטקע״ *) און איהר גרונט איז ווייך און שליימיג ווי א „ראָסצענע״. **)

האָט זיך דער גמרא-בחור אַרויסגעכאַפּט:

— אין דניעפּער איז אומעטום קיהל אין דניעפּער... און זאַמד, אוי, וואָס זאַמד!

אורי האָט אויף איהם גלייך אָנגעשטעלט אַ פּאָר קאַסאָקע אויגען, פול מיט פאַרדאַכט:

— און פון וואַנען, „ר׳ פּייוועל״, ווייסט דו דאָס עפּעס וואָס אין דניעפּער טוט זיך?

דער גמרא-בחור האָט זיך אין גאַנצען צעטומעלט. אויפן גנב ברענט דאָך, זאָגט מען, די היטעל. נאָר פּייווקע דער חומש-בחור האָט איהם גענומען אַרויסשלעפען פון פעך און פאַרשלאָגען פעטער אורין „האַקע-באַקע״, גלאַט אין דער וועלט אַריין:

—דער „פּאָטשמייסטער״ באָדט זיך טאַקע אויך אין דניעפּער, דער פּאָטשמייסטער...

— מיט זיין הונט, טאַקע זיין הונט אויך... — האָט אונטערגעכאַפּט דאָס מוזיניקעל.

— פאַררעדט מיר ניט די ציינער! — מאַכט פעטער אורי, און וואַרפט אַן אויגעל צו מומע-פייגען, זי זאָל אויך זעהן וואָס פאַר אַ פּקח אַ סלעדאָוואַטעל ער איז — אָבער פון וואַנען ווייסט איהר?

— מיר קוקען! — כאַפּט אונטער דער חומש-בחור, דער כיטראַק, וואָס וואו עפּעס אַ פלאָנטער דרעהט ער זיך אַרויס דער ערשטער. נאָך איהם לויפען שוין דער גמרא-בחור און ס׳מוזיניקעל, ווי אויף אַן אויסגעטראָטענער סטיעזשקע.

— מיר קוקען!

— מיר-מיר-מיר-קוקען.

— מעהר ניט ווי „קוקען״? — פרעגט איבער פעטער אורי.

— ניין, ניין. מיר, מיר קוקען... אַזוי-זיך קוקען מיר.

---

*) סראָוועדטקע — וואַסער פון זויער-מילך.

**) ראָסצענע — איבערגעזייערטע טייג.

— נישקשה פון אַ קוק! פייגע מיין ווייב, אַ? דו הערסט דאָך, מען וואוינט דאָ, לעבען דער אָזערע און מען קוקט אַריין אין „דניעפּער“ קוקט מען. נאָר עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז מיטן „קוקען“ אַליין איז מען ניט יוצא...

אַזוי טשעפּעט זיך פּעטער אורי גוטמוטיג צו די קינדער; און אין האַרצען איז ער צופרידען פון אַזאַ נייעס, וואָס דער פּאָטשטמייסטער אַליין באָדט זיך אין דניעפּער. אַזאַ זכיה פאַר דער אידישער קופּאַלניע! וויבאַלד דער פּאָטשטמייסטער אַליין באָדט זיך דאָרטען, מוז עס דאָך גוט זיין! פאַרווילט זיך איהם אויך פאַרזוכען. ס'קאָסט אַפּילו אַ קאָפּיקע פון פאַרשוין, ס'איז אָבער ווערט.

— נאַ, — מאַכט ער נאָך אַ רגע ישוב־הדעת — גלייכער איז, אַז איהר זאָלט וואָס ווענינער „קוקען“... און דער „ניע־פּער“ אייערער... מ'וועט זעהן, מ'וועט אפשר געהן צוזאַמען.

קלייבט מען אויס דוקא אַ מיטען־וואָך, ווען ס'איז ניטאָ קיין סך עולם, ווען מ'שטעהט ניט קאָפּ־אויף־קאָפּ, ווי ערב־שבת, למשל. אורי מיט די בנים לאָזען זיך אַוועק מיט די האַר־טע פרענטעלעך זייף אין די קעשענעס און מיט ווייכע האַנטוכ־לעך אונטער די אָרעמס. מ'שניידט דורך דעם מאַרק, מ'פּאַרקי־רעוועט זיך צום גרינעם קלויסטער, מ'שפּרייזט אַריבער אַ ברי־קעל און מ'קומט אָן צו די קופּאַלניעס.

## .2

דער דניעפּער איז פאַרזייט מיט צעשאָטענע געהילץ פון פליטען, מיט „בערלינעס“ און מיט שיפעלעך. צווישען זיי שיינט העל די וואַסער־בלויקייט, ווי הימעל צווישען כמאַרעס. זי טרעט אַרויס נאָך שענער און בולטער אונטער די רויטע ליימענע בערג פון „זאַרעטשיע“, פונקט ווי אָפּגעמאָלט. אויף אַ שיפעלע אין מיטען שטראָם שיפט זיך אַ גויעצעל אין אַ פונץ־רויטער העמדעל. שפּיגעלט ער זיך אָפּ ווי אַ לעבעדיגער מאָהן אין מיטען דער טונקע־לער בלויקייט. שיפען זיך אייגענטלעך צוויי רויטע העמדלעך. איינער מיטן קאָפּ אַראָפּ, דער צווייטער מיטן קאָפּ אַרויף, אַ צווילינג.

בײַ דער מאַנסבילשער קופּאַלניע שטעהט אַ קלײזעל אי־דען און וואַרטען.

— אויף וואָס וואַרט מען? — פרעגט אורי.

— דער פּאָטשטמײסטער באָדט זיך. — ענטפערט מען איהם— יאָ, הערט אַ מעשה. שוין באַלד איבער אַ שעה, אַז דער ערל מיט די ממזרים זײנען אַרײן אין וואַסער... און... און... גאָרנישט.

— נו, איז מילא בכן — פרעגט אורי, — איז דאָס וואַסער טרײף?

ענטפערט מען איהם, אַז מען לאָזט קײנעם ניט אַרײן.

— אַזוי האָט ער אָפּגעמאַכט מיטן קופּאַלניק: „נאַ דיר אַ גריװנעצקע, און יאַ סאַם פּאַן". אַלע טאָג אַזוי.

— אַ חזיריי פון אַ ערל.

אורי קראַצט זיך אין באָרד און קוקט אָן מיט אַ שטאָך די בנים זײנע:

— הען, און איך האָב געהערט, אַז... אַלע צוזאַמען...

— וואו, ווער? אַ שונא־ישראל.

דאָס קלײזעל מיט אידען געפינט זיך דאָ, בײַ די קופּאַלניעס, אין דער זעלבער ראָל, ווי די כאָפּטע װײבער, בײַ דער אָזערע, הינטער די טראָסטינעס, ערב־שבת... מיט דעם אונטער־שיעד, וואָס יענע, מיט דער טוקערקע בראש, פּראָטעסטירען הויך אויפן קויל; און דאָ שטעהן די מאַנסבילען הכנעהדיג, אײנ־געבויגען קאָפּ צו קאָפּ און שילטען בלחש. כ'ווײס... הויבט זיך אָן מיט אַ גוי, מיט אַ גרינעם אָקאָלישעק און מיט אַ קו־קאַרדע, וואָס אַלע בריף און אַלע געלדער פון אַמעריקאַנער קרובים געהען דורך דורך זײן האַנט! און אויסער דעם... „פּאָטשמײס־טער" הערט זיך עפּעס ווי „פּאָליצמײסטער"...: ווער קען עס ווי־סען? לאָמיר זיך בעסער ניט טשעפּען...

די אינגלעך, וועלכע וואַרטען מיט זײערע טאַטעס, פּיהלען מיט האַרצווײטאָג די אומגעדולד פון די עלטערע. שפּילען זײ די ראָלע פון פרײוויליגע דעדעקטיווס. זײ גנבענען זיך אונטער אַלע ווײלע צו דער קופּאַלניע, קוקען אַרײן דורך די שפּאַלטען— ווי ווײט דער ערל האַלט שוין מיט זײן אָנטהויעכץ... אוריס מו־

זיניקעל מיטן חומש־בחור נעמען איבער די דאָזיגע מיסיע מיט אַ ברען. מיט לייב און לעבען. אַרבייט איז דאָ ביז איבערן קאָפּ! לויפט מען אַהין און צוריק ווי די פאַרסמטע מייז און מען ברענגט אַלע רגע פרישע נייעס פון די שפאַרונקעס:

— ער באָדט שוין דעם הונט!

— ער טרינקט שוין אַ „מאָנאָפּאָלקע״!

— ער ציהט שוין אָן די שטיוואַלעס!

— ער כראָמשקעט שוין אַ קאָלבאַס...

טראָגענדיג אַזוי אויף זיך דעם גלות פון פּאָטשטמייסטער און אַרומשפּאַצירענדיג מיט באַקאַנטע אידען, הויבט אויף פעטער אורי זיינע קאָסאָקע אויגען און דערזעהט, ווייט הינטער די קוּ־פּאַלניעס און פליטען, ניט ווייט פון דער קאַכליע־פאַבריק, צוויי נאַקעטע פיגורען ווי זיי באָדען זיך.

— אַלמאַי, — מאַכט ער, — זאָלען מיר דאָ שטעהן און וואַרטען אויף כבוד? אָט באָדט מען זיך אָהן אַ קופּאַלניע.

גלאָצען איהם אידען אָן, ווי מען גלאָצט אָן אַן אורח:

— איהר ווייסט וואָס איהר רעדט? ס׳איז דאָך דער „אותו האיש״... מיט... מיט זיין שיקסע מיט זיינער.

— ווער־איז? וועמען מיינט איהר?

— טאַקע יענער...

— דער נכתב... וועלכער וויל ניט קיין קייסער.

— דער פאַרשיקטער.

— דער „צישיליסט״.

— טיאַ־טיאַ־טיאַ, — קנאַקט אורי מיטן צינגעל, — אַזוי גאָר די מעשה!

— היינט די גריבער דאָרטען... ס׳איז א ליימיגער אָרט. פונקט לעבען דער קאַכעלניע. וואָסי? איין מענש איז דאָרטען דער־טרונקען געוואָרען? נאָר זעהט איהר דאָך! עס ציהט איהם אַהין...

— ווי אַ שד צום אַלטען ברונען.

— שעמט זיך גאָר ניט צו באָדען מיט אַ נאַקעטער גויה.

— מ׳זאָגט ס׳אַ אידיש קינד.

— אַזוי גוט ווי ער.

.3

דאָס האָט זיך געבאָדען דער „פאַרשיקטער" אַמסטערדאַם. יאָ, אַמס־טער־דאַם. אַ מענש פאַרגינט זיך אַ פאַמיליע!... אַ שלאַנקער פאַרשוין, מיט אַ פּאָר גרינע, אַביסעל בולטע אויגען. זיינע בלאָנדע האָר זעהען אויס פרעמד, זיין שמייכעל פרעמד, זיין גאַנג פרעמד. ער קוקט גלייך אין די אויגען. ער געהט — פונקט ווי גאַנץ שטאָט איז זיינע. פינף יאָהר איז ער אָפּגעוועזן אין סיביר אויף „פּאָסעלעניע"; ערשט דאָ ניט לאַנג האָט ער זיך באַוויזען אין שקלאָוו. מען האָט איהם דאָ צוגעשריבען מיט השתדלות. ער האָט, זאָגט מען, גוט „אונטערגעשמירט" וועמען מען באַדאַרף. אַז ניט, וואָלט מען איהם דאָ געלאָזען וואוינען, וואָס? אָבער ער געפינט זיך נאָך אַלץ „פּאָד נאַדזאָר". אַלע טאָג מוז ער זיך יאַווען צום פּריסטאַוו. און וואוינען וואוינט ער מיט זיין „גויה" ערגעצוואו אין אַ גויעשקע הייזעל, הינטערן שטאָט, לעבען די „ברעמלעך". אָט דאָרטען „פּאָפּט דאָס און דאָרטען עסט דאָס, פאַרשטעהט זיך... גאָלע כשרות"... וואָרים אַ איד וועט איהם דען פאַרדינגען אַ דירה, וואָס? מען מיידט איהם אויס, ווי אַ מגפה. נאָר חדר־אינגלעך האָבען עפּעס פאָרט דערשמעקט. גלאָצען זיי איהם אָן און כאַפּען פּעטש פון הינטען: „מ'האָט אייך געזאָגט, קוקט ניט אין יענעם זייט." „אַז איהר דערזעהט איהם, אַנטלויפט!" און ער, דער תנא־באַרע, געהט זיך אין מיטען גאַס, אָהן אַ היטעל, די לאַנגע האָר פאַרקעמט ווי ביי אַ שייגעץ, אונטערן אָרעם — די גויה זיינע; פרעסט אַ באַרנע און שמייכעלט... אָט אַזוי שפּאַצירט דאָס אַלע טאָג, גלייך צום פּריסטאַוו אין „סטאַן", ווייזען זיך, אַז ער איז דאָ.

אין גאַס, בקאָמפּאַניע מיט נאָך חברה, האָט מען איהם קיינמאָל ניט געזעהן. נאָר פאַרנאַכט הויבען עפּעס אָן צו נישטערען אַרום זיין הייזקע מאָדנע שאָטענס, אָנגעטאָן ווי די שלעפּערס. גנבענען זיי זיך שטיל ווי די רוחות... מען האָט, זאָגט מען, אַפילו איין מאָל געזעהן, ווי האַצע דער הינקעדיגער קירזשנער העצקעט זיך אַרויס פון אָט דער הייזקע און קוקט

זיך אַרום ווי אַ גנב. וואָס פאַר אַ מחותן איז אַ קירזשנער מיט דעם נכתּב? נאָר מסתּמא איז עס אַ טעות...

די שושקעריי איז אָבער געוואָרען אַלץ שטאַרקער, ביז ס'איז אַריבער אין אַ מורמלעריי: „דער נכתּב פיהרט איבער די יונגוואַרג". „ער רייצט אָן די באַלמעלאָכעס".

דער פּריסטאַוו מיט זיינע צוויי דעסיאַטניקעס זיינען שוין אַ פּאָר מאָל אָנגעלאָפען זוכען. נאָר עפּעס אַלעמאָל גיט אין גערטעל, לעבען דער הייזקע, אַ פייף אָדער אַ פּאַטש מיט די הענט און שאָטענס הויבען אָן צו שפּרינגען איבער פּאַרקאַנעס, איבער צוימען פון אוגערקע-גאָרטענס. קומט אָן דער פּריסטאַוו מיט אַ קנאַק אין טויערל און מיט אַ קלונג פון זיין סאַבליע. געפינט ער אַלע טירען אָפען. די בלאָנדע נקבה שמייכעלט צו איהם: „פּאָזשאַלעסטווע". און דער נכתּב אַליין זיצט זיך אַזוי מעשה-סטאַטיק, ביי אַ גלאָז טיי, און לייענט גאָר די ביבליע אויף רו־סיש... וואָס זאָגט-איהר עפּעס, אַל-די-רוחות, צו אַ ז אַ מין בעל-תּשובה?

ער האָט זיך פריהער געפּרוּוועט באַדען אין קופּאַלניע, מיט אַלעמען גלייך. זיינען זיך אידען צעלאָפען. אַ נאַקעטער רוח זאָל זיך געוועזען ווייזען אין פיערעקעדיגען שקלאָווער באַסיין פון ברעטער, וואָלט מען זיך ווייניגער דערשראָקען. נאָך ערגער איז געוועזען אין עזרת-נשים, אין דער ווייבערשער קופּאַלניע, ווען די בלאָנדע נקבה האָט זיך דאָרטען באַוויזען. אַ מעוברתע אידענע האָט געחלשט און דעם נייעם-נגידס שנור האָט זיך צעקוויטשעט אויף איהר טעכטערל: „מירעלע, טהו זיך אָן! אָט שוין זאָלסטו זיך מיר אָנטאָן!"

האָט דער קופּאַלניק איהם געבעטען מעהר ניט צו קומען, ווייל ער פּטרט איהם אַוועק דעם געשעפט. „מען זאָגט, — האָט ער צו איהם גערעדט מיט חכמה, — אַז איהר זאָרגט זיך פאַר אָרימע לייט, בין איך אויך אַן אָרימאַן". דער נכתּב האָט זיך צעלאַכט.

אַזאַ טענה האָט פאַר איהם, אַ פּנים, געהאַט אַ באַדייטונג. די דערשראָקענע שושקערייען האָבען איהם, ווייזט אויס, אויך דערעסען, ווייל ער האָט זיך אויסגעזוכט אַן אָרט, ווייט הינטער

די קופּאַלניעס און הינטער די קלאַפּטערס האָלץ, וואָס זיינען אָנגעגרייט פֿאַר די פֿאַרעכאָדען און דאָרטען געבאָדען זיך; און דוקא מיט זיין גויה צוזאַמען. ניט אַנדערש ווי שטאָט אויף צולהכעיס.

אָט דעם דאָזיגען מאָדנעם פֿאַרשוין, אין זיין גאַנצער נאַ־קעטקייט, האָט דאָס אַצינד דערזעהן פעטער אורי. און אַז ער האָט דערהערט, וו ע ר דאָס איז, איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. די בלויקייט פון דניעפּער האָט איהם שוין אויס־געזעהן ווי אַ סם, ווי קאַרבאָלקע־וואַסער כאָלערע־צייט. ער וואָלט זיך גלייך געוועזן אָפּגעטראָגען, נאָר ער האָט זיך ניט געוואָלט ווייזען שוואַכער ווי אַלע אַנדערע אידען. מילא, וואָס מיט אַלע־מען, דאָס מיט איהם...

וואָלט נאָך אַלץ געווען נישקשה. שטעהט אָבער ביי דער זייט דער עלף־יאָהריגער גמרא־בחור, ציהט דעם האַלז ווי אַ גאָנער נאָך האָבער, שלינגט יעדעס וואָרט און יעטוועדער וואונק. און מיט אַ מאָל גיט ער אַ שטעל אַ שאלה ווי אַ קלאָץ, ווי אַ יון אין סוכה אַריינגעפאַלען:

— טאַטע, זעה, וואָס איז דאָס אַ „צישיליסט״?

אורי האָט איהם גלייך אַראָפּגעלאָזען אַ קורצען און שאַר־פען פּאַטש: איינעם פון יענע קורצע און איבערצייגענדיגע פּעטש, וואָס פאַרענטפערען אַלע פראַגען פון דער וועלט; און האָט צו איהם שטיל, כמעט מיט רחמנות, אַ זאָג געטאָן:

— אָט דאָס איז דאָס!

## 4.

ווען די ערד וואָלט זיך געווען געעפענט אונטערן גמרא־בחור, וואָלט ער זיך בעסער געפיהלט. ווי אין הין־הער־פלעט האָט ער זיך אַ רייב געטאָן די אָנגעלאָפענע באַק, אַ וויש גע־טאָן אַ טרער און געהאַט בדעה אַנטלויפען צוריק אַהיים. נאָר גראָד דאָ האָט זיך מיט אַ האַווקעריי און מיט אַ סקריפּ אָפּגע־קייטעלט פון אינוועניג דאָס הילצערנע טירעל פון דער מאַנסביל־שער קופּאַלניע. קודם כל איז אַרויסגעלאָפען אַ שוואַרצער, פּייכ־טער הונט, מיט אַראָפּגעהאַנגענע המן־טאַש אויערן; און צוגעלאָפען

צום רעדעל אידען, האָט אַ שוידער געטאָן מיט דער גאַנצער הינטישער פעל זיינער, אַלעמען אָפּגעשפריצט און האָט זיך נאָך צעהאַווקעט דער מיאוסטער כּלב:

— הען, וויפיעל זשידעס! אַ קאָפּ לאָזען זיי ניט אויפ־הייבען, אַ גאַס לאָזען זיי ניט דורכגעהן... האַוו, האַוו...

דערנאָך האָבען זיך אַרויסגעשאָטען שקצימלעך, ווי די שרעטעלעך, אין שוואַרצע הויזעלעך, פאַרוסינענע העמדלעך מיט גאַרטעלעך, מיט גימנאַזיע־היטעלעך און מיט זילבערדיגע קוקאַר־דעלעך. און ערשט נאָך זיי האָט זיך דורך דער שמאָלער טי־רעל דורכגעשטופּט אַ באַלייבטער, גרויסער גוי אין שטיוועל, מיט לאַקירטע כאָליאַוועס, אַ קאַרטוז מיט אַ סאַמעטענעם אַקאָ־לישעק אָנגערוקט מעשה־גבור אויף דעם רויטען קאַרק, אַ לע־דערנע בייטש אין האַנט — דער פּאָטשטמייסטער.

ער האָט אויף דעם קלייזעל אידען אָנגעשטעלט זיינע פאַרגלאָזטע אויגען, ווי איינער פרעגט: „נו, און כבוד?". עטלע־כע אידען, וועלכע באַקומען „זאַקאַזנאָיע"־בריף פון אַמעריקע און שרייבען זיך פונאַנדער מיט דער אייגענער האַנטשריפט אויף פּאָסט, האָבען פאַר איהם אַראָפּגענומען די היטעל. דער ערל האָט זיי אָפּגעגעבען „טשעסט", ווי אַן אָפּיצער, מיטן האַנט ביים אַקאָלישעק. אידישע הערצער האָבען זיך צעשמאָלצען: אַ גוי, אָבער פאָרט אַ מענש מיט בילדונג!... ער האָט אַ פרעג געטאָן, וואָס מען קוקט עפּעס דאָרטען הינטער דער קופּאַלניע. האָט מען איהם געטאָן אַ צוליב: „י ע נ ע ר טאַקע, כע־כע, דער דאָזיגער, קאָטאָריוועלכער".

דער פּאָטשטמייסטער האָט אויפגעהויבען די לעדערנע בייטש, אַ שאָקעל געטאָן מיטן קאַרטוז, געגעבען זיך אַ שמייך איבער דער כאָליאַווע און אַ וואָרף געטאָן פון זיך אַ ריח פון קאָלבאַס און בראַנפען, צוזאַמען מיט האַרבען לשון:

— טאָזשע קופּאַיעטסיאַ, סוקין סין!*)

און זיינע פאַרגלאָזטע אויגען האָבען עפּעס גיפטיג אַ

---

*) באָרט זיך אויך, אזא הינטישער זוהן!

קוק געטאָן אויף די „זאַקאַזנאָיע אידעלעך“, ווי איינער זאָגט: „אָט, זשידעס, וואָס פּאַר אַ פּרי איהר האָט אונז אויפגעהאָדעוועט!“

און — „פּיו-ו-וט!“ אַ פייף געטאָן צום הונט און אַוועק אָהן אַ גוטען-טאָג.

אידען זיינען אַריין אין קופּאַלניע מיט אַ שווער געמיט. אורין איז שוין מעהר ניט ניחא געווען די פרישקייט פון וואַסער, ניט דאָס קיהלע פלייצען, וועלכע ציהט ביי די פיס און קיצעלט די לענדען. צוליב וואָס האָט ער דאָס אינגאַנצען געדאַרפט האָבען, וואַרטען ווי אַ אידענע, אָפּעסען זיך דאָס האַרץ? אָט אַזוי קומט שטענדיג אַרויס, ווען אַן עלטערער לאָזט זיך פיהרען פון אינגלעך, אַ טאַטע — פון אייגענע קינדער...

מיט דעם חוש פון אַ מענשען, וועלכער עלטערט זיך, האָט ער עפּעס אין דעם דניעפּער דערפיהלט דעם געפעהרלעכען סוד פון דער יוגענט, די שטיפערייען פון אַ געהיימער און טיפער קראַפט. עס שלעפּט, עס פאַרפיהרט, עס וויל עפּעס... היינט די הפקרות! אַלע באָדען זיך דאָ: „צישיליסטען“, גוים, הינט און, להבדיל, אידען... און דער דניעפּער נעמט זיי אַלעמען אויף, וואַשט זיי אָפּ און אַליין בלייבט ריין. גאָר אַנדערש איז די היימישע אָזערע, די אידישע, די אָפּגעשטאַנענע; וואַרים ווי אַ פּערענע און שטיל ווי אַ מקוה.

געהענדיג צוריק אַהיים, אַן אויסגעבאָדענער, אַ פאַרטראַכטער, האָט ער, נאָך אַ לאַנגען שווייגען, אָפּגעצעהלט ווערטער ווי מטבעות

— נאַ, מען וועט זיך באַגעהן אָהן דער קופּאַלניע וועט מען, אָהן דעם „ניעפּער“ אייערען... מען קען יוצא זיין מיט דער אָזיערע, קען מען.

חברה קליינוואַרג האָט גאָרניט געענטפערט. דאָס האָט אורין גערייצט ווי אַ פאַרשווערונג. העך, שנעקעס! זיי ווילען שוין עפּעס אויך!... האָט ער דערפאַר גענומען איינטייטשען זיינע פריהערדיגע ווערטער:

— און טאָמער וועט איהר ניט פאָלגען, טאָמער, און וועט

לױפֿען צום „ניעפּער“ קוקען... איהר פֿאַרשטעהט? „קו־קען“... װעל איך, װעל איך אײך... די הויט װעל איך אײך אָפּשינ־דען...

.5

צו שינדען די הויט פֿון די בנים פֿאַר באָדען זיך אין די קופּאַלניעס איז שוין אָבער דעם זומער מעהר ניט אויסגעקומען. דער דניעפּער אַלײן האָט איהם פֿאַרשפּאָרט די טרחה. ער האָט צוגענומען זײן קרבן און האָט אַלעמען אָפּגעשראָקען.

שוין אין עטלעכע טעג אַרום, שבת נאָך טשאָלענט, איז אַרויס אַ קלאַנג:

— אַמסטערדאַם האָט זיך דערטרונקען!

— װאו? װען?

— אָקאָרשט. בײ די קאַכעלניעס.

מען האָט זיך דאָס איבערגעגעבען בסוד, האַלב מיט אַ שושק, װי אַ פּאָליטישע געשעהעניש, װעלכע מען טאָר ניט דערצעהלען הויך אויפֿן קול.

מען האָט דאָך איהם פֿײנט געהאַט, דעם נכתּב, און מורא געהאַט פֿאַר איהם! װעגען זײן ביטערען סוף האָט מען אָבער דערצעהלט אָהן הנאה, עפּעס װי אַ װאונדער, װי אַ גזר־דין, אַן איבערנאַטירלעכען פּסק, װאָס האָט אָבער אַנדערש ניט געקענט געשעהען. װאָס דען? װער זאָל זיך דערטרינקען, אויב ניט אַמסטערדאַם? אַ—אַ—יונג, װאָס איז זײן גאַנצען לעבען געקראָכען אין פֿײער און אין װאַסער!... מען האָט איהם מעהר ניט גערופֿען: דער „צישיליסט“, „דער נכתּב“, נאָר בײ דער פֿאַמיליע, מיט אַ געװיסער באַטאָנונג, מיט אַ באַהאַלטענעם דרך־ארץ. עס זײנען אַרויסגעשװאומען שכלדיגע פּרושים, סתרי־תורה; זעליג דער גלעזער האָט משער געװען:

— געדענקט, אידען, מײנע װערטער! דאָס האָט איהם „קאַזנאַ“ געמאַכט דעם קונץ... און װײטער גאָרנישט.

די עלטער־מומע לאהקע, אויס אַכציג־יעהריגע מומע, אַ

באָביצע מיט אַ גאָמבעלע ווי אַ פּיטום און מיט דריי האָר אויפן שפּיץ נאָז, וועלכע האָט זיך אָנגעלייענט מיט מעשיות פון גוטע־אידען, האָט דערצעהלט וועגען דעם טויט פון נכתּב, ווי וועגען אַ זאַך, וואָס זי האָט געזעהן מיט די אייגענע בלינדעוואַטע אויגען איהרע:

— ער האָט דאָך דערזעהן אַ מעסערל נעביך, שווימט אַ מע־סערל... האָט ער איהם געוואָלט כאַפּען. וואו מעסערל, וואָס מעסערל? ס'איז געווען, נעביך, דער טויט זיינער...

— באָבע, — האָט מען איהר געבלאָזען שופר אין אוי־ער, — ווי אַזוי קען דאָס אַ מעסערל שווימען?

האָט זי געענטפערט מיט אַ פאַרסודעטען שמייכעלע, גע־שאָקעלט מיטן הייבעל:

— נאַ, קינדערלעך, זעהט איהר דאָך.

קושע, דער שמש פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, אַן אַל־טער כיטראַק, האָט אונטערגעוואונקען מיט איין אויגעל אונטער דער שפּיציגער יאַרמולקע:

— אַ טריאַטער, ווי איך בין אַ חתן־בחור. כע—הע! —ער האָט דאָך טאַקע געמאַכט אַ ויברח... אַריבערגעשוואומען דעם „ניעפּער" אונטער וואַסער, אַרויפגעדראַפּעט זיך אויף זאַרעטשיע, דאָרט איז שוין געווזען גרייט אַ גוישקע פוהרעל מיט אַ שעפּ־סענעם קאָזשוך און כע־כע־כע־כע...

איז אויף איהם משהקע דער טאָקער אַרויפגעפאַלען:

— מ'קיצעלט אייך, ר' קושע, אין פּיאַטע? זיין אשה איז דאָך דערביי געווען, זי האָט געחלשט אויף זיינע בגדים, האָט זי דאָך...

קושע האָט רוהיגערהייט אָנגעשאָטען אַ הייפעלע שמעק־טאַבאַק אין דער גריבעלע פון גראָבען פינגער און האָט עס אָפּ־געמעקט מיט איין ציה פון קרומען נאָז, ווי אַ קונצענמאַכער:

— מ'קען די מעשה, געחלשט־שמאַלעשט... ער איז שוין לאַנג אין אָרשע... ער זיצט שוין לאַנג אין באַהן...

קושע דעם שמשס ווערסיע איז, אַ פּנים, דערגאַנגען ביז צום פּריסטאַווס אויערן, ווייל פון מאָהליוו זיינען אַראָפּגעקומען

צוויי זשאַנדאַרען און האָבען מיטן פּריסטאַוו און מיט די צוויי שקלאָויצר דעסיאַטניקעס געגומען אַרומזוכען אין אַלע לעכער, מיט לאַנגע שטעקענעס האָט מען געגרונטעוועט דעם דניעפּער לעבען די קאַכעלניעס, און די פּלונית פון נכתב גענומען אויפן דאָפּראָס... שקלאָוו איז געגאַנגען אויף רעדלעך און קושע דער שמש איז געווען דער קלוגסטער איד.

אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָבען אַלע מעשיות אויפ־געהערט. פון די ליימיגע גריבער, ביי די קאַכעלניעס, איז אַרויפ־געשוואומען אַ מת, אַ נאַקעטער, אַ בלויער, אן אָנגעשוואָלענער. די בלויע אויגען זיינען געווען אַרויסגעהאַנגען. אין די ליפּען האָבען זיך איינגעקלעמט ראַקעס.

די אַרבייטער פון קאַכעלניע האָבען איהם צוגעצויגען צום ברעג, אַוועקגעלעגט צווישען ווערבעס. ער איז געלעגען גרויס און צעוואָרפען ווי אַ געשונדענער אָקס. די פיס — אין קלעפּע־דיגען ליים. דורך דעם שאָטען פון די ווערבעס האָט ער נאָך אויסגעזעהן פאַרלענגערט און בלויער ווי ער איז. דעם פאַברי־קאַנטס ווייב, פון קאַכעלניע, האָט זיך מרחם געווען און האָט געשענקט אַ גרויס ליילעך מיט אַ לאָך. האָט מען דעם מת צוגע־דעקט. נאָר ס'האָט זיך פאָרט געדוכט, אַז פון לאָך טשיקעוועט אַן אויג, אַן אַרויסגעהאַנגענע אויג פון דעם דערטרונקענעם.

עס איז אָנגעלאָפען גאַנץ שטאָט. און דערנאָך ערשט — דער פּריסטאַוו מיט זיינע מאָהליוער זשאַנדאַרען און מיט זיינע שקלאָ־ווער דעסיאַטניקעס. אַ בלאָנדע פּאַרווייגטע יונגע אשה איז צוגעפּאָה־רען אויף אַ פוהרעל. דער פּריסטאַוו האָט שוין פון דערווייטענס אַ געשריי געטאָן: „ראַזאָידיס!" און אַלע זיינען זיך צעלאָפען.

## .6

אין אַ פּאָר מינוט האָבען שוין אָבער אַלע געוואוסט, אַז די בלאָנדע פאַרשוין האָט איהם דערקענט. ס'איז ע ר, טאַקע ער אַליין, אַמסטערדאַם, דער פאַרשיקטער, און אַז ער איז

בשעת באָדען-זיך, אַריינגעפאַלען אין אַ ליימיגע גרוב, און מעהר ניט געקענט אַרויס...

אַז אַלע זיינען זיך צעגאַנגען וואַרמעס עסען, איז ביים צוגעדעקטען מת געבליבען נאָר איין דעסיאַטניק. אוריס חומש-בחור האָט זיך צוגעגנבעט אַ קוק-טאָן. און דאָס האָרץ: טיאָך-טיאָך-טיאָך. די בלויקייט פון דניעפּער האָט איהם אויסגעזעהן ביין, די ליימיגע בערג פון זאַרעטשיע — אָנגעבלאָזען מיט גויע-שקער רשעות.

פּלוצלינג האָבען זיך, פון הינטער די ווערבעס, אַרויסגע-ריסען עטלעכע יונגען אין אונטערגעגאַרטעלטע רויטע העמדלעך, און ניט קוקענדיג אויף דעם דעסיאַטניק, דעם שלאַק, אַרויפגע-וואָרפען אויף דעם דערטרונקענעם אַ רויטע פאָהן און צעשאָ-טען אַ פּאַק מיט רויטע מאָהן-בלומען. אַ רגע שפּעטער זיינען זיי שוין אַלע אַריין אין די ווערבעס, און ניטאָ!

דער דעסיאַטניק האָט ניט פאַרשטאַנען מיט וואָס מ׳עסט דאָס. ער האָט, אַ פנים, געמיינט, דער פּיאַניצע, אַז ביי אידען איז אַזאַ מנהג. האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע, פאַרריכט די רויטע אויסגעשפּרייטע טוך, די רויטע בלומען און געבליבען שטעהען ביים מת מיט אַ זויערער מינע, ווי פריהער.

נאָר אַז דער פּריסטאַוו איז צוריקגעקומען, האָט דער דע-סיאַטניק געכאַפּט די גוטע קלעפּ אין מאָרדע אַריין. מען האָט איהם געקלאַפּט און געגעבען צו פאַרשטעהן, וואָס הייסט רויטע בלומען און וואָס הייסט קראַמאָלע. דער שקלאָווער דעסיאַטניק האָט אָבער פאָרט ניט פאַרשטאַנען. נאָר די מאָהליווער זשאַנדאַ-רען האָבען געהירזשעט ווי די פערד און געוואָרפען די רויטע בלימלעך אין דניעפּער אַריין.

פאַרנאַכט האָט מען דעם מת אַוועקגעפיהרט אויף אַ לאַנ-גען וואָגען. די אויפגעלאָפענע מאַסע פון דערטרונקענעמס לייב האָט זיך געטרייסעלט אונטער דעם ליילעך ווי פּעטשאַ. ווייבער איז ניט גוט געוואָרען.

אויף דעם אידישען בית-עולם, אויף רישקאָקי, איז ער אָנגעקומען אין דער נאַכט אַריין. איהם האָבען באַגלייט נאָר די

מאָהליווער זשאַנדאַרען און אַ בלאָנדע פּרוי מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטען קאָפּ.

מען האָט איהם באַגראָבען ביים פּלייט פון בית־עולם, ביי אַ שיין פון לאַמטערנעס. און שאַ, שטיל, דאַכט זיך.

אָבער נאָך האַלבע נאַכט האָט זיך דער קברות־מאַן אויפ־געכאַפּט און האָט זיך, מיט גרויס שרעק, צוגעהערט צו אַ מאָד־נעם געזאַנג. ס'האָבען, ווייזט אויס, געזונגען ניט־וועניג מענשלע־כע העלזער. און געצויגען האָט זיך דער געזאַנג פון דעם נייעם קבר ביים פּלייט. עפּעס אַ מאָדנער ניגון. דוקא ניט קיין טרויעריגער. פאַרקעהרט, מען וואָלט געמעגט שווערען, אַז ס'איז עפּעס אַ מין מונטערער מאַרש פון סאָלדאַטען...

דאָס איז געווען דער ניגון פון דער מאַרסע־ליעזע, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין שקלאָוו צום ערשטען מאָל. גאַנצע הונדערט מיט פינף יאָהר האָט דער ניגון געבּרויכט, זייט ער איז אַרויס פון פּאַריזער קאָנוועגט, ביז ער איז דער־גאַנגען צו שקלאָווער בית־עלמין. און דערהערט האָט איהם צום ערשטען מאָל ניט קיין אַנדערער, ווי דער קברות־מאַן. אַן עכאָ פון אַ נייער וועלט. ער איז געבּליבען זיצען, דער אַלטער, אויף זיין פּערענע און מורא געהאַט אַ ריהר טאָן מיט אַן אבר.

נאָר אין דער פריה, אַז ער איז אַ ניט־אויסגעשלאָפענער, מיט אַ זייטעל און מיט אַ זיפּצעלע צוגעטראָטען צום פרישען קבר ביים פּלויט, האָט ער דעם קבר געפונען איינגעטונקט אין רויטע מאָהן־בלומען... אין מיטען דער קופּע האָט געשטעקט אַ פּלאָקען, און אויפן פּלאָקען האָט געפלאַטערט אַ רויטע טיכעל. און ס'האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דער קבר שווימט ווי אַ שיפעל און פאָהרט ערגעץ, מיטן שימעל־דיגען פּלייט צוזאַמען, אין דער ווייטענס אַריין...

* * *

דער דניעפּער האָט צוגענומען זיין קרבן. אידען האָבען זיך יענעם זומער מעהר אין איהם ניט געבּאָדען. דער קופּאַלניק

איז אומגליקלעך געוואָרען און האָט געבעטען הילף אין חברה „סומך־נופלים”.

און די פאַרעווע אָזערע האָט געזיגט. זי, מיט איהרע בלאָטיגלעכע וואַסערען, איז יענעם זומער געבליבען אויסער קאָנ־קורענץ. און פרייטאָג פאַר ליכט־בענשען איז אויף איהר זאַמ־דיגען אָרט געוועזן אַ גרויסע שטופעניש פון באַלעבאַטים און באַלמעלאָכעס. און די צעפלאַמטע ווייבער זייערע זיינען געשטאַ־נען הינטער די טראָסטינעס, ווי אויף שפּילקעס, און געמורמעלט׳ אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז אַ אידענע אַ קאָזאַק האָט אויס־געשריען:

„אַ־אַ חזיריי פון מאַנסבילען! אַרויס פון אָדזשערע”! *)

און „דזשירקעליכע”, די טוקערקע, האָט גיפטיג און מיט אַ קוויטש צוגעהאָלפען:

— ווייבער, קומט טשוריק! נישקאָשע, ש׳וועט זיי שוין היינט ביינאַכט פאַרגעהן אַ גרוישער וויטאָק!

יאָ, די אָזערע האָט דאָס מאָל געזיגט געגען פרישען. געגען האַסטיגען דניעפּער, אָבער אויף ווי לאַנג? — —

*) אָזערע.

# די דעמאָנסטראַציע

.1

אַמסטערדאַם, דער געפּעהרלעכער „נכתב״, דער פאַרסודעטער „צישיליסט״, האָט זיך דערטרונקען אין דניעפּער. זיין בלאָנדע אשה איז ערגעצוואו אַוועקגעפאָהרען, די גויעשקע הייזקע ביי די אָרשער ברעמלעך, וואו ער האָט געוואוינט, איז געבליבען שטעהן מיט פאַרמאַכטע לאָדען, עפּעס ווי אַרויסגעשטויסען פון חברה־הייזער. כ׳מיין, ווער וועט זי אַצינד געהן דינגען? אי אַ מורד־במלכות, אי דערטרונקען... אידען האָבען געמאַכט אומוועגען, כדי ניט צו געהן פאַרביי דער דאָזיגער הייזקע. נאָר דער קוקערל אויף איהר דאַך, דאָס פלאַכע פענסטערל אונטערן קוימען, האָט זיך צוגעשטשורעט, ווי אַ בייז אויג, און קוקט אַלעמען נאָך פון דער ווייטענס. דער רוח זאָל עס נעמען!

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, אָבער פטור געוואָרען! אויס „צישיליסטען״. אויס שאָטענס, וואָס לויפען בשעת אַן אָבלאַווע איבער קרויט־גערטנער... ערשט, ניין! עפּעס אַ מין רוח איז אַריין אין דער יונגוואַרג, דער גלגול פון דעם דערטרונקענעם האָט זיך צעשאָטען אין אַ סך געשטאַלטען פון חוצפה און ווידערשפעניגקייט. אַפריהער אין דער שטיל, דערנאָך האָט זיך עס פאַרנומען ווי אַ פייער. — דינסטמיידלעך האָבען זיך גענומען שטעלען געגען באַלעבאָסטעס, מתנגדים געגען חסידים, באַל־

מעלאָכעס געגען מייסטערס, שקאָלניקעס געגען לעהרער, קינדער גע־ גען טאַטעס. קיינמאָל האָט שקלאָוו ניט געהאַט אַזוי פיעל מחלוקתן. אַן אומגליק!

די פאַרשוואונדענע שאָטענס פון „הינטער־די־פאַרקאַנעס״ האָבען עפעס געכומען אָפלעבען, געוואָרען ממשותדיגער. ניט איינמאָל האָט מען שוין געכאַפּט יונגעליטלעך, מיידלעך, אַפילו עלטערע חדר־אינגלעך, ווי זיי זיצען פאַרבאַהאַלטען און לייענען עפעס אַרויס פון דינינקע אשר־יצר־פאַפּירלעך, מיט פיצעלעך אותי־ יותלעך, כאַטש נעם און קוק דורך אַ שפּאַקטיווע! דאָס מאָדנע לידעל, וואָס דער קברות־מאַן האָט דערהערט פאַרטאָג, אויף אַמסטערדאַמס פרישען קבר, האָט זיך עפעס גענומען אַרויסשיי־ לען פון איהרע נעפעלדיגע הייבלעך, ביז זי איז קלאָר געוואָרען, ביז זי האָט אָנגענומען פאָרמען, אָנגעקליידט זיך אין ווערטער און ריטמען:

אָטרעטשאָמסיא אָט סטאַראָווע מי־יראַ,
אָטראַכניאָם יעווא פראָך ס׳נאַשיך נאָג!...

אַפריהער האָט מען דאָס ליד דערהערט אין וואַלד, אויף יענעם זייט אָזערע, אין „פראַנצאָווקע״, אָט דאָרטען וואו די פראַנצויזען האָבען זיך אַמאָל באַהאַלטען בשעת זיי זיינען גע־ לאָפען פון מאָסקווע... דערנאָך האָט זיך דאָס ליד אַריבערגע־ כאַפּט אין שטאָט אַריין און צעגאָסען זיך איבער אַלע הינטער־ געסלעך, און ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין האַרץ פון שטאָט. מען וואָלט געמעגט שווערען, אַז מען האָט זי שוין דערהערט איינמאָל, אַ פאַרנאַכט, פון ר׳ ישיעלעס חורבה:

מי ניע לובים זלאָטאָווא קומי־יראַ,
ניענאַווידים נאַם צאַרסקי טשערטאָג,
מאַרש, מאַרש! — —

אַזוי גאָר? מאַרש־מאַרש? ס׳הייסט: „געהן און געהן״. וואָס געהן? ווּעמען הייסט מען עס געהן? און וואוהין געהן? זעהר ניט קיין גלאַטע ווערטער.

צווישען די קירזשנער אויפן מאַרק איז אַרויסגעשוואומען

אַ געמורמעל. דאָס האָט זיי געבונטעוועט האַצע דער הינקענדי־גער. העט אַ טענה! דער „נכתב" האָט זיך שוין באַלד דריי חדשים דערטרונקען, דער קופּאַלניק האָט שוין לאַנג באַקומען אַ הלוואָה אין חברה „סומך נופלים" און געשפּענט אַ קרעמעל. ערשט אַצינד האָבען זיי זיך דערמאָנט:

— וואָסי? ווער האָט דאָס אים פאַרטריבען פון די קופּאַלניעס, אויב ניט די מערידאַלניקעס, די האָזען מיט די בערד! ווער האָט איהם פאַריאָגט אין די ליים־גריבער, ביי די קאַכעל ניעס, אויב ניט אָט דער פּאַסקודניק, דער קופּאַלניקעל? אַ־רוח אין זיין טאַטען אַריין! אָט דער באָד־משרתל ביים פּאָטשט־מייסטער!...

און קורץ נאָך אָט דער דאָזיגער גערעדערייי געהט זיך אַזוי דער קופּאַלניק אַהיים פון זיין בשמים־קרעמעל מיט אַן אָנ־געשטעלטען וואַטאָווען קאָלנער. ס'איז פאַרנאַכטלעך, אָסיענדיג. די שליסלען הענגען אויף דעם קליינעם פינגער און קלינגען טרויעריגלעך. און ווי נאָר ער וויל זיך פאַרקערעווען אין זיין געסעל — אַז ער כאַפּט דאָס ניט אַריין די גוטע טרוקענע קלעפּ פוןביידע זייטען, איבער די אויערען. דער וואַטאָווער קאָלנער האָט איהם געראַטעוועט. ווען ניט דער קאָלנער וואָלט ער, שונא ישראל, געבליבען אַ קאַליקע. טויב ווי אַלע טויבע. נאָר אין בלאָטע האָט ער זיך י אָ אויסגעצויגען, און די שליס־לען האָט ער י אָ פאַרלאָרען... געמוזט צו מאָרגען אין דער פריה רופען דעם פעלדשער, ער זאָל איהם געבען טראָפּענס אַזעלכענע, און דעם שלאָסער — ער זאָל איהם אויפמאַכען די קראָם... ער איז אָפּגעזעסען אין קראָם אַ כמאַרנעם טאָג, ווי אויף הייסע קוילען, און צו מעריב איז ער אַריינגעפאַלען אין ליובאַוויטשער בית־מדרש מיט אַ געוואַלד: וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? סדום! וואָס איז ער מחויב צו כאַפּען קלעפּ פאַר אַנדערע, צו זיין אין סכנה?... באַלעבאַטים האָבען איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט „סמעיען" אַריינלאָזען אין קופּאַלניע דעם נכתב, צי ניין? היינט פאַרוואָס כאַפּט ער עפּעס אין קאָלנער און ניט זיי? וואָס האָט מען זיך אויף איהם אָנגעזעצט, אַן אָרימאַן ווי ער איז?

ווייניק איז וואָס ער האָט פאַרלוירען די גאַנצע חכירה־געלט פאַר דער קופּאַלניע? ווייניג איז וואָס מען האָט איהם געלאָזען איי־נעם אַליין ביים דניעפּער מיטן פּאַטשמייסטער, דעם חזיר, אַ גאַנצען סוף־זומער און צעלאָפּען זיך? דערשראָקען זיך פאַרן מת און צעלאָפּען זיך, דאַרף ער צומאַכען נייע שליסלען צום קראָם?... ניין, ער צאָהלט ניט מעהר קיין וואָכער אין „סומך־נופלים". ער האָט ניט מעהר קיין חובות, ער צ אָ ה ל ט נ י ט...

באַלעבאַטים האָבען זיך דערפיהלט זינדיג, אַביסעלע דער־פרוירען, און צוגערוקט זיך צום אויווען, וואָס מען האָט ערשט אַ טאָג־צוויי אָנגעהויבען צו הייצען. נאָר פּעטער־אורי האָט יאָ געהאַט מוט צו פאַנאַדערפרעגען:

— וואָס איז דאָס געווען? ווי אַזוי איז עס געשעהן?

וואָס ווייסט ער, דער קופּאַלניק? דער קאָלנער פון טולופּ איז דאָך ביי איהם געווען אויפגעשטעלט. נאָר סע דאַכט זיך איהם... ער קען שווערען, אַז... אַז ער האָט געזעהן אַ הינקענדיגען, ווי ער האָצקעט זיך אַוועק אויף אַ קאַווילע... *) זאָל עס זיין חאַצע דער קירזשנער? אָט יענער, וועמען מען האָט געזעהן אַרויסגעהענ־דיג פון נכתבס הייזקע און אַרומקוקען זיך? אויב אַזוי, געהערט אָט דער נפש אויך צו „חברה"... גוטע יאָהרען!

— מ'האָט געדאַרפט איבעררעדען מיטן פּריסטאַוו, — מאַכט אורי און ציהט זיך אַ האָר פון באָרד.

.2

דער קופּאַלניק האָט טאַקע אויפגעהערט צו צאָהלען וואָכער אין „סומך־נופלים". און מען האָט איהם געשוויגען. נאָר דערמיט האָט זיך נאָך ניט געענדיגט.

געהט אַוועק אַ שטיקעל צייט, און מיט אַמאָל — אַ נייעס! ביי אוריס עלטערען ברודער, ביי זשאָמען דעם סקאָרניאַק, האָ־בען זיך עפּעס די באַלמעלאָכעס פלוצלינג אָנגעהויבען צו בלאָזען

*) קאַווילע — קוליע.

און גראָד ווען? סוף ווינטער, אין רעכטען מיטען ברען פון דער אַרבייט, ווען מען דאַרף שוין אָנהויבען צוזאַמענגעמען די צוגעשניטענע אָבלאָמען פיי און טכוירען פאַרן יריד אין ניזשני. און וואָס ווילען זיי? זיי ווילען אַ הוספה, און זיי ווילען ניט אַרבייטען שפּעטער ווי זיבען אַזייגער בייגאַכט. אלא וואָס דען, מ׳עט דאָך ניט פאַרטיג ווערען, טוּ זאָל ר׳ זשאָמע צונעמען נאָך אַ פּאָר באַלמעלאָכעס. נישקשה, קנאַפּ ליידיגע הענט געהען אַרום אין שקלאָוו?

געמורמעלט האָבען די עלטערע באַלמעלאָכעס. געשוויגען האָט נאָר פּיישקע דער לערן-אינגעל, אַ געלער בחורל מיט רויט-געלע זומער-שפּרינקלעך. ער איז עפּעס אינגאַנצען געווען ווי דורכגעשלאָגען מיט רויטלעכע געלכלעך פון אייער. אַפילו די צייהן זיינע זיינען געווען געל ווי ביי אַ שעפּס. נאָר די אוי-געלעך, גרין-בלוי, ווי אָנגעצונדענע שוועבעל, און ביסטרע ווי ביי אַ קאָטער. יאָ, ע ר האָט געשוויגען, אָבער דעם שטילען שונא האָט זשאָמע, מיט זיין פּראַקטישען חוש, דערשפּירט דוקא אין א י ה ם. און אַז די באַלמעלאָכעס האָבען זיך צעלאָזען מיט לשון, האָט זשאָמע גאָר אומגעריכט, פון דער העלער הויט אַרויס, מכבד געווען מיט אַ פּאַטש... פּיישקען. ווּעמען דען זאָל זשאָמע פּאַטשען? ערשטענס — איז פּיישקע דער אינגסטער, און צווייטענס — וואָס שושקעט ער זיך עפּעס מיט די באַל-מעלאָכעס, ווען ער, זשאָמע, געהט אַרויס? און וואָס שווייגט ער עפּעס ווען אַלע ריידען?...

אורי דער קאַסאָקער, וועלכער איז דערביי געווען, האָט מסכים געווען מיטן עלטערען ברודער און מיט זיין פּאַטש. כ׳מיין... וואָס האָט אַזאַ אינגעל ווי פּיישקע צו שושקען זיך מיט די עלטערע? ער דאַרף זיך ערשט לערנען, דאַרף ער זיך... צי אפשר איז ער גאָר אַ מחותן מיטן הינקענדיגען קירזשנער?

נאָר די עלטערע באַלמעלאָכעס האָבען, ווייזט אויס, לחלוּ-טין ניט מסכים געווען מיט זשאָמעס פּאַטש, ניט מיט אוריס הסכמה. ווייל גלייך נאָך דער מעשה האָבען אַלע גענומען אויס-טאָן די פאַרטוכער און אָנטאָן די רעקלעך.

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ נייע מאָדעס? — האָט זיך זשאָמע צעשריען און אָנגעצונדען זיך ווי אַ פייער.

— מ׳עט אייך שוין זאָגען! — האָט מען איהם קאַלט און געהיימניספול געענטפערט.

— ווער עט דאָס מיר זאָגען? וואָס פאַר זאָגער? — האָט זיך זשאָמע געכוואַטעוועט.

אויף דעם האָט איהם קיינער ניט געענטפערט. נאָר בענ־דעט, דער עלטסטער באַלמעלאָכע, האָט שטיל, אַביסעלע פאַר־שעהמט, געֿרעדט צו איהם און נ י ט צו דער זאַך:

— און... וואָס פאַר אַ פּאַטשען זיך? פּאַטשט אייגענע קינדער...

אַלץ אַ שלום־מאַכער האָט זיך אַרויסגערוקט זשאָמעס גוי, אַ גוי מיט „גאָלדענע הענט״, דער מייסטער פון אונטערפאַרבען די אָבלאָמען פּיי און טכוירען. ער האָט צום באַלעבאָס אַן אָטעם געטאָן מיט בראַנפען און מיט גוטמוטיגקייט:

— נו, סלושאַי, באַרין, גאָלובטשיק! קום מיט זיי דורך!... רו זעהסט דאָך... ראָדנאָי, פּאָמיריס!

האָט אויף איהם זשאָמע אויסגעגאָסען דעם גאַנצען צאָרן:

— דו, פּיאַניצע, מיש זיך ניט! מיט דיר רעדט מען ניט. מאָלטשי!

זיינען אַלע אַוועק.

געקומען איז איבערצוריידען מיט זשאָמען אַ פּאַרשוין, וואָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט — סקאָרניאַצקעריי. און טרעפט ווער? אַ קירזשנער... חאַצע דער הינקעדיקער קירזשנער. ע ר איז דאָס געווען דער שליח־צבור. געקומען איז ער צוהינקען מיט זיין שוואַרצער קאַווילע, מיט דער טוכענער היטעלע, מיטן דאַשעק אָנגערוקט אויף די שטעכיגע אויגעלעך, מיטן צינגעל, וואָס געהט אויף שרייפלעך צווישען די שיטערע, אונטערגעשאָ־רענע וואָנצעלעך און שיטער בערדעל: גוט מאָרגען, ר׳ זשאָמע! ער האָט מיט ר׳ זשאָמען איבערצוריידען מכח דער „זאַבאַסטאָוו־קע״, וואָס —

זשאָמע האָט איהם גראָב איבערגעשלאָגען:

— וואָס פאַר אַ מחותּן ביסטו דו דאָס מיט סקאָרניאַקעס ? דו !?...

ערשטען, מאַכט צו איהם דער קירזשנער זעהר רוהיג, איז ער, האַצע-קירזשנער, ניט „דו", נאָר „איהר". ער האָט, מאַכט ער, מיט ר' זשאָמען שטאָטישע בהמות קיינמאָל ניט געפּאַשעט, מען זאָל זיך „דוצען"; און צווייטענס, מאַכט ער, איז ער מיט סקאָרניאַקעס יאָ אַ מחותּן... זעצט זיך, ר' זשאָמע! — האָט דער קירזשנער פּלוצים אַ זאָג געטאָן מיט דרך ארץ, נאָר די אויגע-לעך זיינע האָבען אַ שטאָך געטאָן ווי אַ מעסער. „זיצט!" און מיט אַזאַ טאָן, פּונקט ווי ניט ע ר איז געקומען איבעררעדען מיט זשאָמען, נאָר פאַרקעהרט, זשאָמע איז געקומען צו איהם. און קוק נאָר אָן, אַ מאָדנע זאַך! זשאָמע איז עפּעס בלייך גע-וואָרען און האָט זיך געזעצט.

— איז ערשטענס, — מאַכט דער הינקענדיגער קירזשנער, און לעגט אָפּ די קאָווילע זיינע אין ווינקעל און זעצט זיך אויך, — ערשטענס, מוזט איהר אַזוי גוט זיין איבערבעטען פיישקען און געבען איהם אַ פינף-און-צוואַנציגער אין מזומן. פיישקע קען דערמיט טאָן וואָס ער וויל, נעמען זיך, צעטיילען אויף אָרימע לייט; און צווייטענס — אַ רובעל אַ וואָך אַ הוספה אַלע באַל-מעלאָכעס, פיישקען אויך; און דריטענס...

— דעם גוי אפשר אויך, דעם פיאַניצע? — שלאָגט אי-בער זשאָמע און די גאַל קאָכט אין איהם.

— דעם גוי טאַקע אויך, — ענטפערט האַצע דער קירזשנער מיט אַ שמייכעלע. — וואָס איז ער, קיין מענש ניט?

דאָ איז שוין זשאָמע אויפגעשפּרונגען:

— אַרויס פון מיין שטוב, דו הינקעדיגער „טשאָרט" דו! אַרויס!

## 3.

דער קירזשנער האָט זיך זעהר רוהיג גענומען די קוליע זיינע פון ווינקעל, אָנגעלעהנט זיך אויף איהר מיטן קירצערען

טייל פון זיין גופעלע און האָק־האָק... אַפילו מיט דער טיהר קיין קלאַפּ ניט געטאָן. ער האָט זיך אַפילו ניט באַליידיגט.

זיינען געבליבען ליגען די קופּעס פון ניט־דערנייטע באַ־בערס און ניט־צוגעשניטענע פייעלען, ווי נאָך אַ הריגה. טכוירען, אָנגעפילט מיט טרוקענע „קוואַשעס" האָבען זיך געוואַלגערט אין אַלע ווינקעלעך פון זשאָמעס הויז, די עקען אויסגעצויגען, און האָבען, דאַכט זיך, גערעדט צום באַלעבאָס: „מיר זיינען פאַר־לאָרען פאַר שקלאָוו און פאַר ניזשני, פאַר פּוטערס און פאַר פרנסה"...

די מעשה מיט זשאָמעס באַלמעלאָכעס האָט מען דערוויילּ צעבלאָזען און צעטראָגען. הכלל, מען האָט זיך ביי זשאָמען געשלאָגען, מ'עט איהם מסתּמא מאַכען דעם קונץ ווי דעם קו־פּאַלניק, מ'עט איהם אונטערצינדען...

אין ליובאַוויטשער בית־מדרש אין דער פריה, איז מען אָקאָרשט נאָך אַ פּרק משניות. מען טוט אויס רבינו־תּמס תּפילין, זיצענדיג ביים לאַנגען טיש, ביי פּאַרמאַכטע ספרים; מען פאַר־וויקעלט מיט אַ קוש די רצועות און מען בינדט אויף די צינגער, וואָס זיינען ביז איצטער געווען פאַרנומען מיט דאַוונען און משניות. מען איז פאַרן אָנבייסען. דאָס האַרץ ציהט, נאָר מען ריהרט זיך ניט פון אָרט. ס'זעהט אויס ווי אַ שטיקעל אַסיפה. פעטער־אורי האָט אָקאָרשט דערצעהלט די גאַנצע מעשה מיט זשאָמעס באַלמעלאָכעס, מיטן פּאַטש און מיט אַלע זיבען זאַכען— איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל! קהל מוז זיך נעמען מאַכען אַ טאָלק, מוז קהל. אורי האָט זיי איינגעטייטשט דעם פסוק פון מגילת אסתּר: „כי אם החרש תחרישון לעת הזאת"... — אַז איהר אַלע וועט יעצט אַזאַ זאַך פאַרשווייגען, וועט זיך שוין זשאָמע אַליין אַן עצה געבען, נאָר צרות וועט איהר אַלע האָבען פון די פּריקאַזשטשיקעס אין די קראָמען, פון די באַלמעלאָכעס אין די וואַרשטאַטען, און קיינער וועט פאַר אייך אַ פינגער אין קאַלטען וואַסער ניט אַריינטאָן...

זיינען די צוהערער געבליבען פאַרגאַפט נאָך אַזאַ דרשה: הכלל, וואָס זאָל מען טאָן? ווי אַזוי זאָל מען זיך טשעפּען

מיט אַזאַ חברהצקע? צי האָט ר׳ אורי ניט פאַרגעסען די מעשה מיטן קופּאַלניק? אדרבה, ר׳ אורי איז דאָך אַ סוחר אַ איד... ר׳ זשאָמע איז דאָך זיינער אַ לייבלעכער ברודער... לאָמיך הערען.

פעטער אורי האָט אַלעמען ביים טיש אָפּגעמאָסטען מיט די קאָסאָקע אויגען:

— אָט וואָס מען דאַרף טאָן. עטלעכע אידען, וואָס רעדען פּאָניס לשון, זאָלען זיך צוזאַמענגעמען, מען זאָל נעמען יאָש־קע דעם שערער, זאָל מען נעמען, אַ הדרת־פּנים און איז אַ גאַנצער „פּאַני־בראַט״ מיטן פּריסטאַוו, דער פּריסטאַוו האָט דאָך ביי איהם שוין ניט איינמאָל געגעסען געפּילטע פיש... און מען זאָל זיך בקאָמפּאַניע אַוועקלאָזען טאַקע צום זעלבען פּריסטאַוו, און מען זאָל איהם עפּעס געבען אין יד אַריין, זאָל מען איהם. איך וועל אויך געבען צושטייער, זשאָמע וועט אויך געבען, איהר וועט אויך געבען צושטייער... ווער וועט דאָס ניט גע־בען צושטייער?... און מען זאָל אין איהם אַריינרעדען בזה־הלשון זאָל מען: האַרעלע, פּריצל, פּאָטערל, זעה, נעם, מאַך אַ טאָלק...

די משניות־אידען האָבען זיך צוגעהערט מיט רעספּעקט און פאַרוואונדערונג צו דער גלאַטקייט און קיילעכדיגקייט פון אַזאַ שטיקעלע אַרבייט, וואָס אורי לעגט דאָ פאָר. פעטער אורי האָט באַמערקט דעם עפעקט און האָט ווייטער געזונגען דעם נוסח פון דער געפּלאַנטער דעפּוטאַציע:

— דיינע צוויי דעסיאַטניקעס, האַרעלע־פּריסטאַוול, דיינע צוויי שלעק מיט די אָפּגעקראָכענע אַקאָלישקעס, קענסטו אַוועק־געבען אויף ברוך, קענסטו, אָדער פאַרקויפען אין חמץ. נעם און ברענג אַראָפּ פון מאָהליוו עפּעס פרישע סחורה, עטלעכע פון יענע זשאַנדאַרס, וואָס זיינען אַראָפּגעקומען אַהער בשעת דער „צישיליסט״ האָט זיך דערטרונקען, בשעת —

פעטער אורין האָט געגאַגט אין האַרצען פאַרן אָנבייסען, האָט ער זיין גאַנצע האַרצקלעמעניש, זיין גאַנצען זיסען הונגער אַריינגעלייגט אין זיין פּראָגראַם. און ווער ווייס ווי ווייט ער

וואָלט זי געבראַכט! נאָר אין מיטען דרינען, ווי ער זיצט אַזוי און דרשהנט, שפּאַצירט אַריין פון ווייבער־שטיבעל פּיישקע דער געלער מיט זיינע זומער־שפּרינקלעך און שוועבעלדיגע אויגעלעך פון אַ קאָטער. ער האַלט אין פאַרוויקלען די תּפילין און פאַרענדיגט אויף גיך דעם „עלינו לשבח". פּאַטש־פּאַטש מיט די ליפּעלעך אַזוי, אַז די געלע ציינער זיינע ווינקען־צו: „ועל כן נקוה לך... מנאם־מנאם־מנאם מנאם, טפו! ותמלך עליהם מהרה"...

ס'האָט פּעטער אורין אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען: ער וואָלט געקענט שווערען, אַז דער געלער בעל־דבר האָט אונטערגעהערט אין דער ווייבער־שטיבעל זיין רייכע פּראָגראַם און מאַכט זיך גאָר, אַז ער דאַוונט.

— אַה, דאָס ביסט דו? — מאַכט צו איהם אורי מיטן קאָפּ, — וואָס טוסט דו דאָ?

ענטפערט איהם פּיישקע:

— ביום ההוא יהיה ד' אחד ושמו אחד!... מע דאַוונט, ר' אורי.

— אַזוי גאָר, דו דאַוונסט! — קרימט איהם איבער פּעטער אורי. — אַ פרומער איד געוואָרען... אַנדערש ווי דאַוונען ביז צעהן דעם זייגער פּאַסט דיר ניט. האָסט יעצט אַ סך צייט, זעה איך... געמעגט בעסער אַרויסגעהן צום באַלעבאָס דיינעם, צו זשאָמען.

— אַז מען לאָזט מיך ניט, — ענטפערט יענער תּמעוואַטע און גיט אַ בלאַסק מיט די שוועבעלדיגע אויגלעך.

— מען לאָזט דיך גאָרניט? — גלויבט ניט אורי. — ווער לאָזט דיך ניט?

אויף דעם ענטפערט פּיישקע גאָרנישט. שטופּט אַריין די תּפילין אין זעקעלע און געהט אַרויס.

4.

עפּעס איז אורין פּיישקעס אַרויסגעהן, זיין שווייגעדיגקייט גאָר ניט געפעלען געוואָרען. אָט פאַר דעם יונג מיט די רויטע

קלייען אויפן פנים דאַרף מען זיך היטען! ניט געדאַרפט ריידען בפרהסיא, געבען עצות... וואָס דאַרף ער זיך נעמען לעבער מעהר ווי זשאָמע? עס איז איהם, פעטער אורין, פאַרגאַנגען דער אַפעטיט צום אָנבייסען. ניין, גלאַט אַזוי האָט זיך פיישקע אין דער ווייבער־שטיבעל ניט אַרומגעדרעהט.

און כך הוה. שבת, בשעת טיי טרינקען פון הליאַק, לויפט אַריין עשקע די שכנטע, דעם שאָרניקס ווייבעל, און פאַלט צו מיט אַ שרעק צו דער מומע־פייגען:

— פייגעצקע, האַרצעלע, קרוינעלע. זיי געהן דאָך טאַקע מיט אַ „דעמענסטראַציע“. —

— וואָס? ווער? וואו געהט מען?

— ... און מיט „סימפאָנעס“, — קען אַלץ עשקע ניט כאַפּען דעם אָטעם, — זיי געהען שוין פון קאַרפּיליקער גאַס... זיי טראָגען „לעוואָרוועריען“...

— ווער זיינען דאָס די „זיי“, ווער?

פון וואַנען זאָל „זי“ וויסען, אַז אַלע שרייען זיי „דאַלאָי“, און דער פּריסטאַוו האָט זיך באַהאַלטען, און זיי געהען צום ליובאַוויטשער בית־מדרש...

די מומע־פייגע איז רויט געוואָרען פון אויפרעגונג און האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט. וואָס אַ „דעמענסטראַ־ציע“ באַדייט, האָט מען נאָך ביי פעטער אורין אין שטוב ניט געוואוסט, נאָר אַז דאָס איז ניט זעהר קיין גלאַטע זאַך האָבען אַלע פאַרשטאַנען. אַפילו דאָס מוזיניקעל, ירחמיאלקע, האָט דאָס אויך פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט געלאָזען שטעהן די איינגע־מאַכץ אין טעצעל און צוגעלאָפען צום פענסטער. מומע־פייגע האָט שטאַרקער פאַרבונדען דאָס טיכעל אויפן קאָפּ. מאַנסבילען, בשעת זיי שרעקען זיך, גאַרטלען זיי זיך אונטער, און מומע־פייגע פאַרבינדט שטאַרקער דאָס טיכעל אויפן האַלז. נאָר איין פעטער אורי האָט ניט אַרויסגעלאָזען די גלאָז טיי פון האַנט. מיט דער אַרומגעקלאַמערטער, ניט־דערטרונקענער גלאָז טיי האָט ער זיך צוגערוקט צום פענסטער. דאָס האָט געדאַרפט באַ־דייטען, אַז ער האָט קיין מורא ניט. נאָר דאָ זיינען שוין גע־

שטאַנען די מזיקים זיינע, דער גמרא־בחור, דער חומש־בחור, דאָס מוזיניקעל, האָט ער אויף זיי אַ זשיפּע געטאָן דורך די ציינער:

— איהר ?... אַוועק פון דאַנען !

לויט דעם ווי אורי האָט געהאַלטען פאַרקלעמט די פינגער אַרום דער שבתדיגער גלאָז טיי, האָבען די קינדער פאַרשטאַנען, אַז מיט אורין שפּילט מען זיך אַצינד ניט. זיינען זיי גלייך אָפּגעשפּרונגען, אָפּגערוימט איהם דעם אָרט.

באַלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ הודזשעריי, דערנאָך אַ געזאַנג. עס זיינען אָנגעלאָפען גאַסן־אינגלעך, ווי די ציגעלעך פאַר די רינדער. און דערנאָך ערשט האָט זיך באַוויזען אַ שוואַרצע רעדעל פון בחורים און מיידלעך. אַ האַרטער קרייז. ער האָט זיך באַוועגט צום טאַקט. און אין רעכטען מיטען האָט זיך אויף אַ שטאַנג געשאָקעלט אַ רויטע פאָהן מיט גאָלדענע אותיות, אויסגענייהט ווי אַ פּרוכת, להבדיל. און ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזען, האָט דער אומקלאָרער ניגון באַקומען ווערטער:

— מאַרש, מאַרש ווּפּעריאָד, ראַבאָ—אָטשי נאַראָד !

ניט ווייט פון אוריס שטוב, אַנטקעגען דעם ליובאַוויטשער בית־המדרש, האָט זיך די פאָהן אָפּגעשטעלט. דאָס שוואַרצע רעדעל אַרום איהר איז נאָך געדיכטער געוואָרען. דאָס ליעד האָט זיך אָפּגעהאַקט. די אומבאַקאַנטע פאַרשווינדלעך, וואָס האַלטען דעם שטאַנג, האָבען זיך אַראָפּגעבויגען, כדי מען זאָל זיי ניט זעהן. אַרום די דאָזיגע פיגורען האָבען זיך אַרומגעשטעלט וואוקסיגע בחורים מיט די רוקענס צו דער גאַס און מיט די פנימער צו דער פאָהן, און האָבען זי אין גאַנצען פאַרפאַנצערט. אַזוי איז פונם רעדעל געוואָרען איין קניפּעל, איין מענשען־קערען אין דעם צווייטען, אַ האַרט געפלעכט פון רויטע און בלויע העמדלעך פון אָנגעפּרוירענע הענט און פאַרעקשענטע האַלז־און־באַקענס... נאָר פון די שפּאַלטען אינם דאָזיגען געפלעכט האָבען זיך אַרויסגערוקט און געווענדעט זיך צו אַלע זייטען פון דער גאַס עפּעס קורצע און גלאַנצענדיגע שטיקלעך מעטאַל — רעוואָל־

ווערען. אַלע האָבען עס דערקענט... און אינם פינסטערען מיטען פון מענשען־געפלעכט האָט זיך, ווי אויף שטאָלענע שפרונגדזשינעס, געהוידעט די פאָהן. זי האָט זיך געהוידעט, ווי אַ חוצפּהדיגע אַרויס־פאָדערונג, ווי אַן אָנזאָג פון אַ שרפה... און דאָס גאַנצע גע־פלעכט פון רויט און בלוי, פון רוקענס און הענט, מיט די ני־קעלנע פליטערלעך פון די רעוואָלווערען און מיט די גאָלדענע שוועבענדע אותיות אויף דער פאָהן האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון איין פיל־קעפּיגע חיה, מיט איין געהיימען ווילען, וועלכע איז אַרויס נאָך אַמסטערדאַמס טויט פון די ליימיגע גריבער אין דניעפּער. זי האָט זיך אין דער שטיל דערנעהרט מיט שטיקלעך ברעקלעך, מיט דינינקע, געדרוקטע פּאַפּירלעך, באַהאַלטען זיך אין אַלע שקלאָווער הינטער־גאַסען. און אָט איז זי אויסגעוואַקסען, און אָט איז זי אַרויס פראַנק און פריי און איז דערגאַנגען ביז ליובאַוויטשער בית־המדרש, פונקט אַנטקעגען פּעטער אוריס הויז. און זי איז נאָך ניט צופרידען... זי וויל נאָך עפּעס. זי ברומט.

— דאַלאָי סאַמאָדערזשאַוויע! — האָט זיך דערהערט אַ געזונטער קול פון רעכטען מיטען קערן, פון אונטער דער פאָהן.

און באַלד האָט דאָס גאַנצע מענשען־געפלעכט טריי אָפּ־געברומט:

— אוררר־אַ!

— דאָלאָי ניקאָלאַי־ווטאָראָי!

— אוררר־אַ!

— עס לעבט דער אַכט־שעהדיגער אַרבייט־טאָג!

— אוררר־אַ!

— נידער מיט די עקספּלואַטאַטאָרען!

— אוררר־אַ!

„דאָלאָי, אוראַ... אוראַ, דאָלאָי"... ביי אורין האָט זיך שוין גענומען מישען אין קאָפּ פון די אַלע אויסרופעני שען. ניט אַלע האָט ער געקענט פאַרטייטשען. די אויסגעשרייען האָבען איהם ווי אַ שווינדעלדיגער הו־האַ געשלאָגען אין מח אַריין; פונקט ווי מען פאַרשטאָפּט זיך און מען עפענט אויף די אויערען

גיך־גיך, בשעת אַ גרויסען טומעל... און פּלוצלינג דער־הערט ער קלאָר אַן אויסרוף, גאָר אַ מיאוסען אויסרוף; ווי אַ שוואַרצער שפּין אין ווייסער ברינדזע איז עס איהם אַרויסגע־שוואומען:

— דאָלאָי אורי קאַסאָ — אָי!...*)

— האַ? האַ? וואָס איז דאָס? — איז אורין אַריינגעפאַלען דאָס האַרץ. דאָס מיינען זיי מיך?... מ י ך?

— אַפּנים דיך, — ווערט רויט די מומע־פייגע און פאַר־בינדט נאָך שטאַרקער די טיכעל אויפן קאָפּ. — אורי, געה אַוועק פון פענסטער!

נאָר איידער אורי האָט נאָך צייט אַוועקצושטעלען די ביט־דערטרונקענע גלאָז טיי אויפן טיש, אַז עס דערלאַנגט דאָס ניט אַ טאַראַראַך אויף דער גאַס. פּיף־פּאַף און באַץ־באַץ. און גלייך נאָך דעם אַ גרויס געלויף.

דאָס האָבען בלויז פּיער רעוואָלווערען, אַרום דער פּאָהן, אויסגעשאָסען אין דער לופטען. אַפּנים, כדי „אָנצושרעקען"... נאָר דער עפעקט איז געווען זעהר גרויס. אַסך גרעסער ווי אַ דונער אין קוימען.

— אורי, אורי, — האָט זיך גענומען טומלען די מומע פייגע, — באַהאַלט זיך אין „ספּאַלניע". באַהאַלט זיך!

אָבער אורי האָט זיך ניט באַהאַלטען. פּאָרט אַ מאַנסביל. עס זיינען צוגעלאָפען די קינדער, עשקע די שכנטע. אין שטוב איז געוואָרען חושך. נאָר אין דער זעלבער מינוט איז שוין די רויטע פאָהן, אַנטקעגען ליובאַוויטשער בית־המדרש, איינגעזונקען געוואָרען, ווי אין דער ערד אַריין. דאָס מענשען־קניפּעל מיט די אומגעקערטע פּנימער איז זיך צעשפּרונגען אויף אַלע זייטען און אויס „דעמענסטראַציע", די גאַס איז פּוסט געוואָרען.

---

*) נידער מיט אורין דעם קאַסאָקען!

# אורי שטעלט זיך מעהר ניט איין פאַרן קייסער

·1

נאָך דער „דעמענסטראַציע” איז פעטער אורי, אַ שטילינקער ווי אַ לעמעלע, אַוועק מנחה דאַוונען. מומע פייגע האָט זיך ביי איהם אַפילו געבעטען ער זאָל בעסער זיצען אין שטוב, נאָר אורי האָט מיט זיין מאַנסבילשען שכל פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז קיין דרך ניט. מען דאַרף זיך דוקא אַצינד ווייזען פאַר לייטען, מען דאַרף הערען, מען דאַרף זעהן... וואָס זאָל מען דאָ לייקענען? ס׳איז איהם גוט געווען אָנגעזאַלצען אויפן האַרצען. אָט דאָס וואָס מען האָט זיין נאָמען אויסגעשריען צוזאַמען מיט ניקאָלאַי דעם צווייטען — איז איהם געווען פריקרע. ס׳האָט עפּעס געהאַט אַ מיאוסען טעם פון האָניג מיט הערינג־ראָסעל. ער האָט דאָס כמעט ווי געשפּירט אויפן צונג, געסמאַקעוועט ביז צו חלשות און ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען. על פי שכל האָט דאָך די קאָמפּאַניע פון אַ קייסער געדאַרפט זיין גאָר ניט אַזוי מיאוס. ניטאָ וואָס צו שעהמען זיך, האַ? און זעה, אַ מאָדנע זאַך! ער פיהלט זיך ניט־דאָסיג, ס׳הייסט אַביסעלע שלעכט, אָבער גאָר פאַסקודנע. „דאַלאָי ניקאָלאַי ווטאָראָי! דאַלאָי אורי קאַסאָי!...” העהן אַ כאַפּ! אַן איינפאַל פון יונגאַטשעס. היינט דער גראַם! „ווטאָראָי” מיט „קאַסאָי”. ווי געמיין און ווי ממזריש

ס׳גראַמט זיך! ווי ס׳טרעפט אין לעבער אַריין... דער רוח זאָל עס נעמען!

אין ליובאַוויטשער בית־מדרש האָבען אורין אַרומגערינגעלט ביי אַ פינף מנינים אידען. אַלע נייגעריג, ווי די אידענעס אויף אַ יאַריד:

— האַ? האַ? וואָס איז עס געווען, ווי אַזוי איז עס גע־שעהען? וואָס הייסט „דעמענסטראַציע״, און וואָס האָבען זיי געמיינט דערמיט? וואָס מישען זיי עפעס איהם מיט ניקאָלאַ־יען? די חוצפה! היינט שיסען אום שבת... און גלאַט שיסען! וואָס פאַר אַ שיסען, דערלעבט, האַ? שקלאָוו! מ׳זאָגט זיי האָ־בען געשאָסען אין קוימען, צי אין דער לופטען? זיי האָבען אַ פנים געמיינט זשאָמען, פאַר דער מעשה מיט זיי־נע באַלמעלאָכעס... היינט וואָס ווילען זיי פון איהם, פון ר׳ אורין? געדאַרפט פאָרט נעמען יאָשקע דעם שערער און צוגעהן צום פריסטאַוו. ווי מיינט ער, ר׳ אורי? ער האָט דאָך אַליין געהאַט אַזאַ פּלאַן... שאַ, אָט קומט אָן יאָשע דער שערער אַליין, וויל אפשר ר׳ אורי מיט איהם זיך דורכריידען?

מען האָט געגאָנערט ווי די גענז; אַלע אויף איין מאָל גע־פרעגט און זיך אַליין געענטפערט; און ניט געפיהלט, אַז מען שיט פעטער־אורין זאַלץ אויף די וואונדען. אורי אַליין האָט אָבער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער ווערט ווייניג וואָס נתפעל פון דער גאַנצער מעשה. ער האָט זייער ווייניג גערעדט און זייער איינגעהאַלטען געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט: „אַז גאָט וויל שטראָפען אַ טאַ־טען פון קינדער, שיקט ער אויף איהם אָן אַ „דעמענסטראַציע״... און די קאָסאַקעס אויגען זיינע האָבען געזוכט דעם עלטערען ברודער, זשאָמען, צי יענער איז שוין געקומען מנחה דאַווענען.

נאָר דאָ טרעט גאָר צו איהם־צו יאָשקע דער שערער אַליין, דעם פריסטאַוס „פּאַני־בראַט״, אַ הויכער איד, מיט אַן אַרומגע־שאָרענער באָרד און מיט כיטרע אויגלעך, אָהן ברעמען, אויס־געפוצט ווי אַ דאַמסקער שניידער, וואָס געהט זיך פאָטאָגראַפירען. ער געהט־צו צו אורין, מיט אַ מינע פון אַ בעל־טובה, וואָס איז גרייט מקריב צו זיין דעם לעבען פאַר אַ צווייטען. ער קוקט

זיך אַרום פּאָרזיכטיג צי עס זיינען ניטאָ צווישען עולם קיין איבעריגע מענשען... זאָל איהם ר׳ אורי מוחל זיין, ער, יאָשקע, איז אַפּילו אַ זייטיגער מענש, נאָר אַזאַ זאַך טאָר מען ניט פאַר־שווייגען. מען מוז עס דערצעהלען דעם פּריסטאַוו, מוז מען; און טאַקע היינט, נאָך הבדלה. דער פּריסטאַוו ווייסט, פאַרשטעהט זיך, אַז ס׳איז היינט געווען אַזאַ... אַ מין „דעמענסטראַציע", נאָר וואָס ס׳האָט זיך געטאָן לעבען דעם ליובאַוויטשער בית־המדרש ווייסט ער אפשר ניט. און אַזוי ווי דער פּריסטאַוו איז, בע־כע, פון זיינע מענשען... און אַזוי ווי ר׳ אורי אַליין האָט ראָך געוואָלט ——

און ווי דער שערער שטעהט אַזוי און רעדט האַלב בסוד און וואַרפט אויגלעך פון אורין צום עולם און פון עולם צו אורין, דערפיהלט אויף זיך פעטער־אורי אַ שוועבעלדיגען בליאַסק פון אַ פּאָר אויגען. ער וואָלט שווערען, אַז דאָס איז פיישקע דעם גע־לענס קוקעלע. יאָ, ס׳איז זשאָמעס לערן־אינגעל! ס׳דוכט זיך איהם אַפילו, אַז פיישקע שאַרט זיך צו איהם און צו יאָשקען, ווי אַ געלער קאָטער צו סמעטענע. ער וויל זיך צוהערען...

גיט אורין אַ שטאָך אין האַרצען. וואָס ווילען זיי פון איהם דאָ אַלע? און שלאָגט פלוצלינג איבער יאָשקע דעם שע־רער, אין רעכטען מיטען:

— ווייסטו וואָס איכל דיר זאָגען, יאָשקע? לערן זיך בע־סער שערען אויף דיין אייגענער באָרד... מיין באָרד לאָז צו־רוה!

און קעהרט איהם צו דעם רוקען. מאַכט דער עולם מיט די פּלייצעס, „נאַ, נאַ", און נעמט זיך צו מנחה־דאַוונען. און בשעת אַלעמענס מיילער זיינען פאַרנומען מיט „פּטום הקטורת", רופט אורי אָפּ אָן אַ זייט דעם עלטערען ברודער זיינעם, זשאָ־מען, רעדט צו איהם קורץ און קוקט איהם מיט כונה גלייך אין די אויגען אַריין:

— הער וואָס איך וועל דיר זאָגען, זשאָמע. ס׳איז דאָך נאָך שבת אויף דער וועלט, נאָר ס׳איז אַ פּקוח־נפש! אַ רובעל

אַרויף, אַ רובעל אַראָפּ — מאַך אַ טאָלק מיט די באַלמעלאָכעס...
שאָקעלט זשאָמע מיטן קאָפּ און ענטפערט איהם:
— הקשט שנים־עשר, קלופה שלשה, קנמון תשעה, בורית כרשינה תשעה קבין, יין־קפריסין, נאַ, נאַ...
און מאַכענדיג אַזוי מיטן קאָפּ און מיט די פּלייצעס, טרעט זשאָמע אָפּ צו זיין שטענדער און רעדט צו זיך אַליין:
— תניא: רבי נתן אומר: כשהוא שוחק אומר: הדק היטב היטב הדק, נאַ, נאַ...
אָבער אורי דערקענט לויט זשאָמעס העויות און קוועטשען די ווערטער, אַז זשאַמע איז זיך מיישב. אַז... עס וועט שוין זיין אַ טאָלק.

.2

נאָך מנחה לאָזט זיך אורי געהן אַהיים צו שלש־סעודות. ער איז פאַרטראַכט. דער טעם פון דער „דעמענסטראַציע" ליגט איהם נאָך אין מאָגען. ער איז אָבער פאָרט צופרידען, וואָס ער האָט זשאָמען געגעבען אַזאַ גוטע עצה. מ׳וועט שוין זעהן, מ׳וועט שוין דורכקומען.
פאַרבייגעהענדיג די קליינע געסקע, צווישען צוויי פוסטע קרויט־גערטנער, דערשרעקט איהם אַביסעל אַן אומבאַקאַנטער קול:
— אַ גוט שבת, ר׳ אורי!
ער קוקט זיך אום — ס׳איז חאַצע. חאַצע דער הינקענ־דיגער קירזשנער. ער שטעהט אָנגעלעהנט אויף זיין קוליע ביים ראָג, און אין דער טיף געסקע, צום אָזיערע צו, זעהט אורי אַוועקמאַכען זיך עפּעס אַ בחורל. יאָ, ס׳איז דאָך פיישקע דער געלער! אַפנים אָקאָרשט האָבען זיי זיך דאָ ביידע געשושקעט. דער געלער ליידאַק האָט איהם שוין געבראַכט די „פּאָטשט"... נאָר וואָס האָט ער, אורי, וואָס מורא צו האָבען? אַז מיט יאָשקע דעם שרעער, דעם פריסטאַווס אונטערלעקער, האָט ער אַפילו ניט געוואָלט ריידען... ענטפערט ער איהם אָפּ:

— גוט שבת, גוט יאָהר. וואָס׳טו זאָגען גוטס ?

— כ׳האָב געהערט, — מאַכט דער קירזשנער, — אַז מען האָט גאָר היינט געשאָסען לעבען אייך. שעהנע פּאָראָנדקעס...

אורי שפּיצט זיך אָן. ס׳דוכט זיך איהם, אַז מען לאַכט פון איהם אַביסעל אונטער. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער אויף אַזאַ באַלמעלאָכע־יונג אַ געשריי געטאָן: „אַוועק, דו פאַרך איינער!" „נאָר אַצינד, נאָך אַזוי פיל האַרץ־קלאַפּעניש, איז זיין באַלעבאַטישער שטאָלץ אַביסעל געבראָכען, זיין האַרץ ווייך און נאָכגיביג, ווי נאָך אַ תענית. עס טוט איהם כמעט הנאה, וואָס ער האָט איצט גראָד געטראָפען דעם הינקעדיגען חברה־מאַן, אפשר וועט מען דאָ קאָנען אַ טאַפּ טאָן אין וואָגען, דערגעהן וואָס חברה טראַכט וועגען איהם... און אָנשטאָט צו געהן גלייך אַהיים צו שלש־סעודות, פאַרלעגט אורי די הענט אויף הינטען, פאַרקערעוועט זיך אין דער געסקע, צווישען די צוימען, און לאָזט זיך כלומרשט אַוועק שפּאַצירען. און זעה, אַ מעשה אַביסעל! חאַצע דער קירזשנער נעמט אויף אוריס מאַנעוור ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך, און לאָזט זיך אַוועק מיט איהם אויף זיין שוואַרצער קוליע. אורי אַ טראָט און ער ביי דער זייט: האָץ־האָץ. פשוט — צוויי חברים.

— מ׳זאָגט אַפילו, ר׳ אורי, אַז מען האָט אייך געשריצען „דאַלאָי"... — רעדט דער קירזשנער און האַלט עפּעס אַראָפּגע־לאָזט די אויגען.

— מ׳זאָגט... — ענטפערט אורי דיפּלאָמאַטיש, און ווערט אַנטשוויגען. ער טראַכט: אפשר אַ נעם טאָן זיך גאָר אויף צו־ריק ? אפשר פאַרפיהרט דאָס איהם דער הינקעדיגער אין געסקע, כדי מכבד צו זיין איהם מיט דער קוליע איבערן קאָלנער, אַזוי ווי מען האָט געטאָן מיט דעם „קופּאַלניק"...

— איז עס טאַקע אַן אמת ? — פרעגט איבער דער קירזשנער און די אויגעלעך זיינען ביי איהם דורכזיכטיג ווי ביי אַ צדיקל.

זעהט אורי, אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלען. ער שעהמט זיך צו לויפען צוריק פאַר אַ קירזשנערוק, און ווייטער געהן האָט ער מורא, קוקט ער אויף די שפּיצען שיך, ווי זיי הויבען

זיך ביי איהם און געהען געגען זיין אייגענעם ווילען, און וואַרפט זיך אַריין אין אַ גערעד, ווי אויף קדוש־השם:

— מ׳זאָגט!... זעהסט דאָך... אַז אַלעמען שרייט מען „דאַלאָי״: סאַמאָדערזשאַוויע — דאַלאָי, קייסער — דאַלאָי, מיר — דאַלאָי; ווערמען ניט דאַלאָי? וויבאַלד אַזוי, קאָן דאָך ניט העלפען. ווארים אויב מען וואָלט יאָ געקאָנט העלפען, וואָלט מען דאָך געהאָלפען. אַלע וואָלטען געהאָלפען. איך וואָלט געהאָלפען, יעדער איד וואָלט געהאָלפען. ווער וואָלט ניט געהאָלפען? קאָן מען דאָך ניט העלפען. טו געה און העלף!

חאַצע דער קירזשנער הערט צו מיטביידע רויטע אויער־לעך אונטערן קאַשקעטעל און שווייגט. אורי שווייגט אויך אַ ווײַלע, און ס׳דוכט זיך, אַז ביידע זוכען אַ פּאָזיציע, ווי בעסער צו ציהען איינער דעם צווייטען פאַרן צונג. אָבער די אייגענע, איינטאָניגע ווערטער ברייגען אורין אַליין אַריין אין אַ מין נערוועאישקייט. ער צעהיצט זיך, ער וואַרפט מיטן קאָפּ, ער באַ־טאָנט יעדער וואָרט, ער צעציהט יעדע זילבע:

— ניין, וועסט מיר ניט איינשמועסען, אַז... אַז מען וואָלט געקאָנט העלפען, וואָלט מען געוויס געהאָלפען, קיינער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט העלפען... ווארים אַז מען קאָן יאָ העל־פען, העלפט מען, און אַז מען קאָן ניט העלפען, העלפט מען ניט.

חאַצע הינקט נאָך און שווייגט. ווערט אורי נאָך מעהר צערייצט און צעזינגט זיך מיט אַ קוועטשט אויפן „אַז״:

— אַז מ׳וואָלט געקאָנט העלפען, וואָלט מען דאָך טאַקע געהאָלפען. יעדער מענש וואָלט געהאָלפען. גאַנץ שטאָט וואָלט געהאָלפען. אַפילו מיין גמרא־בחור וואָלט אויך געהאָלפען. ווי־באַלד אָבער קיינער קאָן ניט העלפען, הייגט ווי אַזוי זאָל איך דאָס עפּעס העלפען? וואָס קאָן דאָ איין מענש העלפען?

און דער קירזשנער הינקט נאָך און הערט אויס מיט גרויס געדולד ווי פּעטער אורי נוצט עס אויס זיין צוצפּעניש־וואָרט, אין אַלע צייטען, אין אַלע פּערזאָנען און אין אַלע ביי־גונגען; העלף, העלפען, געהאָלפען, מעז העלפט, מען וועט העל־

פען, מען האָט געהאָלפען, מען מוז העלפען, מען איז מחויב צו העלפען. ער הערט אויס און וואַרט אויף טשיקאַוועס, ווי לאַנגביים פעטער אורי וועט דאָ קלעקען שטאָף, כדי, סוף־כל־סוף, אויך אַריינצושטעלען אַ וואָרט. נאָר פעטער אורי איז אַריין אין אַ מין ספּאַזמעס. ער קנעט דעם „העלפען" ווי אַ טייג, ער שפּילט זיך מיט איהם ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. ער באַזאַלצט איהם מיט פראַגע־צייכענס, מיט פינטעלעך, מיט פאַרוואונדערונג, מיט ערנסטקייט, מיט געלעכטערלעך:

— דו זאָגסט העלפען! כע־כע, פון זאָגען ווערט מען נאָך ניט געהאָלפען. פון זאָגען ביז העלפען איז נאָך אַ ווייטער דרך. אַנו, נעם כאַפּ און העלף! ס'העלפט זיך אָבער ניט אַזוי גיך. ס'הייסט, ווילען ווילט זיך אַלעמען העלפען. נאָר דאָס הייסט נאָך נ י ט אַז מען העלפט שוין. א. אַ. וו.

האַצע דערפיהלט די גאַנצע שוואַכקייט פון פעטער אורי'ן און שמייכעלט. ער איז אַצינד זיכער אין זיין נצחון. שאַ! גע־לויבט דער אייבערשטער, אָט האָט זיך ר' אורי אַ מינוטקעלע אָפּגעשטעלט, די אָרעמס האָט ער אויסגעשטרעקט, די פינגער צעשפּרייט, ווי הערנער פון אַ הירש. כאַפּט דער קיזשנער און שטעלט אַריין זיינע אַ שאַרפינקע פראַגעלע, ווי אַ נאָדעל אין אַ וואַטאָווער היטעל אַריין:

— ס'טייטש, ר' אורי, א י ה ר זאָלט ניט וויסען?

לאָזט אורי אַראָפּ די צעלאָזענע אָרעמס און שפּיצט אָן די אויערען:

— האַ?

— א י ה ר זאָלט ניט וויסען ווי צו העלפען? — פרעגט איבער דער קירזשנער שטילינקערהייט כמעט פאַרשעמט — אַז מען קאָן ניט העלפען, לויפט מען צום פּריסטאַוו, לויפט מען; מ'פאַלט איהם צו די פיס און מ'זאָגט צו איהם: „האַרעלע, פּריצל, פאָטערל, זעה, נעם, מאַך אַ טאָלק!..."

בלייבט אורי שטעהן פאַרגאַפט. ער בויגט זיך אַביסעלע איין און קוקט אַריין האַצע דעם הינקעדיגען אונטערן דאַשעק. יענער שטעהט אָנגעלעהנט אויף זיין קוליע און קוקט איהם אָן

מיט פלומרשט שטילינקע האַלב־פאַרשעמטע אויגעלעך. פאַרשטעהט אורי, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ממזר אַ יונג, אַז מיט פאַררעדען די צייהן וועט ער דאָ גאָרניט ניט מאַכען. מען דאַרף דאָ רעדען קלאָרע דיבורים. באַקומט ער מיט אַמאָל מוט:

— אַזוי גאָר, יונגערמאַן? טו רעד־זשע אַזוי!...

חאַצע שווייגט.

— נו. יאָ, — מאַכט אורי מיט אַ קורצען זיפץ, — דאָס האָט פיישקעלע דער געלער ליידאַק געבראַכט „די פּאָטשט״... וואו מען באַדאַרף...

— ווענט האָבען אויערען, ר׳ אורי, — ענטפערט דער קירזשנער שעמעוודיג, — איהר זענט דאָך אַ... איד אַ למדן. עס פּאַסט גאָר ניט פאַר אייך.

אורין גיט עפּעס אַ בריה אין פּנים. ער קוקט זיך גיך אַרום: ער אַליין שטעהט דאָ מיט חאַצען צווישען וויסטע קרויט־גערטנער, אין דער האַרבסטיגער נאָך־מנחה טונקעלקייט. ווער ווייס וועמען דער הינקעדיגער האָט דאָ באַהאַלטען הינטער די צוימען? אַן אומעט פון אַ פאַר־אַ־געפאַהר נעמט איהם אַרום. אָבער דער קירזשנער כאַפּט גלייך אונטער זיין בלאָנזשענדיגען קוק, און רעדט צו איהם שטיל: ווי אַ טרייסטער:

— האָט קיין מורא ניט, ר׳ אורי. מיר זיינען דאָ אויג אויף אויג. קיינער קלערט ניט אייך שלעכטס צו טאָן. פאַר־קעהרט... ס׳איז זעהר פיין פון אייך, וואָס איהר האָט גאָר ניט געוואָלט ריידען מיט, מיט... אָט מיט דעם מסור... מיט יאָשקע דעם שערער, מיין איך.

—אָה, איך זעה שוין, אַז איהר ווייסט אַלץ. — שאָקעלט אורי מיטן קאָפּ.

— מיר ווייסען אַלץ, — באַשטעטיגט דער קירזשנער, — און דערפאַר טאַקע האָב איך... האָבען מ י ר געהאַט בדעה בע־טען אייך, אַז איהר, ר׳ אורי, זאָלט זעהן איבעררעדען מיט אייער ברודער זשאָמען מכח די באַלמעלאָכעס... מ׳זאָל דורכקו־מען מיט גוטען... אייך וועט ער אפשר פאָלגען.

— שוין גערעדט, שוין געזאָגט! — מאַכט אורי אַביסעל ברוגז־

לעך. — געה אַרויף צו זשאָמען נאָך הבדלה. מ׳וועט שוין זעהן.

דער קירזשנער מאַכט אַ באַוועגונג מיט זיין קוליע. אַ מין הינקעדיגען שפרונג, און רעדט האַסטיג:

— איהר האָט שוין געזאָגט? געזאָגט? ר׳ אורי, ס׳איז זעהר פיין פון אייך. ר׳ אורי, ס׳איז אַן עולה, וואָס מען האָט אייך היינט אַזוי באַליידיגט... אַ גרויסע עולה. ר׳ אורי, אַזעלכעס וועט מעהר ניט פאָרקומען...

## 3.

אורי דערפיהלט, ווי עס שמעלצט זיך אויף דער שטיין פון וועהטאָג און באַליידיגונג, וואָס האָט איהם געקוועטשט אין האַרצען אַ גאַנצען טאָג. עס ווערט איהם לייכטער. ער דער־פיהלט זיך נאָר אַ ביסל לעקישעוואַטע, ווי יענער שרעקעדיגער איד, וואָס דערזעהט אין וואַלד פון דערווייטענס אַ גזלן מיט אַ האַק אונטערן אָרעם, און אַז דער גזלן דערנעהענט זיך, ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַ צווייטער איד מיט אַ תפילין־זאַק, וועלכער שטעקט איהם אָפּ שלום־עליכם און בעט ביי איהם אַ שמעק טאַבאַק.

ער קוקט מיט אַמאָל אָן האַצע דעם קירזשנער מיט נייע אויגען, און דערזעהט פאַר זיך אַ בר־דעת, אַ פקח־יונג, אַ אי־דישע האַרץ, וואָס אַליין איז דאָס פאַרחושכט און פאַראָרעמט און פאַרמאָרעט; אַ קבצן און אַ קאַליקע; וואָס אַ גאַנצע וואָך נעהט דאָס אויף אַ טישעל אין מאַרק „מאַגערקעס" פאַר די פוי־ערים, און שבת אַ טאָג האַלט דאָס אין איין זאָרגען זיך פאַר פרעמדע באַלמעלאָכעס, גאָר נישט פון זיין פאַך. שטעלט איי־זיין לעבען אין סכנה...

פעטער אורי פאַלט ביי זיך אַביסעל אַראָפּ. זיין באַלעבאַ־טישע זיכערקייט גיט זיך אַביסעל אַ שאָקעל. דער נייער שבת־דיגער סורדוט זיינער פאַרלירט ביי איהם די גאַנצע חשיבות. ער וואָלט בזה הרגע געוואָלט זיין אָנגעטאָן אַביסעלע אָרימער, אָפּגעקראַכענער, אָט, למשל, ווי האַצע דער קירזשנער. ער שעהמט

זיך כמעט צו שטעהן פעסט אויף זיינע ביידע גליכע פיס... און אָט די זיסלעכע געפאַלענקייט, אָט די אידישלעכע נאָהענט־קייט צום אָרימען קירזשנער ווירקט אַזוי, אַז אורי דערמאָנט זיך אָן אַלטע צרות, אַלטע גויעשקע עולות. און עס פאַרווילט זיך איהם גאָר אַראָפּריידען פון הארצען, קלאָגען זיך פאַר אַזאַ בר־דעת, ווי אָט דער קירזשנער איז. פאַרקערעוועט ער זיך צוריק אַהיים און רעדט צו חאַצען אַזוי:

— כ'מיין... מיינסט אַפּנים, עס הייסט, דיין חברה מיינט, אַז איך האַלט גאָר פאַר „פּאָניען" עולם ומלואו, פאַר זיין יושר, הייסט דאָס. מ... נאַ! איך ווייס ברוך־השם וואָס פון שקלאָוו איז געוואָרען זינט גירוש־מאָסקווע, זינט סעו'געיס גזרה, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערען! נישטאָ מעהר יענע פּרנסות. ניטאָ!... וואָס? און איך אַליין בין אפשר ניט געלעגען באַהאַלטען אין אַ קעלער אין מאָסקווע, אָהן „פּראַוועס", און מייז זיינען אפשר ניט געשפּרונגען איבער מיר? —

— אָט אָט, — דערפרעהט זיך חאַצע דער קירזשנער, — אָט דאָס טענהן מיר דאָך. מיר ווערען דאָך טאַקע אַלע אויסגע־ריסען. ס'איז דאָך א י י ן שונא...

— נאָר איין זאַך פאַרשטעה איך ניט, — פאַרטיפט זיך פעטער אורי, — מילא אָהן „סאַמאָדערזשאַוויע" דאָרטען און די איבעריגע זיבען זאַכען קענט איהר נאָך אפשר אויסקומען, אָבער ווי קען מען דאָס אויסקומען אָהן אַ קיסר? ווער וועט פּראַווען? אַלע בחברותא? אַ שעהנער תכלית וועט ווערען פון גאַנץ „ראַשעיע"!...

אַגיטירט איהם חאַצע דער קירשנער, שטילינקערהייט:

— אַמאַי אַמעריקע, ר' אורי? אָט באַגעהט זיך אַמעריקע אָהן אַ מלך מיט אַ צלם אויפן קרוין. מען קלייבט דאָרטען אויס אַלע עטלעכע יאָהר אַ פּרעזידענט, אָט פונקט ווי אַ גבאי אין ליובאַוויטשער בית־המדרש, און נישקשה, ער „פּראַוועט" גאַנץ גוט. און טאָמער איז איהם שווער, אָדער מען דאַרף אויסגעבען צופיל געלט, פרעגט ער זיך אָן ביי קהל, פונקט ווי ישראל דער גבאי, להבדיל, אין ליובאַוויטשער בית־מדרש. און אָהן סכנה.

פאַרקעהרט, אַלע לעבען דאָרטען אין כבוד און אין עושר. פון וועמ׳ען קומט אָן אין שקלאָוו געלט אין „זאַקאַזנע״ בריף? פון אַמעריקאַנער קרובים, פון באַלמעלאָכעס, וואָס דאָ זיינען זיי פריהער געשטאָרבען זיבען מאָל אַ טאָג פון הונגער...

— ש־ש־ש, — מאַכט אורי, — רייד ניט אַזוי הויך! איז, מיינסטו, אַז אידען וועט טאַקע דערפון אַרויסקומ׳ען אַ טובה?

— וואָס עפעס נאָר אידען, ר׳ אורי? אַלעמען... מען קען דאָך יעצט אַ קאָפּ ניט אויפהויבען. מע קען...

— ש־ש־ש... — שלאָגט איהם איבער ר׳ אורי און קוקט זיך אום. — מיינסטו טאַקע, אַז איך שטעל זיך פאַר איהם איין? כ׳וועל מיך אַ גאַנצען לעבען פאַר איהם איינרייסען? ברעכט ער דעם קאָפּ!

- חי־חי, ר׳ אורי, ברעכט ער דעם קאָפּ! אָט דאָס טענהן מיר דאָך...

פאַר גרויס שמחה שפּאַרט זיך אַזש דער קירזשנער איין מיט זיין קורצער קניע אין זיין קוליע, כאַפּט אָן מיטביידע ביינערדיגע הענט אוריס רעכטע דלאָניע און טרייסעלט זי. און אַז ער לאָזט זי אָפּ, גיט אורי אַ קוק אויף זיין אייגענער האַנט, ווי אויף אַן אָפּגעבשרטער כלי. ער גיט זי אַפּילו אַ טאַפּ, ניין! קיין חלום איז עס ניט.

* *
*

אין יענעם שבת האָט אורי געפּראַוועט שלש־סעודות אַבי־סעלע שפּעט. בשעת ער איז געזעסען אין שטוב, האָבען ביי איהם ביידע אויערען געברענט, די קאָסאָקע אויגען האָבען פרעהלעך געשפּילט. האָט די מומע פייגע אַ פרעג געטאָן: „נו?״

— נו־נו! — האָט פּעטער אורי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און גלייך גענומען זיך צו דער פולער קוואָרט וואַסער... אָבער נאָך „המוציא״ מאַכען האָט זיך די מומע פייגע ווייטער ניט געקענט איינהאַלטען:

— נו??

האָט איהר דער פעטער אורי מיט דער „המוציא" אין דער האַנט און מיטן ביסען אין מויל אַ וואונק געגעבען שטילערהייט אויף די קינדער. ס׳הייסט, אַז פאַר זיי, פאַר די „קטנים", איז אָסור לדבר. מומע פייגע האָט זיך אָבער פאָרט ניט געקענט אָפּחידושן, וואָס נאָך אַזאַ געשמאַקער „דעמענסטראַציע" לעבען שטוב און נאָך אַזאַ חרפה וואָס מען האָט איהם אָפּגעטאָן, איז ביי זיך אורי אַזוי געהויבען. בשעת שלש־סעודות האָט זיך פעטער אורי ניט געטשעפּעט צו זיינע בנים, ווי זיין שטייגער איז, פאַר פאַרגעסען מאַכען אַ ברכה, פאַר רייצען זיך מיט דער קאַץ, פאַר ציהען די פרענז פון טישטוך. פאַרקעהרט, ער האָט זיי גאָר גע־קניפּען די בעקלעך, געהייסען מען זאָל איהם העלפען זינגען זמירות. — איהר פאַרשטעהט שקצים? — האָט ער זיי אונטער־געוואָרעמט:

> „לבר נטלין ולא עלאין
> הני כלבין דחציפין"...

איז דער טייטש, קינדער: דרויסען הויערן און קענען ניט אַריינגעהן די הינטישע, די בייזע רוחות... אַי באַם־באַם־באַם!

און איידער אורי האָט נאָך צייט געהאַט אָפּצובענשען, האָט שוין מומע פייגע פאַרטריבען די קינדער אין זייער חדרל אַריין, און ווייטער צוגעשטאַנען צו אורין:

— נו?

— נו־נו, — האָט זיך אורי געררייצט מיט איהר ווייבער־שער נייגעריקייט. — ברוך הגבר אשר יבטח בד׳ והיה ד׳ מבטחו... ווייסטו וואָס איכל דיר זאָגען, פייגע מיין ווייב?... ברעכט ער טאַקע דעם קאָפּ!

— ווער איז דאָס דער „ער"? — פרעגט איבער מומע פייגע.

— טאַקע דער אָדון הגדול אַליין...

מומע פייגע איז געבליבען שטעהן אין דער מוצאי־שבת־דיגער טונקעלקייט. זי האָט זיך אָנגעשטויסען. אוריס פנים איז

געווען פֿאַרשאָטענט. זײַן קול האָט אָבער געקלונגען מיט אַ נײַער פרישקייט. האָט זי זיך דערשראָקען:

— אורי, וואָס זײַנען עס פֿאַר אַ ווערטער? וואָס עפּעס מיט אַמאָל?

— מיט אַמאָל? — האָט זי אורי איבערגעפרעגט אַביסעל שפּילעווודיג. — מיט אַמאָל זאָגסטו? כ׳האָב, מײַנסטו, פֿאַרגעסען דעם קעלער אין מאָסקווע? ווי איך ליג אַזוי „אָהן פּראַוועס״ און מײַז שפּרינגען איבער מיר... דערפֿאַר אפשר בין איך עס מחויב אײַנצושטעלען אַ לעבען פֿאַר אַ י ה ם?... ברעכט ער דעם קאָפּ!

מומע פײַגע האָט דערפֿיהלט אַ שוואַכקייט אין די קניע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און צוגעלייגט צוויי פֿינגער צום באַק:

— אפשר וואָלסטו שוין גאָר געוועץ אַ בעלן אַרויסגעהן מיט אַלע שוסטער אויף אַ „דעמענסטראַציע״? — דאַווענען שוין בעסער מעריב!...

האָט איהר אָבער אורי גלייך אָפּגעפּסקענט:

— אויף „דעמענסטראַציעס״ וועל איך ניט אַרויסגעהן, און מעריב וועל איך טאַקע גלייך דאַווענען, כ׳דאַרף גלייך אַרויס־געהן צו זשאָמען מכה זײַנע באַלמעלאָכעס. אָבער פֿאַרן אדון הגדול שטעל איך זיך מעהר ניט איין, ברעכט ער דעם קאָפּ!... אַי, והוא רחום יכפר עון ולא ישחית...

מומע פײַגע איז געבליבען זיצען אין דער טונקעלקייט אַ קלייניגקע, אַן אָפּגעשטאַנענע פֿון איהר מאַן, וועלכער איז אַוועק ערגעץ העכער, ערגעץ ווייטער פֿון איהר. אין איהר ווײַ־בערשער עלענדקייט האָט זי צעפֿיהרט מיט די הענט און אָנגע־הויבען בעטען שטילערהייט:

— גאָט פֿון אַברהמען, פֿון יצחקן און פֿון יעקבן...

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען יענעם שבתדיגען פֿאַרנאַכט די גרויסע רעוואָלוציאָניזירונג פֿון פעטער אורין.

# אינהאַלט

## 1: פּעטער זשאַמע


זייט

ווער איז פּעטער זשאַמע? — — — — 5
פּעטער זשאַמעס געשעפטן — — — 17
פּעטער זשאַמע זוכט עולם־הבא: ביי חסידים — 30
„ „ „ ביי תהילים־זאָגער 40
ביבעל־קריטיק — — — — — 48
ער האָט פיינט הינטישע שטיק — — — 56
דער בן־יחיד פאָהרט אַוועק — — — 70
ער איז געוואָרען „אַ לייט" — — — 82
ביים רייכען פּעטער — — — — 96
דער עיקר איז אַ „פּאַטשעראַק"! — — — 111
מאַטע מאַרשעלאַק מיטן פיאַל — — — 127
שוין איינמאַל אַ מי־שברך! — — — 139
אַ גערעטען איידימעל — — — — 151
ווי אַזוי מען ווערט אַ מענש — — — 166
וואָס זאָגט איהר צו מיין כתב? — — — 184
אַ „מאָנאַרכע" מיט געלע שיך — — — 201
אַ שפּאַציר אויף ניעווסק — — — — 212
דריי וואַגאָנעס הינט — — — — 229
אויסגעלייזט — — — — — — 248


## 2: אַ דערטרונקענער


מען באָדט זיך — — — — — 263
דער דניעפּער וויל אַ קרבן — — — 275
די דעמאָנסטראַציע — — — — — 291
פּעטער אורי שטעלט זיך מעהר ניט איין
פאַרן קיסר 305